STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05955

DER LETSTER SHTRIKH

M. Artsybashev

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. אַרציבאַשעוו

דער לעצטער שטריך

У ПОСЛѢДНЕЙ ЧЕРТЫ.

ראָמאַן אין צוויי בענד

איבערזעצט פון רוסיש
פון
צ. סארין

ערשטער באנד

פארלאג
מאַקס יאנקאָוויץ, 179 איסט בראָדוויי
ניו־יארק.

05

1.

אין א קרייז פון אונענדליכע סטעפעס איז געלעגען דאס קליינע שטעדטעל, און דער וואס איז ארוים הינטערן שטאט און האט זיך פארקוקט אויף דעם סאמעט פון די אונגעהויערע גרינע פעלדער און די שאטענס פון די ווייטע וועלדער, וואס האבען זיך געצויגען איבער'ן האריזאנט, אויף דעם הויכען גלייכגילטיגען הימעל, האט קלאר דערפיהלט, אז עס איז ניט קיין שעהנע און טראגישע פראזע, די נישטיגקייט פון דעם הייפעלע מענשען וואס לעבט, ליידט און שטארבט אויף דער ערד, נאר א פשוט'ער און גאנץ לאנגווייליגער אמת.

זומער איז די הייסע גליהענדע זון געשטאנען איבער דער סטעפ; ווינטער איז די סטעפ געלעגען ווי א קאלטער ווייסער קרייז; אין די הייסע זומער נעכט פלעגט אויפשטעהן איבער דער סטעפ בערג מיט וואלקענס און דונערן פלעגען זיך טריאומפירענד קייקלען פון איין בערג צום צווייטען פון דעם אונענדליכען שווארצען רוים. אבער די סטעפ איז אימער געווען פארטרויערט געהיימניספול און פרעמד דעם מענשען.

אין דער צייט פון א ווינט פלעגט זיך אין סטעפ אויפהויבען א דריבנער טרוקענער שטויב, וועלכער פלעגט ווי א מחנה טויטע גרויע געשפענסטער אונהויפערליך זיך רוקען אויפ'ן שטאט. דער שטויב פלעגט זיך קלאנגלאז אפזעצען אויף די דעכער און פענסטער פון די הייזער, פלעגט זיך לייגען אויף די שטעהענדע וואסערען פון טייך, און אזוי האט דער שטויב איינגעהילט די שטאט מיט א ווילענלאזען צודעק; דאמאלט האט די שטאט אויסגעזעהען פונקט אזוי אלט און צופוילט ווי די וועלט. אלץ אין שטאט האט אויסגעזעהען אזוי איינטאניג און ארעם, ווי א בערגעל אש, וואס דער ווינט האט נאך ניט צובלאזען.

און גראד אין אזא גרוי שטעטעל האט געקענט, פריער ווי צווישען די גרינע בוימער, הויכע, געקרייזעלטע בערג, בלויע ימים פראכטפולע געביידעס, געבארען ווערען א געדאנק, און וואס האט זיך שפעטער פארשפרייט איבער דער ערד ווי א בלאסער און דראהענדער שאטען פון טויט.

ווען מעןווארפט אריין א פעלז אין ים פארשווינדט ער אהן א שפור, אבער אז מען גיט א ווארף א קליין שטיינדעלע אויף דער אויבערפלאך פון א שטעהענדיג וואסער, צושפרייט עס ווייט און ברייט די אונפארמיידליכע קרייזען. דאס וואס פאסירט יעדען טאג און פארבלייבט אונבאמערקט אין דעם רעש פון דעם גרויסען לעבען, האט דא שטארק אויפגעטרייסעלט די נשמות און די מוחות. שפעטער האט מען געזוכט און געפונען, אז די אורזאכע פון אט די אלע אונרואיגקייטען איז איינער אן אינזשינער נאאומאוו, וועלכער האט געארבייט אויף דעם זאוואד פון דעם ארטיגען גביר ארבוזאוו. מעגליך: אז דער שאטען פון אט דעם פינסטערען מענשען האט זיך געלייגט אויפ'ן לעבען און האט ווירקליך געשפיעלט א גרויסע ראלע אין דער אנטוויקלונג פון די געשעהענישען. אבער אז מען קוקט ארום זיך מיט אפענע אויגען מוז מען זעהן, אז קיין שום מענשליכער ווילען איז ניט אימשטאנד אויף א האר, אפילו צוצוגעבען, אדער אוועקנעמען עטוואס דערפון, וואס איז דא אין לעבען — און וואס אנטוויקעלט זיך פון א ווארצעל, וועלכער איז אריינגעוואקסען אין די סאמע טיפענישען פון דער ערד, און וואס וועט פריער אדער שפעטער, אזוי אדער אנדערש ברייגנען צו אן אונפארמיידליכען סוף.

אין דער שטילקייט פון אלטעגליכען לעבען, אין קליינליכען געטומעל פון דעם אייביגען סדר איז שוין פון לאנג אן געוואקסען און רייף געווארען אט די שרעקליכע און מאדנע קאטאסטראפע, אבער נאך מיט א דריי פיער מאנאטען פריער האט אלעם אויסגעזעהען אזוי געוועהנליך, אז קיינער וואלט ניט זאגען, אז עס קומט פאר עטוואס אונגעוועהנליכעס, אז עס קומט פאר עטוואס וואס איז אנדערש פון דעם וואס איז געווען נעכטען.

דאס שטעטעל איז אויסגעגאנגען פון היץ; שטיל, טויט און לאנגווייליג איז געווען דאס אלטעגליכע לעבען. האפנונגסלאז און פארביטערט האט זיך געלאנגווייליגט דער קלייניקער סטודענט

טשיזש וועלכער איז שנעל אומגעלאָפען פון איין לעקציע אויף דער צווייטער. אַן אַלטער ווייסער קאַרטוז מיט אַן אָפּגעקראָכענעם בלויעם קאָזיראָק, איז געזעסען אַנגערוקט, ביז די סאַמע אויערען אויף זיין שאַרפען שאַרבען, וואו עס האָבען זיך אונערמידליך געטומעלט פאַר־שידענע געדאַנקען. אַט זענען שוין פאַריבער צוויי יאָהר זינט ער, אַן ארויסגעשיקטער פון אַ גרויסער שטאָט, איז פאַרבליבען אין אַט דעם שטעטעל אָהן יעדע האָפנונג זיך ווען ניט איז ארויסצורייסען פון דאַנען. ער האָט געהאַסט דעם פּלאַץ מיט זיין גאַנצער נשמה. ערגעץ אוואו שמידט זיך אין איז זיפּצען און איז געטומעל, אין פּיין און אין פריידען, אַ גרויסער שטורעמדיגער מענשליכער לעבען. און דאָ האָט פון אייביג אָן קיינער ניט געהערט קיין הויכען וואָרט; קיינער ניט געזעהן קיין לעבעדיגען פּנים. אפשר שלאָפען זיי, און אפשר האָבען זיי זיך פאַרבאַהאַלטען, אפשר לעבען זיי גאַר ניט, ניט מעהר זיי רודערען זיך בלויז ווי אַ הייפעלע ווערעם, וואָס וואַלגערען זיך אין שטויב ביים ברעג פון וועג.

די זון איז געשטאַנען הויך איבערן שטאָט. די לופט האָט געציטערט פון היץ און האָט געשטראָמט איבער די פאַרקאַנס, ווי אַ שי־טערער שטיקענדער רויך. די קלעגליכע סקעלעטען פון די אַקאַציעס, אויף דעם ליידיגען בולוואַר האָבען הילפלאָז אַראָפּגעהאַנגען זייערע טרוקענע צווייגען, אונטער וועלכע ס'איז געלעגען, קוים אַ לעבעדיגער, זייער אויסגעטריקענטער אָרימער שאָטען. כמעט אַלע לאַדען זיינען געווען פאַרמאַכט און עס האָט זיך געפיהלט, אַז אונטער די פאַרמאַכ־טע לאַדען מאַטערען זיך פון היץ שוויסיגע פוילע מענשען, וועלכע דענקען ניט און פיהלען ניט. אַלעס איז ווי אויסגעשטאָרבען, אפילו די שוואַלבען האָבען ניט געצווויטשערט. טשיזש באַגיסענדיג זיך מיט שווייס, איז געלאָפען איבער'ן בולוואַר און האָט געהאַלטען אין איין שילטען:

חיות: צו וואָס האָט מען באַדאַרפט אויסבויען אַ שטאָט אין אַזאַ פאַרשאָלטענעם פּלאַץ. מען האָט שוין גאַר קיין אַנדער ווינקעל ניט געקענט געפינען... ווער האָט דאָס זיי געשלעפּט אהער?... עס זענען דאָך דאָ אויף דער וועלט וועלדער און טייכען... ווי אויף צו להכעיס האָבען זיי זיך באַזעצט אויף אַט דעם פּלאַץ... אומגליקליכע אידיאָטען!

דער כעס האָט איהם געוואָרגען, אָבער ערגער פאַר אַלעם איז געוועזן דאָס, וואָס דער כעס זיינער האָט ניט געהאַט קיין גרונד. טשיזש האָט בעסער פון אימיצען אַנדערש פאַרשטאַנען די קאָמפּליצירטע נעץ פון נויטווענדיגקייטען, וואָס קען פאַרטרייבען אַ מענשען נאָך אין אַן ערגערער וויסטע. ווען מען זאָל איהם פרעגען, וואָלט ער, ניט פאַרטראַכטענדיג זיך, געענטפערט, אַז ניט דאָס איז דער עיקר, אַ מענש קען לעבען איבעראַל און פאַרבלייבען אַ מענש אין דעם ברייט־סטען און רייכסטען זין פון וואָרט. אָבער איהם האָט עפּעס גע־דריקט, עפּעס האָט זיך אוועקגעשטעלט צווישען איהם און דער זון. אַנשטאָט דער צוקונפט האָט ער געזעהען פאַר זיך עפּעס אַ גרויע פוסטקייט, וואָס פלעגט ביי איהם אַרויסרופען אַ שטענדיגען כעס און באַגיסען מיט גאַל אַלעם אַרום איהם.

פון צווייטען עק בולוואַר איז אַנטקעגען געקומען טזשיזשען אַ באַאַמטער. אַזוי פוסט און טויט איז געווען אַרום, אַז עס איז אונ־אַנגענעם געווען צו טרעפען אַ לעבעדיגען מענשען אויף דעם גרויסען פוסטען מאַרק פּלאַץ, וואו די קלייטען און קלויסטערס זענען געשטאַ־נען אַנגעגליהטע פון דער זון.

ניט קוקענדיג אויף זיין קורצזיכטיגקייט, האָט טזשיזש נאָך פון וויטענס דערקענט דעם באַקאַנטען באַאַמטען ריסקאַווען. ריסקאַוו איז געגאַנגען לאַנגזאַם און האָט לייכטזיניג געפאָכט מיט דעם שטע־קעלע, אַזוי ווי ער וואָלט ניט געהאַט קיינע זאָרגען.

טזשיזש האָט זיך אויסגעגלייכט מיט איהם און האָט גלייכגילטיג אַ קוק געטאָן אין זיין לאַנגען געלען פּנים מיט די גרויסע פערדישע ציין און קליינע פאַרבלאַזטע אויגלעך. האָט אַראָפּגענומען באַגריסענדיג איהם דעם קאַרטוז און איז געלאָפען ווייטער. ריסקאַוו מאַכענדיג מיט'ן שטעקעלע איז אַוועק אין איין זייט, און טזשיזש האָט איילענ־דיג אַוועקגעלאָזט זיך אין אַ צווייטער. זיי האָבען ניט געהאַט וואָס צו זאָגען איינער דעם צווייטען.

ווען דער קלייניגקער סטודענט וואָלט זיך געווען איינגעקוקט און ריסקאַוו'ס געזיכט מיט מעהר אויפמערקזאַמקייט, וואָלט ער אי־בערראַשט געוואָרען פון דעם אויסדרוק זיינעם. די קליינע שמאַרע אויגען פון באַאַמטען האָבען אויסגעזעהען צו זיין באַוועגלאַז, אָבער

אין זיי איז ווי פארגליווערט געווארען אן אנגעשטרענגטער פארשטיינערטער געדאנק.

די רעגעלמעסיגע באוועגונגען פון זיינע פיס, פונקט ווי דער באוועגלאזער אויסדרוק פון זיין געזיכט, האבען געמאכט דעם איינדרוק, ניט פון קיין לעבעדיגען מענשען, נאר האבען געשראקען אזוי ווי עס וואלט זיך באוועגען א טויטער אוטאמאט. וואס וועט זיך שוין אזוי אייביג באוועגען ביז וואנען א פרעמדער ווילען וועט איהם ניט אפשטעלען און ניט אפראמען פון וועג, ווי מען טוט מיט א נארישער אנגעדרעהטער שפיעלצייג, וועלכע קיינער דארף ניט מעהר.

טזשיזשען האט אלץ דערעסען אין אט דעם פארשאלטענעם שטעטעל. איהם האט זיך געדוכט אז אויסער דער פריעדליכער בעלהבת׳ישער וואכעדיגקייט קען דא קיין זאך ניט עקזעסטירען. דערצי האט ער נאך אזוי אויפריכטיג פאראכטעט ריסקאווען, ווי ער האט פאראכטעט אלע מענשען, וועלכע לעבען אויסערען קרייז פון זיינע אינטערעסען. די געשטאלט פון דעם באאמטען האט ארויסגערופען ביי איהם בלויז א נייעם צושטראם פון לאנגווייליגען כעס.

— אט לעבט ער דאך אויך! — האט טזשיזש געטראכט, מיט זיין געוועהנליכער בייזקייט, דערביי האט ער אויסגעווישט דעם שוויס פון זיין בלאס געווארענעם שטערען. — זעהט נאר — האט טזשיזש ווייטער געטראכט: ער מיינט נאך געוויס, אז ער טוט א גרויסע זאך! א גאנצען טאג שרייבט ער און שוויצט, דער טייפעל ווייסט צו וואס, און בויגט זיך אין דרייען אי פאר׳ן קאסיר, אי פאר׳ן בוכהאלטער. און דערנאך שפאצירט ער אין אבענט מיט מיידלעך איבער׳ן בולוואר. אזוי לאנג ביז וואנען ער וועט באגליקען איינע פון זיי, און וועט געבוירען א נייעם האלבען טוצען טשינאווניקעס און, מעגליך, אפילו — א, — גאט — א הויפט בוכהאלטער!... און צו וואסער שווארצען יאהר דארף ער האבען אט דעם הויפט בוכהאלטער?... און פאר וואס ער דערווארגט זיך ניט, ווייסט איהם דער טייפעל!

טזשיזשען האט זיך געדוכט אז ער וואלט ניט אויסגעהאלטען אזא מין לעבען אפילו קיין דריי טעג.

און זיינע בייזע געדאנקען פול מיט גאל און האס זענען שטורמיש געלאפען אלץ ווייטער און ווייטער, אזוי אז טזשיזש אליין האט זיי ניט געקענט נאכפאלגען.

וואַלט כאַטש עפּעס געשעהען!... און ערד ציטערניש!... קומען דאָך פּאַר ערגעץ־וואו ערד ציטערנישען!... זיי רופען דאָס קאַטאַסטראָפע!... צו אַלדע שוואַרצע יאָהר! דאָס איז ניט קיין קאַטאַסטראָפע נאָר א ברכה פון גאָט!... הייזער פאַלען; די ערד טרייסעלט זיך, פרויען לויפען אום נאַקעטע, און אַלע פאַרגעסען ווער און וואָס זיי זענען און וואָס פאַר א זין דאָס אַלעס האָט... דאָ האָסטו אי זעלבסט־אָפּפּערונג, אי הפקרות... דאָרט האָט מען אימיצען געראַטעוועט, דאָ האָט מען וועמען פאַרגוואַלדיגט אינ׳ם טומעל... פרעהליך.

— איך וואָלט זיך געפרעהט מיט אן ערד ציטערניש, באָבע מעשיות — קאַטאַסטראָפע! איז דען דאָס ניט קיין קאַטאַסטראָפע, ווען מיליאָנען מענשען פאַלען אריין אין א צושטאַנד פון ליטאַרגיע?... פע!

פון אויפרעגונג, האָט טזשיזש אַזש אויסגעשפּיגען און זיך אָפּגעשטעלט.

— עס איז נאָך פריה צו געהן צו דער לעקציע...

— אפשר גאָר אַריינגעהן צו דאווידענקען, אפשר?

נאָך איידער טזשיזש האָט באַשלאָסען צו עס לוינט זיך אָדער ניט, האָט ער שוין אוטאָמאַטיש פאַרקערעוועט אין א זייטיג געסעל, און איז אריין אין א גרויסען הויף, וועלכער איז געווען פאַרוואַקסען מיט שטויביגען גראָז.

איהם איז באַלד נאָך לאַנגווייליגער געוואָרען, אַזוי ווי פריער וואָלט איהם גאָר געווען זעהר פרעהליך. ער האָט שוין געוואָלט פאַרקערעווען אויף צוריק. דאָס זעלבע פלעגט ער פיהלען יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט אהער אריינקומען, און ווי אימער, האָט אויך דאָס מאָל טזשיזש אַ מאַך געטאָן מיט׳ן האַנט און האָט זיך געלאָזען געהן צו דער א ר ו מ ג ע ר י ס ע נ ע ר הייזקע, וואָס איז געשטאַנען אין הויף. ערגעץ אונטער א שייער האָט אנגעהויבען בילען דער הונט. דריי הינער מיט א האָהן זענען געזעסען אין שאָטען אונטער׳ן פאַרקאַן; פון אונטער דער הייזקע האָבען פאַרשלאָפען ארויסגעקוקט די פאַרשטויבטע ביימער פון גאָרטען.

טזשיזש איז אריין אין טונקעלען קאָרידאָר, האָט אין דער פינסטער אָנגעטאַפּט דאָס הענטעל פון טיר און ניט אָנקלאַפּענדיג איז ער אריין אין א גרויסען שמוציגען צימער.

אין צימער איז געווען שטיל און קיהל ווי אין א קעלער. עס האבען זיך איהם א ווארף געטאן אין די אויגען צוויי ניט פארבעטע בעטען, מיט שמוציגע ליילעכער, א פענסטער פארשטעלט מיט פלע־שער ביער, און דאס גאנצע צימער איז געווען פול מיט שטיקלעך פאפיראסען, צודרעהטע ביכער, און עפעס נאך שמאטעס, וואס האבען געדולדיג ארויסגעקוקט פון אונטערן בעזעם, וועלכען מען האט א ווארף געטאן אין מיטען צימער.

צוויי סטודענטען זענען געזעסען ביי א טישעל און האבען שוויי־גענדיג געקוקט אויף דעם שאכמאט ברעט. זייערע באוואקסענע קעפ זענען געווען טיעף איינגעבויגען איבערן שאך, און די יונגע ברייטע פלייצעס האבען אראפגעהאנגען פון צולאנגען זיצען.

— איהר זיצט ווייטער, איהר יונגען איינע! האט טושיזש א זאג געטאן, און עס איז שווער געווען צו פארשטעהן צי ער מיינט דאס אין א שפאס, אדער אין אן ערענסט.

ביידע שאכמאטיסטען האבען אויפגעהויבען די קעפ, און ניט קוקענדיג דערלאנגט טושיזש'ען די הענט, און האבען זיך ווידער פאר־טיפט אין זייערע שאכמאטען.

— נו, און ס'ארא מין היץ דאס איז היינט, צום טייפעל! — ביר וועט איהר געבען? — האט געפרעגט טושיזש ארונטערנעמענדיג די היטעל און ווישענדיג דעם שוויים פון בלאסען שטערען. זיינע נאסע האר האבען זיך צוזאמענגעקלעפט און זענען אומגעלומפערט געשטאנען אויפ'ן קאפ. איינער פון די שפילער האט שווייגענדיג אנגעוויזען מיט'ן פינגער אויף דעם פענסטער, וואו די פלעשער זענען געשטאנען און דערביי האט ער אוועקגעשטעלט א פיגור אויפ'ן ברעט.

אויסגעצייכענט! — האט פויל באמערקט דער צווייטער שפילער. טושיזש האט זיך אנגעגאסען אפולע גלאז ביר און האט לאנג געצויגען מיט'ן מויל די קאלטע געשמאקע פליסיגקייט. עס האט איהם אזש אנגעהייבען קיצלען אין האלז פון גרויס פארגעניגען.

— איי, גוט! — האט ער געזאגט, און אפווישענדיג זיינע נאסע וואנצען — האט טושיזש א פרעג געטאן: — דאווידענקא האסט געקראגען די צייטונגען? — יא, — האט ניט קוקענדיג געענט־פערט א ברייט־ביינענדיגער שעהנער סטודענט, אויף וועמענס ברייטע

פּלייצעס דאָס אָפּגעקראַכענע שוואַרצע העמדעל איז געלעגען ווי אַן אויסגעגאָסענע, אַזוי ווי אונטער איהר וואָלטען ניט געווען קיין מענשליכע פּלייצעס, נאָר מעכטיגע מוסקולען פון אַ סטאַטוע.

— מישקאַ, אַוואו זענען די צייטונגען?—איז טזשיזש אָפּגע־שטאַנען.

טזשיזש האָט זיך געפיהלט לאַנגווייליג און נאָך מעהר האָט איהם פאַרדראָסען וואָס אַנדערע זענען פאַרנומען, ווען ער האָט ניט וואָס צו טאָן.

מישקאַ האָט אויפגעהויבען זיין קלוגען העל־בלאָנדען קאָפּ און מיט אומעטיגע פאַרטראַכטע אויגען אַ קוק געטאָן אין סטעליע אַריין, און געענטפערט:

— אונטערען בעט.

טזשיזש האָט אויסגעשפּיגען און איז דעמאָסטראַטיוו אַרונטער־געקראָכען אונטערען בעט, ער האָט אָפּגעטרייסעלט פון די צייטונגען דאָס אַש מיט די אָפּגעריבערטע שטיקלעך פּאַפּיראָסען און האָט זיך אוועקגעזעצט ביים פענסטער לעזען.

עס איז געווען גאָר—גאָר שטיל, און דאָס טומעלדיגע, שריי־ענדע לעבען, וועגען וועלכען עס האָבען געשריבען די צייטונגען איז געווען ווייט, זעהר ווייט פון אָט דעם פּוסטען און שמוציגען צימער. אונטער׳ן פענסטער האָבען זיך געהוידעט די צווייגען און איבער׳ן סטעליע האָבען זיך געוויגט גרינע שאָטענס. אַ שוועלבעלע האָט ערגעץ נאָהענט אַ צוויטשער געטאָן און גלייך אַנטשוויגען געוואָרען, אַזוי ווי עס וואָלט זיך דערשראָקען פאַר עפּעס.

טזשיזש האָט גערוישט מיט די צייטונגען און מישקאַ מיט דאָ־ווידענקאָ האָבען ביידע שווייגענדיג געקוקט אויף דעם שאָך־ברעט. די קליינע געטאָקטע פיגורען אויפ׳ן ברעט האָבען אויסגעזעהען אַזוי מאָד־נע געהיימניספול און זענען געווען עהנליך צו עפּעס אַ באַזונדערען מין פאַרבאַהאַלטענע מענשען, וואָס לעבען זייער אייגענעם, ערענסט־רעגעלמעסיגען און קאָמפּליצירטען לעבען.

טזשיזש האָט געלעזען אויפמערקזאַם. מיט אַ געניטער האַנט האָט ער געשיקט איבערגעמישט די גרויסע בלעטער פון דער צייטונג. פון צייט צו צייט האָט ער זיך אָנגענאָסען ביר און לאַנגזאַם געטרונ־

קען, טיעף אריינגראבענדיג די וואנצעס אין דעם שוים פון דעם ביר, און נאכהער זיך גלייך ווידער פארטיפט אין דער צייטונג.

פאר איהם האבען די קורצע געדרוקטע שורות פארנאנדערגעוויקעלט דאס פיעלפארביגע שווערע לעבען פון דער גרויסער וועלט. פאר דער לעבעדיגער פארשטעלונגס־קראפט פון טזשיזשען, וועלכער האט זיך א פארלארענער געמאטערט אין אט דעם קליינעם פארשלאפענעם שטעטעל, האט זיך דאס גרויסע לעבען אויסגעמאלען אזוי העל און קלאר. לעזענדיג האט ער אזוי גוט ווי געזעהען אט די אלע זשורמאליסטען וואס שרייבען; אט די פויערים, וועלכע הונגערען, אט די דעפוטאטען, וואס אמפערען זיך אזוי כסדר, אט די הענקער, וועלכע הענגען, און קעניגען, וואס גרויסען זיך אזוי בכבודיג איינע מיט די אנדערע און אזוי גרויסארטיג ווי זיי וואלטען געווען אויף א באלעט.

די אונגעהויער לאנגע שאך פארטיע האט זיך נאך אלץ געצויגען. דער זיעג איז איבערגעגאנגען פון האנט צו האנט און ווי האפנונגסלאז די לאגע פון איינעם פון די שפיעלער איז געווען, האט זיך שוין אונקלאר געלאזט באמערקען דער אייביגער אונפארמיידליכער רעזולטאט פון שפיעל אין וועלכען קיין צד קען ניט געווינען.

אבער דער קלייניקער סטודענט האט ניט פאראויסגעזעהן אט דעם גרויען סך־הכל. איהם האט זיך געדוכט, אז דער ראד פון דער געשיכטע דרעהט זיך ניט, נאר לויפט פאראוים צוברעכענדיג אלעם וואס ער באגעגענט אויף זיין וועג. ער איז געווען איבערצייגט, אז דאס מענשליכע לעבען, דאס כאאטישע האפנונגסלאזע מענשליכע לעבען פון נעכטען און היינט, וועט מעגליך פארבלייבען אויך אויף מארגען אזוי פוסט און זינלאז; אבער שפעטער וועט שוין קומען די גרויסע כוואליע, וועלכע וועט ביז'ן גרונט אפוואשען דאס אלטע שמוציגע לעבען, און די ערד וועט באהערשט ווערען פון א וואונדערבארען איידעלען, מאטימאטיש־גערעכטען גליק, אין וועלכען אויך ער, דער קליינינקער פארשיקטער סטודענט, מוז האבען זיין חלק, זיין זין און אויך זיינע פליכטען.

אלעם וואס איז פארגעקומען אין דעם מאמענט, אלעם וועגען וואס די צייטונגען האבען געשריבען מיט שוים אויף די ליפען האט איהם טיעף גערעגט און אויפגעבראכט.

— ווייסט עס דער טייפעל, וואָס דאָס איז?... דאַווידענקאָ דו האָסט געלעזען?

— אין סאַמאַראַ, — האָט אָנגעהויבען טזשיזש אויפגערעגט און הויך.

— עך, צום טייוועל! ווידער פּאַרזעהן. האָט מיט פּאַרדרוס איי־בערגעריסען מישקאַ, ער האָט זיך גענומען דרעהען אויפ׳ן בײנקעל און דערביי געצופּט זיינע צופּלאָנטערטע האָר.

— און דו פּאַרזעה ניט, דו שפּילסט ניט אין צייכענס — האָט באַ־מערקט דאַווידענקאָ.

טזשיזש האָט געקוקט אויף זיי מיט פּאַרדרוס און פּאַראַכטונג, און קוועטשענדיג מיט די פּלייצעס האָט ער זיך אָנגעגאָסען נאָך אַ גלאָז ביר.

— וואָס קען ער דאָ טאָן? האָט מישקאַ פּאַרטראַכט גערעדט צו זיך אַליין, און געמאַכט דערביי גרויסע טרוימערישע אויגען. ער האָט זיך אַ קראַץ געטאָן אונטערן אויער, עפּעס איבערגעשטעלט אויף דער ברעט און ארויסגעזאָגט אַנטשלאָסען:

— שאַך!

טזשיזש האָט אַ זיפץ געטאָן. מיט אַמאָל האָט זיך איהם אויסגע־וויזען אַז דאָס אויפהענגען פון די זיבען מענשען אין סאַמאַראַ איז שוין גאָר ניט אַזאַ גרויסע זאַך. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט די זיבען מענשען אין דעם געשטאַלט פון ריסקאַווען, מישקאַן און דאַווידענ־קאָן. דערשלאָגענע און לאַנגווייליג האָבען אויף איהם געקוקט זייערע געזיכטער און כמעט אַן אונבאַוואוסטזיניגער געדאַנק האָט זיך דורכגע־טראָגען אין זיין מוח, אַז ווען מען זאָל זיי אויפהענגען, וואָלט דאָס אייגענטליך געווען גאָר אַ קליינער אומגליק.

דער קליינינקער סטודענט, האָט צונויפגעלייגט די צייטונגען און האָט זיך אויפגעהויבען מיט אַ פאַראַכטענדער מינע. — נו איך וועל געהן, האָט ער ארויסגערעדט זיך ניט ווענדענדיג, אייגענטליך צו קיינעם, און האָט גענומען זיין שטעקעל פון ווינקעל.

די שפּילער האָבען ניט אויפגעהויבען די קעפּ.

איבער זיי האָט זיך געצויגען אַ בלויאינקער רויך וועלכער האָט מיט זיך דערמאָנט דעם רוח פון לויה ליכט. גרינע שאָטענס האָבען

קלאנגלאז געשוועבט איבער דער סטעליע, אזוי ווי זיי וואלטען וועלען אימיצען פאר׳כושופ׳ען.

טזשיזש איז ווידער דורכגעגאנגען דעם פארוואקסענעם הויף, האט ווידער געהערט דעם פוילען בילען פון׳ם הונט, האט א קוק געטאן אויף די דריי הינער מיט׳ן האהן אונטערען פארקען און ארויסגעהענ־דיג אין גאס האט ער אזוי אויטאמאטיש א טראכט געטאן:

— הינער שוויצען אדער ניט?

אט דער געדאנק האט איהם אזוי מאדנע פאראינטערעסירט. ער האט זיך לאנג געמיהט צו דערמאנען; ער האט דורכגעבלעטערט אין געדאנק א וועלט מיט ביכער, ער האט זיך אויך געפרובט דערגעהן דאס מיט׳ן אייגענעם שכל, אדער מיט דער פארשטעלונגס קראפט. ענדליך איז ער געקומען צום שלוס, אז הינער מוזען שוויצען — און אז א פארשוויצטע הון איז אינגאנצע זאן אומגעלומפערטע זאך.

ערשט דאן איז ער געקומען צו זיך, האט מיט כעס אויסגעשפיגען, און איז ארויסגעלאפען פון געסעל.

2.

אין דרויסען איז נאך הייסער געווארען, די לופט האט געציטערט און געברענט מיט א ווייסען פייער, עס האט זיך געדוכט אז די גאנצע ערד האט זיך באהאלטען און האט ניט געוואגט זיך א ריהר צו טאן אונטער דעם גרויליכען כעס פון דער זון.

טזשיזש האט נאך ניט דערוויזען ארויסצוגעהן פון געסעל ווי פון איהם האט שוין אזוי קליפיג און איבערדריסיג געגאסען דער שוויים. דער שוויים איז געבליבען הענגען אויף די וויעס, און טראַ־פענווייז זיך געקייקעלט איבער די ליפען און אריינגערונען אין די וואנצען. עס איז איהם טונקעל געווארען אין די אויגען, און עס האט איהם אנגעהויבען קלאפען אין די שלייפען, אזוי ווי מיט האמערען.

טזשיזש איז געווארען פארצווייפעלט.

— סיידען זיך אויפהענגען? ניט אנדערש! און ער האט באַ־שלאָסען אריינצוגעהן אין קלוב.

דאס ווייסע צוויי שטאקיגע הויז פון קלוב איז געווען פוסט און קיהל.

דורך די צועפענטע טירען פון דער ביבליאטעק האבען זיך געזעהן די שלאַנקע רייהען ביכער, וועלכע קיינער האט דא, דאכטזיך, ניט באַ־דארפט. שטרענג האבען אויסגעקוקט די פוסטע זאלען. אין קארטען־צימער זענען סטאטעטשנע געשטאנען די גרינע טישלעך, ווי זיי וואָל־טען געווארט אויף די געסט. עס איז געווען שטיל, ווי אין א קלויס־טער. בלויז אין בופעט האבען געקלונגען די טעלער. טזשיזש האט אויפגעהאנגען זיין היטעל אויפ'ן הענגער, וואו עס איז געהאנגען בלויז נאך איין הוט, די גוט באקאנטע הוט פון דעם דאקטאר אר נאלדי. טזשיזש איז דורכגעגאנגען דעם זאַל פארביי די קארטען־טישלעך מיט זייערע געפאקטע דינע פיסלעך און איז אריין אין עס צימער. דארטען האט ער געפונען דעם דאקטער ארנאלדי און א פלאש בראנ־פען לעבען איהם. דער דאקטאר איז געווען אויסערגעוועהנליך דיק. איהם האט געשטיקט די היץ אין זיין לייכטען זומער אנצוג, וועלכער איז געווען נאס אונטער די ארעמס. ער האט געגעסען עפעס זעהר פעטעס, וואס איז געווען באנאסען מיט שמאנד און בריין. די ברעגען פון סערוועטעל, וואס איז געווען ארומגעבונדען ארום זיין האלז האבען אויסגעזעהן ווי חזר'שע אויערען. —

וואס מאכט איהר דאקטאר? — האט זיך טזשיזש געגריסט.

דער דאקטאר ארנאלדי האט עפעס ארויסגעמורמעלט אלס ענט־פער און האט איהם דערלאנגט די האנט, וואס איז געווען דיק און ווייך, ווי די האנט פון א בישאף. און אנווייזענדיג מיט די אויגען אויפ'ן בראנפען האט דער דאקטאר א פרעג געטאן:

— בראנפען ווילט איהר?

— א, ניין! אין אזא היץ און בראנפען, האט זיך טזשיזש אפּ־געטרייסעלט מיט פאראכטונג.

— איין גלעזעל ביר, — האט געבעטען דער דאקטאר.

— ניין, א דאנק! — האט טזשיזש ענטשלאסען זיך א קרים געטאן, ווי ער וואלט עפעס מיאוס'עס פון זיך אפגעשטויסען.

ער האט גענומען א ביינקעל און האט זיך אוועקגעזעצט אנטקעגען דעם דאקטאר.

פון די אפענע פענסטער האט זיך געזעהן דער גרויסער פייער הויף. און פון דארט האט זיך געטראגען דער שטיקענדער רוח פון מיסט און שטויביגען היי.

אין אן אפענעם לאנגען שטאל אהן וועגט בלויז מיט א דאך וענען געשטאנען די פעסלעך מיט די הילפלאז פאריסענע שטעקענס. עס האט זיך גערוכט אז זיי שמאכטען אויך פון היץ. אויפ'ן שפיץ פון סלופ האט העל געבליסטשעט דער מעשענער גלאק און פון איהם האט זיך געצויגען א לאנגער שטריק, אזוי ווי אן ארויסגעשטעקטער צונג.

— עס איז היים, — האט טזשיזש באמערקט.

— יא, עס איז ווארים, האט ארויסגעברומט דער דאקטאר און האט א קלאפ געטאן איבער'ן טעלער. א פארשלאפענער לאקעי, א צו־קאשמעטער, אזוי ווי מען וואלט איהם נאר וואס געריסען פאר די האר האט זיך געוועזן א ווארף געטאן פון בופעט, אבער אויפן וועג האט ער זיך אן עפעס דערמאנט, האט זיך אומגעקערט צוריק צום טיש און גענומען באגיסען מיט סמעטענע א נייע פארציע קאלטען חזר־פלייש.

— זאגט מיר, דאקטאר, האט טזשיזש אנגעהויבען, מיט א טאן פון א מענשען וואס לאנגווייליגט זיך. שויז־זשע האט אייך ניט דערע־סען אט דער פארשאלטענער ווינקעל ?... איהר שטעקט דאך שוין דא צעהן יאהר, — זיבעצעהן, האט פאריכט דער דאקטאר. איבערלייגענדיג די פיס פון חזיר'ל אויף זיין טעלער און באגיסענדיג זיי מיט סמע־טענע.

טזשיזש האט זיך מיט פארדרוס אפגעקערעוועט, באטש ער האט ניט געוואלט עסען, האט איהם דאך די סליונע געקיצעלט אין מויל. טזשיזש האט א קוק געטאן אויפ'ן הויף און דערנאך אויפ'ן דאקטאר וועלכער האט זיך געשטיקט פון זיין פעטקייט און האט זיך פארטראכט.

עפעס אן אונקלארער קומער האט ארומגעכאפט טזשיזשען.

דער דאקטאר ארנאלדי האט זיך אנגענאסען א גלעזעל בראנפען האט צוגעמאכט איין אויג, האט איהם לאנג באטראכט ביים שיין פון ליכט און ערקלערט מיט אן אונפארשטענדליכען אויסדרוק פון טאן :—

— עס איז ניטא וואוהין צו געהן...

— וואָס הייסט, ניטאָ וואוהין ? האָט אויסגעשריען טזשיזש. — פון דאַנען אפילו קיין סיביר.

— ניין אין סיביר איז נאָך ערגער, האָט גלייכגילטיג געענטפערט דער דאָקטאָר אַרנאַלדי.

טזשיזש האָט זיך פאַרלאָרען.

— נו, פאַרשטעהט זיך ניט קיין סיביר. אָבער איהר זענט דאָך אַ מענש אַן עלענדער און דערצו אויך אַ פאַרמעגליכער... איהר וואָלט אוועקגעפאָהרען קיין אויסלאַנד, צו ערגעץ וואו.

— וואָס האָב איך דאָרטען ניט געזעהן ! האָט געלאָסען באַ־מערקט דער דאָקטאָר אַרנאַלדי, אויסווישענדיג די פעטע ליפען, וועלכע זענען ביי איהם געווען אַנגעבלאָזען ווי ביי אַן אַלטען אַקטיאָר.

— ווי הייסט וואָס ? איהר האָט קיין זאַך ניט געזעהן.

— איך האָב אַלעס געזעהן, האָט פויל אָפגעענטפערט דער דאָק־טאָר.

— צום ביישפּיעל ?

— נו יאָ, אַלעס וואָס איז נאָר דאָ : מענשען, טעאַטערע, אייזענבאַנען...

— איך האָף, אַז איהר ווילט ניט זאָגען, אַז איהר האָט געזעהען די גאַנצע וועלט ? האָט חוצפה'דיג געפרעגט טזשיזש.

— געוויס, — האָט גלייכגילטיג צוגעשטימט דער דאָקטאָר.

— אָט האָסטו דיר ! האָט מיט אויפריכטיגער פאַרוואונדערונג אויסגעשריען טזשיזש, ער האָט מיט נייגעריגקייט אַ קוק געטאָן אויפ'ן דאָקטאָר און האָט זיך צולאַכט.

דאָקטאָר אַרנאַלדי האָט אָפגערוקט פון זיך דעם טעלער, האָט גוט צוזאַמענגעלייגט דאָס סערוועטעל און האָט געמאַכט אין דער ריכ־טונג פון בופעט עפּעס אַ מין צייכען, וואָס האָט אויסגעזעהען צו זיין זעהר ענליך צו די צייכענס פון די מאַסאָנען. ווי עס ווייזט אויס האָט מען דאָ פאַרשטאַנען אַלע צייכענס פון דאָקטאָר, ווייל אַ דינער האָט גלייך דערלאַנגט אַ פלאַש ביר.

— וועט איהר טרינקען ? — האָט געפרעגט דער דאָקטאָר.

— ביר וועל איך טרינקען מיט פאַרגעניגען, — האָט טזשיזש צוגעשטימט.

דער דאָקטאָר האָט אָנגעגאָסען צוויי גלעזער. אין דער צייט ווען

ער האָט אנגעגאָסען דאָס ביר, האָבען זיי ביידע אויפמערקזאם זיך איינגעקוקט, ווי אין דער פארשוויצטער גלאָז האָט זיך מיט געלע פייערלעך געשפּיעלט די געשמאַקע און קאַלטע ווי אייז פליסיגקייט. עס איז עפּעס אזוי ווי קיהלער געווארען.

— האָט איהר געזעהען די גאַנצע וועלט? — האָט טזשיזש געפרעגט ווערענדיג פרעהליכער.

איהם האָט זיך פארגלוסט אָפּצולאַכען פון דאָקטאָר.

— זעהט איהר... — האָט אָהן דער מינדסטער אויפלעבונג אין זיינע פעטע אָבער קלוגע אויגען, געענטפערט דער דאָקטאָר ארנאלדא. — די גאַנצע, די גרויסע וועלט האָב איך פארשטעהט זיך ניט געזעהען: דערצו דאַרף מען האָבען צופיעל צייט און עס קאָסט אויך צו־פיעל מיה. אָבער איך האָב וועגען דער וועלט א געוויסע פאַרשטעלונג. נו, און דאָס איז גענוג פאַר מיר.

דאָס איז ווייט ניט גענוג, האָט מיט אמת'ער איבערצייגונג, זיעגרייך אויסגעשריען טזשיזש.

— די הויפּט זאַך איז ניט אין דער אלגעמיינער פארשטעלונג, נאָר אין די איינצעלהייטען פון דעם מענשליכען לעבען און פון דער נאַטור... די שעהנקייט פון לעבען באַשטעהט אין דער אייגענאַרטיגקייט פון פארבען, פאָרמען און מנהגים... איהר פארשטעהט דאָס?

— איך פארשטעה אלעס האָט גלייכגילטיג געענטפערט דער דאָק־טער, נאָר אין מיין פאַנטאַזיע איז פאַראַן נאָך מעהר פארשידענאַר־טיגקייט.

— ווי אזוי?

— אָט אזוי... פּשוט. וואָס איז דאָרט? דער ים איז אימער אָדער א בלויער אָדער א גרינער, און איך קען זיך פאַרשטעלען דעם ים אין אלע קאָלירען פון א רעגען־בויגען... אָט ס'ארא מין פּאָעטישע שילדערונג עס איז דאָ פון דעם שווארצען ים, אין וועלכען עס האָבען געוואוינט גרינע וואַסער פעען... טיעף, אונגעהויער טיעף איז געווען דער ים און האָט גאָר קיין גרונט ניט געהאַט... איז וואָס!... מען זאָגט אז דער שפּיץ בארג עווערעסט איז אַכט וויאָרסט די הויך, און איך קען זיך פאַרשטעלען א בארג וועלכער איז הונדערט מאָל העכער פון עווערעסט... אין משה'לעך געפינען זיך שלעסער פון קרישטאָל, טייכען פון מילך, פויגעל וואָס ריידען...

נו, מעשה׳לער האָט אויסגעצויגען טזשיזש מיט פאַראַכטונג.

— אַלץ־איינס... פרייד איז דאָ ווייניג, האָט אַ מאָל געטאָן מיט׳ן האַנט דער דיקער דאָקטאָר.

טזשיזש האָט אַ טראַכט געטאָן.

— און מענשען?... אַנדערע איינדריקטונגען, אַנדערע טיפּען און געוואוינהייטען... און דאָס אַלעס ציהט ניט צו?

— ניין, — האָט געענטפערט פוי׳ל דער דאָקטאָר אַרנאַלדי—וואָס מיר איינדריקטונגען?... איבעראַל געהט אַז דער קאַמף פאַר עקזיס־טענץ... איך ווייס, דאָס איז אַז אַלטע געשיכטע אויף אַ נייעם שטיי־נער, און איך בין ניט קיין קינד, און איבעראַל איז אַלץ איינס מיאוס און אין אַ געווייסען זין לאַנגווייליג, און אויב עס איז אַפילו ניט באַ־זונדער אייגענאַרטיג, איז אין אַלגעמיין אומעטיג.

— אַזוי אַז פאַר אייך זענען אַלע אַלץ איינס?

— נו, ווי דען? געוויס. יעדער מענש איז שטערבליך, און קיי־נער איז ניט באַפרידיגט מיט זיין לעבען, און אויסער דעם... נו, אוי־סער דעם טראָגט איינער אַ צילינדער, און אַ צווייטער געשטריקטע שיך, און אַ דריטער געהט אום אינגאַנצען נאַקעט... ניט אַלץ איינס?

טזשיזש האָט אויסער זיך פון בעס אויסגעהערט דעם דיקען דאָקטאָר, און זיין שאַרף פויגעל־געזיכט האָט אויסגעדריקט אַ פאַר־אַכטענדע מיטלייד ווי צו אַ געשטאָרבענעם.

— נו, גוט... — האָט טזשיזש געזאָגט אַזוי ווי ער וואָלט זיך שוין צווינגען פאַרצוזעצען דעם געשפּרעך.

און די קולטור? אָט, דאַרטען פליהט מען שוין... ווייסט איהר?

— מען פליהט?

— יאָ! — האָט זעלבסטצופרידען געענטפערט טזשיזש, פּונקט ווי די ערפינדונגען פון לופט פליערייע וואָלטען זיך געווענדעט אַז איהם.

— נו, זאָלען זיי זיך פליהען, זיי ווילען, אַלץ איינס. ווייט ניט פאַרפליהען.

דער דאָקטאָר האָט דאָס געזאָגט מיט אַזאַ מין האָפנונגסלאָזען לאַנגווייליגען טאָן, אַז טזשיזש האָט פאַרלאָרען יעדען פאַרלאַנג פאַר־צוזעצען דעם געשפּרעך.

דאָס אַלץ איז איהם געווען אינגאַנצען פרעמד און אונפאַרשטענד־

ליך. ער האט אפילו ניט געגלויבט דער אויפריכטיגקייט פונ׳ם דאָק־טאָר.

— פשוט, די אלרוסישע מוטער פוילקייט האט גובר געווען! — האט ער מיט א געפיהל פון עקעל א טראכט געטאן.

פאר׳ן קלייניקען סטודענט איז דאס לעבען געווען א מין שטענ־דיגער זידען, און די נאטור אן אונערשעפּליכער אוצר פון רייכטום און שעהנקייט אזוי ווי א מענשען, וואס האט ניט געזעהן קיין אנדערע שלעסער, אויסער דער האלב חרב׳ער הויז פון א פאראָרימטען פּריץ, דוכט זיך, אז אויף דער גאנצער וועלט איז ניטא עפּעס רייכערעס און שעהנערעס, אזוי האט זיך טושיזשען געדוכט, אז די ערד מיט איהרע בלויענקע ים׳ען, געגרייזעלטע בוימער און ראזעווע בערגלער, איז די קרוין פון שעהנקייט און מעכטיגקייט. זיין געדאנק איז גע־קראכען איבער דער ערד און האט זיך ניט געקענט אויפהויבען אין דער הויך אהין, וואו עס געפינען זיך די אונענדליכע רוימען, די אייביגע קרישטאלענע קעלט מיט די מיליארדען פינקעלדיגע פלאנעטען־ליכ־טער, און די גרויסע מאיעסטעטישע באוועגלאזיגקייט פון דער איי־ביגקייט.

און דאס אומעטיגע, זינלאזע מענשליכע לעבען, האט ארויסגע־רופען ביי איהם פארגעטערונג. זיין קאפּ האט געבדענט, ווען ער האט געטראכט וועגען דעם קאמף פון פעלקערלעך, מיט זייערע דעספּאטען, וועלכע זיי האבען דורך זייער אייגענער נאַריש־קייט, ארויסגעבראכט פון זיך; וועגען דער וויסענשאפט, וואס בויט שיפען און היילט קראנקהייטען, און וועגען דער קונסט, וואס שטרעבט מיט אלע כוחות זיך דערנעהענטערען צו דער נאטור.

און יענע ליידענשאפטליכע רעגונג, וואס איז אין גרונט גענומען, ווייניג פארשטענדליך פאר איהם אליין, און וואס פלעגט איהם ארומ־כאפּען ווען ער פלעגט טרוימען וועגען די נייע פארמען פון לעבען, — האט געמאכט אויף איהם דעם איינדרוק פון דעם ריינעם אמת און חכמה, דערביי פלעגט ער אינגאנצען פארגעסען, אז די נייע צוקונפ־טיגע פארמען פון לעבען זענען אויך אזוי צייטווייליג און מסוגל איז זייער צייט צו פארשווינדען אין דעם נעבעל פון דער פארגאנגענהייט פונקט ווי מיליאנען פארמען וואס זענען געווען פאר זיי. טושיזש האט געגלויבט, אז ווען ניט די צופעליגע אומשטענדען, וועלכע האבען

איהם ארויסגעשטויסען פון ברויזענדען לעבען אין אַט דעם לאַד אַריין, ווען ער זאָל קענען וואוינען צווישען די שטיינערנע מויערען, נאָהענט צו די אייזענבאַנען און גרויסע מאַסען מענשען, וואָלט אין זיין עקזיס־טענץ ניט געווען קיין ליידיגער אָרט און אין זיין לעבען וואָלט ניט געווען אזוינס, וואָס זאָל ניט זיין פארפיהלט מיט איבערלעבונגען פון דעם העכערען ווערט. דאַן וואָלט ער שטענדיג געווען פארנומען מיט זאכען פון אונגעהויערער וויכטיגקייט פאר דעם גליק פון דער מענש־הייט.

איצט איז זיין לעבען געווען צוועקלאָז, נאַריש און לאַנגווייליג, און אין דעם וואָס זיין לעבען איז געגאַנגען ווי א נעבעל איבער די סטעפּעס, איז לויט זיין מיינונג שולדיג געווען דאָס קליינע שטעטעל, די זשאַנדאַרמען, דער דיקער דאַקטאַר, אבער אויף קיין פאַל ניט דאָס לעבען אליין.

טזשיזש, ווי צום ערשטען מאָל וואָלט דערזעהן דעם דאַקטאַר, האט אויפמערקזאַם א קוק געטאָן אויף איהם, ווי יענער האט פאַר־שלאָפען געצויגען דעם קאַלטען ביר, — און ער האט פאַר זיך א טראַכט געטאָן:

— אָבער דאָס איז דאָך געווען אמאָל א מענש!... מען זאָגט אז צעהן יאָהר האט ער אָפּגעלעבט אלס א פּאָליטיש פארשיקטער... וואו איז דאָס אלעס אהינגעקומען?... ער איז אזוי דיק געוואָרען, פרעסט זיך איבער מיט חזר און כריין, טרינקט ביר, און אי ז א ווייל־ע שפּעטער שלאָפט ער. טראַכט ער כאָטש אמאָל, פארמאָגט ער וועלכע ניט־איז געדאַנקען, צי דאָס איז גלאַט אזוי זיך, א פּשוט'ער פלאַפּלען? שוין־זשע קענען עטליכע יאָהר פון דעם פּראָווינציעלען זומפּ אזוי אומבייטען און א תל מאַכען פון א מענשען?...

טזשיזשען איז געוואָרען אזוי שווער, ער האָט זיך דערמאָנט, אז צייטענווייז ווערט ער אליין אויך גלייכגילטיג צו אלעם. עס זענען דאָ טעג, ווען איהם גלוסט זיך ניט, ניט רעדען, ניט לעזען, ניט ארבייטען, ניט טראַכטען.

— איך הויב זיך אָן ארונטערצולאָזען! — האט ער א טראַכט געטאָן מיט אן אינערליכער קעלט. — מען דאַרף זיך נעמען אין די הענט.

ער האָט זיך אויך דערמאָנט, אז ער האָט פארגעסען איבערגע־

בען די פארטיי ליטעראטור פאר די ארבייטער פון ארבאזאוו'ס פאב־ריק.

דער דאקטאר האט ווידער אנגעגאסען ביר, נאר טזשיזשען איז מיט אמאל אלעם געווארען דערווידער, סיי דער ביר, סיי דער פאר־שלאפענער לאקיי צוזאמען מיט'ן פייער־הויף. װעלכער האט אזוי פרידליך געדרימעלט אונטער דער זון. ער האט זיך אויפגעהויבען און דערלאנגט דעם דאקטאר די האנט.

— איהר, דאקטאר, זענט פשוט א פעפער און מעהר גארנישט.

עס איז איהם אנגענעם געווען צו לאזען פאר זיך דאס לעצטע ווארט.

דער דאקטאר ארנאלדי האט גאר ניט געענטפערט, ער האט נאר אויפגעהויבען אויף איהם זיינע פארגאסענע, קלוגע אויגלער. איז דער טיעף פון זיי האט זיך ווי באוויזען א מין איראניע, אבער אזוי פאר־בייגעהענדיג, אז טזשיזש האט דאס אפילו ניט באמערקט.

ווען דער קליינינקער סטודענט איז ווידער געלאפען איבער'ן בולוואר, האט איהם איבערגעיאגט די בריטשקע פון דאקטאר. דער דאקטאר אזא דיקער און שווערער האט זיך אנגעשפארט מיט ביידע הענט אויף דעם שטעקעל, און איז געזעסען אזוי באוועגלאז, ווי ער וואלט געשלאפען. דער שטויב האט זיך ווי א שווערער וואלקען אויפ־געהויבען פון אונטער די רעדער און האט זיך לאנג ניט געזעצט.

— פונדעסטוועגען צו קראנקע פאהרט ער! — האט אוטאמאטיש א טראכט געטאן טזשיזש, און דערביי האט ער זיך דערמאנט אז אלע קראנקע ליבען דעם דאקטאר און דערמאנען איהם מיט דאנקבאר־קייט. און ער האט גוטהארציג באשלאסען:

— דאס איז א פארלארענער מענש, אזא מין מאדנער און אונ־גליקליכער, און דאך איז ער בעסער פון פיעלע אנדערע!

3.

טזשיזש האט אומגעשפּרייזט פון ווינקעל צו ווינקעל און האט געררויכערט איין דיקען פּאַפּיראָס נאָך דעם צווייטען.

דער צימער איז געווען א קליינער און פארשטיקטער. ער האט געהאט איין פענסטער, מיט נאַקעטע, שמוציגע און אזוי ווי פאַר־שפּיגעלטע ווענט. טזשיזשען האט שטארק באליידיגט דאס, וואס פאר דעם קלאַס־צימער איז אָפּגעגעבען געוואָרען דער ערגסטער צימער אין דעם גראַמען סוחר׳שען הויז. דערפאַר האט ער טיעף פאראכטעט אַט די אומגעלומפּערטע שטיינערנע הויז, צוזאמען מיט די שייערען וואס זע־נען געווען פול מיט פיש און פעסער דזשעגאכץ. ער האט אויך נישט געקענט אריבערטראָגען דאס געשמאַקלאָזע וויענער מעבעל, די בלומען אויף די פענסטער, צוגלייך מיט די בעל־הבתים, פּוזאַטע, קורצהאַלזיגע מענשען, וועלכע זענען אויף דורך און דורך געווען דורכגעדרונגען מיט׳ן רוח פון קופערנע פיטאַקעס.

אין אָפענעם פענסטער האט אנשטאט לופט זיך געדיכט געגאָסען דער ריח פון פיש און דזשעגאכץ. אויף דעם גרויסען הויף, וועלכער איז געווען איינגאנצען ארומגעבוים מיט שטארקע שייערען איז אלץ געווען אזוי פיעלפארביג און שרייענדיג ווי אויף א יריד: דא האבען זיך ארומגעדרעהט שטארקע ארבייטס פערד, עס זענען געשטאַנען גרויסע וועגען, און ברייט פלייציגע פורמאַנעס, וואס האבען דערמאנט אין די מענשען פון דעם שטיינערנעם פעריאָד. דא האבען זיך געפּור־נען געשפּאַנען, פעסער און גרויסע פעק פיש. די זידלערייען, גע־שרייען און טומעל זענען ווי א זיפּ געשטאַנען איבער׳ן הויף. דאס אלעם האט געמאַכט דעם איינדרוק אז די לופט איז דא ענג, און דער־פאר דרעהט זיך דא די לופט אזוי פאַמעלעך אין דעם שטויב און היץ סקריפּענדיג ווי א אונגעהויער גרויסע נים אנגעאוילטע ראָד.

טזשיזש מיט זיינע גריכען, פיזיקע און געאָגראפיע, האט דא אויסגעזעהען אזוי קליין, פרעמד און גיפטיג, ווי א ווערעמעל וועל־כער האט זיך פארקליבען אין א שטארקען און רייפען זאפטיגען רע־טאַר.

ער האט נערוועז גערויכערט זיינע פאפיראסען, און בייז געקוקט אין פענסטער, ער האט אנגעשטרענגט זיין דינע שארפע שטימע אום איבערצושרייען דעם געטומעל אין הויף, און איבערגעזעצט:

— „לעאניד האט מיט דריי הונדערט ספארטאנער פארנומען דעם הייהל און די פערמאפילען“...

טזשיזש האט מיט ענטריסטונג געקוקט אויף די צוויי ראזעווע שטארקע ארומגעשארענע קעפלעך, מיט די שטערצענדיגע, דורכזיכטיגע ווי ביי א חזר'ל אויערען.

טזשיזש' געזיכט איז געווען בלאס און פארמאטערט מיט פאר־עלטערטע און פאראכטענדע קנייטשענדלעך אין די ווינקלען פון מויל. זיין טשוב האר אויפ'ן שטערען איז זיך אזוי אראפגעהאנגען א נאסע פון שוויים. די טינט פלעקען אויף די שמוציגע פינגער פון די אינג־לער, און די גריכען, סיי זיין אייגענע שטים. דאס אלץ האט זיך איהם שרעקליך איינגעגעסען. ער האט ניט געטראכט, נאר פשוט קלאר נעפיהלט, אז די גריכען מיט זייער שאפענדען און שטריי־טענדען לעבען, פון אינטעליגענטע ווילדע, זענען אינגאנצען פרעמד אט דעם שוויסיגען, סחרישען הויף, ווי מען האט זיי אפגעגעבען א פיעל ערגערען פלאץ, ווי דעם דזשעגאכץ און די פיש.

עס וועט פאריבער א צייט און די ראזעווע קארקען וועלען פעט ווערען און וועלען זיך פעסט אנידערזעצען אויף די אקסענע העלזער. די אויערען וועלען פארוואקסען ווערען מיט פלייש ווי ביי חזרים, און די אויסגעשמירטע אין טינט פינגער, וועלען זיך באדעקען מיט סמאלע און פארוואנדלען אין א פויסט, און די גריכען, די טרעגער פון קולטור, טרוימער וועגען דער צוקונפטיגער גרויסקייט פון דער מענש־הייט, וועלען מיט א גרויל און עקעל ניט וועלען אנערקענען פאר זייערע אייניקלעך אט די פעט־ בויכיגע, שמאל־שטערענדיגע, בייזע חיות.

די אונטערבראכענע שטים פון טזשיזשען, וועלכע האט זיך באַ־מיהט איבערשרייען דעם טומעל, האט זיך נוי באקלאגט פאר אימיצען.

ער איז צוגעגאנגען פון הינטען, און פון הינטער די שילערס פלייצעס אריינגעקוקט צו זיי אין די העפטען. ווי עס האבען זיך ארים און שמוציג צוקראכען צופארענע, קאטשערעס מיט לאפעטעס.

איז וועלכע עס איז שווער געווען צו דערקענען העלע און לעבעדיגע מענשליכע ווערטער.

— פונקט ווי טאַלאַנטפולע מאַלפּעס וואָלטען שרייבען! האָט מיט עקעל געטראַכט טזשיזש.

אימיצער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר.

— קומט אריין, — האָט זיך אָפּגערופען טזשיזש.

די שוועסטער פון זיינע שילער האָט אריינגעקוקט. דאָס איז געווען אַ פולינקע, שעהנע מיידעל, מיט ווייכע, גרויע אויגען און פולע נאַאיווע ליפּען.

— מען קען אריינגעהן צו אייך? — האָט זי געפרעגט, און איז אריין ניט וואַרטענדיג אויף אַן ענטפער.

— ביטע! — האָט צווישען די ציין אַ ברום געטאָן טזשיזש און האָט פאַרגעזעצט צו לערנען.

ער האָט ניט ליעב געהאַט איהרע באַזוכען, און אין אַלגעמיין האָט ער ניט ליעב געהאַט אַט דאָס מיידעל, שוין דערפאַר אַליין, וואָס זי איז אַ סוחר'ס אַ טאָכטער. טזשיזש האָט ניט אריבערגעטראָגען קיין סחרים. ער האָט אפילו ניט באַמערקט אַז זי איז ווי אַ פרעמדע אין דעם הויז, כאָטש ער האָט גוט געוואוסט אַז דאָס איז זי באַשטאַנען דאַרויף אַז מען זאָל אָפּגעבען די קינדער אין גימנאַזיע.

ווי עס ווייזט אויס איז איהר דאָ אויסגעקומען צו פיהרען אַ לאַנגען און פאַר'עקשנ'טען קאַמף מיט איהר פאָטער, וועלכער האָט גלייך געוואָלט אריינעמען די אינגלעך אין געשעפט. אויך איצט, האָט זי געפיהלט, ווי עס ווייזט אויס, אַז אויף איהר ליגט די פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר די קינדערס לערנען, פלעגט זי שטענדיג אריינגעהן אין קלאַס־צימער, זיך שטיל אוועקזעצען ביים פענסטער, אָנשפּאַרען דעם קאָפּ אויף איהר רונדער ווייכער האַנט, און קוקען פאַרטראַכט אויפ'ן ברייטען הויף. שטונדען לאַנג האָט זי געקענט אויסזיצען אין אַט דעם פאַרשטיקטען לאַנגווייליגען צימער. אַט דער שווייגענדיגער און נוצלאָזער אויפזעהן איהרער, פלעגט אויפרעגען טזשיזש'ן, און ער האָט מיט פאַרדרוס געקוקט אויף דער מיידעל.

— דו וואָלסט באַדאַרפט זיין אַ פּשוט'ע פּויערשע מיידעל, אומ־

געהן בארוועס איבער די פעלדער, שניידען, פאליוועז, זייען און דערצו היים ליעבען א געזונטען בחור מיט גלאטע האר, און מיט א שטאלצ־נעם קעמעלע אויף דעם שטריקענעם גארטעל! — אזוי האט ער גע־טראכט וועגען איהר. דארטען וואלט זי געווען אויף איהר ארט, א געזונטע מיידעל, אן ארבייטעריז, און מוטער, און אט נא דיר גאר... האט געענדיגט דער רוה ווייסט צוליעב וואס די גימנאזיע, האט איבערגעלעזען עטליכע צענדליג ראמאנען און זיצט ווי א פאראזיט, וואס ווייס ניט וואס צו טאן מיט זיך...

און מאדנע, טאקע דערפאר, וואס ביי איהר זענען געווען אזוינע נאאיווע גרויע אויגען, און איהר פרישער שלאנקער האלז איז געווען לייכט אפגעברענט פון דער זון, און איהרע ליפען האבען זיך אזוי ליעב אויפגעהויבען איבער די ווייסע ציין, ווען זי פלעגט לאכען, האט זיך טזשיזש נאך מעהר געערגט און געבייזערט. די אינגלעך האבען געפייפט מיט די נעזער, זיך געדרעהט אויף די ביינקלעך, און זיך אויסגעשמירט אין טינט. טזשיזש איז אומגעגאנגען פון ווינקעל צו ווינקעל, האט געקוויטשט און זיך גע'כעס'ט. דאס מיידעל איז געזעסען ביים פענסטער, און האט געקוקט מיט איהרע נאיווע, צארטע ליעבע, גרויע אויגען אין הימעל אריין, און עס איז געווען שווער צו זאגען צי האט זי געטראכט וועגען עפעס אדער ניט.

פון הויף זענען שוין אוועקגעפאהרען די לעצטע פוהרען און פון דארטען האט אנגעהויבען ציהען פרישע לופט, פונקט ווי מען וואלט פון הויף געעפענט א טירעלע אין א קיהלען גארטען. אם ענדע האט טזשיזש א קוק געטאן אויף דעם זייגער און געזאגט:

— נו, עס וועט שוין זיין גענוג...

די אינגלעך האבען אויפגעלעבט, פון ערגעץ וואו זענען געפלויגען אויפ'ן טיש שמוציגע העפטען, און אויפ'ן טיש איז גלייך געווארען א גרויסע קאלוזשע טינט, וואו א נארישע פליג האט גלייך איהר לעבען געענדיגט.

דער עלטערער אינגעל איז גלייך ארויסגעשפרונגען דורכ'ן פענס־טער, דער אינגערער האט געוואלט עפעס פרעגען, נאר ער האט בלויז נאריש צועפענט דאס מויל, און האט זיך באשיידען ארויסגעקוקט

פון דער טיר. טזשיזש האט צוזאמען גענומען זיינע ביכער, און גע־נומען דאס אלטע בלויע היטעל, און איז צוגעגאנגען זיך זעגענען מיט דער מיידעל, וועלכע איז נאך אלץ געזעסען פארטראכט ביים פענס־טער.

— צום ווידערזעהן, יעליזאוועטא פעטראוונא, — האט ער גע־זאגט.

דאס מיידעל האט לאנגזאם אויסגעצויגען די האנט, און אויפ־געהויבען אויף איהם א פאר ליכטיגע אויגען. צו זיין גרויסען וואונ־דער האט טזשיזש דערזעהן אין זיי עפעס א מין מאדנעם אויסדרוק; דאס מיידעל, האט ווי עס ווייזט אויך געוואלט עפעס פרעגען, נאר זי האט זיך ניט באשלאסען, זי האט זיך אפילו פארוויטעלט, און דאס האט זי נאך צארטער געמאכט.

— איהר געהט שוין אוועק, — האט זי געפרעגט, אבער ווייט ניט דאס, וואס זי האט געוואלט פרעגען, און האט זיך נאך מעהר פארוויטעלט.

— יא, — האט פארוואונדערט געענטפערט טזשיזש, און איז גלייך אין כעס געווארען.

— איך דארף דאך דא ניט נעכטיגען

איהם האט אפילו אויף קיין טראפען ניט פאראינטערעסירט און ניט גערירט אט די מיידעלשע שעמעוודיגקייט, וואס האט אזוי פלוצ־לונג אנטפלעקט אין אט דער פולער, רוהיגער פרוי, א יונגינקע מיי־דעל, וועלכע טרוימט וועגען עטוואס און איז פון עפעס אויפגערעגט. טזשיזשען האט בלויז פארדראסען וואס מען פארהאלט איהם, איהם האט זיך ביז צום טויט געגלוסט אויף דער פרישער לופט. איהם האט זיך געוואלט כאטש אביסעל אפרוהען פון די לעקציעס וועלכע האבען זיך אנגעהויבען גאנץ פריה און געענדיגט מיט דעם זונען אונ־טערגאנג, ווען פון סטעפ קומט שוין דער אבענט.

— אפשר האט זי זיך איינגעליבט אין מיר? — האט שפאטיש א טראכט געטאן דער קליינינקער סטודענט, און אין איהם איז גע־בארען געווארען א ציניש פארשטעלונג וועגן איהר שטארקען פריי־שען קערפער.

— איך האב געוואלט פרעגן, — האט זיך גענומען היילן דאס מיידעל, אבער זי האט זיך גלייך בארוהיגט און האט אזוי גלייכגילטיג פארענדיגט איהר פראגע:

— זענט איהר באקאנט מיט דעם קינסטלער דזשעניעיעוו?

— איך בין באקאנט, — האט מיט א שלעכטען שפאטישען שמייכעל געענטפערט טזשיזש, און א טראכט געטאן:

אויך זי ציהט אהין, ווי עס גליקט דאס א מענשען. נאר דאס מיידעל האט אזוי ווי ניט באמערקט זיין שלעכטען שמייכעל, האט א פיהר געטאן מיט'ן האנט איבער די האר, און קוקענדיג איהם גלייך אין פנים מיט איהרע ריינע, נאיווע גרויע אויגען, האט זי געזאגט: מען זאגט אז דאס איז עפעס א מין אויסערגעוועהנליך אינטערעסאנטער מענש. אמת?

— קיין באזונדערע מענשען זענען ניטא, און אויב זיי זענען יא דא, איז דאס זיכער ניט דא! — האט בייז געענטפערט טזשיזש.

— נו, און פונדעסטוועגען...

— פונדעסטוועגען איז דאס גאר פשוט... א יונגערמאן פון א שעהנעם אויסזעהן, אין די צייטונגען שרייבט מען אז ער איז א טאלאנטפולער, ער האט שווארצע אויגען, און דערצו איז ער נאך אויך א גרויסער דאן זשואן...

— א, דאן דזשואן? — האט פארטראכט ווידערהאלט דאס מיידעל.

טזשיזש איז מיט אמאל ווילד געווארען.

— פאר קליין שטעטלדיגע מיידלעך, פארשטעהט זיך איז ער א דאן דזשואן! מיט אזעלכע דאן דזשואנ'ען קען מען ביי אונז די וועלט פארפלייצען. זיי זיצען אין יעדער טעלעגראף אפטיילונג... ביי אונז טראגען זיי אויך א מעהר פאסענדען נאמען: הארץ פרעסער הייסען זיי... ניט אזוי שעהן, אבער דערפאר איינדרוקספאל.

— איז דאס אמת, אז א מיידעל האט זיך דערשאסען צוליעב איהם? — האט זי רוהיג געפרעגט.

טזשיזש איז איינגאנצען ווילד געווארען. — עס קען זיין אז צוליעב איהם — וואס וויים איך? עס זענען דא אינטערעסאנטערע זא־

בען, יעליזאַוועטאַ פּעטראָוונאַ, ווי צו זאַמלען שטאָטישע רכילות, פאַר דעם פאַרגעניגען פון די דאַמען, וואָס לאַנגווייליגען זיך! ווייניג נאַראָנים אויף דער וועלט! עס איז גאָר פּשוט, ער האָט איהר, ענטשולדיגט דעם אויסדרוק, געמאַכט אַ קינדעלע, און האָט זיך אָפּגעטראָגען... העלדען, דער טייפעל זאָל זיי נעמען! קיין אַנדער ארבייט האָבען זיי ניט... און איבריגענס, צום טייפעל זאָלען זיי געהן!... צום ווידערזעהן! האָט ער אונערוואַרטעט אָפּגעריסען.

טזשיזש האָט זיך אומיסטען אויסגעדריקט אַזוי גראָב, ער וואָלט זיך אויסגעדריקט נאָך גרעבער, אום צו דערשרעקען און באַליידיגען אַט די געזונטע, פוסטע און פּאַסנע מיידעל, וועלכע וואַרט אויף די פריידען פון ליעבע, און מיט איהר וואָלט זיך איהם וועלען באַליידיגען אַלע פוסטע און פּאַסנע יונגען, וועלכע קענען בלויז אַראָפּפיהרען פון וועג די נאַיווע פּראָווינציעלע מיידלעך. ער האָט ערוואַרטעט אַז זי וועט זיך באַליידיגען, און וועט זיך פאַרשעמען, אָבער זי האָט בלויז קוים־קוים אַ מאַך געטאָן מיט איהרע רונדע פּלייצעס און רוהיג קוקענדיג איהם אין פּנים מיט די פאַרטראַכטע גרויע אויגען געזאָגט:

— איהר האָט איהם ווי עס זעהט אויס ניט ליעב!.. צום ווידערזעהן.

— צום ווידערזעהן, האָט ער אַ ריס געטאָן איהר האַנט און איז אַרויסגעשפּרונגען פון צימער ווי אַ צורייצטער שפּערלינג.

דאָס מיידעל איז נאָך אַביסעל געזעסען ביים פענסטער, און פאַרטראַכט געקוקט אין הימעל, וועלכער האָט שוין געברענט מיט די פאַרבען פון דעם זונען אונטערגאַנג. דערנאָך איז זי אויפגעשטאַנען געמאַכט צוויי טריט און מיט אַמאָל האָט זי ווייט פאַרוואָרפען אונטערן קאָפּ איהרע רונדע מיט ראָזעווע עלענבויגען הענט און האָט זיך אַזוי זיס אויסגעצויגען, איהרע נאַיווע גרויע אויגען האָבען זיך עטוואָס צוגעמאַכט, און אונטער די ווייעס האָט דורכגעשוועבט אַ מאָדנער פאַרשייטער פונק, וועלכער האָט זיך גלייך פאַרלאָשען. דאָס מיידעל האָט אַרונטערגעלאָזען די הענט און איז אַרויס פון צימער.

4.

דער דאקטאר אַרנאלדי איז מיט גרויס מיה אריין אין הויף. זיין גרויסער שווערער קערפּער האָט זיך מיעד געשלעפּט איבער דער ערד, אזוי, ווי ער וואָלט טראָגען אויף די פּלייצעס אַן אונגעהויערע מאַסע, און אין זיינע געבויגענע פּלייצעס, ווי אין שווערען מאַסיווען שאַרבען איז געווען עטוואָס טראַגישעס, וואָס האָט דערצעהלט וועגען אַ פאַרענדיגטען לעבען אין אַ טיעפער ביז צום הארצען דערגאַנגענער מיעדקייט, עס האָט זיך געדוכט, אַז ניט דעם הויף דאַרף ער איבער־געהן, נאָר ווי „דער אייביגער איד“ דאַרף ער לאַנג־לאַנג געהן איבער דעם צוועקלאָזען וועג, און אָהן אויפהער, אָהן אַ ציל, אָהן פרייד און אָהן ליכטיגער רוה.

אויף זיין צופאַהרענעם פעטען פּנים איז ניט געווען קיין אנדער אויסדרוק אויסער גלייכגילטיגקייט, אין וועלכען עס האָט זיך געדוכט אַז עס ניטאָ קיין אָרט פאַר קיין בייזקשאַפט, פאַרלאַנגען אדער טרויער.

דער אַלטער הונט אויפ׳ן קייט וואָס איז געזעסען איינגעבויגען ביי זיין שטיבעל, האָט זיך בלויז אַ קראַץ געטאָן און אַ קלונג געטאָן מיט דער קייט, דערזעהענדיג דעם דאקטאר אַרנאלדי. דער הונט איז גע־וואוינט געווען איהם זעהן דאָ יעדען טאָג, און ווי עס ווייזט אויס האָט ער שוין לאַנג צוגערעכענט אַט די לאַנגזאַמע שווערע פיגור, צו יענע זאַכען וועלכע האָבען ניט קיין שום באַדייטונג אין לעבען.

דאָס הויפעל איז געווען אַ קליינטשיגס, אַ היימליכעס און העל האָט געשיינט אין איהם די ווייטע זון. און אין בלומען הויפעל, האָבען פארבען רייך געבליהט די העלע, מיט ליעבע און מיה געפּלאַנצטע קלאַמבען, אָבער די בלומען פון די קלאַמבען זענען געווען פאַרשטויבט. איבערגעבראָכען, און צוגעדריקט, אזוי ווי אויף זיי וואָלט מען אָנ־געטראָטען מיט אַן אונגעהויער שווערער פוס, וואָס האָט געווענדט איהר שרעקליכען וועג גלייך צו אַט דעם הויז. און ביים סאַמע גאַניק

איז געשטאַנען אַן אַלטער הילצערנער פּאַטער־שטול, און פאַרשטעלט דעם וועג אין הויז. דער שטול איז געווען אָפּגעפאַרבט מיט ביליגער שוואַרצער פאַרב, און איז ארויסגעטראָגען געוואָרען זיך אויסלופטע־רען. אָפּען און ציניש האָט זיך געוואָרפען אין די אויגען זיין קיילעכדי־גער לאַך, פּונקט ווי אַן אונפאַרשעמטע פאַרקרימט־שפּאָטישע גרי־מאַסע. דער דאָקטאָר האָט אַטאָמאַטיש אַ קוק געטאָן אויפ׳ן שטול, אָבער ער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט און זיך גלייך אויפגעהויבען אויפ׳ן גאַניק.

די טיר איז געווען אָפען, און דער דאָקטאָר, וואָס איז געווען גע־וואוינט דערצו, האָט אַליין געעפענט די טיר. אין פאַרצימער, ווי עס איז געווען אונערטרעגליך שטיקענדיג און הייס, האָט קיינער ניט באַגעגענט דעם גאַסט. דער דאָקטאָר האָט אויפגעהאַנגען זיין הוט אויף אַ צוואַק, און אוועקגעשטעלט אין אַ ווינקעל זיין שווערען שטע־קען און איז אוועק ווייטער. דער אַלטינקער נאַיווער גאַסט־צימער האָט איהם ארומגענומען מיט זיין דערשלאָגענעם שווייגען און מיט אַ געדרוך פון שטויב. אומעטום איז געווען שטיל, אַזוי ווי אַלץ וואָלט געווען אויסגעשטאָרבען. נאָר אַ גרויסע שוואַרצע פליג האָט זיך עפּעס אַזוי בייז געדרעהט איבער׳ן רונדען טיש, אַזוי אַז איבער׳ן גאַנצען הויז האָט זיך צוטראָגען איהר דראָהענדער פיינליכער זשומען.

דער דאָקטאָר ארנאַלדי האָט אריינגעקוקט אין צווייטען צימער. דאָרטען איז געווען בלויז איין פענסטער, און ארויסגעגאַנגען איז אָט דער פענסטער ערגעץ צו אַ וואַנט אָדער גאַלערייע, ווייל אין דער דונקעלהייט זענען פאַרטרונקען געוואָרען דער שרייב טיש, די שטולען און די ביכער שראַנקען פול מיט דיקע ביכער. און געדוכט האָט זיך אַז עפּעס מאָדנע אונקלאָרע שאָטענס וויגען זיך שטיל אין די ווינק־לען. אויפ׳ן ראַם פון שטאַרען פענסטער האָט זיך אויסגעטיילט ווי אַ שוואַרצער סילועט אַ גרויער אָפּגעקראַכענער קאָפּ, וואָס איז טיעף גע־ווען אַראָפּגעזונקען אין פאַטער־שטול.

— איוואַן איוואַנאָוויטש! — האָט ניט הויך אַ רוף געטאָן דער דאָקטאָר אַרנאַלדי, שטעהענדיג אויפ׳ן שוועל.

דער קאָפּ האָט זיך קיין ריהר ניט געטאָן. די שיטערע גרויע

הערלעך האבען זיך דורכגעלויכטעו, און טויט האבען געבליסטשעט די בלוילעכע אדערען אויף די דינע ביז די ביינער אויסגעטריקענטע פינגער.

— איוואן איוואנאוויטש! — האט צום צווייטען מאל העכער א רוף געטאן דער דאקטאר.

מיט א מורא'דיגער שטילקייט האט געבלאזען פון אט דער באוועגלאזער מענשליכער קאפ, מיט דער ביינערדיגער פאטיליצע; עטוואס שרעקליכעס, עהנליכעס צום טויט איז געווען אין איהר. נאר דאס איז נאך ניט געווען דער טויט. און ווען דער דאקטאר ארנאלדי האט זיך צוגעקוקט, האט ער דערשפירט סמנים פון לעבען אין איהר.

דער דאקטאר האט זיך אונענטשלאסען אפגעקערוועט, נאר אין דעם שכנישען צימער האבען זיך דערהערט גיכע דריבנע טריט און א קליינינקע פרוי מיט גרויע האר און מיט א ליידענדען געזיכט איז אריין אין גאסט־צימער.

— א, דאס זענט איהר דאקטאר! — האט זי געזאגט, און אריינקומענדיג אין דעם האלב פינסטערען צימער האט זי א מאך געטאן מיט'ן האנט.

— אליך דאס זעלבע? — האט געפרעגט דער דאקטאר ארנאלדי.

די אלטע האט ווידער א מאך געטאן מיט'ן האנט, און אן אונענדליכער אנגסט און מיעדקייט זענען געווען אין אט דער שוואכער האפנונגסלאזער באוועגונג, נאר פונדעסטוועגען איז זי דאך צוגעגאנגען צו דעם פארזונקענעם אין שטול אלטיטשקען און איהם אנגעריהרט ביים פלייצע.

— איוואן איוואנאוויטש! — דער דאקטאר איז געקומען... דער קאפ האט זיך קיין ריהר ניט געטאן.

— דער דאקטאר איז געקומען, איוואן איוואנאוויטש, — האט זי ווידערהאלט.

דער קאפ האט זיך אזוי וואקלענדיג און ציטערענדיג גענומען באוועגען. צום דאקטאר האט זיך אויסגעדרעהט א פארוואקסענע מיט א גרויער בארד ניט געגאלט געזיכט, און שטארע טרערענדע אויגען האבען א קוק געטאן אויף איהם.

— אַ־אַ... — האָט זיך דערטראָגען אַ קוים הערבאַרע צו אַ קרעכץ עהנליכער שטים און דער דאָקטאָר האָט זיך אַזוי ציטערענדיג אַ ריס געטאָן און איילענדיג זיך גענומען אויפהויבען.

— זיצט, זיצט, — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר, נאָר דער גרויסינקער איוואן איוואַנאָוויטש האָט זיך שוין אויפגעהויבען אויף די אָפּגעשוואַכטע זיך ניט איינבויגענדיגע פיס און זיין האַלב טויטער פּנים האָט זיך אויסגעקרימט מיט אַ באַגריסענדען שמייכעל.

אָט דער שמייכעל איז געווען שרעקליך; אין איהם איז געווען אַ האַרצרייסענדער קאַמף פון דער פריהערדיגער עהרליכער איידעלקייט, מיט דער פאַלשמענדיגער הילפלאָזיגקייט און זקנישען בזיון פאַר זיין שוואַכקייט און אַרימקייט.

די אַלטינקע האָט פּאַמעלעך אונטערגעכאַפּט איהם אונטער׳ן אָרעם, און די דינינקע ביינדעלעך, וועלכע זענען אומגעשוואָומען אין דעם אַלטען שוואַרצען סורדוט האָבען ציטערענדיג אַ שפּאַן געטאָן אין גאַסט־צימער. דער קראַנקער האָט זיך אַריינגעזעצט אין פּאַטערשטול, און דער דיקער גרויסער דאָקטאָר האָט זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגען איהם אויף אַ ביינקעל און געקוקט אויף איהם אויפמערקזאַם און ערענסט.

— נו, ווי פיהלט איהר זיך?

איוואן איוואַנאָוויטש האָט ווידער אַזוי שולדיג און באַנג אַ שמייכעל געטאָן.

— ווי־זשע זאָל איך זיך פיהלען? פּאַסקודנע.

— אַפּעטיט האָט איהר?

— יאָ, נישקאָשע, איך עס אַ סך.

— אויך מיר אַפּעטיט — האָט פיינליך אַ מאַך געטאָן מיט׳ן האַנט די אַלטינקע.

— ניין, פאַרוואָס... איך עס... — האָט זיך מיט אַמאָל באַליידיגט דער אַלטיטשקער און זיין שטים האָט אָנגעהויבען ציטערען ווי ביי אַ באַליידיגטען קינד. — אָט האָב איך היינט געגעסען סופּ און אָט די, ווי רופען זיי זיך... נו אָט די... ערשטע בלימעלעך...

דער דאקטאר, האָט א קוק געטאָן אויף דער אַלטער מיט א מינע פון איינעם וואָס פארשטעהט, וואָס מען רעדט צו איהם.

— רויטע וואָלד יאַגאָדעס — האָט זי אונטערגעזאָגט און דער־ביי א שמייכעל געטאָן האַלב פארשעמט און האַלב ליידענדיג.

— נו, יאָ... וואָלד יאַגאָדעס — האָט זיך פאריכט דער אַלטער און האָט לאַנג און פּאַרלאָרען באַוועגט די פינגער, פון זיינע דאַרע הענט, וועלכע זענען געלעגען אויף די קניע, וועלענדיג באַווייזען, אז דאָס האָט ער זיך אזוי צופעליג פארפּלאָנטערט, און גיט צו דעם ניט צו קיין שום באַדייטונג.

דער דאקטאר אַרנאַלדי האָט געשוויגען און דורכדרינגענדיג גע־קוקט אויף איהם, פונקט ווי ער וואָלט געזעהן ווי דאָרטען אינוועניג ווערט צושטערט א חרב'ער מענשליכער אָרגאַניזם, ווי עס געהט איין איהם אָן די סודות'דיגע ארבייט פון טויט, ווי עס ווערט אויסגעלאָ־שען דער מוח, ווי עס ווערען שוואַכער די אויגען און דאָס האַרץ. און דערביי האָט ער זיך דערמאָנט, ווי ער האָט נאָך אַלס סטודענט באַאָבאַכטעט אונטער'ן גלאָז פון א מיקראָסקאָפּ דאָס ווערען פון לע־בעדיגע אָרגאַניזמען אין דעם שטאַרבענדען געוועב. פאַר זיין אויפ־מערקזאַמען און פארוואונדערטען בליק האָט זיך אין קליינעם פעלד פון מיקראָסקאָפּ, באַפּוצטען ביי די עקען מיט א מאָדנעם רעגענבויגען, האָט זיך עפּעס געדרעהט מיט א מורא'דיגער שנעלקייט און האָט אַלץ פאַרגיכערט און פאַרגיכערט די משונה'נע באַוועגונג. דאָס איז גע־ווען א קליין ווערטעלע וואָס האָט זיך געדרעהט ארום זיך אַליין. עס איז געווען אזוי מורא'דיג און עס האָט זיך געגלוסט אָפּשטעלען אָט די שרעקליכע מיקראָסקאָפּישע באַוועגונג. און ווען אם ענדע, האָט זיך א האַלב דורכזיכטיגער ווערעמעל קלוג און פלינק געגומען באַ־וועגען אונטער'ן גלאָז, א לעבעדיג ווערעמעל דאָרטען וואו עס איז נאָר וואָס בלויז דער טויט אַליין געווען, א ווערעמעל, וועלכער איז נאָך אין ערגעץ ניט געווען. איז דעם דאקטאר אַרנאַלדי געוואָרען שרעקליך פריידיג און אומעטיג אין דער זעלבער צייט. ער וואָלט ניט קענען איבערגעבען זיין געפיהל, וואָלט איהם ניט געקענט ערקלערען, ווייל דאָ איז געווען עטוואָס מעהר פון איהם אַליין, דאָ איז געווען

עטוואס אזוינס גענען וועלכען זיין אייגענער לעבען האט מיט אמאל פארלארען זיין גאנצען זין. אין יענעם אבענט איז דער סטודענט ארנאלדי אוועק געגאנגען און האט זיך אנגעטרונקען טויט שיכור.

— נו, עפּעס אינטערעסאנטעס? א... וואס?... — האט מיט־אמאל אנגעהויבען ריידען איוואן איוואנאוויטש, און זיינע טרערענדע שלעכט זעהענדיגע אויגען האבען זיך אויפגעהויבען אויפ'ן דאקטאר מיט א מאדנער אונאטירליכער באוועגונג.

דער דאקטאר ארנאלדי האט פארשטאנען אט דעם ביינקענדען בליק, ער האט פארשטאנען ווי עס האט זיך געוואלט דעם שטאר־בענדען מענשען זיך אנכאפּען כאטש אין וואס ניט איז, אין דער נייגעריגקייט דערהאלטען א פארבינדונג מיט דעם אהן אפהאלט אוועק־געהענדען לעבען.

איהם האט זיך געוואלט ענטפערען ווי מעגליך נאטירליכער און פשוט'ער, פארפיהרען א געוועהנליכען געשפּרעך אום כדי דער אלטער זאל ניט באמערקען אז מען באציהט זיך צו איהם שוין ניט מעהר ווי צו א פארניפטיגען געזונטען מענשען, נאר די ווערטער זענען ניט געגאנגען פון צונג און די שטים האט געקלונגען אנגעשטרענגט און פאלש. ער איז ניט געווען זיכער אז דער אלטער וועט פארשטעהן, און צו דער זעלבער צייט איז עפּעס שרעקליך ניט צו ענטפערען דעם אלטען פּראפעסאר, וועמענס נאמען עס איז ניט פארבליבען אהן א שפּור, וועמעס ביכער עס האבען אמאל געלערענט צו פארשטעהן דאס לעבען אויך דעם דאקטאר ארנאלדי אליין.

— גארניט? האט ווידערהאלט איוואן איוואנאוויטש און האט זיך פארטראכט ווי מיט אהן צוטרויען.

דאקטאר ארנאלדי האט אויפמערקזאם געקוקט און געווארט, נאר איוואן איוואנאוויטש האט זיך אונרוהיג און צורייצט א דרעה געטאן.

— וואס ווילסטו איוואן איוואנאוויטש? — האט געפרעגט די אלטינקע, וועלכע האט ניט אראפּגעלאזען פון איהם איהרע איבערגע־בענע אנגסטליכע אויגען.

— נו, וואס, וועלען מיר מיט'ן דאקטאר... עסען אט די ווי הייסען זיי... פער... טרעל... דער אלטיטשקער האט זיך שטארק אנגע־

שטרענגט, אום זיך צו דערמאנען. און האט אזוי שולדיג און באנג געקוקט אויפ'ן דאקטאר און אונענטשלאסען פארענדיגט: — פיסלער דאכט זיך?...

עס איז לייכט געווען צו זעהן, מיט וואס פאר א טיעפען פיין און וועהטאגדיגער אונפארשטענדניש איז פול זיין אלטער שטארבענדער וועזען, וועלכער שטרענגט אן אלע כוחות אום צו באהערשען דעם גליווערענדען מוח און אזוי שווער, ביטער און לעבערליך איז געווען צו קוקען אויף איהם. איבער'ן דיקען געזיכט פון דאקטאר איז דורכגעלאפען א קרענקליכער ציטער.

— רויטע וואלד יאגאדעס, — האט ווידער אמאל אונטערגעזאגט די אלטיטשקע.

— יא... אט... — און אויפהויבענדיג די אויגען אויפ'ן דאקטאר האט איוואן איוואנאוויטש געזאגט מיט אן אונבאשרייבליכען אויסדרוק פון אנגסט און געבעט:

— אט זעהט איהר שוין, וואס פאר א זכרון איך האב באקומען.

— וואס פאר א זכרון! — האט ווי מיט פארדרוס באמערקט די אלטיטשקע, — דו ביזט פשוט קראנק, האסט היץ, איז דיין זכרון שוואכער געווארען. אט ווען דו וועסט זיך פארבעסערען...

— יא, גאט מיינער! — האט צורייצט אויסגעשריען דער אלטיטשקער. — וואס רעדט איהר דארטען, — געזונט ווערען... איך בין דאך ניט קיין קינד!

ער האט צוגעגעבען מיט פיין, זיך ווענדענדיג צום דאקטאר:

— איך האב ניט געדענקט אז דערלעבען צו אזא מין צושטאנד.

עס האט געפאלגט א לאנגע שמערצליכע פאוזע. אין דער שטילקייט, האט זיך ווידער געלאזט הערען דאס דראהענדע זשומען פון דער שווארצער פליג איבער'ן טיש. איוואן איוואנאוויטש איז געזעסען אונטערשפארענדיג זיין אפגעקראכענעם קאפ מיט'ן האנט און געפיהלט, ווי מורא'דיג שווער עס דרעהט זיך אין אט דער שטארבענדער קאפ, דער שוואכער און ארימער מענשליכער געדאנק. ווי א שימערענדער פייערל וואס איז גרייט אויסגעלאשען ווערען אין דער אייביגער פינסטערניש. דער דאקטאר ארנאלדי האט שווייגענדיג געקוקט

אויף איהם, אזוי ווי ער וואלט זיך באמיהעז נאכצופאלגען נאך אט דעם געדאנק ביז'ן סוף אום כאטש איין מאל פארשטעהן, וואס־זשע פיהלט טאקע א מענש, וועלכער ווייסט אויף זיכער, אז ער שטארבט מיט יעדער מינוט.

די אלטינקע איז אויפגעשטאנען און האט שטיל גערופען נאך זיך דעם דאקטאר. זיי זענען שטיל אריין אין א צווייטען צימער און זיך אוועקגעזעצט דארטען. דער שטארבענדער איז געבליבען אליין.

— עס איז שוין דער פערטער מאנאט ווי עס האלט אן אזוי! — האט אנגעהויבען די אלטינקע מיט אן אומעטיגען און האפנונגסלאזען קול, — וואס־זשע איז דאס אזוינס דאקטאר!

דער דאקטאר ארנאלדי האט שוואך געדריקט מיט די פלייצעס.

— נו, וואס... א מענשליכער לעבען האט זיין ענד... האט ער ערענסט און מיעד זיך אפגערופען.

— נו, יא, איך פארשטעה... אבער פארוואס זאל דאס זיין פונקט אזוי? נו, וואלט א מענש אנטשלאפען געווארען, און זיך שוין מעהר ניט אויפגעכאפט. אבער דא מאטערט ער זיך אזוי שרעקליך!... ער פארשטעהט גוט זיין לאגע, ער רעדט בלויז ניט... איהר פארשטעהט דאך דאקטאר, אז עס איז שרעקליך, ווען עס שטארבט א געליעבטער און נאהענטער מענש... מיר האבען דאך אפגעלעבט צוזאמען 42 יאהר נאר איך וואלט אלץ איבערגעטראגען... אבער דאס גרויליכסטע איז דאס גוס'ענען... איך קען דאס ניט ערקלערען, אבער איהר פארשטעהר דאך ס'ארא מין באליידיגונג דאס איז צו זעהען, ווי א געליעבטייר נאהענטער מענש פארוואנדעלט זיך אין... איהר שטעלט זיך פאר: ביי איהם איז געווארען א מאניע ארומפארען איבער די קלייטען, און אנקויפען פארשידענע זאכען... ווען איהר זאלט זעהן אט די שמייכעלאך פון די פריקאזטשיקעס, די מיטפיהלענדע בליקען פון באקאנטע... גאטיניו! ווי מאדנע עס איז מיר איצט זיך צו דערמאנען אז איך האב מיטלייד געהאט מיט יענע, וועלכע שטארבען יונג, און איך האב גאט געבעטען, אז מיין מאן זאל דערלעבען ביז דער טיפער עלטער... ס'ארמינע נארישע אונזיניגע תפלות דאס זענען געווען!.. פארשטעהט איהר, מיר איז מאדנע דאס צו דערמאנען. קענט איהר

באגרייפען וואס פאר א מין גרויל דאס איז... ניין, אַ, ניין! איך קען דאס ניט אויסדריקען!...

— איך פארשטעה! — האט שטיל געענטפערט דער דאקטאר.

די אלטינקע האט לאנג געקוקט פאר זיך מיט פארגליווערטע אויגען, און האט שטארק כמעט קאנוואלסיוו צוזאמענגעדריקט איהרע צוקנייטשטע הענט.

— גאט מיינער און ווער דארף האבען אט די ליידען! — האט זי שטיל פאר זיך ארויסגערעדט.

— איך וויים ניט... — האט זיך שטיל אויטאמאטיש, ווי א ווידער קול, אפגערופען דער דאקטאר ארנאלדי.

אין דער שטילקייט, וואס איז געקומען נאכ'ן דאקטאר'ס ווערטער, האט זיך ווי דערהערט א מעכטיגער פאכען פון אימיצענס געהיימנים־פולע פליגעל.

דערנאך האט די אלטינקע, ווידער אנגעהויבען מיט א שוואכער שטים, וועלכע האט דערמאנט דעם ציטערען פון א פליג, וואס האט זיך פארפלאנטערט אין א שפינוועב.

— איך בין מיער דאקטאר!... און קיינער קען דאס ניט פארשטעהן. אבער איך בין דאך אויך ניט מעהר ווי א מענש... און אויך מיינע כוחות האבען א גרענעץ!..

זי האט זיך באקלאגט דערויף, אז קיינער איז ניט אימשטאנד צו פארשטעהן דעם גאנצען גרויל פון איהרע ליידען, די ליידען פון א פרוי וועלכע מוז אהן א שיין פון א האפנונג, פון טאג אויף טאג, לעבען מיט א האלבען מת, צוזעהן ווי עס פארוואנדעלט זיך אין גאר־ניט, דער, ווער עס האט אנגעפיהלט איהר גאנצען לעבען, אלס א העבערעס ווע זען, דער איין־און־איינציגער פאר איהר און דער גאנ־צער וועלט. דאס איז געווען א מאטערניש, וועלכע די מענשליכע גרויזאמקייט האט נאך ניט אויסגעטראכט; דאס איז דיזעלבע זאך ווי מען וואלט גענומען און אריינלייגען א לעבעדיגען אין טרונע צו־זאמען מיט'ן מת און איהם איבערלאזען דארטען אויף שטענדיג, כדי ער זאל זעהן, ווי עס צופאלט זיך דער קערפער, ווי ער קריכען אום איבער איהם די פעטע ווערים ווי עס רינט וואסער, און ווי עס ענט־

בלויזט זיך דער שאַרבען און שמייכעלט אין דער פינסטער פון קבר. און קיינע ווערטער זענען ניט געווען אימשטאַנד אויסצודריקען דעם שרעק אַזוי, אַז אַנדערע זאָלען זי קענען פאַרשטעהן און רחמנות האָבען אויף איהר.

איהר טרויער איז געווען טיעף און אויפריכטיג, און מאָדנע, דעם דאָקטאָר אַרנאָלדי האָט זיך געדאַכט, אַז עפּעס דערערט זי ניט. ווייל אַז מען פלעגט איהר אויסדריקען מיטלייד, פלעגט זי זיך פּונקט אַזוי אויפרעגען און בייז ווערען, ווי דאַן ווען מען פלעגט זיך גלייכגילטיג אָפּקערען פון איהרע אייביגע נוצלאָזע קלאָגען. עפּעס האָט זי באַדאַרפט, עפּעס אַזוינס אין וואָס זי אַליין האָט ניט געוואָלט מודה זיין.

און די וויכטיגסטע צרה איז געווען דעריין, וואָס ווי שטאַרק וועה עס האָט איהר ניט געטאָן דער שטאַרבענדער, און ווי שטאַרק איהר האַרץ האָט זיך ניט אָפּגעגאָסען מיט בלוט פון דעם געדאַנק וועגען זיין נאָהענטען טויט, האָבען דאָך דער אויסגעמאַטערטער קערפּער, און אויסגעוועהטאָגטער גייסט געשטרעבט און פאַרלאַנגט רוה, און ניט ווילענדיג, געהיים פון איהר אַליין האָבען איהר נשמה מיט׳ן גוף, געפאָדערט אַז ער זאָל גיכער שטאַרבען, און איהר געבען אַ געלעגענהייט זיך אָפּרוהען. זי האָט מורא געהאַט פאַר אַט דעם געפיהל, און דאַרום האָט זי זיך געאיילט צו פאַרזיכערען סיי זיך, סיי אַנדערע, אַז דאָס קען ניט זיין, און איהר טוט פּשוט וועה, וואָס מען האָט זי איבערגעלאָזען איינע אַליין מיט׳ן קראַנקען.

— דאָס וויכטיגסטע דאָקטאָר איז דאָס, וואָס עס איז ניטאָ קיין אויסוועג... ניטאָ קיין אויסוועג.

— אַן אויסוועג איז אימער דאָ, — האָט מיעד געזאָגט דער דאָקטאָר.

— דאָס איינציגע גוטע אויף דער וועלט ליגט בלויז אין דעם, וואָס אַלעם האָט אַן אַנדע.. פריהער אָדער שפּעטער.

די אַלטינקע האָט מיט פּחד אַ קוק געטאָן אויף זיין גלייכגילטיגען פאַרגאַסענעם פּנים, ווי ביי אַן אַלטען אַקטיאָר.

— נו, יאָ... איך וויים... — האָט זי זיך געאיילט צו ענטפערען

כדי ער זאָל ניט ארויסזאָגן דאָס שרעקליכע וואָרט. — אלעם וועט זיך ענדיגן... אבער נאָך וואָס די ליידן?

— איך ווייס ניט... האָט קורץ ווידערהאָלט דער דאָקטאָר.

— וואָרים דאָס, וואָס מיר וועלן איבערליידן...

פון זאָל האָט זיך דערהערט א שוואכער און קורצער קלאַנג, פּונקט ווי א פּרוזשינע וואָלט געפּלאַצט.

— ער רופט! — האָט מיט א מין מאָדנע פאָרוואורף געזאָגט די אַלטינקע.

— פּאַלינא גריגאָריעוונא! — האָט גערופן דער קראַנקער.

זיי האָבן זיך אויפגעהויבן און זענען אריין אין זאָל.

דער אַלטיטשקער פּראָפעסאָר איז געזעסן גלייך, ער האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט די דאַרע פינגער, וואָס זענען מאַכטלאָז געהאַנגען פון די ברייטע אַרבעל פון סורדוט, פאַר די הענטלעך פון פאָטער־שטול. ער האָט געקוקט אויף זיי ווי א באַליידיגטער, מיט א דערשראָקענעם און פאַרדעכטיגן בליק.

— נו, וואָס, איהר האָט זיך שוין גענוג אָנגערעדט? — האָט ער געפרעגט מיט א קינדערשען כעס.

— אַ, וועגן וואָס האָב איך דען גערעדט? — אזוי זיך, וועגן נאַרישקייטען, איוואַן איוואַנאָוויטש... האָט זי געענטפערט אזוי צאַרט, ווי א שולדיגע.

איוואַן איוואַנאָוויטש האָט געקוקט אויף איהר מיט פאַרדאַכט, און געקייט מיט'ן איינגעפאַלענעם מויל. איהם האָט זיך געדוכט, אז אַלע לאַכען פון איהם, ווי פון איינעם וואָס איז אן עבר בטל און אין אַלע ווינקעלעך שמועסט מען וועגן דעם צו ער וועט גיך שטאַרבען. און נאָך שרעקליכערע זאַכען האָבן זיך איהם אויסגעוויזען, אבער דער אָפּגעשוואַכטער מוח האָט דאָס ניט געקענט באַנעמען און האָט געליטען צוליעב דעם, מיט מאַכטלאָזע, איינזאַמע ליידען.

— דאָ איז אימיצער געווען, — האָט ער אומרוהיג ארויסגערעדט.

— ווער־זשע איז דאָ געווען? דער דאָקטאָר איז געווען...

— דאָקטאָר? אַ, דאָס זענט איהר דאָקטאָר... און איך האָב ניט

דערקענט. זאָגט מיר, דאָקטאָר, איהר זענט געווען נעכטען אויף דער פאַרזאַמלונג פון אונזער געזעלשאַפט? ס'אַרא נאַראָנים! זיי טענה'ען אַלץ וועגען אונשטערבליכקייט... פונקט ווי איך בעט זיי! וואָס דענקט איהר?

— אַ, וועגען וואָס רעדסטו איוואַן איוואַנאָוויטש? — האָט מיט טרויער געפרעגט די אַלטיטשקע.

אָבער דער אַלטיטשקער האָט זי ניט געהערט, און פאַרגעזעצט צו קוקען אויפ'ן דאָקטאָר, מיט אַן אויפגערעגטען און אַזוי ווי מיט אַ באַוואוסטזיניגען בליק. אַ שוואַרצער נעבעל האָט זיך נידריג אַראָפּגע־לאָזען אויף זיין מוח. אין קאָפּ ביי איהם האָט זיך ציטערענדיג גע־פלאַנטערט דאָס לאַנג פאַרגאַנגענע מיט דעם געגענוואַרטיגען, און אין מוח האָט זיך פאַרלאָרען געצאַפּעלט דער אָפּגעשוואַכטער געדאַנק, פונקט ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער פויגעל אין ים, וועלכער אַט פאַלט ער נידעריג און אַט הויבט ער זיך אויף אין נעבעל.

— אויב זיי ווילען, וועל איך אַרויסגעהן אין גאַס אַט אַזוי ווי איך בין, און זאָלען זיי אַלע קוקען... ווי געפעלט איך אייך עפּעס? אַ?... דאָס איז גוט, דאָקטאָר?

— יאָ, דאָס איז זעהר גוט, — האָט רוהיג צוגעשטימט דער דאָקטאָר אַרנאַלדי.

דער אויסדרוק פון זיין פּנים איז געווען אינגאַנצען אַ גלייכ־גילטיגער, און צוליעב דעם האָט נאָך גרוליכער געקלונגען די ניט־ווילענדיגע איראָניע פון זיינע ווערטער.

— אַזוי איז גוט? — האָט ווידערהאָלט דער אַלטינקער און האָט זיך טריאומפירענד צולאַכט. ער האָט אונטערגעוואונקען דעם דאָקטאָר, פונקט ווי אַרנאַלדי וואָלט געהאַט דיזעלבע מיינונג, און וואָס ער נאָר פאַרשטעהט ס'אַרא מין כיטרע זאַך ער האָט צוגעטראַכט.

— יאָ, גוט.

דאָקטאָר אַרנאַלדי האָט מיט גרויס מיה קוים פאַרשטאַנען אַט דעם צומישטען קאָשמאַר, וועלכער האָט דוכטזיך אויסגעזעהען אינ־גאַנצען זינלאָז אָבער אין דער ווירקליכקייט איז ער פול געווען מיט אַ טיפען שרעקליכען זין.

ער האָט געקוקט אויף די חורבות פון אַ געוועזענעם קלוגען עמפּ־פינדליכען און דענקענדען מענשען, וועלכער האָט שטאָלצירט מיט זיין דענקען, און געזעהען ווי אין אָט דעם מענשען, איז מאַכטלאָז אויס־געלאָשען געוואָרען דער לעצטער פונק פון גייסט. דער דאָקטאָר האָט איצט געפיהלט, ווי קלעגליך איז דער טרוים וועגען דער מענשליכער אונשטערבליכקייט.

און די געדאַנקען וועגען גאָט, יענער וועלט און אַ וועלט־נשמה האָבען זיך דורכגעטראָגען פאַר איהם, ווי אַ לעבערליך בילד, געמאָלען פון אַ זעלבסט געקרוינטען מאָלער, אויף אַ פאָרהאַנג, אונטער וועל־כען עס געפינט זיך אַ שוואַרצער טהום. אָט די אַלע זאַכען זענען ניט מעהר ווי אַביסעלע אַש; זיי זענען ניט מעהר ווי אַ ליכט וואָס האַלט אין דערברענען, און שוין.

מען האָט געקענט רעדען און דיסקוטירען די פראַגע וועגען רע־ליגיאָן, גלויבען און אונשטערבליכקייט, אַזוי לאַנג ביז וואַנען עס האָט געאַרבייט דער מח, און דער גוף האָט געלעבט מיט זיין פולען לעבען. אָבער איצט, אין דער מינוט, ווען אַזוי אָפען אויף אַלעמענס אויגען האָט זיך אַ מענש פאַרוואַנדעלט אין אַ מאָדנער שטאַרבענדער באַ־שעפעניש, אין אַ מין אידיאָט, אָדער גאַר אין אַ בינטעל געדערים מיט דינינקע ביינדעלעך, זענען אָט די אַלע געדאַנקען געווען קאָמיש און אומגעלומפּערט נאַריש, ווי די ווייבערשע מעשיות וועגען רוחות און הויז גייסטער.

דער אַלטינקער, האָט אַראָפּגעלאָזען זיין שוואַכען קאָפּ אויף די הענט, האָט פאַרמאַכט די אויגען און האָט זיך פאַרטראַכט.

דער דאָקטאָר אַרנאַלדי האָט שוין געטראַכט אוועקצוגעהן, ווען איוואַן איוואַנאָוויטש האָט מיט אַמאָל אויפגעהויבען דעם קאָפּ און קוקענדיג גלייך און באַוואוסטזיניג געזאָגט:

— אַך, ווי נעהמט מען כאַטש איין ביסעלע כוח! נו, אַ קליין ביסעלע כוח, כאָטש אויף אַ וואָך... אום פריי אָפּרוהען... אום צו דער־מאָנען זיך אין אַלעס, כדי די הענט זאָלען ניט ציטערען און די פיס

זאַלען אומגעהן... וואָלט איך... ארויסגעגאַנגען פאַר'ן טויער און וואָלט געזעסען אביסעל אויפ'ן באַנק!...

דער דאָקטאָר האָט ניט ווילענדיג אַ שמייכעל געטאָן, אַזוי אונער־וואַרטעט איז געקומען אָט דער באַשיידענער פאַרלאַנג פון דעם גוסס'ען. דערביי האָט ער געטראַכט, ווי שמאָל און קליין עס מוז ווערען דאָס לעבען, כדי דער פאַרלאַנג ארויסגעהן פאַר'ן טויער און זיצען דאָרט אביסעל אויף אַ באַנק, זאָל זיך פאַרוואַנדלען אין טרוים, וועלכען עס איז שווער צו דערגרייכען.

און לויט אַ מאָדנער אידעען פאַרבינדונג, האָט זיך פאַרגעשטעלט דעם דאָקטאָר, אַז ווען נאַפּאָליאָן זאָל קענען עפּעס פאַרלאַנגען אין זיין פאַנטעאָן, וואָלט ער געטרוימט, געוויינט און געבעטען בלויז דער־פון, אַז ער זאָל כאָטש קענען אַ ריהר טאָן מיט איין פינגער פון זיינע, אויף אייביג צונויפגעלייגטע אויפ'ן ברוסט, טויטע הענט.

און עס איז ווידער דורכגעלאָפען אַ ציטער איבער'ן פאַרגאַסענעם געזיכט פון אַלטען דאָקטאָר.

די אַלטינקע האָט געקוקט, אין האָט זיך באַמיהט ניט צו פינט־לען מיט די אויגען, וועלכע זענען געווען פול מיט טרערען. פון איהרע אויגען איז גלייך פאַרשוואונדען דער געהיימער געדאַנק, וועגען אַ שנעלער רוה, און זיי האָבען געלויכטען בלויז מיט אַן אונענדליכען און רירענדען רחמנות.

— נו וואָס, פּאָלינאַ גריגאָריעוונאַ, קיין נייעס איז ניטאָ, — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר און האָט זיך אויפגעהויבען. — זעצט פאַר דעם ספּערעמין און אויב עס וועט זיך ווייזען היץ, גיט איהם אַספּע־רין... דאָס אַלעס.

ער האָט זיך שוין געוואָלט געזעגענען מיט'ן אַלטען פּראָפעסאָר, נאָר דער אַלטיטשקער האָט איינגעבויגען זיין הייסען ציטערענדען קאָפּ אויף די ביינדלעך פון די טויטע הענט און האָט פאַרמאַכט די אויגען. דערביי האָט זיך דעם דאָקטאָר אויסגעוויזען, אַז פון אונטער די אראָפּ־געלאָזענע לעדלעך פון דעם קראַנקענס אויגען שיינט אַ קלעגליכע און פּייניכע טרער.

פּאָלינאַ גריגאָריעוונאַ האָט באַגלייט דעם דאָקטאָר, און ווען ער האָט גענומען זיין הוט און שטעקעל, האָט זי ווידער געערדט דערפון אַז זי איז מיעד, אַז זי האָט קיין כוח ניט, און אַז עס ווילט זיך איהר איינגראָבען דעם קאָפּ אין דער ערד אום קיין זאַך ניט זעהען, ניט הערען און ניט פיהלען, און ביידע האָבען פאַרשטאַנען אַז אַלע ווער־טער זענען נוצלאָז. אַלע ווערטער וואָס מען קען ארויסרעדען אין אַ מענשליכער שפּראַך.

אין דער צייט איז ענטשלאָסען און שרייענד אריין אין קאָרידאָר אַ פאַרפוצטע, פולע, און ווי עס ווייזט אויס אַ שוואַנגערע דאַמע, נאָך איהר אַ אויסגעפוצטער אַפיצער מיט רויטע וואָנצען.

— וואָס טענ'עט איהר אַלץ מאַמע! — האָט קלינגענד און בייז געזאָגט די דאַמע, און נאָכלעסיג דערביי זיך געגריסט מיט'ן דאָקטאָר אַרנאַלדי. — וואָס איז דאָ דערפון צו ריידען? דאָס איז אייער חוב. עס איז שווער? וואָס־זשע קען מען טאָן!

די אַלטינקע האָט זיך אַזוי ווי דערשראָקען. די ליידען האָבען זי דערשלאָגען.

— איך ווייס, לידאָטשקאָ, אַז דאָס איז אַ חוב, און פונדעסטוועגען איז דאָך שווער.

די דאַמע האָט ענטשלאָסען און נאָכלעסיג צופיהרט מיט די הענט. די לייכטע שפּיצען פון איהר קלייד, וואָס איז אומיסטען גע־מאַכט געוואָרען ברייט, כדי צו באַהאַלטען אין איהם די שוואַנגער־שאַפט, האָט אָנגעפילט דעם צימער מיט אַ רוח פון פאַרפיום און מיט דעם רייץ פון אַ יונגער, געזונטער פרוי. דער דאָקטאָר האָט ניט ווי־לענדיג אַ קוק געטאָן אויף איהר גרויסען קיילעכדיגען בויך, וועלכער האָט זיך אַזוי אונפאַרשעמט געוואָרפען אין די אויגען, און ניט גע־טראַכט, נאָר גיכער דערפילט אַ פיינליכע אונפאַרשטענדעניס, און בזיון דערפאַר וואָס מענשען קענען פאַרבינדען, אויסטראָגען און געבוי־רען אַ נייעם מענשליכען לעבען, נייע ליידען, ניט קוקענדיג דאַרויף, וואָס אויף זייערע אויגען קומט פאָר אַט דער שרעקליכער סוף, וועלכער ערוואַרטעט דאָך יעדען איינעם; און נאָך שטאָלצירען דערמיט, פונקט

ווי זיי וואָלטען ערפילט עפּעס א מין גרויסע מיסיע. עטוואָס חוצפה'־דיגעס איז געווען אין איהר העלען קלייד מיט אַנדייטונגען אויף ענט־בלויזקייט, אין איהר שטאַרקען רונדען בויך, אין דער נאָהענטקייט פון א געזונטען מאַן, וואָס האָט איהר אַזוי איינגעשפּאַרט נאָכגעפאָלגט.

— אַבער זיי באַגעהען דאָך א שרעקליכען פאַרברעכען! — איז מיט אַמאָל איינגעפאַלען דעם דאָקטאָר, אַבער ער האָט ניט דער־טראַכט ביז'ן סוף אָט דעם צופעליגען געדאַנק.

— נאָך וואָס, האָט איהר ארויסגעשטעלט ביים טיר אָט די מיאוס'קייט? — האָט האַלב לאַכענדיג און קנייטשענדיג זיך, צי פון פאַרדרוס, צי קאָקעטיש א זאָג געטאָן די טראָגענדיגע פרוי — וואָס עס זאָל דאַרטען ניט זיין, אַבער זיך אַפּלאָזען ביז אַזא מדרגה...

— א, וואָס? — האָט דערשראָקען געפרעגט די אַלטיטשקע. זי האָט, ווי עס ווייזט אויס פאַרגעסען אַז דעם שטול, און ניט גלייך פאַרשטאַנען.

— אָך, דערצו איז מיר דען איצט? — האָט זי געזאָגט.

דאָקטאָר אַרנאָלדי האָט מיט א שווערען בליק באַגלייט די פּאַר־פּוצטע, טראָגעדיגע פרוי און איז ארויף אויף דעם גאַניק. שוין פון הויף האָט ער דערהערט א קלינגענדע און שוין אביסעל צו פרייע שטים:

נו, וואָס מאַכט איהר, פּאַפּאַ! ווי פיהלט איהר זיך? און דער דאָקטאָר האָט א טראַכט געטאָן, מיט א פּלוצלינגען געפיהל פון פּיין און עקעל:

— אַבער, מיר אַלע וועלען דאָך אויך שטאַרבען!

די זון האָט העל געשיינט, אין גאָרטען האָבען געצוויטשערט די שפּערלינגען; ווייט איבער די דעכער און בוימער, האָט אָפּגעשיינט מיט גאָלד באַדעקטער שפּיץ פון קלויסטער, און עס האָט זיך גע־מערקט, ווי ביי די אַלטע קאַרניזען בלאַנקען די זילבערנע טויבען.

דעם דאָקטאָר האָט זיך ווידער געוואָרפען אין די אויגען דער שוואַרצער מגושמ'דיגער פלעק ביים סאַמע גאַניק. פון איהם האָט זיך געטראָגען א שווערער רוח און מיאוס און שפּאָטיש האָט פון איהם געבלאָזען דער אָטעם פון טויט.

דאָ איז אַלעס געווען צו ענדע, דאָס לעבען האָט אראָפּגעוואָרפען

אַלע חנ׳דלעך און האָט זיך חוצפּה׳דיג אויסגעקערט אויף דער לינקער זייט; דאָס וואָס האָט זיך אימער שעמעוודיג באַהאַלטען אין די ווינקלעך, האָט זיך מיט אַמאָל טריאומפירענדיג ארויסגערוקט פאַראויס און האָט ווי מיט רעכט פאַרנומען דעם אויבען אָן, און האָט אונטערדריקט און פאַרשטעלט די דופּטענדע בלומען.

דער דאָקטאָר אַרנאַלדי האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט אויטאָמאַטיש אַ מאַך געטאָן מיט׳ן שטעקעל, זיך אָנגעריהרט דערמיט אָן דער הילצערנער פאַרזעהעניש. דער שטעקעל איז אָפּגעשפּרונגען מיט אַ טעמפּען קלאַנג. די קיילעכדיגע לאָך, וואָס האָט אַזוי געשטונקען האָט שפּאָטיש געקוקט אין הימעל אריין.

דער דאָקטאָר אַרנאַלדי האָט אַראָפּגעלאָזען דעם שטעקען; זיך איינגעבויגען און איז לאַנגזאַם אוועק פון דאָרטען.

5.

דער נעקסטער באַזוך איז געווען אין דער צווייטער גאָס. דער דאָקטאָר איז אַהין צוגעגאַנגען צו פוס. דאָס רויטע פערדעל, וואָס האָט איהם אומגעפיהרט צו די קראַנקע האָט פאַמעלעך טראָט ביי טראָט איהם נאָכגעפאָלגט איבער׳ן גאָס.

דעם דאָקטאָר׳ס פוהרמאַן ניקיטאַ, מיט די העלע, כמעט ווייסע האָר, איז זיך געזעסען אויף דער קעליע און געוואַרט אויפ׳ן דאָקטאָר מיט דער זעלבער מינע, מיט וועלכע ער האָט איהם געפיהרט אין קלוב און איז געפאָהרען צום ברונען נאָך וואסער.

די היץ איז נאָך אַלץ געווען אַ ברענענדיגע און די גאַסען האָבען נאָך אַלץ געדרימעלט אונטער דער זון. ווי פריהער זענען נאָך אויך איצט אַלע לאָדען געווען פאַרמאַכט און די הייזער האָבען אויסגעזעהען ווי זיי וואָלטען געווען ניט באַוואוינט, פונקט ווי אויסגעשטאָרבענע. עס איז געווען מאָדנע אַפילו צו טראַכטען אַז אונטער יעדער וואַנט באַוועגט זיך, און אַז מענשען קענען דאָרטען לאַכען, וויינען און

קושען זיך. ווען מען וואָלט מיט אמאָל אַראָפּגענומען אַלע דעכער פון די הייזער און אַריינגעקוקט אהין פון אויבען, וואָלט אַ דערשראָ־קען אויג געזעהען, ווי משונה'דיג עס דרעהט זיך אַ נעסט פון מוראַשקעס, וואָס ווייסט ניט פון רוה אויף קיין איין מינוט. אין אַלע ווינקעלעך, אין יעדער שפּאַרינע רוהען לעבעדיגע ווזענס, אונגליקליכע ליידענדע וואָס געבאָרען אין אַנגסט זייערע קינדער, כדי יענע זאָלען זיך פּלאָ־גען מיט די זעלבע ליידען און זאָלען רופען אין פּיין דעם דאָקטאָר אַרנאַלדי, אַט פּונקט ווי ער וואָלט געווען אימשטאַנד זיי אויסצולייזען פון דעם אונפּאַרמיידליכען.

און וויפיעל פון זיי, וועלכע זענען מיט אונגעהויערע מיה אָפּ־געראַטעוועט געוואָרען פון טויט היינט, זענען געשטאָרבען אויף מאָר־גען און האָבען בלויז אַן איבעריגען מאָל איבערגעלעבט די זעלבע ליידען און דעם זעלבען גרויל פון טויט. דאָקטאָר אַרנאַלדי האָט קלאָר געזעהן, ווי אונזיניג און וואָס פאַר אַ קליינעם ווערט עס האָט זיין שווערע אַרבייט, און האָט זיך שוין פון לאַנג צוגעוואוינט צו טאָן זיין אַרבייט אָהן באַזונדערער אויפרעגונג. דאָקטאָר אַרנאַלדי איז געווען גלייך רוהיג, סיי עס האָט זיך איהם איינגעגעבען צו העלפען דעם חולה, סיי דער קראַנקער איז אויסגעגאַנגען אויף זיינע הענט; אַזוי צי אַזוי פלעגט ער גלייך אַוועקגעהן צו אַן אַנדער קראַנקען, ווי אַ זייגער מאַכער, וועלכער באַטראַכט איין זייגער און נעהמט זיך גלייך רוהיג צו אַ צווייטען מעכאַניזם. בלויז דער קאָפּ זיינער איז מיט יעדען טאָג געוואָרען שווערער און דאָס געזיכט מיעדער. זיך שטיקענדיג מעהר דערפון וואָס ער איז געווען צו דיק, ווי פון דער היץ, איז ער אריין אין קליין הויפעל, וואָס האָט געשמעקט מיט פעל, און פון דאָרט אין הויז, וואו מען האָט געוואָרט אויף איהם ווי אויף משיח'ן.

אַ פרוי, נאָך ניט קיין אַלטע, מיט אַ דערשראָקענעם געזיכט וואָס איז געווען ווי אויסגעטריקענט פון אייביגע זאָרגען, האָט באַגעג־נענט דעם דאָקטאָר מיט אַ פאַרצווייפעלטען בליק. לויט אַט דעם באַקאַנטען אויסדרוק האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דעם קינד איז ערגער. איבריגענס, האָט ער קיין אַנדער זאַך ניט ערוואַרטער: אין שטאָט האָט געהערשט אַן עפּידעמיע; דער טויט איז שטיל אומגעגאַנגען פון הויז צו הויז און האָט אַוועקגעריבט אַלץ מעהר קרבנות צווישען דעם

קליינוואַרג. קליינינקע מענשען, וואָס האָבען נאָך גאָר ניט געוואוסט פון לעבען זענען דערשטיקט און פראַגליווערט געוואָרען, און אין די צעהנדליגער האָט מען זיי אוועקגעטראָגען אונטער׳ן שטאָט און באַגראָבען אין זאַמד. אויף די קליינע קברים האָט מען איינגעפלאַנצט בוימלעך, וועלכע האָבען שעהן געבליהט און געוואָרען גרינער פון יאָהר צו יאָהר.

— נו, וואָס הערט זיך? — דער דאָקטאָר האָט דערביי געזוכט מיט די אויגען א פלאַץ פאַר זיין הוט.

אין א קליינינקען שמוציגען צימער, פול מיט דעם ריח פון טשאַד און זייף, זענען איבעראַל געלעגען בערג פון שמוציגע וועש, א קעסעל מיט וועש פול מיט זייף־שוים, האָט אַלע ווייַלע ארויסגעלאָזען איין סטעליע אַריין וואָלקענס מיט פעטע פאַרע. פון יעדער שמאַטקע, פון יעדער בערגעלע שמוץ האָבען אזוי צופרידען ארויסגעקוקט די נויט און פיין און האָבען זיך געפרעהט זעהענדיג ווי פאַרלאָרענע מענשען, אויסגעמאַטערט ביז גאָר, שלאָגען זיך איינגאַנצען ארוים פון די כוחות.

— דאָס קינד איז ערגער, הער דאָקטאָר, ערגער! — האָט שטיל געענטפערט די פרוי און האָט אויטאָמאַטיש אוועקגענומען די הוט פון דעם דאָקטאָר׳ס הענט.

— דאָס איז גאָר ניט, ערגערט זיך ניט מאַמעלע... גאָט וועט געבען און אַלעס וועט גוט זיין, האָט ניט קוקענדיג געזאָגט דער דיקער דאָקטאָר. שווער אָפּאָטהעמענדיג איז ער אריבערגעטראָטען די שוועל פון דעם פאַרשטיקטען האַלב פינסטערען צימער, פון וועלכען עס האָט זיך געלאָזט הערען דער באַקאַנטער אָפּגעריסענער כריפּען פון א גוסס...

ביי א גרויסער בעט, מיט אן אונגעהויערער איבערבעט, קען זיין; אז אויף דער זעלבער בעט איז דאָס שטאַרבענדע קינד, פאַרבונדען און געבאָרען געוואָרען, איז געשטאַנען א יונגער־מאַן מיט פלאַמענדע אויגען. ער האָט באַגעגענט דעם דאָקטאָר מיט דעם זעלבען פיבערשען בליק פון האָפנונג און שרעק. ער האָט זיך א וואָרף געטאָן, און דערביי אראָפּגעוואָרפען א קישען אויפ׳ן דיל, און דערלאַנגט דעם דאָקטאָר א ביינקעל.

דער דאָקטאָר ארנאַלדי האָט זיך שווער אראָפּגעלאָזען אויפ׳ן ביינקעל ביים בעט, האָט א טראַכט געטאָן און האָט גענומען דאָס קליינע הייסע הענטעל, דאָס הענטעלע האָט זיך אינסטינקטיוו און

מאַכטלאַז גענומען אַרויסרייסען פון איהם. דאָס קינד האָט קוים, קוים אויסגעדרעהט די פאַרלאָפענע, ניט־זעהענדיגע אויגען, האָט אַ ציטער געטאָן און זיך גענומען וואָרפען שטאַרקער. אין צימער האָט זיך דערהערט אַ שטילער געוויין, וועלכער איז עהנליך געווען צו דעם פּיסטשען פון אַ קליינינקער חיה'לע אין די נעגעל פון אַ קראָה. דער דאָקטאָר האָט אַפּגעלאָזען די האַנט און האָט זיך פאַרטראַכט.

דער דאָקטאָר האָט זיך שוין ניט גענויטיגט אין קיין אונטער־זוכונג: לויטען וואָרפען זיך, לויט די פאַרגאָסענקייט פון די אויגען און דעם קלאַנג פון אָטהעם, האָט ער גלייך געזעהן, אַז קיין האָפ־נונגען זענען ניטאָ און מען דאַרף גאָר אַנווענדען די סאַמע לעצטע הערא‌ָישע מיטלען כדי דער געוויסען זאָל זיין ריין, אָבער אָהן די מינדסטע האָפנונג אויף ערפאָלג.

אין דער קליינינקער, צאַרטער ווי ביי אַן עופ'עלע פאַרויטעלטער ברוסט, וועלכע איז אינגאַנצען געווען באַדעקט מיט פלעקען, האָט זיך עטוואָס אַזוי פיינליך געשלאָגען און געציטערט, אָט פונקט ווי דער גאַנצער קערפּער וואָלט זיך צוזאַמענגעדרעהט ניט פון וועהטאָג נאָר פון גרויל. דאָס קעפּעל האָט אויסגעזעהן אונגעהויער גרויס, און האָט ווי אַ פרעמדעס זיך געהוידעט אויפ'ן דינעם האַלז, ווי ער וואָלט געווען אינגאַנצען אָהן ביינער. דאָס ברעקעלע פּנים'על איז געווען אויפגע־בלאָזען און רויט. אַ געהיימע ביינערדיגע האַנט האָט מיט אַן אונ־פאַרשטענדליכער גרויזאַמקייט, ווייזט אויס מיט גרויס פאַרגעניגען, אַליץ שטאַרקער און שטאַרקער צוזאַמענגעדריקט דאָס דינינקע העל־זעלע.

— יאַ־אַ... האָט אויסגעצויגען דער דאָקטאָר און האָט זיך טיעף פאַרטראַכט.

— וואָס? — האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו איהם די פרוי.

דער דאָקטאָר האָט מיט אַ שווערען בליק אַריינגעקוקט אין איהרע דערשראָקענע בעטענדע אויגען.

— גאָר ניט, — האָט ער געזאָגט. — גרייט צו הייסע וואַסער און לויפט צו צום פעלדשער שווערידזאַן. איהר קענט איהם? זאָל ער גלייך קומען אַהער, ער ווייסט, איך האָב איהם דערציילט, יאַ...

דער יונגערמאַן האָט מיט אַ פאַרצווייפעלטען אויסזעהן געכאַפּט זיין היטעל און זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער טיר.

— הא... ווארט א ווײלע האט מיט פארדרוס איהם אפגעשטעלט דער דאקטאר ארנאלדי. — דארטען בײם טויער שטעהט מײן פערד. נעהמט איהם, מען דארף דאס מאכען שנעל... שנעלער!

עס האט זיך געהערט ווי עס האבען אנגעהויבען דונערען די רעדער, ווי זיי האבען זיך אײנגעשטילט פון דער ווײטענס. דער דאקטאר איז געבליבען אלײן מיט'ן גוסס'ען קינד.

אין צימער איז געווען שטיל און שטיקענד, און מאדנע האט זיך געהערט פון פענסטער דאס חוצפה'דיגע צוויטשערען פון די שפערלינגען, וועלכע האבען ניט געוואוסט, וואס פאר א מין שרעקליכע זאך עס קומט פאר אין אט דעם דערשלאגענעם שמוציגען צימער. דאס קינד האט אלץ געכארכעלט און האט אומגעווארפען איבער'ן קישען זײן שווערע ווי שטײן קעפעל מיט צואווארפענע צוזאמענגע־קלעפטע הערעלעך. די אנגעבלאזענע לונגען האבען אויף שטיקלעך געריסען זײן קלײנינקע ברוסט; בלוט, הײסע, ווי זודיגע וואסער האט פארגאסען דעם מוח און האט געשטיקט מיט א מורא'דיגען וועהטאג; די הענטלעך מיט די פיסלעך האבען זיך קאנוואולסיוו צוזאמענגעדרעהט, ווי דאס קינד וואלט זיך באמיהט ארויסקריכען פון א גרוב און ניט גע־קענט, און דערפאר זיך אלץ געדרעהט אויף אײן ארט.

דער קלײנינקער מענש האט ניט פארשטאנען וואס מיט איהם טוט זיך, און ער האט געקעמפט; ער האט זיך געווארפען און באַ־מיהט ארויסרײסען, אזוי ווי א קעצעל וואס איז צוגעדריקט מיט א גרויסען שטיק האלץ.

צײטענווײז האט ער אזוי ווי עמיצען גערופען.

— מא... — האט פארשטיקט און אזוי שטיל האט ארויסגע־פיסטשעט דאס קינד, אז מען האט קוים געקענט הערען, פונקט ווי א קלײן שוואלבעלע, וואס איז ארויסגעפאלען פון נעסט.

עס ווײזט אוים, אז ער האט געוואוסט, אז אט וועט באלד קומען אט די גרויסע גוטע און ווארימע מאמע, וועלכע ווײס אלעס, וועלכע באפעלט דעם לעבען און איז אימשטאנד צו באשיצען פון יעדער צרה.

— יא, יא... — האט אויטאמאטיש געברומט דער דאקטאר אר־נאלדי, אט האט ער געטאפט דעם פולס, און אט איז ער אוועק צום פענסטער און לאנג דארטען געשטאנען, און אהן א זין געקוקט אויף די שפערלינגען וואס זענען אומגעפלויגען פון בוים צו בוים.

ווי שטענדיג, ארום א בעט פון א שטארבענדען קינד, זענען זיינע געפיהלען געווען גרויס און אונקלאר.

ווען דער דאקטאר ארנאלדי וואלט געקענט, ווען ער זאל ריזיקי־רען מיט זיין אייגענעם לעבען, רעטען, אבער איז ערגסטען פאל באטש פארלייכטערען די ליידען, וואלט ער דאס גע־טאן און זיך אפילו אויף קיין איין מינוט ניט פארטראכט איבער דעם. ער וואלט אפילו ניט צוגעגעבען זיין טהאט קיין באזונדערע באדייטונג. און ווען ער וואלט וויסען ווער עס איז שולדיג אין אט דער מאסע נוצלאזע ליידען, וואלט ער, אן אלטער דאקטאר, מיט אן אונערשראקענעם אפענעם פנים זיך אוועקגעשטעלט פאר „איהם" און וואלט ארויפגעלייגט אויף איהם די תוכחה; און וואלט דערביי זיך ניט אפגעשראקען ניט פאר'ן טויט, ניט פאר'ן גערִיכט, און ניט אפילו פאר קיין אייביגע ליידען.

אבער דער דאקטאר ארנאלדי האט געוואוסט אז העלפען קען מען ניט, און אז ניט קיין קללות, ניט קיין געבעט, ניט קיין באווייזען וועלען ווען ניט איז קריגען אן ענטפער.

פונקט אזוי ווי שטענדיג, וועט אויפגעהן און פארגעהן די זון, און ווי אימער וועט זיך דרעהען די צובליהטע דורך מיסט ערד.

אלעס איז נוצלאז. ער, דער דאקטאר ארנאלדי, קען וויינען אדער חוזק מאכען; בעטען אדער שילטען, ער קען זיך אפילו שלאגען קאפ אן דער וואנט, וועט דאס אלעס אבער זיין פונקט אזוי אונזיניג, ווי די יאמערליכע אויסגעשרייען פון א שטום־טויבען איז דער וויסטע.

בלויז איין געדאנק האט בארוהיגט דעם דאקטאר: אט דער קליינינקער וועזען, וועלכער איז געבוירען פאר ליידען, שטארבט נאך איידער עס האט זיך אויסגעלערענט מורא האבען פאר'ן טויט, נאך איידער עס האט זיך דערוואוסט פון אלע שעהנקייטען פון אט דעם ליעבען און פארשאלטענעם מענשליכען לעבען.

דער דאקטאר האט א קוק געטאן אויף אט דעם מאדנעם שפיז, וואס האט זיך צוזאמענגעדרעהט אויפ'ן בעט, אויף זיינע דינינקע, ווי ווערעמלעך, הענט און פיס; ער האט א בליק געווארפען אויף דער קרוי־מער פלייצע, און געלער אנגעגאסענער קאפ, מיט דער שווערער פא־טיליצע און שמאלען שטערען.

— יא! — האט ער ווידערהאלט פארטראכט.

קלאָר אויספיהרליך מיט אַלע דעטאַלען האָט זיך דעם דאָקטאָר פאַרגעשטעלט דאָס לעבען, וועלכען איז באַשערט געווען צו טראָגען אַט דאָס קלאָגליכע וועזען, וואָס איז געווען אינגאַנצען אויסגעקרימט פון גע׳ירשה׳ענטע חולתו.

ס׳אַרא מין זינלאָזעס, נישטיגעס פול מיט ליידען לעבען דאָס וואָלט זיין! און ס׳אַרא מינע שרעקליכע פאַראַנטוואָרטליכע צו אַ לאַנג־זאַמען אויסשטאַרבען, וואָלטען מוזען זיין, זיינע צוקונפטיגע דורות... און אַט די מאָדנע ווערעמלעך זענען אַזוי לעבהאַפּט און מעהרען זיך אַזוי אונגעהויער! פון אַט דעם צימער, ווען דער טויט זאָל ניט געווען אריינגעהן פריהער, וואָלט זיך געווען דורכגעשלאָגען אין דער וועלט אַ שטראָמעלע פון אַזאַ מין אייטער, פאַרברעכערישקייט, מיאוס׳קייט, טעמפּקייט, און אונענדליכע ליידען... דער דאָקטאָר האָט זיך אַזש פאַרקרימט פון עקעל.

אַן אויספיהר איז אונקלאָר און אונגעהויער גרויס רייף געוואָרען אין דעם דאָקטאָר׳ס שווערען מוח, נאָר ביי איהם האָבען קיין כוחות ניט געסטייעט דורכצופיהרען דעם געדאַנק ביז׳ן סוף. אַן אַנדער מענש מיט אַ קלאָרען מוח און געוואָגטען שכל האָט דערנאָך ארויס־געזאָגט יענעם וואָרט, פאַר וועלכען דאָקטאָר אַרנאַלדי איז מאַכט־לאָז אָפּגעטראָטען.

וואָלט דער אַלטער דאָקטאָר געווען אַ מענש פון אַ שטאַרקען ווילען, וואָלט ער אויפגעהויבען זיין גרויסע דיקע האַנט און געזאָגט:

— און „דו״ ווילסט, אַז אַט דאָס קלעגליכע באַשעפעניש, וועלכע האָט „דיר״ גאָר קיין שלעכטס ניט געטאָן, וועלכע האָט זיך אַזוי נאַאיוו געפּרעהט מיט יעדער שאַפונג דיינער, זאָל זיך צוזאַמענדרייען פון אונגעהויערע שמערצען ביז וואַנענט דער פּיין וועט איבערגעהן די מאָס, און דו, וועסט זיך אַנזעטיגען מיט דער גרויסער מאָס ליידען און איך, אַ פרייער און אַ פאַרנינפטיגער מענש, דעם ווילען פון וועל־כען אַפילו „דו״ קענסט ניט שמידען, קען מיט איין באַוועגונג ארויסרייסען דעם קרבן פון דיינע הענט און מיט איין מאָל מאַכען אַ סוף צו דיין אונזיניגער און בייזער שפּיעל. מעגליך, אַז דיך, אין דיין שפּיעל, באַוועגען אויסרעכענונגען וועלכע דער מענשליכער שכל איז ניט אימשטאַנד צו באַנעמען... מעגליך! אָבער איך ווייס זיי ניט און וויל זיי ניט אַנערקענען!

די טיר האָט שטיל א סקריפּע געטאָן. א בלאַסע פרוי איז אריין אין צימער און ווי א געשלאָגענער הונט האָט זי נאָך פון שוועל אָנ־געשטעלט אויפ'ן דאקטאר א פּאָר בעטענדע אויגען.

— נו, וואָס? דער פעלדשער איז שוין געקומען? — האָט זיך אויפכאַפּענדיג ווי פון א שלאָף געפרעגט דער דאקטאר.

— ניין, דערוויילע ניט.

דער דאקטאר האָט א קוק געטאָן אויפ'ן קינד און א זיפץ געטאָן.

— איך האָב צוגעגרייט וואסער, הערר דאקטאר, האָט שטיל געזאָגט די פרוי, דערביי האָט זי זיך ניט געריהרט פון אָרט און האָט ניט אראָפּגענומען פון דאקטאר איהרע מאָדנע אויגען.

— אויסגעצייכענט — האָט געזאָגט דער דאקטאר.

— הער דאקטאר... — האָט זי נאָך שטילער ארויסגערעדט און איז צוגעגאַנגען צו איהם נעהענטער.

— הער דאקטאר...

— נו וואָס? האָט מיט טרויער געפרעגט דער דאקטאר ארנאָלדי.

— וואָס מאַכט גרישענקאַ? וועט ער געזונט ווערען — האָט קוים ארויסגערעדט איהרע פאַרטריקענטע ליפּען, און איהר שטים האָט זיך א צאַפּעל געטאָן, פּונקט ווי זי וואָלט זיך געוואָרגען מיט אַן אנדער וואָרט.

דעם דאקטאר'ס קליינע אויגעלעך האָבען אומרוהיג גענומען פינט־לען.

— לאָמיר האָפען... האָט ער אין אַן אונאַטירליכען פרייען טאָן געענטפערט.

די פרוי האָט געקוקט אויף איהם אָהן צוטרויען, און דעם דאק־טאר האָט זיך געדוכט, אז איהרע אויגען ווערען פון גרויס אַלץ גרע־סער און גרעסער, זיי פיהלען אָן די גאַנצע וועלט, און קוקען איהם אריין גלייך אין דער נשמה. ער איז ניט ווילענדיג אויפגעשטאַנען און איז ווידער צוגעגאַנגען צום פענסטער און זיך גענומען גוט איינ־קוקען אויף די גרינע פלעקען פון די בלעטער וואָס האָבען זיך צו־שוואומען פאַר די אויגען.

ס'אַרא גרויסע בלעטער! — האָט אין דער וועלט אריין א טראַכט געטאָן דער דאקטאר.

— איך בעט אייך, הער דאקטאר, באַמיהט זיך, טוט אַלעס וואָס

איז נאר איז אייער מאכט... גאט וועט אייך באצאהלען דערפאר... האט זיך דערטראגען צו איהם א שטילער געבעט... גרישענקא איז דאך ביי מיר איין־און־איינציגער!...

— גרישנעקא! — האט זיך ווי א שטילער געוויש דורכגעטראגען דורכ'ן צימער, אזוי ווי דער הערבסט ווינט וואלט אנגערירט די טרוקענע בלעטער אויף א קבר.

און אין אט דעם געוויש איז געווען אזוי פיעל ליעבע און אנגסט. אז דעם דאקטאר האט באנק געטאן. וואס מיט א מינוט צוריק האט ער געדיינקט וועגען דעם אומגליקליכען שיקזאל, און וועגען דער גאנצער אומגעלומפּערטער מיאוס'קייט פון אט דעם גרישענקע, וועלכער טוט אזוי גוט וואס ער שטארבט אין צייט. וואס ער זאל ניט זיין; סיי א אידיאט, סיי א פארזעהעניש, סיי א פארברעכער, פאר איהר אבער איז ער בלויז איהר איין־און־איינציגער גרישענקא.

אין דעם שטילען שעפּטשען, אין די אונזיכערע בעטענדע ווערטער, האט זיך פאר'ן דאקטאר אנטפּלעקט אזא מין ריזיגער, אזא מין אונגעהויער מעכטיגער געפיהל, אז ער האט זיך דערפיהלט פאר איהר, פאר אט דער מוטער אזוי קליין ווי א זעמדעלע. עס האט איהם אנגעכאפּט א מורא: אט אין דער שרעקליכער נעץ איז אויף אימער פארבאהאלטען דאס אונפארמיידליכע פון די אונענדליכע ליידען, ווי אויך די אייביגע לעבהאפטיגקייט פון אנגסט און פיין.

— דאס איז שרעקליך! — האט ארויסגעמורמעלט דער דאקטאר ארנאלדי.

— וואס?

— גארניט... אט דאכט זיך, אז דער רופא איז געקומען! — האט זיך אפגערופען דער דאקטאר. און ווי ער וואלט אויסגעמידען פראגען, איז ער צוריק איבערגעגאנגען צום בעט.

און ווען עס איז געקומען דער רופא, האט ער געהארכזאם אראפּגענומען דעם רעקעל, און פארקאטשעט די ארבעל. דאן האט ער פארגעסען אין אלע זיינען געדאנקען, און האט זיך ווידער גענומען פאר דער שווערער און נוצלאזער ארבייט, ווי א קאטערזשניק וואס איז צוגעשמיט צו זיין טאטשקע.

ער האט אויפמערקזאם און לאנג געוואשען די הענט; דערביי

האט ער אויף שטיקער צוואווארפען דעם שוים פון דער זייף, געהוסט און געקרעכצט.

די בלאסע פרוי האט איהם דערלאנגט וואסער, און אין יעדער באוועגונג איהרער האט זיך געמערקט אונזיכערהייט און אונגעהויערע אכטונג צו זיין גרויסען וויסען. דער רופא, א געזונטער רויטער מאן, האט געשעפטמעסיג און פלינק צוגעגרייט די אינסטרומענטען, די וואט און טיכער. דאס אלעס האט ער געטאן מיט אזא מינע, ווי ער וואלט זיך געקליבען צו ווייזען עפעס א מין קונץ.

דאס קינד האט אלץ געכריפעט און זיך געווארפען.

דער דאקטאר ארנאלדי האט ענדליך צוואואשען די הענט, ער האט זיי אויפמערקזאם באטראכט, און א מאכטוענדיג מיט זיי אין דער לופטען איז ער צו צום בעט.

— נו, און איהר... — האט ער געזאגט, און א שאקעל געטאן מיט'ן קאפ צו דעם מאן און זיין פרוי.

דער מאן איז א דערשראקענער גלייך אפגעשפרונגען צום טיר, אבער די דארע דערשלאגענע פרוי האט בלויז אנגעשטעלט אויפ'ן דאקטאר איהרע בעטענדע אויגען. אזוינע אויגען האט א קאץ ווען מען דערטרינקט איהרע קעצעלעך.

— איך זאג אייך! — האט א געשריי געטאן דער דאקטאר, מאמענטאל זיך אויפהויבענדיג, אבער ער האט זיך גלייך באהערשט, און צוגעגעבען מיט א טעמפען מיטלייד געפיהל.

— ניין, ניין טייבעלע, איהר געהט... בעסער... געהט אוועק... אניט וועל איך אליין אויך זיין אונרוהיג... געהט, געהט געזונטערהייט פון דאנענט... און וואס מען וועט נאר קענען וועלען מיר אליין טאן!

דאן האט זי זיך געהארכזאם, און שטיל ארויסגערוקט פון צימער. אין טיר האט זי זיך ווידער אפגעשטעלט, און שווייגענד א קוק געטאן אויפ'ן דאקטאר, זוכענדיג זיין בליק. דער דאקטאר ארנאלדי האט זיך אפגעקערט.

דאס קינד איז מיט אמאל שטיל געווארען, אט ווי עס וואלט דערשפירט, אז עס קומט עטוואס שרעקליכעס. עס האט אנגעשטעלט אויפ'ן דאקטאר זיינע מוטנע אויגעלעך, וועלכע האבען גאר ניט גע־זעהען, אבער אזוי ווי געפיהלט און פארשטאנען וואס דא וועט זיין. דאס קינד האט זיך אפילו א ריס געטאן אז א זייט, אבער די שטארקע

הענט פונ'ם רופא וואס זענען געווען באדעקט מיט רויטע פוך ווי ביי א קצב האבען דאס איינגעהאלטען.

דער דאקטאר האט לאנגזאם און פארזיכטיג זיך צוגערירט צום דינינקען, ווי ביי א פויגעלע, העלזעלע, וועלכע איז געווען פארגאסען מיט בלוט און האט זיך אזוי פיינליך געווארפען. דער שמנלער שפיץ פון דעם פינקלענדיגען מעסערעל האט א שטאך געטאן, צוגעדריקט און דורכגעשניטען די הויט. פאר איין רגע בלויז האט זיך געשאפען דער עקעלהאפטער געפיהל פון א סקריפענדיגען לעבעדיגען געוועב און מיט אמאל האבען ארויסגעטראטען די רויטע, ווי פערעל טראפענד־לעד. טיעפער האט זיך איינגעשניטען דאס מעסערעל, געשיקט אויס־מיידענדיג די ביינער, און דאס בלוט איז, ווי א דין שטראמעלע גע־רונען פון אונטער די דיקע פינגער פון דעם דאקטאר ארנאלדי, און האט ארומגעוויקעלט דאס העלזעל מיט א רויטען שנור.

דאס קינד איז שטיל געווארען, דערנאך האט דאס זיך א צאפעל געטאן און איינגאנצען גענומען ציטערען מיט א דריבנעם ציטער, ווי א קראליק, ווען מען עקבערט דעם שארבען. די קליינע טרובקע, זיך אויסשמירענדיג אין בלוט, איז לייכט אריין אין דעם טונקעלען לאך, און דער פייפענדיגער כריפלער אטעם האט זיך מיט אמאל אפ־געריסען, און געדוכט האט זיך אז א שטילקייט האט באהערשט די וועלט, און אלעס ארום איז פארשטארבען אום טיעפער צו באנעמען דעם גרויסען סוד.

דער דאקטאר ארנאלדי, א רויטער און פארשוויצטער, האט אויס־געשפיגען אין טאז, און די שפייאכטס באפוצט מיט בלוט, האט זיך געדיכט און שווער אראפגעלאזען אין וואסער.

א נייער אטעם, א רעגעלמעסיגער און רוהיגער, א ריינער ווי די לופט האט זיך דערהערט אין צימער, דאס איז געווען שעהן און לייכט ווי די בעסטע מוזיק, וועלכע עס קען נאר הערען א מענשליכער אויער.

אבער דער דאקטאר ארנאלדי איז אלץ געווען פארזארגט, זיינע אויגען האבען געקוקט פרעגענדיג און שטרענג, ער איז לאנג און שוויי־גענדיג געשטאנען איבער'ן בעט, דערנאך האט ער א מאך געטאן מיט זיין דיקער האנט וואס האט באמערקבאר געציטערט.

דער רויטער רופא האָט אויף שנעל צוזאַמענגעקליבען די אינ־סטרומענטען.

דאָס קינד איז געלעגען אויסגעצויגען, רוהיג אוועקגעלייגט די הענטלעך, אבער דאָס פּנים׳ל איז געווען בלאַס, און אַ בלוילעכער שאָטען איז ארויסגעטראָטען אויף איהם. אַלץ שטילער און שטילער האָט זיך געהערט זיין באַפרייטער אָטעם.

6.

עס האָט שוין אָנגעהויבען נאַכט ווערען ווען דער דאָקטאָר אַר־נאָלדי איז אַ פאַרשוויצטער און פאַרמאַטערטער פון די נוצלאָזע אָנ־שטרענגונגען ארויסגעגאַנגען פון הויף.

די זון איז שוין פאַרגאַנגען, און אין הימעל האָבען זיך געגעלט ווייכע און ריינע פאַרבען. די גערטנער זענען טונקעל געוואָרען און האָבען שוין מעהר ניט אויסגעזעהען טרוקען און שטויביג, נאָר זענען געווען גרין און פול מיט פרישקייט און פינסטערניש. דאָס ווינטעלע האָט אזוי ווייך געבלאָזען אויפ׳ן הייסען געזיכט פון דאָקטאָר, און האָט מיט אַ ליעבער קעלט ארומגענומען זיין נאַסען פון שוויים שטער־רען. נייע לייכטע פריידיגע קלאַנגען האָבען זיך געהערט פון אַלע זייטען. אזוי ווי אַ מאַסע וואַלט אראָפּגעפאַלען פון דער ערד, און עס איז געוואָרען לייכטער צו אָטעמען. ערגעץ וואו האָט מען געלאַכט, און זיך איבערגעשריען מיט קלינגענדע שטימען. אין קלויסטער האָט מען געקלונגען, אַלעס איז געווען אזוי שעהן און פרעדיג ווי עס קען נאָר זיין אין אַ קלאָרען אבענט נאָך אַ לאַנגען אונערטרעגליך הייסען טאָג.

בלויז אונטער דעם דאָקטאָר׳ס פּליִיצעס איז געבליבען אַ שטי־קענדער פינסטערער צימער וואו אין דער דונקעלהייט איז געלעגען אַ קלייניקער אויסגעצויגענער גוף וואָס האָט געהאַלטען אין קאַלט ווער־

רעז. און דארטען ארום טויטענס בעט האבען שוין אומגעשנארעט אזוינע פינסטערע אלטע פרויען, ווי שווארצע פליגען איבער א נבלה און אין אפענעם פענסטער האט זיך געהערט דער ווילדער דורכדרינגענדער געשריי:

— אי, גרישענקא, מיין גרישענקא! אי, מאמעלעד מיינע געטרייע!...

און דעם דאקטאר ארנאלדי האט זיך געדאכט, אז אומעטום איז אזוי שטיל און אפילו דער ווייטער הימעל הערט זיך אויפמערקזאם צו צו אט דעם איינזאמען וועה־געשריי.

ביים פערטעל האט איהם דעריאגט גרישא'ס פאטער. זיין בלאסער געזיכט מיט'ן צוקודעלטען רויטען בערדעל איז געווען נאס, און פריהער האבען זיינע אויגען געקוקט דערשראקען און פארצווייפעלט. ווי עס ווייזט אויס, האט ער אפילו ניט געזעהן דעם דאקטאר, נאר שטאמלענדיג עפעס מיט די ציטערענדיגע ליפען, האט ער איהם געשטופט אן צוזאמענגעדריקטען קולאק.

— אט... אט... אט... — האט ער זינלאז געשטאמעלט.

דער דאקטאר ארנאלדי האט אויטאמאטיש א קוק געטאן אויף זיין קולאק און האט דערזעהן דעם צוזאמענגעדריקטען ברעג פון א פאפירעל.

— אך... נאך וואס איז דאס. — האט ער געזאגט מיט פארדרוס, און האט א מאך געטאן מיט דער דיקער האנט, וואס האט געציטערט.

— נעהמט, נעהמט... ווי דען, איהר האט געארבייט, זיך געמיהט, מיר פארשטעהען... דאס איז אלץ גאטס ווילען... — האט ער אהן א זין ווידערהאלט. און אלץ איהם געשטופט, זיין שווארצען ווי אויף קויל פארברענטען קולאק.

דער דאקטאר ארנאלדי האט זיך מיט אמאל בייז אנגעכמורעט, האט א רים געטאן דאס געלט, און אויף שנעל זיך אפקערענדיג איז ער אריין אין פערטעל, אזוי צוזאמענגעבויגען, ווי ער וואלט מורא האבען פאר א זעץ פון הינטען.

די נארישעוואטער ניקיטא האט איהם באגעגענט מיט א נארישען שמייכעל. — ער איז געשטארבען? — האט ער געפרעגט ווען דער דאקטאר האט זיך אוועקגעזעצט אויף דער בריטשקע, וואס האט אנגעהויבען סקריפען אונטער זיין שווערען קערפער.

און דו, נאַר, וועסט אויך אַמאָל שטאַרבען... — האָט געענטפערט דער דאָקטאָר אַרנאַלדי און האָט איהם אַ שטויס געטאָן אין פּלייצע מיט'ן שפּיץ פון שטעקעל.

ניקיטאַ האָט זיך פרעהליך צולאַכט אַט ווי דאָס וואָלט זיין אַ שאַרפזיניגער שפּאַס, און האָט אָנגעטריבען דאָס רויטע פערדעל, וואָס האָט אַזוי לאַנג געוואַרט אויפ'ן דאָקטאָר.

דער שטויב האָט זיך שווער אויפגעהויבען אונטער די רעדער און ווען דער דאָקטאָר האָט אויף שנעל פאַרקערעוועט אין דער צווייטער גאַס, האָט זיך נאָך דערטראָגען צו איהם, אין דער ריינער אָבענט לופט דער הימעל־רייסענדער געשריי: אַי, מאַמעלעך מיינע גע־טרייע!... אַ הייליגע מוטער!

ווען די בריטשקע האָט זיך פאַרקערעוועט איז שטיל געוואָרען, ווי עס וואָלט גאַרניט פּאַסירט און ווי קיין זאַך וואָלט ניט געווען.

7.

עס איז שוין געווען אינגאַנצען נאַכט, און ווייט אין סטעפּ האָט זיך אויסגעלאָשען דער לעצטער קאַלטער און גרינליכער פּאַס פון דער פאַרגאַנגענער זון, ווען דער דאָקטאָר אַרנאַלדי אַ מיעדער און דערצאָ־רענטער האָט פאַרענדיגט זיינע וויזיטען.

ער האָט שוין לאַנג אויפגעהערט פאַרנאַנדערשיידען זיינע קראַנ־קע און מיט'ן זעלבען אומעט איז ער געגאַנגען צו קינדער, צו פרויען, צו אַלטע לייט און יונגע מענשען, נאָר מיט אַ מאָנאַט צוריק האָט מען איהם גערופען צו אַ קראַנקער געוועזענער אַקטריסע, וואָס איז געקו־מען אַהיים שטאַרבען, און אונבאַמערקט פאַר זיך אַליין, האָט זיך דער דאָקטאָר אַרנאַלדי צוגעוואוינט יעדען אָבענט, נאָך אַלע באַזוכען, אריינגעהן צו איהר. צוערשט האָט ער זי געהיילט, אָבער איהר קראַנקהייט איז געווען אונהיילבאַר, און ער האָט דאָס אוועקגעוואָר־

פען. ער פלעגט קומען זיך אוועקזעצען, אזוי אויף א ווייליגקע, ניט ארויסלאזענדיג פון האנט דעם הוט מיט'ן שטעקען. און אזוי פלעגט ער אפזיצען שטונדען לאנג אין דער שיטלקייט פונ'ם בן־השמשות, אונ־טער דעם אונאויפהערליכען שטילען פלפאלען פון דער קראנקער. די קראנקע האט זיך צוביסלעך צוגעוואוינט צו איהם און האט איהם דערצעהלט איהר גאנצע לעבענס געשיכטע. — דאס שטורעמדיגע, אומגעלומפערטע לעבען פון אן אקטריסע.

און אויב עפעס זעהר וויכטיגעס פלעגט איהם פארהאלטען, פלעגט שוין דעם דאקטאר ארנאלדי פעהלען אט די שטילע שטימע און אומעטיגע אויגען אין יענע פארטראכטע איידעלע בענקשאפט, וועלכע פלעגט ארומנעמען זיין מיעדע נשמה אין דער קראנקערס צימער אין די שטילע זומער אבענטען.

ווי אימער, זיך שווער אנשפארענדיג מיט די פארלייגטע הענט אויף זיין דיקען שטעקען, אויף וועלכע עס איז געלעגען זיין פעטער גוידער, איז ער געזעסען אין איין זייט פון דעם פענסטער, וואס איז געווען ברייט צועפענט אין גארטען. אין דער צווייטער זייט איז א טיעפען פאטער־שטול, איינגאנצען ארומגעלעגט מיט ווייסע קישענס איז געזעסען די קראנקע, וועלכע האט שטיל און אייזענדיג גערעט. ווי זי וואלט וועלען ארויסזאגען עטוואס אונגעהויער וויכטיגעס:

— ס'ארא מין אבענט, דאקטאר!... ווי גוט!... מיר וואלט זיך וועלען שטארבען פונקט אין אזא מין אבענט... מעהר פון אלץ האב איך מורא, אז איך וועל שטארבען ביינאכט... עס וועט זיין שרעקליך, דאקטאר!...

זעהט, דארטען אין קבר וועט זיין פינסטער... פינסטער... פאר מיר איז שוין לעבערליך עפעס צו פארלאנגען, ניט אזוי, און פונדעסט־וועגען וואלט זיך מיר דאך וועלען, אז דאס לעצטע וואס איך וועל זעהען זאל זיין אזא מין שטילער זיך אויסלעשענדער הימעל... עפעס וועט דאך זיין לייכטער, שטילינקערהייט, פאמעלעך שטארבט דער טאג, דער הימעל ווערט אלץ דונקעלער... נו, און איך שטארב אויך... איך האב זיך שוין איינגעלעבט מיט אט דעם געדאנק, דאקטאר.... האט קיין מורא ניט, מיין ליעבער, איך וועל שוין מעהר ניט וויינען, ווי לעצטען מאל... נאך וואס, וויינען? ווען דערמיט קען מען סיי ווי סיי ניט העלפען! איך האב בלויז מורא, מיר שטעלט זיך אלץ פאר

ווי מען וועט מיך אוועקטראָגען אויפ'ן היילינען אָרט און באַגראַבען... דערנאָך וועלען זיך אַלע צוגעהן אהיים און איך וועל בלייבען אַליין, אבסאָלוט אַליין... עס וועט קומען די נאַכט, ארום וועלען שטעהן די מצבות; עס וועט זיך אויפהויבען א ווינט און ארום און ארום וועט זיין פינסטער... דאָס איז שרעקליך דאָקטאָר! געוויס, דאָקטאָר, איך וויים, אַז איך וועל שוין דאַן גאָרניט פיהלען אבער איצט שרעקט דאָס מיך. דאָקטאָר, איהר זענט אזא ליעבער, אזא גוטער, זאָגט מיר צו, אַז ווען אַלע וועלען אוועקגעהן, וועט איהר פאַרבלייבען אויפ'ן היילינען אָרט און וועט זיצען מיט מיר א ווײַלע... איהר זאָגט מיר צו? אויב איך וועל וויסען אַז איהר וועט דאָס טאָן, וועט מיר ניט זיין אזוי שרעקליך.

— איך וועל אַביסעל זיצען מיט אייך — האָט שטיל געזאָגט דער דאָקטאָר.

— א דאנק אייך! איך וויים, דאָקטאָר, אַז איהר וועט מיך ניט אזוי שנעל פאַרגעסען ווי אנדערע... ליעבער דאָקטאָר, ווארום זענט איהר שטענדיג אזא מין פאַר'דאַג'טער. איבריגענס וואָס פרעג איך נאַרישקייטען: איז דען מגליך צו לאַכען און פּלאַפּלען, ווען מען באַגלייט כמעט יעדען טאָג אימיצען אין קבר. וועט איהר מיך אמאָל דערמאָנען, דאָקטאָר? עס איז אפילו לעבערליך דאָס וואָס איך זאָג, איהר האָט דאָך זיכער אָהן א צאָהל מענשען באַגלייט צו זייער אייביגער רוה, טאָ ווי אזוי־זשע קענט איהר אַלעמען געדענקען!

— איך געדיינק אַלעמען — האָט ווי פריהער שטיל געענטפערט דער דאָקטאָר, אין זיין דיקען גרויסען פּנים האָט מען ניט געקענט זעהען אין דער פינסטער.

— יאָ?... און אָט דערפאַר זענט איהר אזא מין אומעטיגער! ווייסט איהר, דאָקטאָר, איהר זענט א גוטער, א מורא'דיק גוטער און ווייכער מענש... נאָר אַן אומגליקליכער... א סך רעכענען אייך פאַר א שווערען און אַן אונאַנגענעמענעם מענשען. פון אָנפאַנג האָב איך אַליין אויך מורא געהאַט פאַר אייך. אָבער איצט דוכט זיך מיר אַז איך זעה אַלע מענשען דורך און דורך... און אַנדערש זעה איך זיי ווי פריער. אָט זאָגט מען דאָך, אַז שטאַרבענדע הויבען אָן זעהען און פאַרשטעהן דאָס, וואָס קיין געזונטע מענשען זענען ניט אימשטאַנד צו באַנעמען...

אַם זעה, איך אייער גרוסיע גוטע האַרץ און ווייס אז אייך איז זעהר שווער צו לעבען. צו וואָס זענען דאָ אזוי פיעל ליידען אויף דער וועלט, דאָקטאָר?

— איך ווייס ניט, — האָט געענטפערט דער דאָקטאָר.

— איך ווייס ניט, איך ווייס ניט... קיינער ווייסט ניט! האָט שטיל, ווי פאַר זיך, ווידערהאָלט די קראַנקע, און איז אויף א מינוט אנשוויגען געוואָרען.

אין דער פינסטער האָט איהר געזיכט אויסגעזעהען אינגאַנצען ווייס און אויף איהם האָבען זיך שוין אביסעל צו דייטליך געשוואַרצט די דונקעלע אויגען. די גרויסע אויגען פול מיט אומעט און בענק־שאַפט האָבען מיט אן אונפאַרשטענדליכען אויסדרוק געקוקט אַרויף, אויף דעם ברייטען ריינעם הימעל, וואָס האָט זיך אויסגעלאָשען איבער דעם גאָרטען. דער אָפּשיין פון דער פאַרגאַנגענער זון האָט זיך בלאַס געלייגט אויף איהרע איינגעפאַלענע באַקען; און די דינע, נאָך אלץ שעהנע הענט זענען געלעגען אויפ'ן שאַל אין וועלכען עס זענען געווען איינגעוויקעלט איהרע פיס.

— דאָקטאָר — האָט זי אָנגעהויבען ווי פריהער איילענדיג צו שעפּטשען: — איצט טראַכט איך בלויז פון איין זאַך, ווענען וואָס איך האָב קיינמאָל ניט געטראַכט, אזוי לאַנג ווי איך בין געווען גע־זונט און יונג. נאָך וואָס בין איך געווען אזא בייזע, אזא שלעכטע און גרויזאַמע... ביי מיר איז געווען עפּעס א מין מאַניאַ פון פאַרפאָל־גונג און וויפיעל אומזיסטע ליידען האָב איך פאַרשאַפען אפילו צו די מענשען, וועלכע איך האָב אליין ליעב געהאַט. מיר פלעגט זיך אלץ אויסדאַכטען אז אלע האַנדלען אונגערעכט, און אז אלע באַליידיגען מיך און ווילען מיך אויסנוצען אין זייערע אינטערעסען. אָבער אין גרונט גענומען האָט מיך קיינער ניט ליעב... איך האָב קיינעם ניט געגלויבט, און אין יעדען וואָרט געזוכט א געהיימען און אויף זיכער א מיום'ען געדאַנק... און, גאָט מיינער, וויפיעל קריגערייען, אונאַנ־גענעמליכקייטען, און באַליידיגונגען עס זענען געווען. עס איז שרעק־ליך זיך צו דערמאָנען וויפיעל בלוט עס איז פאַרסמ'ט געוואָרען, און פאַר וואָס? איצט זעה איך דייטליך ס'אַרא מינע נאַרישקייטען דאָס זענען געווען! און אז מען האָט מיר אפילו געליגט; איז וואָס... און געליגט, האָט מען מיר מעהרסטענס דערפאַר, ווייל איך האָב ניט

אריבערגעטראַגען דעם אמת, ווען איז אנגענעם געווען פאַר מיר... און דערפאַר האָבען פיעלע פּשוט מורא געהאַט פאַר מיר, ווייל איך האָב זיך אַזוי ווייניג געקענט קאָנטראָלירען; און אַז איך פלעג בייז ווערען האָב איך, גאָט ווייסט וואָס געקענט אָנרעדען... אַלעמען האָב איך געמאַטערט... און ווער עס האָט מעהרער און שטאַרקער מיך ליעב געהאַט דעם האָב איך מעהר פאַר אַלעמען געמאַטערט!... און אין אַלגעמיין וואָס האָב איך געוואָלט פון מענשען?... וואָס בין איך דאָס געווען פאַר אַן אויסנאַם, אַז צוליעב מיר זאָלען אַלע זיך מוזען איבער-אַנדערשען. זעהט, ווען אימיצער האָט דיך ליעב, דאַרף מען איהם דאַנקבאַר זיין דערפאַר. און איך האָב געקוקט אויף דעם ווי אויף מיינס א רעכט!... אָבער וויפיעל פרייד איז צוליעב דעם צורונען געוואָרען, אין א צייט, ווען מען האָט געקענט לעבען אַזוי צערטליך, אַזוי גוט און ליעב. און ווייסט איהר, איצט ווען עס איז מיר אַזוי ווייניג פאַרבליבען צו לעבען, טוט מיר וועה פאַר יעדער מינוט וואָס איך האָב פאַרלאָרען אויף אַזא נאַרישען אופן! מיר דוכט אַז ווען איך זאָל זיין אימשטאַנד איבערצוגעבען ס'אַרא מין שאַנדע, פאַרדרוס און ווייטאָג מען לעבט איבער פאַר'ן טויט פאַר אַלעם שלעכטע, בייזען און נאַרישען, וואָס מען האָט געטאָן אין לעבען, וואָלט א סך שלעכטס פון דער וועלט פאַרשוואונדען געוואָרען.

איך קען דאָס אָבער ניט איבערגעבען. בלויז צייטענווייז איז דער ווייטאָג אַזוי מורא'דיג גרויס אַז איך בין גרייט זיך שלאָגען קאָפּ אָן וואַנט... אָבער וועסט ניט צוריקקערען!... דאָס שרעקליכסטע פון אַלעם איז דאָס, וואָס צוריק כאַפּען קען מען ניט!

דער דאָקטאָר אַרנאַלדי האָט אויסגעדרעהט זיין גרויסען שווערען קאָפּ צום פענסטער און געקוקט אין גאָרטען אריין. דאָרטען איז אַימיצער קלאַנגלאָז אומגעגאַנגען אונטער די שטילע בוימער פון גאָרטען.

— וואָס זעהט איהר דאָרטען, דאָקטאָר? דאָס איז נעלי...

דער דאָקטאָר האָט שווייגענדיג געקוקט אין פענסטער און וועגען עטוואָס געטראַכט.

די קראַנקע האָט זיך צוגעהערט צו די שטילע טריט אין גאָרטען און געזאָגט אַזוי שטיל ווי זי וואָלט מורא האָבען אויפצוואועקען א קראַנק קינד,

— זי איז אן אומגליקליכע. איהר לאגע איז א שוידערליכע. איהר ווייסט דאך אליין, ווי מען קוקט ביי אונז אויף אזוינע געשיכ־טעס. אמאל האב איך אליין אויך אזוי געקוקט. בלויז איצט ווען עס איז מיר אזוי ווייניג פארבליבען צו לעבען, האב איך א סך, א סך איבערגעדענקט, דאקטאר, און פארשטעהע ווי אומגליקליך עכ איז דער מענש, און ווי ווייניג פריידען ער פארמאגט; און ווי גרויזאם עס איז איהם צו פאראורטיילען פאר וואס עס זאל ניט זיין!

זי האט זיך ווידער פארטראכט, און שטילינקערהייט געפלאכטען מיט די דינע דורכזיכטיגע פינגער דעם ברעג פון דעם דיקען שאל, מיט וועלכען עס זענען געווען איינגעדעקט איהרע פיס. אזוי ווייניג לעבען איז פארבליבען אין אט די פינגער, אז זיי האבען געמאכט דעם איינדרוק פון וואקסענע.

דער דאקטאר ארנאלדי האט אלץ געשוויגען און זיין שווערע פי־גור, האט זיך ווי א שווארצער פלעק צושוואומען אין דער פינסטער־ניש פון דער נאכט.

— ארימע נעלי! — האט ווידער אנגעהויבען די קראנקע.

נו, אז זי האט זיך אין א רגע פון בארוישונג פארגעסען אויף א ווײַלע.... וועמען האט זי דערמיט שלעכטס געטאן?... מען קען דיינקען, אז מענשען קענען פשוט ניט פארטראגען און פארגינען קיי־נעם ניט קיין גליק, און דערפאר שטרעבען זיי אין וועגדען אן אלע זייערע כחות אלעם צו פארניכטען כדי קיין גליקליכע זאלען אויף דער וועלט ניט זיין!... נו, איז זי זיך צוזאמענגעקומען מיט א מאן, וועט זי געבוירען א קינד... נו, איז וואס? גאט צו דאנקען דערפאר און שוין. אבער, ניין, ניין!... מען האט זי פון איבעראל פאריאגט. פון שול אלס לערערין האט מען זי ארויסגעטריבען... וואס־זשע וועט זי טאן, פון וואנעט וועט זי לעבען... געהן אויפ'ן גאס, ווערען א גאסען פרוי... דאס אפשר האט מען באדארפט?... נו, גוט — איך האב זי גענומען, נו און אויב איך וואלט דא ניט זיין!... אומגליקליך מיידעלע. א גאנצען טאג עסק'ט זי זיך, ארבייט, געהט ארום ארום מיר און אין די אבענטען געהט זי אום אין גארטען. געהט אום און שווייגט, שווייגט און שווייגט. אמאל זינגט זי שטילינקערהייט פאר זיך. עס ווערט אזוי טרויעריג זי צו הערען, צייטענווייז וויין איך און טראכט: נו, אט וועל איך שטארבען, נעלי וועט שטארבען און עס וועלעי שטארבען

אי די, וועלכע האָבען זי פאַרפאַלגט און פאַראַכטעט, עס וועלען לעבען אנדערע מענשען, וועלכע וועלען אפילו ניט וויסען וועגען אונז... נאָך וואָס־זשע דאַרף מען נאָך אַזאַ קליינינקען און קורצינקען לעבען פאַרסמ׳ען מיט שמוץ און בייזקייט? מיר וואָלט זיך אזוי וועלען זי טרייסטען, זי דערנעהענטערען צו מיר, נאָר זי איז א מורא׳דיג שטאָלצע, און האַלט זיך פון דער וויטענס אפילו פון מיר א שטאַרבענדער. עס איז איהר שווער, דאָקטאָר!

דער דאָקטאָר אַרנאַלדי האָט ארויסגעלאָזען א מאָדנעם קורצען קלאַנג ווי ביי איהם אין גאָרגעל וואָלט עפּעס א פּיסטשע געטאָן און האָט נאָך שווערער אנגעלייגט זיין דיקע קין אויף די הענט. די קראַנקע האָט א קוק געטאָן אויף איהם מיט איהרע פול מיט צער אויגען, וואָס האָבען געפינקעלט אפילו אין דער פינסטער, נאָר זי האָט גאָרניט דערזעהן און ווידער אנגעהויבען:

עס איז טרויעריג, דאָקטאָר, אזוי טרויעריג און באַנג...

עס טוט וועה פאַר זיך, עס איז א רחמנות אויף נעלי׳ן, עס טוט באַנג פאַר אָט דעם הימעל, עס טוט באַנג צו שטאַרבען, דאָקטאָר! און נאָך שווערער, דאָקטאָר, איז צו שטאַרבען אליין. ווען איך בין געווען אויף דער ביהנע איז ארום מיר געווען א מאַסע מענשען, און איצט האָבען מיך אלע פאַרגעסען. איך באַקלאַג זיך ניט, נאָך וואָס?... און ווידער אמאָל — בין איך אליין שולדיג: איך האָב אימער געוואָלט אז מען זאָל מיך ליעב האָבען אזא ווי איך בין... זאָל זיין א שלעכטער, זאָל זיין אז נידערטרעכטיגער, א וואָסער איהר ווילט.

נו, און געליעבט האָט מען מיך בלויז פאַר דאָס גוטע וואָס איך האָב פאַרמאָגט. — פאַר מיין שעהנעם קערפּער. און דער קערפּער, אָט שטאַרבט ער און ביי מיר איז גאָרנישט ניט געבליבען מיט וואָס איך זאָל קענען צוציהען צו זיך...

ווען איהר זאָלט וויסען, ווי איך בין אין כעס געוואָרען, ווען מען האָט געפּרובט מיך איבעראנדערשען, און מיך געבעטען ניט זיין אזא אויפגערעגטע, אזא פאָדערענדע און פאַרביסענע... נו, אָט איז געקומען דער דין־וחשבון!... איך האָב אפילו קיין טענות ניט צו אַרבעניגען וואָס ער האָט מיך אוועקגעוואָרפען, ווען איך בין קראַנק געוואָרען. ער איז א געזונטער און פרעהליכער מענש, וועלכער האָט ליעב דאָס לעבען און פרויען. ער דאַרף האָבען א געליעבטע און ניט קיין

פּאַר טרויעריגע, שטאַרבענדע אויגען... יאַ, איך האָב זיך דאָך אפילו ניט באַמיהט, אַז ער זאָל ליעב באַקומען מיין נשמה און אַז די נשמה מיינע זאָל ווערט זיין צו ליעבען. נו, און דערפאַר שטאַרב איך ווי אַ הונט... זאָל זיין. אמאָל ווען ניט איז, וועט ער אויך שטאַרבען, און זיכער אויך אַ פאַרגעסענער פון אַלעמען... דאַן וועט ער זיך דערמאָנען אַז מיר און וועט חרטה האָבען... און איהם וועט אויך זיין אַזוי שווער און ער וועט פאַרשטעהן, אַז זיין גאַנצער לעבען איז געווען אַ טעות!... נו, איצט קען מען קיין זאַך ניט פאַריכטען... אַליין, איז אַליין!... אַט בין איך געקומען אהיים שטאַרבען. קיינעם האָב איך דאָ ניט. אָבער זיס האָט זיך פשוט אַזוי פאַרוואָלט צו שטאַרבען אויף אַן אַלטען פּלאַץ. דאָ איז מיר אַלץ אַזוי באַקאַנט און נאָהענט. אַז מיר דוכט זיך, אַז איך בין שוין אַזוי ווי ניט אַליין. עס וואָלט מיר זיין אַביסעל צו שווער ערגעץ וואו אין אַ סאַניטאַריום, אָדער אין אַ האָטעל... ווייסט איהר דאָקטאָר אַז דאָ האָב איך זיך אין גימנאַזיע געלערענט!

די קראַנקע האָט זיך שטיל צולאַכט.

— מאָדנע איז דאָס, וואָס אַ מענש קען קיינמאָל ניט פאָראויס־זעהן זיין לעבען: נו האָב איך דען געטראַכט אמאָל, ווען איך בין געווען אַ קליינינקע מיידעלע, און געגאַנגען מיט די ביכלעך אין גימ־נאַזיע, אַנגעטאָן אין אַ שוואַרצען פאַרטעכעל, אַז ביי דעם זעלבען פענסטער, וואו איך האָב אמאָל געלערענט מיינע לעקציעס, וועל איך ליגען אַלס אַ געוועזענע אַקטריסע, אַ שווינדזיכטיגע, אַזאַ לאַנגע און גרויסע!... אָדער... און איבריגענס, קען איך דאָס ניט אַרויסזאָגען. גענוג! איך פּלוידער אַלץ, און איהר, דאָקטאָר, זענט זיכער מיד. און אין אַלגעמיין איז אייך שווער צו הערען מיין פּלוידערען. געהט ליעבער, און איך וועל אפשר שנעל איינשלאָפען. געהט.

דער דאָקטאָר אַרנאַלדי האָט זיך שווער אויפגעהויבען.

— קומט אַריין צו מיר. איך ווייס אַז איהר הייליט מיך מעהר ניט... ניטאָ צוליעב עפּעס, אָבער קומט אַזוי אַריין, ליעבער דאָקטאָר...

דאָקטאָר אַרנאַלדי האָט מיט זיינע גרויסע ווייכע פינגער גענו־מען איהר אויסגעשטרעקטע צו איהם לייכטע, שוואַכע האַנט, און מיט אמאָל, האָט ער זיך איינגעבויגען מיט זיין גאַנצען שווערען און באַ־וועגלאָזען קערפּער, און אַ קוש געטאָן די אָרימע שטאַרבענדע פינגער־לעך.

די קראַנקע האָט זיך ניט פאַרוואונדערט, נאָר בלויז ליעבליך און טרויעריג צולאַכט.

— פאַרוואָס?... נו, זעהט־זשע, ליעבער... זאָל גאָט זיין מיט אייך!

דער דאָקטאָר אַרנאַלדי איז שטיל אַרויס פון צימער. זי איז געבליבען ביים פענסטער און איהר געזיכט איז אַלץ בלאַסער געוואָרען און פאַרשוואונדען אין די ווייסע קישענס ביי דעם שוואַכען אָפּשיין פון דער פאַרגאַנגענער זון.

אין דרויסען איז געווען אַ סך ליכטיגער, און ווי שטענדיג, אַז מען געהט אַרויס פון אַ פינסטערען צימער אין גאַס, האָט דער דאָקטאָר זיך פאַרוואונדערט וואָס עס איז נאָך אַזוי ליכטיג. בלויז דער הימעל פון אויבען איז טיעפער געוואָרען און עס האָבען זיך, ווי גאָלדענע אייז־טראָפּענס, אָנגעצונדען אין הימעל די ערשטע שטערענדלעך מיט אַ דורכזיכטיגען שעמעוודיגען שימער. פון גאָרטען האָט געצויגען אַ זיסע פייכטע לופט, וואָס האָט דערמאָנט דעם אָטעם פון טרויעריגע קראַנקע בלומען, און אונטער די ביימער האָבען זיך פאַרזאַמעלט די ערשטע שווייגעדיגע און שרעקענדע שאָטענס. ביים סאַמע טויער האָט זיך דער דאָקטאָר אַרנאַלדי אָנגעשטויסען אויף אַ יונגער פרוי. זי האָט זיך דערשראָקען אָפּגערוקט אָן אַ זייט און דער דאָקטאָר פאַרבייגעהענדיג האָט בלויז געקענט באַמערקען די טונקעלע אויגען, מיט די גרויזאַם צוזאַמענגענדריקטע ברעמען אין דעם פינקלענדען בליק, וואָס האָט געמאַכט דעם איינדרוק גיכער פון אַ דראָהענדען, ווי פון אַ דערשראָקענעם. זי איז באַוועגלאָז געשטאַנען אונטער די ביימער אין שאָטען ביז דער דאָקטאָר איז דורכגעגאַנגען, און האָט איהם באַגלייט מיט אַ מאָדנעם בליק, דערביי האָט זי צוגעדריקט צום ברוסט איהרע דינע בלאַסע הענט. דאָס איז, זיכער, נעלי... — האָט אַ טראַכט געטאָן דער דאָקטאָר.

אין טויער האָט ער זיך ניט ווילענדיג אומגעקוקט.

זי איז נאָך אַלץ געשטאַנען אויף דעם זעלבען אָרט, און האָט ווי געוואַרט ער זאָל שוין שנעלער אַוועקגעהן.

דער דאָקטאָר אַרנאַלדי האָט אויף שנעל פאַרמאַכט די טיר.

איצט איז ער געווען פריי און האָט געקענט געהן אַהיים.

דער אָבענט האָט פאַרפּוצט דאָס שטעטעל מיט לעבעדיגע פרעה־

ליבע פייערלעך. וויִט אין שטאָטישען גאָרטען, האָט ווי אין יעדען אבענט, געשפּיעלט די מוזיק. אהין האָבען זיך געצויגען יונגע מיידלעך אין העלע קליידער, און יונגע לייט, מיט פייערליך פון די פּאַפּיראָסען און מיט הויכע פרייע שטימען. ביים עק פון דער גאַס האָט מען געקענט זעהען פון אינווייניג באַלויכטענעם דאך פון דעם וואַנדערענ־דען צירק מיט די קרענץ פון קאָלירטע לאָמטערענדלעך ביים אריינ־גאַנג, און געדוכט האָט זיך, אז אומעדום איז לעבעדיג און פרעהליך.

8.

אין דער היים האָט דער דאָקטאָר ארנאָלדי אָנגעצונדען א ליכט, האָט אראָפּגענומען פון זיך דעם ראָק, און א מיעדער זיך אוועקגעזעצט צום טיש, אויף וועלכען עס האָט שוין געזאָטען דאָס קליינע סאַמאָ־וואַרעל און די איינזאַמע גלאָז האָט שוין געוואַרט אויף איהר אַלטען באַלאַבאָס.

אין צימער איז געווען פּוסט און ניט היימליך, ווי אין א נומער פון א שלעכטען האָטעל, פון די נאַקעטע ווענט האָט זיך געטראָגען א פארשטיקטער ריח, ווי פון אן אַלטען בחר. די בעט איז געווען צו שמאָל פאר אזא גרויסען און דיקען מענשען. אויפ'ן פענסטער האָ־בען זיך געוויקט פון פייכטקייט אָפּגעריבערטע שטיקלעך פון ציגאַ־רעטען, און דער שטויב האָט ווי א ווייבער צודעק ארומגענומען די עטאַזשערקע מיט די דיקע גרינע ביכער. אין אָפענעם פענסטער זענען אריינגעפלויגען און ארויסגעפלויגען די נאַכט שמעטערלינגען. זיי האָבען זיך האַסטיג געדרעהט ארום פייער פון דער ליכט, אומגע־קראָכען איבער'ן טישטאָך און מאָכטלאָז געצאַפּעלט זיך מיט די דיי־נינקע פליגעלעך. זייערע אונפארגלייכליך גרויסע שאָטענס, האָבען קלאָנגלאָז געשוועבט איבער די ווענט, און אונטערען דאָקטאָרס פּליי־צעס. זיין אייגענער אונגעהויער גרויסער שאָטען איז געשטאַנען אוי־

בערגעבויגען איבער דער סטעליע. געדוכט האט זיך אז אימיצער א שווארצער און געזיכטלאזער האט זיך איבערגעבויגען איבערן דאקטאר און האט שטום געווארט.

פון פענסטער האט זיך קוים געצויגען א קיהלע נאכט לופט, דאס אויסגעצויגענע פייער פון ליכט האט זיך געהוידעט און אין איהר געלען וואקסענעם שיין האט זיך געדוכט אז דער מידער געזיכט פון דאקטאר מאכט מאדנע גרימאסען.

פון ווייטענס האבען זיך דערטראגען די קלאנגען פון מוזיק. כאטש מען האט דארטען זיכער געשפילט עטוואס שרייענדעס, נארישעס, ווי די קאלירטע פאפירענע לאמטערנעלעך און פארדרעהטע וואנצעלעך פון די פאלקאווע שרייבער, וועלכע האבען שפאצירט מיט מאדיסטקעס. אבער דא, אין צימער פון דעם אלטען דאקטאר האט די מוזיק געקלונגען טרויעריג־שעהן און ערהאבען.

פון צייט צו צייט האט זיך דערטראגען א העכערער קלאנג, דאס איז געווען די איינזאמע מעשענע שטים פון דער טרובע, וועלכע האט זיך פארנומען אלץ העכער און העכער און פארשטארבען ערגעץ וואו אונטערן אויסגעשטערנטען הימעל מיט א בייגקענדער און רופענדער נאטע.

דער דאקטאר האט שווייגענדיג זיך צוגעהערט צו אט די קלאנגען, און געטרונקען א גלאז נאך א גלאז שטארקען טעע מיט זיסע וואנשעל־אנגעמאכטס און געקוקט אט אויפ׳ן פייער, אט אויפ׳ן ליכט, אט אויף זיינע דיקע פוכיגע הענט, און אט אויף די נאכט שמעטערלינגען וואס האבען זיך געדרעהט אין א משונה־ארטיגען טאנץ.

זיי זענען געווען א סך און אלץ נייע און נייע זענען געקומען צופליהען פון דער פינסטער, שטרעבענדיג צום פארבלענדענדעם גרויזאמען ליכט. ווייסע, גרינע, געלע און פארשידען־פארביגע, קליינצינקע ווי די בלעטעלעך פון ברעקעלעך בלומען; און דיקע פארוואקסענע זענען זיי אט געזעסען באוועגלאז אויפ׳ן טישטוך מיט אנגעשטרענגטע בליקען, אט זענען זיי האסטיג ארויפגעפליגען און זיך ליידענשאפטליך געדרעהט אין דעם אונערטרעגליכען בלאנקענדען ליכט פון דעם שרעקליכען פייער, און אט האבען זיי אזוי פאר׳עקשנ׳ט אומגעשוועבט איבער׳ן טיש אין אזוינע מאדנע, קרענקליכע קרייזען, און

מיט א משונע ווילדער שנעלקייט געקלאפט מיט די פליגעלעך, וועלכע האבען שוין ניט געקענט פליהען. זייערע אנגעשטרענגטע אונאויפ־הערליכע באוועגונגען האט געשאפען א מאדנע געהיימניספולע שטופע־ניש, וועלכע איז געווען פול מיט קוים הערבארע ליידען, און קלאנג־לאזע שטרעבונגען.

אויפ'ן לייכט צוגאנגענעם חלב פון ליכט האט זיך צוגעקלעפט די צוקאלעטשעטע פארגאסענע ברעקלעך מתים'לעך. קיין איין און איינציגער־קלאנג האט זיך ניט געלאזט הערען אין אט דעם אנגע־שטרענגטען, ביז גאר קאמף פאר'ן לעבען מיט דעם אונפארשטענדליך צוציהענדען און פארברענענדען פייער.

און אפשר האט דער דאקטאר ארנאלדי, וועלכער האט אנגעצונדען די ליכט, זיי פשוט ניט געהערט. זיין שטיינערנער געזיכט האט שטום געקוקט אויף זיי פון אויבען.

אימיצער איז פלינק ארויפגעלאפען אויפ'ן גאניק און מיט קוראזש צועפענט די טיר. דאס פייער פון דער ליכט האט זיך אויפגעהויבען און גענומען צופאלען, און אויפ'ן וואנט האט זיך באוויזען א ריזיגער שאטען.

דער דאקטאר ארנאלדי, האט ווי עס ווייזט אויס, גוט געוואוסט ווער דאס איז, ווייל ער האט זיך ניט א ריהר געטאן פון ארט, נאר בלויז דורך דער אויסגעצויגענער האנט נאך אנגעמאכטס, האט ער ניט געאיילט א קוק געטאן אויף דער טיר.

— גוט אבענט דאקטאר! — האט זיך הויך און פרעהליך געג־ריסט דער גאסט; און זיין פנים, האט ווי א פולער אקארד קלאנגען, פון געזונט, פרייד און קראפט זיך צושאטען אין דער שטילקייט פון דעם פאר'חושכ'טען צימער.

— טעע ווילט איהר? — האט אנשטאט א באגריסונג געפרעגט דער דאקטאר ארנאלדי.

— נאך ווי אזוי! האט אזוי הויך און פרעהליך ווי פריהער געענטפערט דער גאסט און א ווארף געטאן אויפ'ן בעט זיין ווייסען הוט. ער האט גענומען א ביינקעל און האט זיך אוועקגעזעצט אנט־קעגען דעם דאקטאר.

ער האט זיך געזעצט און אנשפארענדיג זיך אויפ'ן ווענטעל פון ביינקעל, האט ער זיך צולאכט, און שווייגענדיגערהייט אנגעשטעלט

אויפ׳ן דאָקטאָר א פינקלענדיגען און אויפגערעגטען בליק, פּונקט ווי ער וואָלט איהם זעהען צום ערשטען מאָל און זיין איבעראַשט פון דעם אינטערעסאַנטען קוריאָז. עפּעס האָט אַן אַפּהאָלט געשפּיעלט אין געפינקעלט אין זיינע טונקעלע גרויסע אויגען.

דער דאָקטאָר אַרנאָלדי, האָט מיט דער געוואוינהייט פון אַן אַלטען בחור גענומען א נייע גלאָז, האָט לאַנגזאַם און גרינדליך זי אויסגעוואַשען, און אַנגעגאָסען א שטאַרקע גלאָז טעע, ווי ביר, און זי דערלאַנגט דעם גאַסט.

— נעמט אַנגעמאַכטס... פון ווײַנשעל... — האָט ארויסגעברומט דער דאָקטאָר.

— פון ווײַנשעל? אַ. געוויס! — האָט מיט א קאָמישען פּאַ־טאָס געענטפערט דער גאַסט.

דאָקטאָר אַרנאָלדי האָט א טרויעריגען בליק געוואָרפען אויף זיינע שיינענדע אויגען, אויף זיין ווייסען שטערען, און אויף די דיגע געקרויזטע האָר, — אויף זיין גאַנצען מענליכען געזיכט, און האָט פאַרשעמט און צערטליך א שמייכעל געטאָן.

— וואָס פרעהט איהר זיך, דאָקטאָר? האָט גלייך אונטערגע־כאַפּט די יונגע פאַרשייטע שטימע.

דער דאָקטאָר האָט ווידער א קוק געטאָן אויף איהם און לאַנג־זאַם ארויסגעברומט: — טרינקט טעה, דזשענעיעוו.

געוואָלט האָט ער זאָגען: אך ווי גוט עס איז צו זיין שעהן, יונג, און זאָרגלאָז, און ווי שטאַרק איך, אַן אַלטער פאַר׳צאַרעג׳טער מענש, בין אייך מקנה און צו דער זעלבער צייט איז מיר אַזוי אַנגענעם און ליעב צו קוקען אויף אייך.

אָבער ער האָט דאָס ניט געזאָגט. עס האָט זיך ניט איבערגע־קערט דער פוילער טרויעריגער צונג אין מויל.

דזשענעיעוו האָט זיך צולאַכט.

— אך דאָקטאָר, דאָקטאָר!... איהר שעמט זיך גאָר ניט זיין אַזוי אַפּגעלאָזען.

אין דרויסען קוועלט דער אָבענט, עס שיינען די שטערען, פרויען לאַכען, און ער זיצט זיך איינער אַליין און טרינקט טעה מיט אַנגע־מאַכטס...

דערלעבט נאר מיינע יאהרען, — האט ווארטשענדיג געענטפערט דער דאקטאר ארנאלדי, — דאן קומט צוגעהן, זעצט זיך אוועק אויפ'ן זעלבען פלאץ און מיר וועלען שמועסען.

דזשענעיעוו האט א קוק געטאן אויף דעם דאקטאר מיט א דורכ־דרינגענדען, פאראכטעטען בליק, און זיין פיין געזיכט האט זיך פאר־דונקעלט. ווי א שאטען איז דורכגעגאנגען דורך זיינע שיינענדע אויגען אן אונקלארע אונרוהיגקייט; און ווי אין א דונקעלען פארגע־פיהל האבען קוים באמערקבאר א ציטער געטאן זיינע שעהנע ליפען. אבער ער האט גלייך א שאקעל געטאן מיט'ן קאפ, און האט זיך צור־לאכט, און ווידער האט יין געזיכט געלויכטעט מיט יוגענד און לעבען, אזוי ווי דער פרילינגס ווינט וואלט אראפגעבלאזען פון איהם א צור־פעליגען וואלקען.

דער דאקטאר ארנאלדי האט שווייגענדיג באאבאכטעט אט דעם מאמענטאלען און שארפען אומבייט פון אויסדרוק אויף זיין געזיכט. די העלע שנעלקייט, מיט וועלכער עס האבען זיך אומגעביטען די אויס־דריקען פון זיין פנים, האט ענטהאלטען אין זיך אן אונפארשטענדליכע אנציהענדע שעהנקייט. דער דאקטאר האט א טראכט געטאן, אז אפשר אט די פעהיגקייט זיינע אזוי מאמענטאל און העל אפצו־שפיגלען די דינסטע און טיעפסטע באוועגונגען פון דער נשמה ענטהאלט אין זיך דעם סוד פון יענעם שרעקליכען צוימער, מיט וועלכער אט דער מענש באהערשט די פרויען. דערביי האט זיך דער דאקטאר דערמאנט אין דער פאראומערטער נעלי; ווי זי איז געשטאנען אין דעם שאטען פון די בוימער, שטארק צוגעדריקט צום ברוסט די בלאסע דינע הענט, ווי זי וואלט זיך מיהען, אויף אזא אופן אנהאלטען אין איהר ברוסט אן אונגעהויערען עוצר. ער האט זיך אויך דערמאנט אין נעלי'ס שרעקענעם און דראהענדעם בליק.

— וועגען וואס האט איהר זיך פארטראכט? דאקטאר, וואס האט איהר היינט געטאן? — האט געפרעגט דזשענעיעוו און האט אונערווארטעט זיך צוזונגען הויך אויפ'ן קול:

...יעדען טאג טראגען מיר א מת אין קבר!...

און איידער דער דאקטאר האט דערוויזען צו ענטפערען, האט דזשענעיעוו אנגעפאנגען אויף שנעל און מיט ניט קיין גאנץ זיכערען טאן:

— אַט האָלט איהר מיר אין איין אויסרעדען... אָבער איהר וואָלט שוין דאַכט זיך געמעגט פאַרשטעהן, אַז ווי מען זאָל ניט לע־בען, דער סוף מוז דאָך אָבער זיין איינער!... צוריק קומט מען ניט. נו, לעב בעסער אַזוי, אַז דאָס גאַנצע בלוט זאָל זיעדען, און אַז קיין איין מינוט זאָל ניט פאַרלאָרען געהן אומזיסט, כדי עס זאָל דערנאָך ניט באַנג טאָן: כדי זאָלסט דערנאָך ניט מיינען, אַז דו האָסט געקענט פיעלעס נעמען פון לעבען און האָסט ניט גענומען. עה, דאָקטאָר!

— באַשטעהט דען דאָס לעבען בלויז אין דעם?

— אין וואָס?

— נו, אין פרויען, — האָט אַראָפּלאָזענדיג די אויגען ערקלערט דער דאָקטאָר אַרנאָלדי.

— וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט'ן לעבען! — האָט דזשענעיעוו זיך צולאַכט.

— דאָס לעבען דאָס איז אַ פאַקט און דערצו נאָך זעהר אַ מיאוס'־ער פאַקט!... אָבער איך רעד פון די פריידען פון לעבען; פון יענע פריידען אַהן וועלכע איך צווייפעל אויב אימיצער וואָלט איבערגעטראָ־גען געדולדיג אַט דאָס ליעבע לעבען.

ווייסט איהר דאָקטאָר, וויפיעל פרייד עס קען געבען אַ פרוי?

— נו, — האָט אַ ברום געטאָן דער דיקער דאָקטאָר.

— ניט — נו, נאָר יאָ!... פּשוט איהר ווייסט דאָס ניט, און פאַרשטעהט ניט, דאָקטאָר, אַז איהר וואָלט ניט געווען אַזאַ מין פאַר־שלאָסענער און פאַרטרויערטער מענש. וואָס דענקט איהר? דער גע־נוס איז דאָ ניט אין דעם געשלעכטליכען אַקט. דאָס איז בלויז דער נאַטירליכער סוף אַהן וועלכען עס וואָלט פאַרבליבען אַ געפיהל פון עטוואָס ניט פאַרענדיגטען און ניט צופרידענשטעלענדען... דאָס איז די לעצטע שטופע פון נאָהענטקייט און גאָר... אָבער דער העכסטער פאַרגעניגען איז ניט אין דעם!

— אָבער, אין וואָס דען? — האָט אומעטיג געפרעגט דער דאָקטאָר אַרנאָלדי.

— נו, ווי אַזוי זאָל איך אייך אַ טויטען מענשען דאָס ערקלע־רען... אַט באַגעגענט איהר אַ יונגע און שעהנע פרוי... צוערשט איז צו אייך אַזאַ קאַלטע און אַבסאָלוט פרעמדע. איהר קענט זיך שפּיג־לען אין איהר, אָבער אָנריהרען זי וואַגט איהר ניט. אַלס אין איהר

איז נאך פאר אייך א רעטעניש — איהרע העגטשעקעס, איהר שטימע, די בלומען אויף איהר הוט, דער זשומען פון איהר קלייד, די אויגען אין וועלכע עס באהאלט זיך א ווארעמע טיעפקייט. נאר אויף אייך קוקען אט די אויגען ווי דורך א וואנט פון אייז... איהר שעהנקייט איז ניט פאר אייך, איהר זענט פאר איהר — גארניט, אבער מיט א צווייטען איז זי ניט אזוינע... מיט אימעצען אנדערש איז זי אזא ווארימע, פול מיט צערטליכקייט, א ליידענשאפטליכע...

און אט, זיך אונטערגעבענדיג עפעס א מין מאדנעם כוח פון אייער פארלאנג, הויבט אן אט דאס געהיימניספולע קאלטע און שטאר־קע וועזען ווארימער צו ווערען... מיט יעדער רגע ווערט זי אלץ נעהענ־טער פארשטענדליכער און ליעבער, אין אן אונבאמערקבארער דינער שפיעל, ווי איהר פאלט אן און זי פארטיידיגט זיך מיט אלע כוחות, ציהט זי אייך צו און פיהלט אז אייער גאנצען לעבען מיט איין זין און איין צוועק. מיט יעדען טאג צועפענט זי זיך פאר אייך, ווי א בלום אנטקעגען דער זון, אין איהר גאנצע אונפארשעמטע שעהנקייט. און מיט אמאל אין א סעקונדע, וועלכע איהר וועט ניט פארשטעהן און זיך ניט דערמאנען צינט זי זיך איינגאנצען אן; עס פארשווינדט איהר שעמעוודיגקייט, עס פאלט ארונטער דאס שמאלצע קלייד פון צניות און עס בלייבט שטעהן פאר אייך איין ברענענדער פון גליק און פיין נאקעטער קערפער... דאקטאר, ווייסט איהר די אנציהענדע שעהנקייט פון א פרויען קערפער?... און אט דער קערפער גיסט זיך צוזאמען מיט אייערען אין א משונע ווילדען געגוס, אזוי אז די גאנצע וועלט טרעט אפ אן א זייט... און איהר זענט בלויז צוויי, זי פאר אייך און איהר פאר איהר! זעהט, אויף אט דער שפיעל איז געגרינדעט די אייביגע מעשה'לע וועגען גאליטע'ען!... און ס'ארא מין טיפקייט פון איבערלעבונגען און געפיהלען, דאקטאר!... אט זענט איהר גרייט צו וויינען פון אייפערזוכט, און אט זינגט איהר פון פרייד; אט זענט איהר זי גרייט צו פארמאטערען אויף א לאנגזאמען פייער, אט ווילט זיך אייך קושען איהרע פיס!... זאל זיין אז דאס איז א משוגעת, אבער דאס איז א משוגעת פון עקסטאז!... ס'ארא מין שעהנקייט דאס איז יעדער יונגע און שעהנע פרוי! ווען זי ליעבט אייך באצירט זיך אלץ אין די פארבען פון איהר ליעבע. די גאנצע וועלט קוקט אייך אוים אנדערש. בלויז דאן לעבט איהר באמת, בלויז דאן זעהט

איהר ווירקליך ווי די זון שיינט, ווי די לבנה איז שעהן און געהיימ־ניספול און ווי שעהן עס זענען די וואַרימע זומער נעכט!... איהר ווייסט, אַז איך בין געווען פאַרליעבט צום ערשטען מאָל, איז דאָן געווען פריהלינג... עס האָט נאָר וואָס אנגעהויבען צוגעהן דער שניי... און אַט, בלויז איין גאָט ווייס וואו עס איז איצט יענע מיידעל. אָבער ביי מיר איז אויפ'ן גאַנצען לעבען פאַרבליבען איין איינדרוק, עס פלעגט טרעפען, אַז איך האָב זי ביינאַכט באַגלייט אהיים... עס איז אַי ליכטיג אַי פינסטער, ערגעץ וואו זשומען די שטראָמעלעך, עס שמעקט מיט צוגאַנגענעם שניי, און מיט'ן בויגזאַמען פריהלינג־ווינט... וויפיעל יאָהרען עס זענען שוין פאַריבער, און אַז איך דערהער ביינאַכט דעם רוח פון צוגעהענדען שניי פאַרקלעמט ביי מיר דאָס האַרץ פון אַן אונערטרעגליך זיסען און רירענדען טרויער... עס ווילט זיך זי זעהן, זי צערטלען און שוויינענדיג געהן מיט איהר איבער די דונקעלע גאַסען... עס ווילט זיך וויינען און תפילה טאָן, און דאַנקען דעם לעבען פאַר יענעם ווייטען פאַרגאַנגענעם גליק!

דזשענעיעוו האָט ברייט צועפענט די אויגען, ווי ער וואָלט זעהען פאַר זיך עפּעס וואָס דער דאָקטאָר האָט ניט געזעהן, און האָט זיך שוויינענדיג פאַרקוקט אויפ'ן פייער פון ליכט.

— דאָס איז טאַקע אַזוי, זיכער אַזוי, — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר אַרנאַלדי. — אָבער שוין אַביסעל צופיעל קומט אויס צו צאָהלען פאַר אַט די פריידען...

— נו, — האָט געזאָגט דזשענעיעוו, — אין לעבען קומט פאַר פאַר אַלעם צו צאָהלען... זאָל כאָטש זיין פאַר וואָס!

דער דאָקטאָר האָט געשוויגען. ער האָט זיך ווידער דערמאָנט אַן דער אָרימער נעלי.

— ווייסט איהר וועמען איך האָב היינט געזעהן? — האָט אונערוואַרטעט ארויסגערעדט דער דאָקטאָר.

— וועמען? — האָט געפרעגט דזשענעיעוו אויף שנעל און אויף זיין פּנים האָט זיך באַוויזען אַן איינגעשפּאַרטער אויסדרוק.

— אייערע, ווי הייסט זי דאָרטען... נעלי... — האָט ניט קוקענ־דיג אויף איהם, געזאָגט דער דאָקטאָר אַרנאַלדי, און אַ צומישטער האָט ער זיך אַ ציה געטאָן נאָך אַנגעמאַכטס.

דזשענעיעוו האט שווייגענדיג געקוקט אויף איהם ווי ער וואלט וועלען אריינדרינגען אין די טיפסטע טיפעניששען פון זיין נשמה.

— דאס מיידעל איז דאך א פארלארענע... — האט שטיל פאר־ענדיגט דער דאקטאר.

דזשענעיעוו האט ניט גלייך געענטפערט, ער האט ווי געקעמפט מיט עפעס.

— א, דאקטאר! — האט ער כמעט מיט כעס געזאגט: — נו, איז זי פארלארען. וואס הייסט פארלארען?... מיר זענען געווען גליקליך, נו און גאט צו דאנקען. וואס־זשע עס וואלט אפשר געווען בעסער ווען זי וואלט געווען פארוועלקט און אויסגעטריקענט אלס אלטע מויד אהן דער פרייד פון ערינערונגען, אבער זי וואלט חתונה געהאט מיט... מיט א טשינאווניק?... מערקט אייך נאר ס'ארא מיז עוצר זי האט דאס פארלארען?...

דער דאקטאר ארנאלדי האט געשוויגען. איהם האט זיך ווירקליך אויסגעוויזען, אז עס איז באמת געווען בעסער זיך אפגעבען דזשע־נעיעוו'ן, אזא שעהנעם געליעבטען, ליידענשאפטליכען, און אינטערע־סאנטען מענשען, ווי זיך אפגעבען אימיצען אנדערש.

— און ווער איז אין דעם שולדיג? — האט ווידער אנגעהויבען דזשענעיעוו מיט א מאדנע פארביטערטקייט, — איך האב זי ניט גענארט און קיין אייביגע ליעבע ניט פארשפראכען... זי האט געוואוסט אויף וואס זי געהט.

— זי איז היגגעריסען געווארען! — האט פארזיכטיג באמערקט דער דאקטאר.

— און איך בין אויך הינגעריסען געווארען! — האט ווילד אויסגעשריען דזשענעיעוו.

— דאס איז ניט מיין קרבן, נאר דאס איז א קרבן פון דעם גאנ־צען געזעלשאפטליכען בוי פון לעבען. וואלט געווען אן אנדער לעבען, וואלט קיין זאך אויסער פרייד ניט געווען אין דעם... זאלען זיך מענ־שען אויפבויען אן אנדער סדר, אויב זיי ווילען זיין גליקליך, און פון מיר זאלען זיי ניט פאדערען קיין גוטהארציגקייט!... איך פארשטעה דאס ניט און וויל זיך ניט רעכענען דערמיט!...

— איהר האט דאך זי אוועקגעווארפען... — האט נאך שטילער באמערקט דער דאקטאר ארנאלדי.

— איך האָב זי ניט אוועקגעוואָרפען... מיר ווילט זיך פּשוט לעבען! פאַר וואָס זאָל איך זיך ברייננען פאַר אַן אַפּפער ווענמען עס איז?... פרויען זענען דאָ א סך אַלע זענען זיי שעהן, מיר איז גוט מיט זיי, אנשטאָט דעם איך זאָל זיך פיהלען פריי מיט אַלע פרויען, וועל איך זיך מוטשען, ברעכען, נאַרען אימיצען... זי האָט באַדאַרפט האָבען א מין אייביגע ליעבע, און ביי מיר איז זי ניטאָ... נו, זענען מיר זיך צוגאַנגען! ווייסט איהר, דאָקטאָר, אַז איך האָב זי אַפילו איצט אויך ליעב, און מיר טוט זעהר וועה וואָס זי איז אומגליקליך... איך פאַרגעס קיינמאָל ניט די פרויען מיט וועמען איך האָב געלעבט. און אויף׳ן גאַנצען לעבען פאַרבלייבט ביי מיר א געפיהל פון צערט־ליכקייט צו זיי, אָבער עס איז ניט אין מיינע כוחות און איך זעה אויך ניט קיין זין אין דעם, אַז איך זאָל פאַרניכטען מיין נשמה כדי איינע פון זיי זאָל זיין גליקלידאון וואָס פאַר א גליק איז דערין?... מיט די ציין צו האַלטען צוגעבונדען צו זיך א מענשען! ס׳אַרא מאָדנע זאַך! דאָס גאַנצע לעבען מיהען זיך מענשען צו פאַרבינדען זיך אין פּאָרלעך, און קיין זאַך אויסער מיאוסקייט איז נאָך דערפון ניט אַרויס־געקומען. קיין איין און איינציגע גליקליכע חתונה, קיין איינציגע אייביגע ליעבע האָט זיך נאָך ניט געטראָפען, און דאָך מוז מען אַלע־מען אונבאַדינגט צווינגען אזוי צו לעבען! וואָס מיר ווילען איז, אַז זאָל אונז, גאָט היטען, אַז עס זאָל זיך חלילה טרעפען אביסעלע גליק ערגעץ וואו.

— אייפערזוכט, — שפּיעלט דאָ א גרויסע ראָלע... — האָט באַמערקט דער דאָקטאָר אַרנאַלדי.

— אייפערזוכט? — האָט פאַרטראַכט איבערגעפרעגט דזשע־נעיעוו.

— יאָ געוויס... אָבער, שקלאַפעריי האָט אויך געשפּילט א גרויסע ראָלע אין דער מענשליכער פּסיכאָלאָגיע, און מען האָט דאָך באַזיגט שקלאַפעריי!... און דאָס איז ערגער פון שקלאַפעריי! איי־פערזוכט, האָט סיסטעמאַטיש געקאַליעטשעט און וועט קאַליעטשען די מענשהייט... און יענע וועלכע געהען געגען אַט דער שקלאַפעריי, דער מיאוס׳טער פון אַלע שקלאַפערייען, ווייל דאָס איז איינצייטיג די שקלאַפעריי אי פון דער נשמה, אי פון דעם גוף, אי פון די געפיהלען, אי פון אַלעס וואָס איז דאָ אין מענשען; די ווערען פאַרעכענט פאַר

אויסוואורפען און פארברעכערס!... אבער וואס איז דערפון צו ריי־דען!... איך וויל לעבען אזוי ווי איך לעב, און וועל אזוי לעבען!

דער דאקטאר האט אראפגעלאזען דעם קאפ און געמישט מיט'ן לעפעלע אין גלאז. ער האט גארניט געקענט אויסזעצען געגען די טענות, ווייל אלעס וואס ער האט געקאנט זאגען איז שוין לאנג געווען באוואוסט און האט דערעסען.

עפעס אן אונקלארער אמת איז געווען אין דעם, און מען האט ניט געקענט זיך קריגען מיט אט דעם אמת. און איהם האט זיך פארגעשטעלט בלויז איין אונענדליכע קייט פון ליידען. עס איז גע־ווען מאדנע צו דענקען אז אזא מין ליכטיגער און העלער געפיהל, אזא מין פארכאפענדער אייביגער פארגעניגען פיהרט בלויז צו ליי־דען!

דזשענעיעווו האט געשוויגען און איבער זיין פנים זענען אומ־געגאנגען שווארצע פארביטערטע שאטענס.

דער דאקטאר ארנאלדי האט בגנבה א קוק געטאן אויף איהם.

— נו, גוט — האט ער געזאגט, זאל זיין אז דאס אלעס איז אזוי ווי איהר זאגט, אבער אייער פרייד וועט דאך אימער זיין פארסמ'ט מיט פרעמדע ליידען...

—און איהר דענקט אז איך וויים דאס ניט? — האט מאדנע געפרעגט דזשענעיעוו, און א דייטליכער ציטער פון ווייטאג האט אויסגעקרימט זיינע ליפען.

— יא... — האט א מורמעל געטאן דער דאקטאר ארנאלדי. — מען קען דאך אנפיהלען דאס לעבען מיט עטוואס אנדערש...

— מיט וואס צום ביישפיל?

— ווענינ ארבייטען אויף גאטס וועלט... אט האט איהר אייך, אייער קונסט...

דזשענעיעוו האט קרום א שמייכעל געטאן.

ווי עס ווייזט אויס, דאקטאר איז דאס לעבען אזוי געבויט, אז וואס דו זאלסט ניט טאן — יעדער ארבייט דיינע — איז בלויז איינע ליידען!...

זיין פנים האט זיך אויפגעבליקליך און שארף אומגעביטען; די יאוינגען האבען זיך אויסגעלאשען און איז זי האט זיך באוויזען אן אויסדרוק פון אומעט און ווייטאג.

— אפשר ווייסט איהר וואס עס איז אזעלכעס קונסט? ניין?... און איך ווייס! דאס איז איין אויסגוס פון ליידען... וויפיעל מאל איז מיר אויסגעקומען צו הערען פון גרויסע מאלער, אז זיי וואלטען וועלען זיין די פשוטסטע בעל־מלאכות, טשינאווניקעס, וועלכע קריגען זייער געהאלט דעם 20טען פון יעדען מאנאט...

דאס איז געוויס מאמענטען פון שוואכקייט און געפאלענקייט. אבער שטעלט אייך פאר וואס מען דארף איבערלעבען און איבערליידען אום מען זאל טרוימען וועגען דער גרויער וואכעדיגקייט, ווי וועגען א גליק! פארשטעהט איהר דאס?

— איך פארשטעה, — האט געשאקעלט מיט'ן קאפ דער דאקטאר ארנאלדי.

— הערט, צוליעב דעם, אז מען זאל קענען זיין א מאלער, דארף מען זיין א משוגענער, — האט דזשענעיעוו פארגעזעצט און אין זיינע אויגען האט זיך צוברענט א פונק פון א מאניאק. — ווייל בלויז א משוגענער קען לעבען אין אזא שרעקליכער אנשטרענגונג, ביז א טראפען אויסצוזייגען זיין מוח צוליעב א מאדנער אין גרונט גנעומען ווייניג פארשטענדליכער אידעע.

אך, דאס איז א שרעקליכע זאך!... ווען איהר ארבייט, ברענט איהר אויף א לאנגזאמען פייער. אלעס וואס איהר טוט, דאכט זיך איז אפשטעהענד, און איז גארניט ווערט, איהר שעמט זיך פאר אייער ארבייט, און איהר שרעקט זיך אז אימיצער זאל זי ניט דערזעהן, ווען זי איז נאך אזוי נישטיג, קליין און שוואך. איהר הויבט אן מיט פאראכטונג צו באציהען צו זיך אליין: ווי האט איהר דאס געקענט זיין אזוי נישטיג, אזוי פארבלאז? עס ווילט זיך אמאל וויינען, פארוואס אנדערע קענען און איך ניט? דאס גרויליכסטע דערביי איז דאס, אז איהר קענט קיינמאל ניט גלויבען מיט'ן גאנצען הארצען און ערנסט אז איהר האט ווירקליך באשאפען א גוטע זאך. ס'ארא מין מאדנע לאגע עס קומט ארויס: אז מען לויבט אייך, דוכט זיך אייך אז מען טוט דאס פון עדעלקייט, פון יוצא וועגען, ווען מען שילט, דוכט זיך, אז דאס זענען פשוט אייערע שנאים, וועלכע פארשטעהען אייך ניט, אדער מאכען זיך אזוי אום צו קענען טרעפען אייך פערזענליך. און אזוי איז שטענדיג ביז'ן סאמע קבר...

נאך אלעמען, נאך וואס דארף מען האבען אט די אלע ליידען?

דער דאקטאר ארנאלדי האט געוואלט עפעס ענטפערען, נאר ער האט דאס ניט באוויזען צו טאן.

איך וויים וואס איהר וועט מיר זאגען, — האט איבערגעשלאגען דזשענעיעוו, מיט א געזיכט און אויגען וואס האבען געברענט פון אנשטרענגונג, — איך וויים אלעס, וואס מען קען זאגען אום אויפ־צוהויבען די קונסט און דאס גלייכען... און פונדעסטוועגען איז דאס בלויז א מין מאדנער קאשמאר!... אדער דאס איז א היסטארישע זעלבסט־ליעבע, אדער עטוואס נאך ערגערס... אט בין איך צוויי מא־נאטען געזעסען איבער מיין „שוואנען זעע"... איהר ווייסט אז ווען פאר מיר האט זיך ווי א לעבעדיגער, אדער נאך שעהנער פון א לע־בעדיגען אפגעשפיגעלט אם ענדע דער ווייסער שוואן און דער טונ־קעלער וואסער... איהר פארשטעהט? אזא מין שטאלצער קאלטער, ריינער, ווייסער שוואן איבער דער קאלטער, טונקעלער טיעפקייט!... בין איך שיעור ניט משוגע געווארען פאר פרייד! מיר האט זיך גע־וואלט ארויסלויפען אין גאס און אלעמען דערצעהלען וועגען דער וויכטיגקייט פון דעם וואס איך האב באשאפען... מיר דוכט אז ווען איך זאל געווען דערזעהן מיין שוואן אין דער ווירקליכקייט, וואלט איך זיך אראפגעלאזען אויף די קני ביים ברעג פון דער אזערא, וואלט צונויפגעלייגט די הענט און וואלט געוויינט פון ענטציקונג און שטאלץ. אבער ווען איך האב געענדיגט דאס בילד, און א קוק געטאן דערויף איז מיר אזוי אומעטיג געווארען, דאקטאר!

— פארוואס־זשע? — האט געפרעגט דער דאקטאר, וועמען די זאך איז ניט געווען אינגאנצען קלאר.

איך וויים ניט, איך קען דאס ניט ערקלערען... דאס איז פארבאר־גען. עפעס אזוינס... עפעס א מין מאדנער געפיהל...

נו, אט מען וואלט נעמען און אפרייסען א שטיקעל הארץ מיט בלוט און דאס אוועקווארפען... איך האב מיט אמאל דערפיהלט אז צווישען מיר און מיין בילד, צוליעב וועלכען איך האב אזוי פיעל דורכגעליטען, איז ניטא גארניט, אז אלע מיינע פריידען און ליידען זענען צושוואומען געווארען אין א האפנונגסלאזער פוסטקייט.

איך האב אויסגעמאלען דעם שוואן און א סוף... דאס אלעס. און איך דארף זיך לעבען אליין פאר זיך, און דאס בילד איז אויך פאר זיך... און מיר דוכט זיך אז מיין ווייסער שוואן וועט הענגען

ערגעץ אין א גרויסען קאַלטען זאַל פון מוזעאום. פון איין זייט וועט זיין „די לענענדע וועגען פּאָלק איגאָר“ און פון דער צווייטער עפּעס א „פיה הויף“, אדער „א ריז אויפ׳ן שייד־וועג“, „איוואן דער גרויזאמער“, אלע וועלען זיי הענגען אין איין שורה... איך וועל זיין ווייט און וועל לעבען אין דער זעלבער איבערמענשליכער אנשטרענגונג. מאָלען נאָך עפּעס... דערנאָך נאָך און נאָך... ביז וואַנענט איך וועל שטאַרבען... און ווען איך וועל שטאַרבען נאָך דעם הונדערטען בילד, וועט דאָס זיין אלץ איינס ווי איך וואָלט שטאַרבען נאָך דעם צעהנטען! און אין מוזעאום וועט זיין שטיל, קאַלט און ליכטיג, און דאָרטען וועלען אלץ הענגען דן שוואַנגערדיגע בילדער... די באַזוכער וועלען אומגעהן מיט היראנקע פון אויפמערקזאַמקייט העלזער... הונדערט יאָהר וועלען פאַריבער און מייז שוואַן וועט זיך אלץ אָפּשפּינלען אין דער טונקעלער וואַסער.

— נו, איז וואָס... דאָס איז גוט... — האָט באַמערקט דער דאָקטאָר זיך פאַרוואונדערענדיג.

— א... — האָט מיט פאַרדרוס אויסגעשריען דזשענעיעוו. — איהר פאַרשטעהט דאָך ניט!... דאָס בילד וועט דאָך לעבען אָהן מיר; אזוי ווי דורך מיר וואָלט דורכגעגאַנגען עפּעס וואָס איז עמיצען נויטיג אדער גאָר ניט נויטיג, אָבער איך וועל אַלץ בלייבען אליין, איינער אליין, ווי א פאַרגעסענע שמאַטקע אויפ׳ן מיסט... פאַרשטעהט איהר מי, דאָס איז ניט איך אליין, נאָר... פאַרשטעהט איהר.. ניין, איך קען דאָס ניט אויסדריקען!

דזשענעיעוו איז אויפגעשפּרונגען און גענומען ארומשפּרייזען איבער דעם צימער. אַן אונגעהויערער שאָטען, וואָס האָט זיך איבערגעבויגען איבער דער סטעליע, אזוינער, ווי עס איז געשטאַנען אונטער דעם דאָקטאָר ארנאָלדי׳ס פּלייצעס, איז אוועק נאָך איהם, און האָט ניט אָפּשטעהענדיג געגאַנגען פון ווינקעל צו ווינקעל זיך איינבויגענדיג און זיך קרימענדיג. ניט דער דאָקטאָר, ניט דזשענעיעוו האָבען באַמערקט דעם שאָטען.

דזשענעיעוו האָט לאַנג און שווייגענדיג אומגעגאַנגען, און מען האָט געקענט זעהן אין זיין געזיכט, ווי שטורמיש עס האָבען זיך געטראָגען אין זיין מוח די אויפגעוועקטע פּיינליכע געדאַנקען. דערנאָך האָט ער זיך אונערוואַרטעט אָפּגעשטעלט, און לויט זיין געוואוינהייט

א מאָך געטאָן מיט'ן קאָפּ און האָט זיך צולאַכט אַזוי קלינגענדיג און שאַרף, אַז דער דאָקטאָר האָט אַזש אַ ציטער געטאָן.

— דאָס אַלעס איז גאָרניט, דאָקטאָר!

— גאָרניט? — האָט אויטאָמאַטיש ווידערהאָלט דער דאָקטאָר אַרנאַלדי.

אין דער מינוט האָט זיך איהם פאַרגעשטעלט דער ווייסער קאַל־טער זאַל פון מוזעאום, די רייהען בילדער, און די קעלט פון דער גרויסאַרטיגער שטילקייט, און ווי אַ מצבה אויף אימיצענס ליידען, דער ווייסער שוואַן, וואָס איז אויף אייביג פאַרגליווערט געוואָרען אויף דער דונקעלער געהיימניספולער טיעף.

— אַ? וואָס האָט איהר געזאָגט? — האָט ער איבערגעפרעגט, זיך אויפכאַפּענדיג.

— קומט אין קלוב, דאָקטאָר, אַט וואָס איך זאָג, האָט פרעהליך מיט אַ באַהאַלטענעם ווייטאָג געזאָגט דזשענעיעוו.

— אין קלוב? — האָט ווידערהאָלט אַרנאַלדי און אַ זיפץ געטאָן. אום גאָטעס ווילען, זיפצט ניט, דאָקטאָר, האָט אויסגעשריען דזשע־נעיעוו, ער האָט אָנגעכאַפּט דעם דאָקטאָר פאַר זיינע דיקע פּלייצעס און זיי אַ טרייסעל געטאָן מיט אַ צערטליכער דראָהונג:

ער איז שוין ווידער געוועזן פרעהליך און זאָרגלאָז, פּונקט ווי ניט ער וואָלט אַרויסגערופען פון דער פינסטערניש די טויטליך איי־דעלע קאַלטע זעהונג פון דעם אייביגען שוואַן.

— נו, קומט, — האָט אַ קוק טוענדיג אויף איהם צוגעשטימט דער דאָקטאָר אַרנאַלדי, און האָט זיך שווער אויפגעהויבען.

דזשענעיעוו האָט געכאַפּט זיין ווייסע הוט, דער דאָקטאָר האָט אַרויפגעצויגען אויף זיינע דיקע פּלייצעס דעם אייביגען פאַרוסינעווען רענקעל, האָט פאַרלאָשען דאָס ליכט, און גלייך איינגעהילט דעם צי־מער אין דער פינסטערניש אין וועלכער עס זענען אַהן אַ שפּור פאַר־שוואונדען, די שוואַרצע שאָטענס צוזאַמען מיט די שווייגענדיגע שמע־טערלינגען.

זיי זענען אַרויס אין הויף.

אַן אונגעהויערער אויסגעשטערנטער הימעל האָט זיך פאַר־שפּרייט איבער זיי, און האָט זיי אַרומגענומען מיט דער קעלט פון די אייביגע ווייטע רוימען.

פון אויבען האָט אַלעם געבלאַנקט און געשעמערירט. דער „מילך וועג" האָט זיך ווי אַ זילבער פּראַסטיגער טויב געצויגען איבער דעם דונקעל־בלויעם הימעל, וועלכער האָט זיך אויפגעהויבען אויף אַן אונ־דערגרייכבאַרער הויך. אויף דער ערד איז אַלעם געווען שוואַרץ און דונקעל און דזשענעיעוו איז שיעור ניט אַראָפּגעפלויגען פון גאַניק.

— פאַרזיכטיגער, דאָ זענען שטיגען... — האָט אַביסעל צו־שפּעט געוואָרנט דער דאָקטאָר.

איהר וואָלט שוין בעסער דאָס מאָרגען זאָגען, — האָט זיך פרעהליך אָפּגערופען, פון דער פינסטער דזשענעיעוו.

זיי האָבען נאָך ניט דערוויזען אָפּצוטרעטען פון גאַניק, ווי אימי־צער איז צוגעפאָהרען צום טויער. עס האָט זיך געהערט ווי עס האָבען געקרעכצט די רעדער און עס האָט זיך צוהירזשעט אַ פערד, און עפּעס אַ ווייסער שאָטען האָט זיך באַוויזען אין טויער.

וואוינט דאָ דער דאָקטאָר אַרנאַלדי? האָט פון דאָרטען געפרעגט אַ יונגע פרויען שטים.

— אַט האָסטו דיר! האָט מיט פאַרדרום אַרויסגעמורמעלט דזשע־נעיעוו, וועמען עס האָט זיך ניט געגלוסט געהן אַליין, אַהן דעם דאָק־טאָר.

— איך בין דאָ, — האָט זיך אָפּגערופען דער דאָקטאָר אַרנאַלדי.

די פרוי אין ווייסען איז צוגעגאַנגען צו זיי. זי האָט געאײלט ווי עס ווייזט אויס און האָט אויסגעזעהן אין דער פינסטער ווי אַ נע־בעל אויף דער וואַסער.

— ענטשולדיגט, דאָקטאָר, איך בעט אייך, איך בין געקומען נאָך אייך, האָט זי אָנגעהויבען אויף גיך, זיך באַמיהענדיג צו דער־קענען דעם דאָקטאָר אין דער פינסטער.

— מיט וואָס קען איך אייך דיענען — האָט רוהיג און לאַנגזאַם געפרעגט דער דאָקטאָר.

— איך בין געקומען נאָך אייך, האָט ווידערהאָלט די יונגע פרוי און האָט דערביי געמאַכט אַזאַ מין מאָדנע באַוועגונג ווי זי וואָלט זיך געקליבען אַרויפלייגען איהרע הענט אויף'ן דאָקטאָר'ס ברוסט. — מיין פאָטער איז זעהר קראַנק... איך ווייס ניט, דאַכט זיך, ער האָט געקראָגען אַן אַנפאַל... איך בין אַליין געפאָהרען נאָך אייך... איך בעט אייך קומט גיכער!

דער דאקטאר, האט פון דער גאנצער הויך פון זיין אונגעהויער גרויסען דיקען קערפער זיך איינגעבויגען צו איהר געזיכט און האט דערזעהען אין דער פינסטער, איהרע אויגען וועלכע האבען אויסגעזעהען אין דער פינסטער אינגאנצען שווארץ, און די פרישע פולע ליפען, און דאס ווייסע שאלכעל וואס איז אין איילעניש, אבי ווי אזוי, ארויפגעווארפען געווארען אויף די האר.

ווער איז קראנק? האט ער געפרעגט.

— איך בין טרעגאלאווא, — האט איילענדיג ערקלערט דאס זעלבע מיידעל, וועמענס ברודער עס האט געלערענט דער קלייניקער סטודענט טזשיזש.

אבער דער דאקטאר ארנאלדי האט זי שוין דערקענט.

— אך, דאס זענט איהר יעליזאוועטא פעטראוונא! אייער פאטער פיהלט דאס שלעכט? וואס־זשע איז דאס אזוינס?... שוין לאנג?

און ניט פארשטעהענדיג, אז איצט איז ניט קיין צייט פאר נייע באקאנטשאפטען, האט דער דאקטאר לויט זיין געוואוינהייט ארויסגעברומט:

— ערלויבט מיר אייך צו באקענען... דזשענעיעוו... אין דער וואלקענדיגער פינסטערניש, ביי דעם אונקלארען אפשיין פון די שטערען האט אויף דזשענעיעווען א קוק געטאן א אונבאקאנטער שעהניגקער פנימ'על, מיט גרויסע אויגען און פולע נאיווע ליפען. דאס מיידעל, כמעט ניט דערהערענדיג האט איהם דערלאנגט די האנט און האט זיך אויסגעדרעהט צום דאקטאר.

— אום גאטעס ווילען, קומט גיכער פאהרען!

— גוט, קומט, — האט שווער אפזיפצענדיג צוגעשטימט דער דאקטאר ארנאלדי.

דאס מיידעל איז אוועק פאראויס, אזוי ווי זי וואלט איהם מיטגעריסען מיט זיך. זי איז געגאנגען לייכט און פלינק און ער האט זיך נאכגעשלעפט הינטען ווי א קאטערזשניק וואס איז אויף אייביג צוגעשמידט צו זיין טאצקע.

דזשענעיעוו האט זיי שווייגענדיג באגלייט ביז'ן טויער. ער האט צוגעווארט ביז וואנען עס האט זיך איינגעלייגט דער שטויב, וואס

דאָס געוויקסיג פערד האָט אויפגעהויבען, און איז אליין אוועק איבער די טונקעלע גאַסען.

דאָס באַרירען פון א ווייכע פרויען האַנט, און ווי איהם האָט זיך געדוכט דער פלינקער גלייכגילטיגער בליק פון די אונבאַקאַנטע אויגען, אַזוינע פרעמדע און גלייכגילטיגע, האָבען ווידער אויפגעוועקט אין איהם יענע מאַדנע ברענענדע נייגעריגקייט, וועלכע האָט איהם מיט אַזאַ קראַפט געצויגען צו פרויען. ער איז געגאַנגען איבער די טונקעלע גאַסען, און האָט געקוקט אויפ'ן שוואַרצען הימעל וואָס איז געווען אָנגעזעצט מיט בלאַנקענדע שטערען, פאַר זיינע אויגען האָט זיך, ווי געוויגט אין דער פינסטער אַן אונקלאָרע צייכנונג פון רונדע פלייצעס, וואָס זענען געווען באַדעקט מיט אַ העלען קלייד, גלייכגילטיגע טונקעלע אויגען אויף אַ ווייסען געזיכט, אַ הויכע ברוסט, און דער גאַנצער בויגזאַמער, שטאַרקער און רייצענדער קערפּער פון דער אונבאַקאַנטער מיידעל.

און עס איז איהם געווען טרויעריג און פּיינליך, וואָס ער איז ווידער געשטאַנען פאַר אַ רעטעניש, און וואָס עס ציהט און רופט איהם ווידער דאָס, וואָס קען ניט פאַרענטפערט און ניט אָנגעזעטיגט ווערען.

9.

אין קלוב זענען געווען אָנגעצונדען אַלע פייערען און ער האָט געברענט ווי אַ גרויסער העלער לאַמטערן. די ברייטע פאַסען פון דעם ליכט האָבען זיך געלעגט פון די אָפענע פענסטער אויף דער דונקעלער גאַס און האָבען באַלויכטען דעם צופוסענס פון דעם פאַרחושכ'טען קלויסטער, וועלכער האָט זיך מיט זיינע געהיימניספולע שפּיצען געצויגען אין אויסגעשטערנטען הימעל אַריין.

דער פאָדער־צימער פון קלוב איז געווען פול מיט היט, מאַנטלען, שירעמס און שטעקלעך, פון די צימערען וואו מען האָט געשפּילט

אין קאַרטען האָט זיך שוין געטראָגען א בלויער טאַבאַק־רויך, פון ערגעץ וואו האָט זיך געהערט א פולשטימיגער געלעכטער, און א טרוקענער קלאַנג פון די ביליארד קוגעל.

דזשענעיעוו, האָט ניט קוקענדיג אויפגעהויבען זיין ווייסען הוט, און האָט געפרעגט דעם אלטען שווייצאַר:

— ווער איז דאַרטען דאָ, סטעפּאַן?

— יאָ ווער, — האָט מיט א פּארמיליארער העפליכקייט געענט־פערט דער שווייצאַר, צונעמענדיג דעם שטעקען און אוועקשטעלענדיג איהם אין א ווינקעל; עס זענען פאַראַן א סך מענשען, — דער איס־פּראַווניק איז דאָ, אָפּיצערען זענען דאָ... און זאכאר מאַקסימאָוויטש...

— ארבוזאָוו? — האָט פלינק איבערגעפרעגט דזשענעיעוו. און אויף א רגע האָט ער זיך פארהאַלטען אויף דער שוועל.

— זיכער, זיי זענען געקומען מיט א גאַנצער קאָמפּאַניע... מיט זיי איז געקומען דער שטאַב ראָטמיסטער טרענעוו, קאַרנעט קראוזע און סטודענטען... א סך מנעשען.

דזשענעיעוו איז אוועק אין ביבליאָטעק, ניט הערענדיג ווייטער.

דאָרטען איז געווען שטיל און די אראָפּגעלאָזטע אבאַזשורען פון די לאָמפּען האָט זיך געדוכט אז עס איז פינסטער. בלויז די צייטונגען און ביכער האָבען זיך העל געווייסט אויפ'ן גרינעם טיך פון טיש. דער סטודענט טזשיזש האָט אוועקגעשטעלט די קני אויף א ביינקעל, די עלענבויגענס אויפ'ן טיש און האָט זיך איבערגעבויגען איבער די צייטונגען. אן אונבאַקאַנטער גלח אדער דיאקאָן, איז ברייט געזעסען אין פאָטער־שטול. ער האָט ווייט צוואָוואַרפען זיינע געדיכטע רויטע האָר און זעהר קאָנפּערטאַבעלנע געקוקט אין א זשורנאַל מיט אילוס־טראַציעס.

— א, וואָס מאַכט איהר? — האָט געזאָגט טזשיזש אויפהוי־בענדיג דעם קאָפּ. — וואָס זעהט מען דאָס אייך ניט?

— איך האָב געארבייט, — האָט ניט ווילענדיג געענטפערט דזשענעיעוו.

ער האָט זיך ניט פריי געפיהלט מיט טזשיזשען, ווייל ער האָט געשפירט די פאַראַכטענדע באַציהונג פון טזשיזשען צו איהם.

דער רויט־האָריגער גלח האָט פון א ברעג פון זשורנאַל קרום געקוקט אויף דזשענעיעוו'ען. טזשיזש האָט זיך געשפּילט מיט דעם

ברעג פון דער צייטונג, און וויזט אויס ניט געוואוסט וואס צו זאָגען. דזשענעיעווען האָט גענומען א בוך פון טיש, האָט א קוק געטאָן דאָס קעפעל און אוועקגעלייגט צוריק.

— יא... האָט אין דער וועלט אריין, צווישען די ציין באמערקט דזשענעיעוו און זיך געפילט אזוי ניט באקוועם, ווי ער וואָלט אריינ־פאַלען אין א לאַגער פון שנאים.

טזשיזש האָט געשוויגען, דער דיאקאן ניט ארונטערנעמענדיג פון איהם די אויגען האָט אלץ געקוקט פון אונטער זיין זשורנאַל.

דזשענעיעוו האָט ניט געוואוסט וואס צו טאָן: זיך באַגעגענען מיט ארבוזאָוו'ן איז איהם געווען זעהר שווער, אבער אוועקגעהן האָט זיך איהם געדוכט איז ערנידערענד. עס וואָלט אויסגעקומען אז ער האָט זיך דערשראָקען.

דזשענעיעוו'ן איז געווארען שווער און פארדראָסיג: וואָרים ער האָט גאנץ אויפריכטיג ליעב געהאט ארבוזאָוו'ן, ער האָט זיך געלע־רענט צוזאמען מיט איהם, און לאַנג געלעבט מיט איהם אינאיינעם. איצט מוזען זיי זיך באגעגענען ווי שונאים, און דזשענעיעוו'ן האָט געמאַטערט דער געפיהל פון שולד, כאָטש ער האָט די שולד ניט אנער־קענט.

נאָך אלעמען איז דאָס דאָך בלויז נעלים זאַך, האָט ער געטראַכט און זיך געקנייטשט פון וויטאָג.

דורך דער העל באלויכטענער טיר פון עס צימער האָבען זיך דערטראָגען פארשידענע שטימען, און א קלאַפעריי פון טעלער און גאָפּלען, און א ברייטער מענער געלעכטער. אימיצער איז ארויס פון דאָרטען און האָט פארשטעלט די ליכט.

ניט קיין הויכער, אבער ברייט־פּלייציגער מאַן, מיט צופּלאָנטער־טע געקרייזעלטע שווארצע האָר און שווארצע פיבערישע פון שכרות און שלאָפלאָזע נעבט אויגען, איז אריין אין ביבליאָטעק.

— א... סערגעי! — האָט ער אויסגעשריען מיט א כריפּלער וואויל־בחר'שער שטים, ווען ער האָט אונערווארטעט דערזעהן דזשע־נעיעוו'ן. — פיין! אביסעל זיך אונטערשאַקלענדיג, אבער דאָך מיט פעסטע און ברייטע שפּאַן, האָט ער זיך א לאָז געטאָן גלייך צו דזשע־נעיעוו'ן. אָט די לאַקירטע שטיוועל, די רויטע זיידענע העמד אונטער דער צושפּילעטער בלויער פּאדיאָווקע צוזאמען מיט די צושויבערטע

האר האבען איהם צוגעגעבען א צודרעהטען און דראהענדען אויס־זעהן.

דזשענעיעוו האט זיך אויפגעהויבען אנטקעגען און האט זיך אוועקגעשטעלט אזוי מאדנע, ווי אויף דער וואך. ער האט אויסגעזעהן אויסערגעוועהנליך שלאנק און שעהן אין פארגלייך מיט דעם גראבליך שקר'ן אויסזעהן פון דעם צוקומענדען מאן.

— דערקענסט מדי ניט? — האט געזאגט דער שקר'ער מיט א מאדנעם טאן פון שפאט און טרויער. — אדער דו שרעקסט זיך פאר מיר?

טזשיזש האט אויפגעהויבען דעם קאפ, און דער רויטער גלח האט אראפגעלאזען דעם זשורנאל אויף די קני און האט אנגעשטעלט אויף זיי די אויגען. די גאנצע שטאט האט געוואוסט דעם מיין פון אט דער באגעגעניש. די שטאט האט געוואוסט אז דזשענעיעוו האט פאר־ליעבט אין זיך און דערנאך אוועקגעווארפען א מיידעל, וועלכע ארבו־זאוו האט געליעבט, מעהר ווי זיין לעבען.

— רעד ניט קיין נארישקייטען, — האט מיט פאראכטונג קאלט געענטפערט דזשענעיעוו און האט הויך אויפגעהויבען זיין שטאלצען שעהנעם קאפ.

ארבוזאוו האט ארייגעלעגט די הענט אין דער קעשענע פון דער פאדיאווקע און אויף איין סעקונדע האט ער אבגעשטעלט זיין ברענענד־פיבערישען בליק אויף דזשענעיעוו'ן. איין סעקונדע און אפשר נאך וויינגער, האט געדויערט דאס אנגעשטרענגטע שווייגען. ארבוזאוו האט שווער געאטעמט־מיט זיין ברייטער ברוסט, און ווי א פוקס וואס גראבט די ערד, האט ער אליץ נידעריגער און נידעריגער אראפגעלאזען זיין שווערען קאפ, מיט די געדיכטע שווארצע האר וואס האבען זיך איהם אראפגעהאנגען אויפ'ן שטערען.

דזשענעיעוו איז ווי פריהער געשטאנען ביים טיש זיך אנשפא־רענדיג אן איהם מיט'ן האנט און געווארט. ער איז געווען רוהיג און האט אפילו געשמייכעלט קאלט און פאראכטענדיג. בלויז זיין דינע ווייסע האנט האט קוים געציטערט אויפ'ן טיש.

עטוואס שרעקליכעס; ווי א פארגעפיהל פון אן אומגעלומפער־טער נארישער הריגה, איז געהאנגען אין דער לופטען. אליץ שטארקער און שטארקער האט געציטערט די ווייסע האנט אויפ'ן טיש און אליץ

שווערער מיט א כריפּ האָט געאָטעמט אַרבוזאָוו.

טזשיזש האָט זיך אַפּגערוקט פון טיש, אַליין ניט באַמערקענדיג ווי אזוי. דער רויטער גלח האָט שוין געוואָלט עפּעס זאָגען, נאָר ער האָט בלויז א ריהר געטאָן מיט די בלאָס-געוואָרענע ליפּען און איז מיט אמאָל אויפגעשפּרונגען.

נאָר אין דער זעלבער מינוט האָט אַרבוזאָוו א טרייסעל געטאָן מיט זיינע צואוואָרפענע האָר, האָט קרום א שמייכעל געטאָן, און גע־וויזען דערביי זיינע ברייטע ווייסע ציין פון אונטער די שוואַרצע וואָנצען, און האָט געזאָגט מיט א געבראָכענער פרעהליכער שטים:

— נו, גוט... וואס מאַכסטו... מיר האָבען זיך שוין לאַנג ניט געזעהן!

דזשענעיעוו האָט אויסגעצויגען זיין ציטערענדע האַנט, אָבער אַרבוזאָוו איז צוגעגאַנגען צו איהם און האָט איהם שטאַרק ארומגענו־מען ווי זיין בעסטען און טייערסטען פריינד. זיי האָבען זיך צו־קושט, און ווען טזשיזש און דער גלח האָבען דערזעהן זייערע פּנימ'ער, איז דזשענעיעוו געווען בלאַס און צומישט, ווי אַן ערנידעריגטער, און דער ערנסט־שעהנער געזיכט פון אַרבוזאָוו'ן האָט געהאַט דעם אויס־דרוק פון שווערען און קראַנקען אומעט.

— נו, וואס... קום, וועלען מיר אויסטרינקען... א?... האָט אַר־בוזאָוו אַנגעהויבען אוננאַטירליך זאָרגלאָז, און האָט שטאַרק אַנגענו־מען דזשענעיעוו'ן פאַר'ן האַנט. — דאָרטען זענען אַלע אונזערע... איך טרינק, סעריאָזשא!... איז פאַריזש געווען... און טרינק! לאָמיר אויסטרינקען, א?... וואו, איז מיינס ניט איבערגעגאַנגען!... וואו ביזטו געווען?

— קום, האָט שטיל געענטפערט דזשענעיעוו ניט אויפהויבענדיג די אויגען. איך בין געפאָהרען קיין מאָסקווע אָפּפיהרען א בילד... דערנאָך בין איך געזעסען אין דער היים און האָב געאַרבייט... ווי לעבסטו?...

אַרבוזאָוו'ס פיבעריש ברענענדע אויגען האָבען מיט א מאָדנער צערטליכקייט געקוקט אויף דזשענעיעוו'ן, ווען ער האָט גערעדט, און ווען דזשענעיעוו איז אַנטשוויגען געוואָרען, האָט ער נאָך שטאַרקער גדריקט זיין האַנט מיט אייזערנע פינגער.

— דו, ביזט א וואוילער בחור, סעריאָזשא!... האָסט אוועקגע־

פיהרט א בילד, זאָגסטו... ווארום האָסטו מיר ניט געוויזען דאָס בילד? איך האָב ליעב דיינע בילדער... איך וואָלט דאָס בילד גע־קויפט. אפשר פארשטעה איך ניט, הא?... און ביי מיר ברודער, איז אלץ דאָס זעלבע: איך טרינק און טו מיאוס'ע נאַרישקייטען... דאָס אלעס! אונזערען א ברודער, א סוחר'ס א זינדעל איז שוין אזוי באַ־שערט... נו, קום!

מיט די זעלבע שטאַרקע און ברייטע טריט, פון זיינע עטוואָס צוזאמענגעבויגענע ווי ביי א רייטער פיס, אין די לאַקירטע שטי־וועל האָט ער אונטערן האַנט אוועקגעפיהרט דזשענעיעוו'ן אין בופעט.

טזשיזש א באַרוהיגטער האָט זיי באַגלייט מיט א פאַראַכטענדען בליק.

דער רויטער גלח האָט צוגעוואַרט ביז וואַנען זיי זענען פאַר־שוואונדען אונטערען טיר, און האָט מיט א שמייכעל זיך געווענדעט צו טזשיזשען:

— דעם אמת זאָגענדיג, האָב איך זיך דערשראָקען... איך האָב געדענקט, אז עס וועט ארויסקומען א געשלעג! איהר ווייסט דאָך אז אָט דער מאָלער האָט אָפּגעשלאָגען ביי ארבוזאָוו'ן א מיידעל... די מיידעל איז איצט אין אנדערע אומשטענדען, און ער האָט זי אוועקגע־וואָרפען... עס איז א גרויסער סקאַנדאַל, די גאַנצע שטאָט רעדט.

— און איהר, גייסטליכער פאָטער, וואָלט בעסער געפיהרט ווע־ניגער רכילות, האָט קוים רירענדיג מיט די ליפּען, לאַנגזאַם און בייז באַמערקט טזשיזש... ווייל דאָס פּאַסט גאָר ניט פאַר קיין גייסטליכער פּערזאָן... באמת!

דער רויטער גלח האָט גלייכגילטיג אָנגעהויבען צו לאַכען.

— וואָס פאַר רכילות? דאָס איז דער ריינער אמת!... אלע ווייסען דאָס. און אז איהר פאַרמאָגט א בייזען צונג, קיריל דמיטרע־וויטש, דאָס ווייסען מיר שוין לאַנג...

טזשיזש האָט אוועקגעוואָרפען די צייטונג, און האָט מיט פאַר־אַכטונג א קוק געטאָן אויף איהם.

— איהר, פאָטער ניקאָלאַי, האָט מיר אַזש דערעסען מיט אייער גוטמוטיגקייט, אויף אייך קען מען אפילו אין כעס ניט ווערען ווי געהעריג איז.

דער רויטער גלח איז זיך אזש פארגאנגען פון געלעכטער.

טזשיזש האט אויסגעשפיגען. ער האט אראפגעלאזען די פיס פון טיש, און איז אוועק אין בופעט.

דארטען איז געווען ליכטיג און טומעלדיג. דער בופעט האט געשעמערירט מיט הונדערטע פארשידען־פארביגע פלעשער, און דאס אונרוהיגע אומלויפען פון די באדינער האבען צוגעגעבען דעם בילד דעם אויסזעהן פון א יום־טוב׳דיגען טומעל.

ביי איין טיש איז געזעסען א קאמפאניע אפיצערען מיט דריי הערען מיט בערד און אין ברילען, וועלכע זענען, ווי עס ווייזט אויס געווען שטארק שכר.

זיי האבען געשריען, איבערשלאגענדיג איינער דעם אנדערען מיט אזוינע אומגעלומפערטע שטארקע שטימען, און זיך צוגאסען אין אן דונערענדען געלעכטער, וואו עס האט זיך באזונדערס געלאזט הערען דער געגעראלסקי ברומען פון דעם איספראווניק, א דיקער אונגעהויער גרויסער מאן מיט גרויסע וואנצען. צווישען זיי האט דזשעניעוו באמערקט א באקאנטען אפיצער מיט א דינעם חצפה׳דיגען פנים. ער האט שטיל אבער זיכער עפעס דערצעהלט, און ווען אלע האבען זיך געקאטשעט פון געלעכטער, האט זיין שעהנער פנים מיט דעם שארפען קוק, בלויז שפאטיש געשמייכעלט.

פאר א גרויסען טיש אינגאנצען פארשטעלט מיט פלעשער און טעלער האט געגעסען אבענט־ברויט ארבוזאוו׳ס קאמפאני.

— אט, מיינע הערען, האב איך געכאפט א פויגעל! אלץ ניט ארויסלאזענדיג דעם שטארק צוזאמענגעדריקטען עלענבויגען פון דזשעניעוו׳ן, האט ברייטליך אויסגעשריען ארבוזאוו. — א וואוילער בחור, קען גוט מאכען א כוסע, כאטש ער איז א גרויסער מאלער... ניט אזוי סעריאזשע?

ניט אמת... ביזט מיט אלעמען באקאנט?

דזשעניעוו האט באפרייט זיין האנט און איז אוועק זיך באגריסען מיט׳ן עולם.

איהם האט זיך שטארק געגלוסט אוועקגעהן פון ארבוזאוו׳ן: פון דעם זארגלאז־ברייטען געשריי, און פון דער אויסערליכער פרעהליכקייט האט זיך דייטליך געהערט א אונטערבראכענע קראנקע נאטע.

אנטקעגנעז דזשענעיעוו׳ן האט זיך אויפגעהויבען דער לאנגער־לאנגער קראוזע, אן אפיצער־קארנעט, מיט א פנים פון א פאראכ־טענדען מעפיסטאפעל, דער שטאב ראטמייסטער טרעניעוו — א בלא־סער אפיצער מיט וואנצען, עפעס א סחר׳ס א זינדעל, און אן אונבא־קאנטער פינסטערער הער, מיט צושורפערטע האר און ווילדע כמעט אבנארמאלע אויגען.

— נאומאוו, — מיין נייער אינזשינער, האט איהם פארגעשטעלט ארבוזאוו.

— זעץ זיך, סעריאזשע, מיר וועלען אויסטרינקען!

דזשענעיעוו האט זיך אוועקגעזעצט צווישען דעם קארנעט קראוזע און נאומאוו׳ן.

— און וואו זענען די סטודענטען? ניטשיימזע זענען זיי אנט־לאפען? האט זיך באונרוהיגט ארבוזאוו.

— זיי זענען אוועקגעגאנגען שפיעלען ביליארד, האט העפליך און פינקטליך געענטפערט דער קארנעט קראוזע.

— ווידער אמאל? נו, כאפט זיי דער טייפעל!... טרינק, סערי־אזשא! — האט א געשרעה געטאן ארבוזאוו, אנגיסענדיג און צוגי־סענדיג איבער׳ן טישטאך דעם בראנפען — עס שטערט דיר? גיב אהער, האט ער געזאגט, באמערקענדיג, אז דזשענעיעוו רוקט אפ מיט׳ן עלענבויגען די נאגאיקא, וואס איז געלעגען אויפ׳ן טיש צווי־שען די טעלער און גלעזער.

ער האט גענומען די נאגאיקע און זי א ווארף געטאן אויף א שטול.

און מיר טרינקען בלויז דער נאר געקויפטער טרויקע, סעריאזשא, האט פארגעזעצט ארבוזאוו, אלץ אזוי פיבעריש. איהם האט אלץ עפעס אזוי געטאטשעט — כ׳האב געקויפט פערד — פלאם פייערדיגע!... פון פאבריק אהער האבען זיי אונז געבראכט צוטראגען אין צוויי שטונדען!

— האט געקויפט א נייע טרויקע? האט געפרעגט דזשענעיעוו. און וואו איז די אלטע?

— די אלטע! — האט פארטראכט איבערגעפרעגט ארבוזאוו.

— געקוילעט! — האט ער פינסטער און גרויזאם פארענדיגט און איז אנשווייגען געווארען אויף א מינוט.

— אַלזאָ, זאָגט איהר, — האָט העפליך און ניטהויך אנגעהויבען דער קאַרנעט קראָוזע זיך ווענדענדיג צו נאַומעוו'ן, און האָט פרעגענדיג אויפגעהויבען זיינע דינע מעפיסטאָפילשע ברעמען איבער זיין לאַנגען ווייסען געזיכט.

— איך זאָג, — האָט אונערוואַרטעט און אַזוי שאַרף, אַז דזשענעיעוו האָט ניט ווילענדיג אַ קוק געטאָן אויף איהם, איבערגעשלאָגען נאַומאָוו, — אַז אַ מענש איז באַרעכטיגט צו דערפיהרען זיינע אידעען ביז אַן אַבסורד, ביז גרויזאַמקייט, ביז טיראַני, ביז וואָס איהר ווילט נאָר אַליין... וואָס איז דאָ צו ריידען וועגען רעכט?... וואָס איז דאָס אַזוינס רעכט?... רעכט, מיינט נעמען אין אַנבאַטראַכט דאָס, אָדער דעם... וועמען־זשע זאָל איך נעמען אין אַנבאַטראַכט? און אין נאָמען פון וואָס? איך קען פאַרלאַנגען? און אויב איך קען, איז פאַרשטענדליך אַז איך קען אויך ערפיהלען מיין פאַרלאַנג... אויב מיר איז מיאוס דאָס לעבען האָב איך אַ רעכט דאָס צו פאַרניכטען סיי אין זיך, סיי אין אַן אַנדער לעבעדיגען וועזען, ווייל וועמען דאַרף איך דען אָפּגעבען חשבון? אַנדערע מענשען? נו, זיי קענען מיך דער'הרג'ענען.... אָבער זיי קענען מיר ניט פאַרווערען אויסצופיהרען מיין ווילען... ווען אַ מענש טראַכט פון זעלבסט מאָרד און פרעגט צו ער האָט אַ רעכט דאָס צו טאָן, איז דאָס פּשוט נאַריש און לעכערליך!... ווער עס האָט כוח זאָל טאָן, אָט האָט איהר אויך דעם איינציגען פון אַלע געבאָטען!

— ריכטיג! — האָט היים אויסגעשריען אַרבוזאָוו. — וואָס איז דאָ פאַר אַ רעכט!... מיין פאָטער, אַ ליכטיגען גן־עדן איהם, האָט אַנגעטרונקען דעם גאַנצען געגענד ביים אויסקויפען זאַכען, און איך וועל צודריקען מיט'ן זאַוואָד אַזוי אַז זיי וועלען קיין פּיפּס ניט טאָן... אַלץ איין שוואַרץ יאָהר!... ווער קען זיך מיט מיר מעסטען!... וואָס איז דאָרטען רעכט און הומאַניטעט!... אַ הויט־שינדער איז געווען דער מענש און אַ הויט שינדער וועט ער פאַרבלייבען. און דאָס הייסט גערעכט: שלאָג, שטיק, רייס, ביז וואַנעט די טייוואָלים וועלען דיך אַליין ניט דערשטיקען! מען זאָגט אַז מען נעמט ניט אין קבר קיין קאַפּיטאַלען, און הומאַניטעט נעמט מען אין קבר? און ליעבע נעמט מען?... טרינק, סעריאָזשאַ, וואָס טרינקסטו ניט! — האָט ער ווילד אויסגעשריען. — וואַרט, איך וועל אויסטרינקען מיט דיר...

דזשענעיעוו האט דערלאנגט זיין גלאז. ארבוזאוו האט דורכדרינ־גענד אויף איהם א קוק געטאן מיט זיינע שווארצע פיבערישע אויגען, וועלכע זענען גלייך פארצויגען געווארען מיט א נעבעל פון טרויער און צערטליכקייט.

— איך האב דיך ליעב ברודער... ליעב און וועל דיך אימער ליעב האבען... איך וועל דיך אפשר הרג'ענען, און דאך אלץ ליעבען... נו, טרינק!

א שכור'ער טשאד איז געהאנגען איבער'ן טיש. דער לאנגער קראוזע איז געווען בלאס, ווי דער טויט, און מאדנע האבען זיך גע־שווארצט אויף זיין שארפען געזיכט זיינע קרומע מעפיסטאפעלישע ברעמען. דער שוויינענדיגער אפיצער טרענעוו האט אהן ווערטער איינגענורעט דעם קאפ, געדרעהט די לאנגע וואנצען און געטרונקען א גלאז נאך א גלאז. נאומאוו האט געקוקט ארום מיט ווילדע אויגען, אנגעשטרענגט ווי ביי א מאניאק, און געטרונקען בלויז שטארקע טעע. טזשיזש, וועלכער איז אריינגעקומען פון ביבליאטעק האט זיך צוגעזעצט צום ברעג פון טיש, ער האט אוועקגעשטעלט פאר זיך א באקאל שאמפאניער און האט פאראכטענדיג געשמייכעלט צו דעם אלעם, וואס ער האט געהערט ארום און ארום. איהם האט געלאנגווייליגט צווישען שכורים, נאר אוועקגעהן האט זיך איהם ניט געוואלט: עס איז איהם געווען צו שווער איבערגעהן פון ליכט און טומעל אין זיין נאקעטען קלייניקען צימער, מיט'ן ארעמען לאמפ און צוקנייטשטע בעט.

ארבוזאוו האט אונבאמערקט געטרונקען, אבער געשריען האט ער מעהר פאר אלעמען; ער איז געווען מורא'דיג שכור. זיינע שוואר־צע אויגען זענען געווארען אלץ פינסטערער, און אויף די באקען זענען ארויסגעטראטען ווייסע פלעקען.

דער רויטער גלה איז אויך אריינגעקומען און האט מיט א זייט זיך צוגערוקט צום בופעט. ער האט א ווינק געטאן מיט'ן פינגער מען זאל איהם אנגיסען א גלעזעלע בראנפען. ער האט זיך געמאכט אז ער אינטערעסירט זיך ניט מיט דער קאמפאניע און האט באשיי־דען געשטעקט דעם גאפעל אין הערינג. ארבוזאוו האט איהם גלייך באמערקט.

— א, פאטער ניקאלאי!... קום אהער! וואס מיר דארטען

בראַנפּען!... גיס אַריין שאַמפּאַניער, הייליגער פּאַטער, פאַר גאָטס רוהם און לויב!

דער רויטער גלח האָט מיט אַ צופרידענעם שמייכעל איבערגע־לאָזען זיין הערינג און איז צוגעגאַנגען. אויפ'ן וועג האָט ער פאַ־ריכט די אַרבעל פון זיין ברייטען מאַנטעל, ווי ער וואָלט זיך קלייבען בענשען די גאַנצע שכור'ע קאָמפּאַניע.

זייט געגריסט, מיינע העררן! וועט איהר מיר ערלויבען זיך צו זעצען? דער שטאַב אַפּיצער, ניט אויפהערענדיג דרעהען די ברעמען האָט זיך אַ רוק געטאָן.

— אָבער, אייגענטליך, מוז דאָך זיין אין לעבען פון יעדער מענ־שען אַ מאָס: וואָס איז ערלויבט און וואָס איז ניט ערלויבט, — האָט פאַרגעזעצט קראַוזע אַזוי העפליך און שטיל, ווי ער וואָלט זיך ניט געקריגט, נאָר געפרעגט און געבעטען אַן עצה. — ווייל אויב ניט, וועט פאַרקומען אַ כאָאָס אין לעבען פון יעדען איינצעלנעם, שוין ניט רעדענדיג פון דעם לעבען פון אַלע אין אַלגעמיין...

— וואַרף אַוועק די פילאָסאָפיע! — האָט אַ געשריי געטאָן אַר־בוזאָוו.

— און מען וועט ניט קענען לעבען, — האָט רוהיג פאַרענדיגט קראַוזע, אַזוי ווי ער וואָלט גאָר ניט געהערט.

— און איהר מוזט דאָס לעבען? — האָט שאַרף געפרעגט נאָומאָוו.

— איהר לעבט דאָך! — האָט שפּאָטיש, מיט גאַל באַמערקט טזשיזש, ווענמען נאָומאָוו איז ניט געפעלען געוואָרען.

— וואָס? — האָט מיט אַמאָל אויסגעשריען אַרבוזאָוו מיט אַזאַ שטים, פון וועלכער אַלע זענען פאַרציטערט געוואָרען און אַפילו די לאַקייען זענען אַרויסגעשפּרונגען פון בופעט.

טזשיזש האָט זיך באַליידיגט דענקענדיג אַז דער געשריי האָט אַ שייכות מיט איהם, אָבער אַרבוזאָוו האָט זיך אויפגעהויבען, האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין טיש און געקוקט איבער זיין קאָפּ. איצט איז זיין געזיכט געווען אינגאַנצען ווייס און די ליפּען זענען אינגאַנצען בלוי געוואָרען.

ביים שכנישען טיש האָבען אַלע אויסגעדרעהט די קעפּ.

— וואס איז געשעהן? — האט קאלט געפרעגט דער אדיוטאנט, קוקענדיג אויף ארבוזאוו'ן פון אויבען אראפ.

— שווייגט! — האט א געשריי געטאן ארבוזאוו, ער האט אומ־געווארפען א ביינקעל, שיעור ניט אראפגעווארפען טזשיזשען אויפ'ן דיל, און האט זיך א ווארף געטאן אויפ'ן אדיוטאנט. ער האט ניט געקענט פארזעצען, אזוי שטארק האבען געציטערט זיינע ליפען.

— זאריא! — האט א געשריי געטאן דזשענעיעוו, — וואס ביזטו משוגע געווארען? אין טיר האבען זיך באוויזען נייגעריגע פנימ'ער. קראוזע, נאומאוו, טזשיזש, און טרענעוו זענען אויפגעשטא־נען, ניט פארשטעהענדיג, וואס עס קומט דא פאר. דער רויטער גלח האט אין שרעק צונויפגענומען זיינע ארבעל און האט זיך געקליבען עפעס צו זאגען.

דער שעהנער אדיוטאנט איז אויך אויפגעשטאנען אביסעל א בלאסער. די איבעריגע האבען זיך אפגערוקט און געקוקט דערשרא־קען, זיי האבען וויזט אוים גלייך פארשטאנען וואס עס האט ארויס־גערופען דעם סקאנדאל. בלויז דער דיקער איספראווניק האט זיך גע־מיהט אריינגווארפען א בארוהיגענדעןווארט.

— ערלויבט מיר, גנעדיגער הער... איהר זאגט מיר? — האט שטיל און אויסדריקספול ארויסגערעדט דער אדיוטאנט, און מיט א קאצען באוועגונג האט ער אונבאמערקט אראפגעלאזען די האנט אין קעשענע פון די הויזען. — וואס איז אייער פארלאנג?

— איך האב געהערט, וואס, דו נידערטרעכטיגער, האסט גע־זאגט! — האט א געשריי געטאן ארבוזאוו, און האט א זעץ געטאן מיט דער נאגאיקע איבער'ן טיש און האט אויף ברעקלעך צושמע־טערט א גלעזעל אזוי, אז די שטיקלעך גלאז האבען אלעמען באשא־טען. — נעלי? וואס פאר א נעלי?... דו מיאוסקייט! פארשטעהסטו דען וועגען וואס דו רעדסט... א?

און זיך אומקערענדיג צו דזשענעיעוו'ן האט ארבוזאוו דייטליך און אזוי ווי רוהיג געזאגט:

— סערגעי, ער האט געזאגט, אז ער וועט שיקען א פוהרעל נאך נעלין און האט זיך געוועט אז זי וועט קומען... ווייל זי האט שוין אלץ איינס ניט וואס צו פארלירען... א? דזשענעיעוו איז פליגה ארויסגע־טראטען פאראויס.

נאר ארבוזאוו האט איהם ניט געלאזט צוגעהן!

— הער, דו! — האט ער א געשריי געטאן צום אדיוטאנט: — אויב דו וועסט כאטש נאך איין מאל אנרופען אט דעם נאמען, וועל איך... וועל איך דיר מיט דער נאגאיקע צוטראסקען די מארדע! וואס? שווייג! ביי אט דער נעלי ביזטו ניט ווערט אפילו די האנט א קוש צו טאן... דו פערד איינער... שטום זיי, זאג איך.

מיט אמאל האט ארבוזאוו ווילד א שמיץ געטאן מיט דער נאגאיקע און האט אראפגעשליידערט אויפ'ן דיל אלע כלים פון טיש.

מיט ראש און געטומעל האבען געגומען פליהען אין אלע זייטען שטיקלעך טעלער און גלעזער.

— אויב איהר זאגט כאטש איין ווארט, וועל איך מיט אט דער נאגאיקע צושמירען די מארדעס! נידערטרעכטיגע! — האט כריפלע אהן אן אטעם געשריען ארבוזאוו.

דער אדיוטאנט האט זיך אזוי אונערווארטעט אויסגעבויגען און איז ארויסגעשפרונגען פון טיש, אין זיין האנט האט זיך באוויזען די משונע'דיגע שווארצע לאך פון דעם רעוואלווער. פיעלע האבען פארמאכט די אויגען.

— א—א... — האט ער געברומט צווישען די ציין.

— א בראונינג? — האט פרעהליך א געשריי געטאן ארבוזאוו, אין א מין ליכטיגען עקסטאז. — נו, וואס־זשע... שיס!

און ער האט מיט א מורא'דיגער קראפט אראפגעלאזען די נאגאיקע. אין דער זעלבער צייט האט דזשענעיעוו פארשטעלט ארבוזאוו'ן מיט זיין גאנצען קערפער און אימיצער האט פון אונטען א זעץ געטאן דע סאדיוטאנט איבער'ן האנט און דער שווערער בראונינג איז מיט א גערויש געפאלען אויף דעם טיש.

— ניין, ניין, מיינע הערען! האט מיט א באס־שטימע געזאגט דער סטודענט דאווידענקא, וואס איז געקומען צולויפען פון דעם ביליארד־צימער. מיינע הערען, נעמט צו יענע מאכעראיקע... אט אזוי...

דער לאנגער קראוזע האט א שפאן געטאן איבער'ן גאנצען צימער און פלעגמאטיש גענומען דעם רעוואלווער און איהם אריינגעלייגט אין קעשענע.

— אויב איהר וועט וועלען, קען איך אייך באפרידיגען פאר אט דער האנדלונג מיינער, האט ער שטיל געזאגט צום אדיוטאנט.

— הע, בלאַטע! — זאָל זיין! — האָט פרעהליך און שכור געשריען ארבוזאָוו, וועלכער האָט זיך מיט אמאָל אינגאַנצען בארוהיגט. שפּיי אויף זיי, סעריאָזשא! קום לאָמיר אויסטרינקען.

צוזאַמענדריקענדיג די ציין מיט א בלאַסען געזיכט האָט דער אדיוטאַנט שווייגענדיג געקעמפּט מיט דאַווידענקען. אָבער דער סטודענט האָט איהם געהאַלטען ווי אין צוואַנגען, און אהן אן אויפהער קאַלטבלוטיג גערעדט:

— מישקאַ, נעם די שווערד... בארוהיגט אייך, הערר אָפּיצער! וואָס פאַר א נחת איז דערין צו ער וועט אייך צושלאָגען די מאָרדע, צו איהר וועט איהם אונטערשיסען דעם בויך... אָבער דרעהט זיך ניט, זאָג איך אייך!

מיט אמאָל האָט דער אָפּיצער אָפּגעשטויסען פון זיך דאַווידענקען, און מיט פאַראַכטונג א שמייכעל געטאָן און געזאָגט:

— מיר וועלען זיך נאָך באַגעגענען, הער ארבוזאָוו!

— גוט האָט געענטפערט ארבוזאָוו. — די נאַגאַיקע איז אימער מיט מיר!

דער אדיוטאַנט האָט ווידער א שמייכעל געטאָן מיט פאַראַכטונג, און ניט קוקענדיג אויף קיינעם איז ער ארויס פון בופעט זיך פאַרטשעפּענדיג מיט די שפּאָרען אין די ביינקלעך.

די איבעריגע קאָמפּאַניע זיינע האָט זיך אומרוהיג איבערגעקוקט, ניט וויסענדיג וואָס צו טאָן. דער איספּראַווניק האָט געריינינגט מיט'ן טישטיכעל די פּוטער מיט'ן חריין פון זיין ראָק, און ערשטוינט געברומט:

— אזוינע זאַכען טאָר מען זיך ניט ערלויבען... ער מיינט, ווייל ער איז א מיליאָנער...

— און דו שווייג, אלטער וואָראָבייטשיק! — האָט פרעהליך א געשריי געטאָן צו איהם ארבוזאָוו. — צו דיר האָט דאָס ניט... דו קום בעסרע אהער!

— איך פאַרשטעה, נו, געוויס, צו מיר האָט דאָס ניט, האָט זיך אליין בארוהיגט דער איספּראַווניק. — אָבער מען טאָר דאָך ניט אזוי, זאַכאַר מאַקסימאָוויטש, אויף מיין וואָרט!

— נו, גענוג... ווער שוין אמאָל שטיל, האָט מיט פאַרדרוס א מאַך געטאָן מיט'ן האַנט ארבוזאָוו.

— נו, מיינע הערן... פאַר'ן זיצן איבער'ן טייוועל!
דזשענעיעוו איז געזעסען מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און זיין דינע האַנט, וואָס איז געלעגען אויפ'ן טיש האָט, ווי פריער, שטאַרק געציטערט.
— סעריאָזשא, האָט מיט אַמאָל זיך איבערבויגענדיג צו איהם איבער'ן טיש שטיל געזאָגט אַרבוזאָוו. — און, דאָס איז דאָך דיין זינד... אַ רחמנות, ניט אמת?
דזשענעיעוו האָט פלינק אויף איהם אַ קוק געטאָן און האָט ווי־דער אַראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ.
אַרבוזאָוו האָט געקוקט אויף איהם אַ שטיקעל צייט־מיט זיינע פייכטע פיבערישע אויגען. דערנאָך האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט'ן האַנט, אַרויסגעמורמעלט, ווי פאַר זיך אַליין:
— ע... ווער איז דאָ שולדיג.
— און מיט אַמאָל האָט ער אויסגעשריען איבער דעם גאַנצען קלאַב:
— דיענער! שאַמפּאַניער! — ברייננ גיכער!
די לאַקייען האָבען שטיל און איילענד אויפגעראַמט די צובראָ־כענע כלים און האָבען אפילו ניט געוואַגט זיך איבערצוקוקען. נאָר זייערע געזיכטער האָט מען ניט געקענט פאַראויסזעהן יענעם קליפּיגען און שמוציגען רכילות וועלכער וועט אויף מאָרגען צושפּרייט ווערען איבער'ן שטאָט פון די לאַקעישע מיילער.
דעם אַדיוטאַנטס חברים, שטיל איבער'ן רעדענדיג צווישען זיך, און אומקוקענדיג זיך אויף אַרבוזאָוו'ן, האָבען זיך אָפּגערעכענט און זענען אוועקגעגאַנגען. דער איספּראַווניק האָט זיך צוגעזעצט צו אַר־בוזאָוו'ס טיש, און אויטאָמאַטיש רייניגענדיג דעם פעטען פלעק פון זיין ־אַק מיט'ן טישטאַכעל, געזאָגט:
— איהר האָט אויף זיך אַ סך גרויסע און קליינע זינד, זאַכאַר מאַקסימיטש, נאָר אַזאַ געשיכטע האָב איך ניט ערוואַרטעט... ווייסט איהר עס קענען אַרויסקומען אונאַנגענעמליכקייטען... און דאָך — איז פלעם אויסגעצייכענט. אָפּען גערעדט, וואָס איז דאָס אַזוינס! איך האָב איהם אַליין געוואָלט באַמערקען... דאָס פריילין, איז אמת... איר האָט ?מישט זיך אומגעקוקט אויף דזשענעיעוו'ן, נאָר דאָך טאָר מען ניט ?זוי... איך בין אַליין אויך געווען אויפגעבראַכט, דעם אמת זאָגענדיג.

— גענוג צו ליגען — האט איהם גראב אפגעריסען ארבוזאוו, און האט פינסטער א קוק געטאן מיט די אויגען. — און איבריגענס, איז דא אזוי לאנגוויילינ: קומט מיינע הערן לאמיר פאהרען צו מיר אויפ'ן זאוואד, א?

און מיר האט זיך באוויזען די אונגעהויער גרויסע און שווערע פיגור פון דאקטאר ארנאלדי, מיט זיין גענאלטען פנים ווי ביי אן אל־טען אקטיאר פארלאפענע קלוגע אויגען.

— דאקטאר! — האט אין אתפילות אויסגעשריען ארבוזאוו — ליעבער מענש!... פאהרט מיט אונז.

— גוט. — האט גלייכגילטיג צוגעשטימט ארנאלדי.

און גיכען זענען אלע ארוים פון בופעט דונערענדיג מיט דיביינקלעך. טזשיזש האט א טראכט געטאן און איז אועק נאך זיי מיט א פארקרימטען געזיכט. אין בופעט זענען פארבליבען בלויז די צוזאמענגערוקטע טישען, די פארגאסענע און צעוווארפענע טישטא־כער, די שטיקלעך גלאז און טעלער. די לאקעיען האבען גענומען רייר־דען הויך און לאכען.

אין דרויסען איז געווען א פינסטערע נאכט. דער הימעל האט געפינקעלט און שימירירט מיט שטערען. און עס האט זיך געהערט ווי ערגעץ אין דער פינסטער קלינגען די גלעקעלעך פון ארבוזאוו'ס טראיקע.

— ווער־זשע פארט מיינע הערן? — האט אין דער פינסטער גע־שריען ארבוזאוו, — סערג'אזשא זעץ זיך מיט מיר... דעם דאקטאר וועלען מיר אויך נעמען מיט זיך...

— איך קען ניט, באמת... האט געזאגט טזשיזש, וועלכען מען האט ניט געזעהן אין דער פינסטער... — מארגען האב איך אין דער פריה א לעקציע.

— וואס מיר לעקציע. — האט געשריען ארבוזאוו, איהם אנ־כאפענדיג פאר א האנט. — ליגסט, איך לאז ניט! קום פאהרען מיט אונז!

— נו, גוט! — האט מיט'ן זעלבען עקעל, אליין ניט וויסענדיג נאך וואס, איינגעשטימט טזשיזש.

עס האט זיך געלאזט הערען, ווי עס האבען זיך צורעט די גלע־קעלעך פון דער ערשטער טראיקע.

— איהר זענט אויף די נייע פערד? — האָט זיך פינקטליך צו־פרעגט דער לאַנגער קראַוזע.

— יאָ... שטעהט! — סעריעזשאַ! — האָט געשריען אַרבוזאָוו.

— דו ווילסט אַ קוק טאָן? ממש שעהנקייטען!... שטעהט!... פּאַוועל האַלט זיי איין... סעריאָזשע קום אַהער.

עס האָט אויפגעבליצט דאָס ציטערענדיגע פייערל פון אַ שוועבעלע. פון שוואַרצער פינסטערניש האָבען זיך אַרויסגערוקט דריי קלוגע, וואונדער שעהנע פערדישע קעפּ מיט טונקעלע אויגען און לייכטע באַוועגליכע אויערען.

— זעהט נאָר, זיי זענען דאָך נאָך ניט געוואוינט צום שפּאַן, זיי וועלען זיך דערשרעקען... האָט גלייכגילטיג געוואָרענט דער שטאַבּ ראָטמיסטר טרענעוו.

אַרבוזאָוו האָט ניט געענטפערט. ער איז אומגעגאַנגען אונטער די סאַמע מאָרדעס פון די פערד און האָט זיי באַלויכטען מיט אַ שוועבעלע. ער האָט רוהיג מיט ליעבע גערעדט אָט צו דזשענעיעוו׳ן, און אָט צו די פערד.

— אַ, וואָס? אמת, שעהנקייטען?... אַזוי הייסען זיי טאַקע ביי מיר: אָט דער אָט, שעהנינקער, אָט די — די שעהנהייט, און דער מיטעלסטער דער שעהנער!... דו זעה נאָר, אַ שאָד וואָס זיי ריידען ניט!

די „שוואַרצע שעהנהייט”, האָט פיהלבאַר געפיהרט מיט איהר רונדען אויג, דער „שעהנער” האָט געשוועבט מיט די אויערען און איבערגעטראָטען פון איין פוס אויף דער אַנדערער. עס האָט זיך געמערקט, ווי נערוועז עס באַוועגט זיך די דינע בלאַנקענדע הויט, וואָס איז געווען דורכגעוועבט מיט אַ נעץ פון געטאָקטע אָדערען. די טראַיקע איז געשטאַנען ווי אַ צוגעשמיטע.

דאָס שוועבעלע האָט זיך אויסגעלאָשען.

— נו, מיר פאָהרען! — האָט געזאָגט אַרבוזאָוו, און האָט אוועק־געוואָרפען אַז אַ זייט דאָס רויטע העלצעל. — זעץ זיך סעריאָזשאַ. נו, איהר זענט פאַרטיג? דעם גלח האָט איהר ניט פאַרגעסען?

— איך בין דאָ, דאָ! — האָט געענטפערט פון דער פינסטער־די שטים פון רויטען גלח.

— מען קען שוין פאהרען, אלע האבען זיך געזעצט! — האט געלאזט וויסען קראוזע.

— נו פאוועל, ריהר זיך!

די טראקיע, ניט זיין צוגעוואוינט צום וועג, האט זיך א דרעה געטאן ערגעץ אן א זייט, אבער זי האט זיך שנעל אויסגעגלייכט, און אנציהענדיג די ווישקעס, האט זי זיך מיט א פלוידעריי, געלעכטער, זיפצען און קלאנג פון די גלעקלעך געלאזט אין דער פינסטער איבער דעם סאמעטענעם וועג. די פערד האבען אלץ פארשנעלערט זייער געלאף, דונערענדיג און קלינגענדיג איבער דער גאנצער גאס, און צור רייצענדיג די הינט האבען די עקיפאזשען זיך פארקערעוועט איינער נאכ'ן אנדערען, און אויף שנעל האבען דורכגעשוועבט ביי די זייטען די אונקלארע צייכנונגען פון די פארקאנס, די וויסע פלעקען פון די הייזער, די פארקאנס פון די קלויסטערס, און די שאטענס פון די שווארצע ביימער, מיט די צושפרייטע הענט.

— לאז אפ די ווישקעס, פאוועל! האט אונערוואַרטעט א געשריי געטאן ארבוזאוו.

— די הינטערשטע וועלען ניט דערווייזען נאכצוקומען, זאכאר מאקסימיטש! — האט זיך ניט אויסקערעווענדיג, סאליד געענטפערט דער קוטשער, וועמעס פלייצעס האבען אונקלאר זיך געהוידעט אין דער פינסטער. אבער, ווי עס ווייזט אויס, האט ער אפגעלאזען די ווישקעס, ווייל די ערד האט זיך מיט אמאל א ריס געטאן אויף צוריק, און שטיקער טרוקענע ליים האבען פארשאטען די פאהרענדע, און די לופט האט גענומען שוויסטשען און קרעכצען ארום, און האט אלעם צוזאמענגעגאסען אין איינעם. ווילד און אונאויפהערליך האבען גע־קלונגען די גלעקעלעך...

די שטאט איז געשלאפען, און די וויסע הייזער מיט די פאר־מאכטע לאדען האבען, דאכט זיך, מיט ערשטוינונג און פאראורטייל געקוקט אויף דעם משוגענעם לויפען.

ביים פארקערעווען האט ווי א רויט פינטעלע דורכגעשוועבט א באלויכטענער פענסטער און איז שנעל פארשוואונדען.

10.

אויף א טישעל ביים בעט, האָט געברענט א לאָמפּ. אויפ'ן בעט אויסציהענדיג זיינע טרוקענע הענט אויף דער קאָלדרע איז געלעגען דער אַלטער פּראָפעסאָר איוואַן איוואַנאָוויטש. דער לאָמפּ האָט שוואַך באַלויכטען דאָס בעט, אָבער די ווייטע ווינקלען פון צימער זענען פאַרטרונקען געוואָרען אין א גרינבליכער פינסטערניש. און עס האָט זיך געדוכט אז אין אָט די פינסטערע ווינקלען געהט אָן, מיט א שטילען אונאויפהערליכען שעפּטשען, א מין מאָדנע געהיימניספולע אַרבייט, וואָס קיין מענש קען זי ניט באַגרייפען.

איוואַן איוואַנאָוויטש האָט באַוועגלאָז געקוקט אין ווינקעל, און ווען ניט אָט דער בליק, אזא מאָדנע באַוואוסטזיניגער, צווישען אָט דעם אַלגעמיינעם שווייגען און שלאָף, וואָלט מען געקענט מיינען, אז דאָ ליגט א מת, מאַכטלאָז זענען געלעגען זיינע אויסגעטריקענטע הענט, זיין קאָפּ, וואָס איז געלעגען מיט'ן פּנים ארויף האָט שווער צוגעדריקט דאָס קישען, און מיט שאַרפע ווינקלען האָבען זיך אויסגעגעבען פון אונטערן ליילעך די ביינער פון א סקע־לעט.

די קליינינקע זקנה, מיט די ווייסע האָר, איז שטיל געשלאָפען אויפ'ן צווייטען בעט און זיס אונטערגעכראָפּעט פון שלאָף.

איוואַן איוואַנאָוויטש האָט געקוקט און געטראַכט.

זיין קאָפּ איז געווען קלאָר. דער געדאַנק האָט אונערמידליך און אָנגעשטרענגט געאַרבייט אין איינער און דער זעלבער ריכטונג, נאָר דער זכרון האָט ניט צוגעשטעלט די ריכטיגע ווערטער. איוואַן איוואַ־נאָוויטש האָ דאָס ניט געמערקט.

ווען מען האָט באַדאַרפט רעדען און איבערגעבען צו אַנדערע מענ־שען וועגען די ליידען זיינע איז געווען אזוי פיינליך אויב דער זכרון האָט ניט געדינט און דאָס וואָרט, מיט וועלכען עס האָט זיך געוואָלט אויסדריקען די שרעקליכע ליידען, האָט דערציהלט וועגען א מאָדנער אומגעלומפּערטער נאַרישקייט. עס איז איהם געווען א שאַנדע פאַר זיין אייגענער אַלטקייט און אָרימקייט; עס האָט איהם וועה געטאָן

וואס מען פארשטעהט איהם ניט און וואס דער אונערטרעגליכער געפיהל פון פיין גיט זיך ניט איבער, און אויף די געזיכטער פון די ארומיגע האט זיך באמערקט נאר א שוואכער און שטארער מיטלייד געפיהל. אבער איצט האט איהם קיינער ניט געהערט, קיינער האט זיך ניט געמאכט אז ער פארשטעהט זיין פלוידערעז. און דער גדאנק, האט אינגאנצען געארבייט מיט אן אייזערנער קראפט.

דער טויט איז שוין געווען דא. איוואן איוואנאוויטש האט געגעוואוסט אז איהם איז געבליבען ווייניג צום לעבען. אמת, ער האט זיך ניט פארגעשטעלט אז ער וועט שטארבען אין א טאג אדער צוויי ארום. ער האט בלויז געדענקט אז ער וועט ניט דערלעבען ביז צו הערבסט—אלענפאלס ביז ווינטער. אבער אין פארגלייך מיט'ן לעבען, האט זיך געדוכט אז אט דער שרעקליכער נעבעלדיגער הערבסט איז שוין אונטער'ן טיר. און געלעבט האט ער אזוי לאנג! אומקוקענדיג זיך אויף צוריק האט איוואן איוואנאוויטש געזעהן א אונאויפהערליכע רייהע יאהרען. ער האט זיך געזעהן, צו איינער אין דער זעלבער צייט אי אלס אינגעל, אי אלס סטודענט, אי אלס אן אלטען פראפעסאר, וואס געהט זיך אזוי בכבוד'יג ארויף אויף דער קאטעדרע. אין א נעבעלדיגען געמעל האבען זיך צוזאמענגעפלאכטען מיליאנען פון קליינע און וויכטיגע פאקטען: זיין חתונה, דער דורכפאל, וואס ער האט געהאט אויף די עקזאמענעס, די וואקאציעס אין דארף; דאס פארטיידיגונג פון דער דיסערטאציע, די באגעגעניש מיט מארקסען, די רייזען נאך אויסלאנד, די נעבעלהאפטע ברגעען פון לאנדאן, פאריז, ניו־יארק... עס איז ניט קיין צאהל און קיין סוף צו די ווערטער, גדאנקען, באגעגענישען און פערזאנען. דאס איז געווען א קאלאסאלע פאנאראמע, וואס האט זיך געדרעהט אין זכרון הין און צוריק מיט א מורא'דיגער שנעלקייט. און מען האט זיך ניט געקענט פארשטעלען, אז איז אייניגע טעג ארום וועט זיך מיט אמאל אלעס אפרייסען און פארשוואונדען ווי אן איבערגעריסענע סטענגע פון קינעמאטאגראף. עס וועט קומען עטוואס אונפארשטענדליכעס און גרויליכעס און ער וועט ניט ווערען. אין דער וועלט וועט זיך בילדען א מין נארישע אונפארהילכבארע פוסטקייט. עס וועט זיין א לויה, דער קבר און דאס פוילען... דער פאלשטענדיגער ניט זיין, די אבסאלוטע פינסטערניש, וואס פאטופעט זיך גאר ניט אין גדאנק.

אַלץ וועט בלייבען ווי געווען. עס וועלען זיין טעג און נעכט, מענשען וועלען אומגעהן און וועלען ריידען; עס וועלען זיין מלחמות, גרויסע ערפינדונגען, נייע נביאים, אַלעס וואָס איז געווען וועט ווידער זיין בלויז ער אַליין וועט פאַרשווינדען, און שוין מעהר קיינמאָל ניט זיין.

— שוין־זשע וועט אויך דאָן אימיצער לאַכען!

איוואַן איוואַנאָוויטש האָט זיך דערמאַנט, אומיסטען דערמאַנט, ווי עס איז געשטאַרבען זיין פאָטער אַן אַלטער, אויסגעדינטער פּאָל־קאָווניק.

דאָס איז געווען לאַנג צוריק, זעהר לאַנג. איוואַן איוואַנאָוויטש האָט דאַן געוואוינט אין אַ זומער פּלאַץ אונטער'ן שטאָט. ער איז דאַן געווען אַ געזונטער פול מיט לעבענס יונגער מאַן. ער איז געקור־מען אהיים זיך אָפּרוהען, און אַם וויכטיגסטען זיין ביי די לעצטע מינוטען פון זיין פאָטער. אַבער זעהן דעם אַלטען עובר בטל, וועלכער איז שוין עטליכע יאָהר געזעסען אַ פּאַראַליזירטער אין פאָטער־שטול און האָט זיך פאַרגעשטעלט פאַר אַ גענעראַל; וואָס פיהרט זיינע אַרמעען אין שלאַכט דאַן ווען מען האָט איהם געהאָדעוועט פון אַ לעפעלע מיט מאַנע־קאַשע, איז געווען צו שווער און צו לאַנגוויילינג. ביים פאָטער אין הויז איז געווען אַ פאַרשטיקטע אַטמאָספערע פון קראַנקהייט און ערוואַרטונג פון דעם נאָהענטען סוף. די מוטער האָט אַ גאַנצען טאָג געוויינט. דער פאָטער האָט געשריען באַפּוילענדע ווער־טער, זיך געזידעלט און געשפּריצט מיט סלונע.

איוואַן איוואַנאָוויטש האָט זיך באַזעצט מיט זיין פרוי און קליי־נינקער טאָכטער אין אַ זומער וואָהנונג הינטערן שטאָט און אין שטע־טעל פלעגט ער קומען זעלטען מעהר פון העפליכקייט וועגען, ווי פון פאַרלאַנג.

אָך, אָט די זומער וואָהנונג!.. די לבנה נעכט, גרינע פלעקען, דאָס רויטע קליידעלע פון זיין טעכטערעל, וואָס האָט זיך געטראָגען צווישען די שטאָמען... האָט ער דאַן פאַרשטאַנען די ווערט פון אָט דעם גליק? ניין ער האָט ניט פאַרשטאַנען... דאָס גליק האָט איהם אויסגעזעהן אַזוי פּשוט און נאַטירליך. געדענקט האָט איוואַן איוואַנאָוויטש בלויז דערפון, ווי אַזוי שנעלער איבער צולעבען אָט די צוויי דריי מאָנאַטען

און דערנאָך פאַהרען קיין מאָסקווע. ווי ער האָט זיך געגרייט פאַר־נעמען א קעטעדרע.

און וועז עס האָט דורכזיכטיג געשיינט די בלויע לבנה, אבער וועז עס האָט העל און פריידיג געוואַרעמט די גאָלדענע זון, וועז ער פלעגט געהן מיט זיין פרוי שפּאַצירען אין פעלד צווישען קאָרן און קוקען אויף דער קלאָר פאַרגעהענדער זון, אַזוי ווי זי וואָלט בענשען די ערד, האָט איוואַן איוואַנאָוויטש געטראַכט ניט פון דער זון אָדער לבנה, ניט פון לעבען וואָס איז איצט דאָ, און וועלכע וועט אַמאָל ניט זיין, נאָר פון דער פּראָגראַם פון זיינע לעקציעס, אין וועלכע עס האָט זיך באַדאַרפט פאַרנאַנדערוויקלען א בילד פון די לאַנג פאַרגאַנגענע עפּאָ־כען.

אך, אט דער זומער פּלאַץ !... וועז מען קען זיך אומקערען צוריק, און דורך א נס אראָפּוואַרפען פון זיך אט די טרוקענע הענט, אט די שרעקליכע מאַסקע פון אַלטקייט און קנייטשען, וועלכע אימיצער האָט אַרויפגעצויגען אויף זיין געזיכט און אַרויסגעהן אין א לבנה נאַכט צווישען די דונקעלע ביימער און מיט דער גאַנצער ברוסט, מיט אַלע כוחות אַנאָטעמען און זיך די נאַכט פרישקייט, אָטעמען דורשטיג און ליידענשאַפטליך אהן א סוף. מען דאַרף גאָר ניט : ניט קיין ביכער, ניט די געשיכטע פון דער מענשהייט, ניט קיין רוהם, ניט די נעבעל־דיגע שטעט פון אייראָפּאַ... זאָלען בלויז אט די פיס געהן, זאָלען די הענט ניט ציטערען, ניט טרערען די אויגען, און זאָל בלויז ניט שטעהן אין דונקעלען ווינקעל דער אונפאַרמיידליכער טויט.

איין שלאַנג פון פרישער לופט, א הויך און פרעהליך וואָרט, איין מינוט אהן ליידען און אָנגעשטרענגטע ענדע, און דאָס וואָלט זיין א גליק, פאַר וועלכען די בליענדע זון איז גאַרניט ווערט.

— ניין, עס איז א סוף... צו אַלעם א סוף... איך שטאַרב... — האָט געטראַכט איוואַן איוואַנאָוויטש, און שטאַר געקוקט אין טונקעלען ווינקעל, וואו עס האָט זיך עפּעס געבויט אין א געהיימניספולען שפּ־טשען, געבויט אהן א סוף. אבער דער שכל האָט זיך אפּגעזאָגט צו פאַרשטעהן, אז דאָס איז אַזוי פּשוט ווי עס האָבען געלערענט די ער־פאַהרונג און וויסענשאַפט. געווים, דער אָרגאַניזם בייט זיך אום, עס שטאַרבען אָב די געוועבען, דאָס האַרץ שטעלט זיך אָפּ, און א מענש

שטאַרבט. דאָס איז אַזוי פּשוט ווען עס שטאַרבט אַן אַנדערער, אָבער ער, איוואַן איוואַנאָוויטש, ווי קען ער שטאַרבען?

און ווידער איז אַרויסגעשוואומען דער טאָג, ווען קומענדיג פון שטאָט האָבען די פערד געבראַכט די נאַכריכט, אַז דער פאָטער שטאַרבט.

איוואַן איוואַנאָוויטש האָט זיך דערמאָנט אַ מין מאָדנע פּרעס־טעל איז דורכגעפלויגען ביים האַרצען, אַזוי ווי דאָס בלוט וואָלט נעמען לויפען שנעלער, און עס וואָלט זיך העלער דערפיהלט דאָס לעבען פון זיין גוף. עס איז גלייך געוואָרען אַזוי אונהיימליך און די נייגעריג־קייט האָט איהם אַרומגענומען. פּונקט ווי מען וואָלט מיט קאַלטער ריינער וואַסער אָפּגעוואַשען אַלע קליינינקייטען פון לעבען אין זיין מוח, און דאָס לעבען האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר איהם אין אונגעהויע־רער גרויס.

— מיין פאָטער שטאַרבט! — האָט געצייגט איוואַן איוואַנאָ־וויטש זיין פרוי.

דערנאָך איז געקומען דאָס שנעלע פאָהרען, דער ווינט אין פעלד, און דער אַלץ וואַקסענדער געפיהל פון אונהיימליכער ערוואַרטונג. דאָס באַקאַנטע שטעטעל, מיט די אַלטע הייזער, שטויב און מענשען. אין הויף האָט איהם באַגעגענט אַן אַלטע קרבה מיט אַ צוקנייטשטען פאַר־וויינטען פּנימ'ל:

— געשטאַרבען!

און איהם ווערט אַזוי באַנג, אַזוי שרעקליך, עס ווילט זיך איהם אַזש וויינען ביים געדאַנק אַז ער האָט פאַרשפּעטיגט, און וועט שוין קיינמאָל ניט זעהן דעם פאָטער. און דער פאַרשטאַרבענער שטעלט זיך איהם פאַר אַלס אַזאַ מין גוטינקער אַלטינקער, וועלכער איז איהם אַזוי נאָהענט און ליעב. עס פּייניגט איהם דאָס באַוואוסטזיין, וואָס כמעט צוויי וואָכען האָט ער אָפּגעלעגט דאָס פאָהרען. אָך וויפיעל מאָל ער וואָלט איהם נאָך געקענט זעהן.

איוואַן איוואַנאָוויטש געהט אַריין אין אַ פינסטערען צימער, וואו די לאַדען זענען צוגעמאַכט. נאָך אין זאַל האָט ער באַמערקט אַז אונבאַקאַנטע מענשען מיט זיין פעטער, וועלכער איז שוין אויך לאַנג אויף דער אמת'ער וועלט, ראַמען אויף דעם דיוואַן.

נאָכוואָס? — שוועבט דורך אין זיין מוח, נאָר ניט דערוויי־זענדיג צו ענטפערען די פראַגע געהט ער איילענד אין שלאָף צימער. ער קומט אריין אין יענעם מאָמענט, ווען דער באַקאַנטער, נאָך דאָן א יונגער און לעבענס־לוסטיגער דאָקטאָר, איצט שוין אויך א לאַנג גע־שטאָרבענער און פאַרגעסענער, געהט אָפּ פון בעט מיט א מאַכטלאָזען זשעסט, וואָס זאָגט, מען קען גאָרניט העלפען... עס איז דער סוף!...

איוואַן איוואַנאָוויטש, קוקט אַנגעשטרענגט דורך די טירען, וואָס פאַרשטעלען איהם די אויגען, און אין דער פינסטער דערזעהט ער אויף א צוקנייטשטע נאַסען קישען דעם פאַרוואָרפענעם באַקאַנטען קאָפּ מיט פאַרמאַכטע אויגען און שוואַרצען לאָך, אַנשטאָט א מויל, וועלכער איז אונטערגעבונדען מיט א ווייסען טישטעכעל.

דערנאָך באַווייזט דער זכרון איוואַן איוואַנאָוויטש'ן דעם טויטען גוף פון פאָטער, וועלכער זיצט אויף'ן דיל נעבען בעט אין א צעבער וואַרימע וואַסער אין א לעבעדיגער אָבער אביסעל מאַכטלאָזער פּאָזע. די גרויסע קאָפּ האָט זיך אַראָפּגעלאָזען אויף'ן ברוסט און וויגט זיך. אַלטע פרויען שטופּען אריין זיינע הענט אין די אַרבעל פון אן אַל־טינקען פאַלקאָווניטשען מונדיר. די הענט זענען אויסגעבויגען, ווי ביי א לעבעדיגען אַלטען מענשען, וועמען עס איז שווער אריינקריכען אין די שמאָלע אַרבעל. עס איז שווער זיך פאַרצושטעלען אז ער פיהלט שוין גאָר ניט, און אז דאָס איז שוין מעהר ניט קיין מענש, און אז מען זאָל איהם אַפּלאָזען וועט ער פאַלען אויף'ן דיל, ווי א זאַק, ווייל דאָס איז בלויז א מת. ווי־זשע איז ער דאָס א מת, אז דאָס איז דאָך גאָר זיין פאָטער, דער אַלטער אייביג באַקאַנטער פאָטער? ער מאַכט זיך פּשוט אז ער פיהלט גאָר ניט, אָבער מיט פאַרמאַכטע אויגען און טויטען גוף וועלכער וואַלגערט זיך געהאָרכזאַם אין פרעמדע הענט, זעהט אַלעס, הערט אַלעס, און ווייסט אַלעס.

דערנאָך דער טיש, און דער טרוקענער קערפּער אויף איהם. די פּיס פון מת זענען צוזאַמענגעבונדען מיט א ריינעם טישטיכעל. דאָס טויטע געזיכט זעהט אויס ווירדיג, מיט אן אונפאַרשטענדליכער וויר־דיגקייט. שטיל צאַנקען די אויסגעהענדע הויכע ליכט. אונטערן פענס־טער שטעהט די נאַכט און איבער'ן הויז צוטראָגט זיך דאָס מאָנאָטאָנע לעזען פון פאַרצייטיגע ווערטער...

דאָס איז דער טויט.

עס איבעלט. דאָס איז אפילו ניט קיין מורא, דאָס איז פּשוט יענע שרעקליכע איבעלקייט, וואָס צופּט און רייסט דעם גאַנצען קערפּער. עס קומט, דוכט זיך אזא מין שרעקליכע באַנקשאַפט, אז איוואַן איוואַנאָוויטש וועט דאָס ניט אויסהאַלטען. די געדאַנקען וואַרפען זיך אין אַלע זייטען, טרייבען און ווישען אָפּ, ווי זיי קענען נאָר אָט די שרעקליכע בילדער. אָט זענען זיי דאַכט זיך אזוי ווי פאַרשוואונדען, אַבער דער אומשמוגלענדער געדאַנק נאַרט אָפּ, שפּרינגט, און ווי אומיסטען טשעפּעט ער זיך אומזיסט צו פאַרשידענע נאַרישקייטען. דער געדאַנק שטעלט זיך אָפּ דאַרויף וואו עס שלאָפט פּאַלינאַ גריגאָרעוונאַ, וויפיעל דער זייגער האַלט, ווי די לאָמפּ ברענט. עס פיהלט זיך אז דורך די אַלע זאַכען לייכט זיך עפּעס דורך, אזוי ווי די אויגען פון א מת דורך די תכריכים. און אָט טרעט דער עפּעס ווידער אַרויס, שפּרייט זיך, וואַקסט און פיהלט אָן די גאַנצע וועלט... עס ווערט שטיקענד, מורא'דיג, אונערטרעגליך... דאָס איז דער טויט.

דער טויט איז דאָ, טרעט ניט אָפּ און געהט ניט אוועק. דאָס האָט מען פריהער געקענט נאָך פיהלען, ניט טראַכטען דערפון. איצט איז אַלעס צו ענדע. מיט דער פּינקטליכקייט פון א מאַשין, געהט ער צו אַלץ נעהענטער און נעהענטער, פונקט ווי אַן אָפענער קבר, וואָלט לאַנגזאַם אַליין געקראָכען צום בעט, אויף וועלכער עס האָט זיך געמאַטערט פון שרעק און גרויל איוואַן איוואַנאָוויטש.

די אַנגסט און פּיין שטייגען אַלץ העכער און העכער, פאַרכאַפּען איהם אינגאַנצען אזוי שטאַרק, אז אַם ענדע האָט ער ניט מיט וואָס צו אָטעמען!... דער גאַנצער קערפּער, די נשמה, יעדער נערוו איז אָנגעצויגען און ציטערט. מען מוז זיך שנעלער אָן עפּעס דערמאָנען, עפּעס טאָן.

אַבער אין וואָס זיך דערמאָנען? אז דער טויט איז א געוועהנליכע פיזיאָלאָגישע ערשיינונג, און אז אַלע וועלען שטאַרבען, און אז ווען־ניט־איז וועט אָט דער מאָמענט דאָך פאַריבערגעהן, און אז ער שטאַרבט נאָך ניט גלייך שוין, אז פון'ם טויט דאַרף מען ניט טראַכטען! און אז אויף צו לעכית דעם קלאָרען און אייזערנעם פאַרשטאַנד איז דאָך דאָ א רעטונג: דאָס איז דאָס אונשטערבליך אייביגע לעבען פון דער נשמה... גאָט!

מיט אַמאָל פאַרשווינדט דער שרעקליכער דריקענדער געדאַנק.

דער שאָטען פון טויט טרעט אָפּ. און עס ווערט פאַרשוואונדן פון אזא איינזאמען איינשלעפּענדען טרוים.

— גאָט, — טראַכט איוואן איוואנאָוויטש, איינהאַלטענדיג דעם אָטעם אום ניט צו דערשרעקען די שעמעוודיגע שוואַכע ווי א שטרויעלע האָפנונג. — גאָט מיינער, גאָטוניו!...

נו, וואָס האָט דאָס פאַר די פּאר א ווערט. מיר שענקען דאָס לעבען! איך ווייס אז עס איז נאַריש און לעבערליך, מיר אן אַלטען פּראָפעסאָר, וואָס שטאַרבט, צו גלויבען אין דיר ווי עס גלויבט א דאָרפ׳ס פרוי... איך ווייס, אז דאָס איז בלויז מיין קליינמוטיגקייט. אָבער עס איז דאָך מעגליך אז דו עקזיסטירסט.

אויב „דו" ביזט פאַראַן, דערבאַרעם דיך אויף מיר, האָב רחמנות. איך האָב מורא, „דו" זעהסט ווי איך מאַטער זיך. איך בין אן אַלטער קראַנקער מענש, אזא קלעגליכער, קלעגליכער אַלטינקער!

פון רחמנות צו זיך אליין טרעטען ביי איהם ארויס טרערען און פאַרגיסען איוואן איוואנאָוויטשעס שטאַרע אויגען. און ער ווידערהאָלט אומיסטען, ווי נאָר מעגליך רחמנות׳דיגער און אונטערטעניגער זיין געבעט, כדי ביי עמיצען אויפוועקען זיין רחמנות און גנאָד.

נו, נאָך וואָס דאַרפסטו מיך מאַטערען?... וואָלט איך כאָטש געוואוסט!... כאָטש איין ביסעלע וויסען, און מיר וואָלט אזוי גוט געוואָרען... איך וואָלט טאַקע געשטאָרבען, אָבער ניט אזוי, עס וואָלט ניט געווען אזוי שרעקליך!... און קיינער פאַרשטעהט ניט!...

פּאָלינא גריגאָרעוונא... זי האָט מיטלייד מיט מיר, איהר טוט וועה פאַר מיר... אָ, ווי שרעקליך און טרויעריג וועט איהר זיין צו בלייבען אליין און מיך קיין מאָל ניט מעהרער ניט זעהן. און, ווירקליך, מיר האָבען אָפּגעלעבט צוזאמען אזוי פיעל יאָהרען אין ליעבע און אין צופרידענהייט. אפשר בין איך א עובר בטל ווי מיין פאָטער? אפשר דוכט זיך מיר בלויז, אז איך דענק, און אין דער ווירקליכקייט איז דאָס ניט מעהר ווי אן אומגעלומפּערטער נאַרישער קאָשמאַר.

מיט אמאָל כאַפּט איוואן איוואנאָוויטש׳ן ארום א דריקענדער געדאַנק: קיינעם אַרט ניט פאַר איהם, ער האָט אלעמען דערעסען, ווי א האַלב־טויטער, וואָס איז שוין אינגאַנצען פון זינען אראָפּ.

אָבער, ער האָט דאָך אזוי פיעל אויפגעטאָן פאַר דער וויסענשאַפט. איצט איז ער ווירקליך אָפּגעשטאַנען, און זעהר א סך פאַרגע־

סען, עס איז דאָך אָבער געווען א צייט ווען זיין נאָמען האָט געהאַט א שם. עס זענען געבליבען זיינע ביכער, ברייטע פאַרשונגען אויפ'ן פעלד פון מענשליכער געשיכטע. מענשען וועלען איהם מוזען גערנקען, און אויף אַזאַ אופן וועט ער דאָך ניט זיין טויט.

און ווי עס וואָלט זיך אויף אַן אויגענבליק אויפגעעפענט א טיר פון דער פינסטערניש צו א העלען־זוניגען פריהמאָרגען. יאַ, זיין גוף וועט שטאַרבען, אָבער זיין נשמה, זיין גייסט וועלען אייביג לעבען און זיינע ביכער און זיין ווירקונג. יאַ, אַט דאָס איז דאָס, די אונשטערב־ליכקייט.

אָבער, מיט א טויבען קלאַפּ, פאַרהאַקט זיך די שווערע טיר, און ווידער באַהערשען איהם פוסטקייט און גרויל: יאַ, אמת, זיינע גע־דאַנקען, זיינע ביכער וועלען טאַקע לעבען אבער ער אליין ניט. ער וועט שטאַרבען. וואָס קומט ארויס סאַקראַטען, אַז זיין נאָמען ווידער־האַלט זיך, צו מען דאַרף, צו מען דאַרף ניט דאַרטען ערגעץ פון אונ־באַקאַנטע מענשען, ווען ער אליין איז שוין לאַנג צופוילט געוואָרען אין דער ערד. שוין־זשע, איז דאָס אונשטערבליכקייט? דאָס איז א בייזער שפּאַס! איוואַן איוואַנאָוויטש איז נאָך ניט געשטאָרבען, ער איז בלויז אַלט געוואָרען, און וואָס פאַר א פאַרבינדונג האָט ער איצט מיט זיינע ביכער. בעסער וואָלט ער שוין גאָר ניט שרייבען, ניט טראַכטען, און ניט פאַרברענגען זיין לעבען אויפ'ן פּאַפּיר, בעסער וואָלט ער געאָטעמט פריי, געקוקט אויף דער זון, וועלכע ער וועט שוין מעהר קיינמאָל ניט זעהען.

און עס קען דאָך זעהר גוט זיין, אַז אפילו פּאַלינאַ גריגאָרעווגאַ, זי, דער נאָהענסטער מענש זיינער, מאַכט בלויז אַן אָנשטעל, אַז עס טוט איהר וועה פאַר איהם. אָבער אין דער ווירקליכקייט, איז שוין ניטאָ צווישען זיי קיין שום פאַרבינדונג: ער וועט שטאַרבען און זי וועט לעבען, וועט דענקען און פיהלען עפּעס אייגענס, פּערזענליכעס, עפּעס נייעס אין וואָס ער וועט שוין קיין שום אַנטייל ניט נעמען. און אין צוויי יאָהר ארום וועט זי זיך ערינערען אין איהם, ווי אין א האַלב פאַרגעסענעם חלום. אין דער זעלבער מינוט ווען ער לודט אונ־געהויער און ווען ער בעט מיט זיין גאַנצען וועגען דערבאַרי־מונג און רחמנות, דענקט זי...

— וואס דענקט זי? וואלט ער שוין גיכער געשטארבען?... אבער דאס איז דאך אונמעגליך! שוין־זשע קען אימיצער וועלען, אז ער זאל שטארבען!... יא, זי וויל עס זיכער, ניט אלע מאל, אבער דאך אמאל. איך בין נאך ניט אזוי פיעל עובר־בטל, און ניט אויף אזוי פיעל דערשראקען, אז איך זאל דאס ניט פארשטעהן, ווי שטארק איך האב אלעמען דערעסען און ווי שווער עס איז אומצוגעהן ארום מיר. ווירקליך איך בין דאך שוין אויף האלב געשטארבען און קיינער דארף מיך שוין ניט מעהר... מיר איז שוין צייט... צו שטארבען! גאט, יא גאטיניו! וואס־זשע טוסטו דאס? „דו" זעהסט דאך! שוין־זשע פיהלסטו ניט, וואס „דו" טוסט מיט מיר!... ס'ארא מין גרויליכע, און בייזע זאך! זעה, איך שטארב דאך, איך שטארב, שטארב...

איוואן איוואנאוויטש איז געלעגען שטיל — שטיל ווי א טויטער. די שטארע אויגען האבען באוועגלאז געקוקט אין איין פינטעלע, אבער אין אט דער שטילקייט, אין אט דער באוועגליכקייט האט זיך משונה ווילד געדרעהט דער זעלביגער געדאנק, וואס איז אט אפגעשוואכט גע־ווארען, און אט ווי קרישטאל קלאר געווארען, און אט אויסגעוואקסען אין א מורא'דיגען קאשמאר. דאס איז געווען א גאנצער כאאס פון ווערטער, קאשמארע פארשטעלונגען, א גרויליכער שטורעם פון ווילדע געשרייען, קלאגען און קללות.

— נאך וואס האסטו מיר געשאנקען דאס לעבען? הייסט דאס, אז דאס אלעס איז געווען בלויז א נעץ?... אי די יוגענד, אי די לבנה נעכט, אי די האפנונגען, אי די ליעבע, אי די וויסענשאפט... און דאס אלעס, איז בלויז א לעקאכעל, אום צו פארנארען אין נעץ, פארציהען און צושטערען אלעס מיט'ן אונפארמיידליכען שרעקליכען טויט!... אבער איך וויל דאך ניט!... טו ווער זשע האט דאס א רעכט אזוי צו שפאטען איבער מיר?... טא „זיי" זשע פארפלוכט און פארשאלטען צוזאמען מיט דער גאנצער וועלט, צוזאמען מיט די שטערען, מיט דער אייביגקייט און מיט די זונען!...

„דו" ביזט פשוט לעכערליך, דו בייזע נישטיגקייט, וועמען עס פארשאפט פארגעניגען צו מאטערען און שפאטען פון ארימע הילפלאזע מענשען, וואס קענען „דיר" גארנישט ניט טאן!... איך האס און פאר־שילט דיך! „דו" האסט דאס געוואלט ווען דו האסט געשוויצט אי־בער דיין וועלט־באשאפונג! נו, אט האסטו דיר, נעם... און פרעה זיך!

מיט אמאל האט זיך איוואן איוואנאוויטש דערשראקען. און איז אט דעם שרעק איז ווידער געווען עטוואס ענליכעס צו א האפנונג.

— און מיט אמאל אין דער סאמע לעצטער מינוט, וועט זיך ארויסווייזען, אז דאס אלעס איז אין גרונט געוועזן, גאר ניט אזוי שרעקליך, נאר פשוט פארניפטיג און גוט!... אפשר דארף מען גאר פארשטעלען אפ דעם נידערטרעכטיגען שכל, זיך אפזאגען פון איהם, און מיט'ן פשוט'ן נארישען גלויבען, גלויבען אין גלחים, אין די היי־ליגע בילדער, אין תחית המתים און אין אייביגען לעבען?... גאט מיי־נער, נו, גוט... זאל זיין אזוי! איך וועל גלויבען, איך וועל תפילה טאן, איך וועל טאן אלעס וואס דו ווילסט, נאר ניט שטארבען... אדער שטארבען אהן אט די אלע ליידען און אנגסט! זעה, „דו" דארפסט דאך ניט אט די ליידען?... „דו" גיב נאר א קוק אויף מיר ס'ארא קלענליכער און שוואכער זכן איך בין, איינגאנצען א קראנקער!... אפילו וויינען קען איך... איך וועל פשוט אנהויבען וויינען און בעטען: גא־טוניו, דערבארעם דיך איבער מיר צוליעב דיין גרויסען גנאד!...

א הילפלאזע טרער האט זיך ארויסגעגאסען פון אונטער דעם צוקנייטשטען אלטען לעדעל. און אין דעם פולען באוואוסטזיין, אז דאס אלעס איז אומזיסט, אז קיינער וועט ניט דערהערען און קיינער וועט ניט העלפען, האט איוואן איוואנאוויטש אנגעהויבען קרעכצען אזוי שוואך און הילפלאז.

— איוואן איוואנאוויטש, וואס איז מיט דיר? — האט זיך גלייך דערהערט א מאדנע לעבעדיגע שטימע, און די קליינינקע זקנה האט זיך גלייך אויפגעהויבען פון איהר בעט.

איוואן איוואנאוויטש'ן האט ארומגעכאפט א געפיהל פון רחמנות צו איהר. א גאנצע נאכט שלאפט זי ניט, שטעהט אויף צעהנדליגע מאל, העלפט איהם זיך איבערדרעהען, דערלאנגט איהם דאס טעפעל, לייגט איהם צוריק. עס איז א רחמנות אויף איהר, א שרעקליכער רחמנות! און צו דער זעלבער צייט האט איהם וועה געטאן! פונ־דעסטוועגען שלאפט זי, און קען שלאפען ווען ער מאטערט זיך אזוי, ווייל ניט זי שטארבט נאר ער.

שלאף, שלאף, איך בעט דיר! האט בייז און מיט קאפריז גע־זאגט איוואן איוואנאוויטש. און די טרוקענע ביינדלעך פון זיינע פינ־גער האבען זיך צוזאמענגעדריקט, אין א פארדרוס, וואס איז געוועג־

דעם ניט אויף איהר, נאר אין דער וועלט אריין. — איך וויל פשוט אויפשטעהן, אבער דו שלאף איך וועק דיך ניט...

— וואס פאלט דיר איין, איוואן איוואנאוויטש!... עס איז ביי־נאכט!... שלאף בעסער, דו דארפסט שלאפען.

— וואס האט דאס צו דיר!... לאז מיך צורוה!... דו וואלסט געוועז צופרידען ווען איך זאל זיך אינגאנצען ניט... ניט אויפהויבען!

און איוואן איוואנאוויטש, האט געפיהלט, אז ער זאגט א ליגען, אז ער מאטערט און באליידיגט זי דאן, ווען עס איז זיי שוין אזוי ווייניג געבליבען צו לעבען צוזאמען, און ניט האבענדיג קיין כח איינ־צוהאלטען דעם מורא'דיגען משגעת האט ער זיך צואוויינט. ביטער זענען געלאפען די טרערען איבער'ן אלטינקען פנים, מיט'ן איינגע־פאלענעם מויל, און הילפלאז זענען אראפגעהאנגען די גרויענקע הע־רעלעך...

און אט יענער געדאנק פאר וועלכען ס'האט זיך געשראקען איוואן איוואנאוויטש, האט דורכגעשוועבט אין קאפ פון דעם נאהענסטען צו איהם מענשען. אין קאפ פון דער גרויענקער אלטינקער וועלכע האט אפגעלעבט מיט איהם 40 יאהר, און האט איהם ליעב געהאט ווי א מוטער, ווי א פרוי און געליעבטע, האט איהם אזוי טיעף מיט־געפיהלט און איז גרייט געווען זיך אפצוהאקען א האנט, אום איהם כאטש אביסעל צו פארלייכטערען.

נאך שווערער איז געווען אט דער געדאנק דערפאר, ווייל ער איז געקומען ניט פון הארצען, וואס איז געווען צוזאמענגעפרעסט פון אז ברענגלאזען רחמנות, אויך ניט פון שכל, וועלכער האט זיך געשעמט פאר אזא געדאנק, נאר פון גאנצען קערפער, וועלכער איז געווען אויס־געמאטערט פון שלאפלאזע נעכט, פון דעם קראנקענס קאפריזען און פון דער גאנצער שמוציגער אומגעבונג פון דעם אלטען טויט.

נאטיניו, ווען־זשע וועט זיין א סוף צו אט דעם אלעמען, האט געטראכט פאלינא גריגאריעוונא, און איהר האט זיך פשוט געוואלט א געשריי טאן אויף איהם אט דעם מאכטלאזען אלטען, וועלכער, גאט ווייס פארוואס, פיהלט זיך בארעכטיגט זי צו מאטערען.

— נו זאל זיין, אז ער איז קראנק, זאל זיין אז ער ליידט, אבער איך בין דאך ניט שולדיג אין דעם!... ווירקליך, איך קען דאך איהם א זעץ טאן, א געשריי טאן אויף איהם און ער וועט זיך דערשרעקען,

וועט ליגען רוהיג ווי אַ אָפּגעשמיסענע קינד און וויינען פון מורא... ווי עס זאָל דאַרטען ניט זיין, ווי ער זאָל ניט ליידען, מוז ער דאָך פאַרשטעהן, אַז מיר איז שווער, און איך אָפּפער פאַר איהם אַלעס! מאָדנע, טאַקע דערפאַר, וואָס איוואַן איוואַנאָוויטש, האָט פאַרשטאַנען און האָט זיך געבּר'געזט, געבורטשעט און אפילו געמאַכט אַ פויסט פון זיין טרוקענער אינגאַנצען מאַכטלאָזער האַנט, איז איהר האַרץ וויכער געוואָרען.

אַ, מאַטער מיך ניט, ליג זיך! — האָט מיט טרויער געזאָגט פּאַלינאַ גריגאָריעוונאַ.

— יאַ, דו, וואָלסט וועלען אַז איך זאָל גיכער שטאַרבען! כדי דו זאָלסט קענען געהן צו דיין געליעבטע... און אַט וועל איך ניט שטאַרבען... איך וועל נעמען אומיסטען און ניט שטאַרבען... אויף צו להכעית! אַט זעהסטו — האָט געענטפערט איוואַן איוואַנאָוויטש מיט אַ בייזען אידיאָטיש זקנישען שפּאָט, און מיט אַמאָל האָט ער אַזוי געהויבען אויסגעצויגען זיין האַנט און איהר באַוויזען אַ פייג.

דאָס אַלעס איז געקומען אַזוי אונערוואַרטעט, און האָט אויסגע־זעהן אַזוי נאַריש און לעכערליך, אַז פּאַלינאַ גריגאָריעוונאַ האָט דער־פיהלט, ווי הייסע טרערען פאַרגיסען איהרע אויגען. זי האָט זיך שיעור ניט צוואויינט הויך אויפ'ן קול, און פאַרגעסענדיג אין אַלע איהרע בייזע און אויסגעמאַטערטע געדאַנקען האָט זי געדולדיג, און שוויי־גענדיג גענומען איהם אויפהויבען. בלויז אין די טיפסטע טיפענישען פון דער נשמה, אין אַט דער דונקעלער און גרוזאַמער באַהאַלטעניש, וואוהין דער שכל האָט מורא אריינצוקוקען האָט געשפּאַרט און קרענק־ליך געגאַגט דער אונגעדולדיגער געדאַנק:

— וואָלט ער שוין כאָטש גיכער געשטאָרבען!

— נו, קום, איוואַן איוואַנאָוויטש! איך וועל דיר העלפען. האָט זי געזאָגט צווישען די ציין.

איוואַן איוואַנאָוויטש האָט זיך מיט אַמאָל באַרוהיגט. דער מח האָט זיך באַפרייט פון אַ מיאוס'ען נעבעל. מיט אַמאָל האָט ער קלאָר דערזעהן זיין עלענדקייט, זיין משונע ווילדען כעס, וועלכער האָט גיט קיין פאַרוואָס, אין איהרע איינזאַם מאַכטלאָזע, געהאַרכזאַמע ליידען.

ער האָט זיך אינגאַנצען איינגעהויקערט און ווי אַ קינד, אָנ־

שפּאַרענדיג זיך אין איהר, האָט ער זיך אויפגעהויבען, און וואַקלענ־דיג זיך געשלעפּט איבער'ן טונקעלען זאַל אין פאָדערהויז, וואו מען פלעגט שטעלען אויף ביינאַכט דאָס טעפּעל, אָט אזוי האָט ער זיך געשלעפּט א קליינינקער און שוואַכער אין איינע אונטערוועש.

ער איז געווען א טרוקענער און לייכטער, ווי אן אפּגעפּליקט הינ־דעל. פונדעסטוועגען איז ער געווען פאַר איהר אזוי אויסערגעוועהנליך שווער, ווען זי האָט אין איין אָטעם איהם געשלעפּט איבער די צימערן. אין איהר האַנט האָט זיך געהוידעט די ליכט מיט א שטילען שימער. נאָך זיי זענען געגאַנגען איבער די ווענט זייערע שאָטענס, וועלכע האָבען געמאַכט אזוינע מגשמ'דיגע הועיות, ווי צוויי גרויע פּאַיאַצען.

אין פאָדער צימער האָט פּאָלינאַ גריגאָריעווּנאַ אוועקגעשטעלט דאָס ליכט אויפ'ן טיש, האָט נידעריגער ארומגענומען זיין ביינעריגען קערפּער און האָט געוואָלט צושפּילען די אונטער־וועש.

א הייסער ביז טרערען געפיהל, פון ליעבע און רחמנות צו איהר און צו זיך אליין האָט ביז ווייטאָג צוזאַמענגעדריקט דאָס אלטע הארץ, פון דעם שטאַרבענדען איוואַן איוואַנאָוויטש, ווען ער האָט זיך געשלעפּט איבער די דונקעלע זאַלען, אנהאַלטענדיג זיך אן איהר. שטאַרק ביז צום ווייטאָג, האָט ער דערפּיהלט, ווי זי ליעבט איהם און ליידט צוליעב איהם. און ווי שטאַרק זיי זענען ביידע אומגליקליך. און איהם האָט זיך געוואָלט זי צערטלען, איהר זאָגען עפּעס אזוינס, וואָס עם האָט שוין זעהר לאַנג ניט געזאָגט. ער אן אלטער טרוקענער מענש, צו איהר א גרויער אלטער פרוי; זיך צודריקען צו איהר און זיך ביטער — ביטער צואווויינען.

מיט א שווערען פּאָרוואורף האָט זיך אויפגעהויבען זיין אלטער געדאַנק צו א געהיימניספולער אונדערגרויכבאַרער הויך. און ווען מען זאָל געווען קענען אויסדריקען זיין געפיהל אין ווערטער, יואָלט דער דונקעלער הימעל געווען דערהערט א שוואַכע קוים הער־באַרע מענשליכע שטים:

— גאָט מיינער, געטיניו, פּאַרוואָס ליידען מיר?... גיב א קוק אויב ניט אויף מיר, איז אויף איהר... זעה, די האָר זענען שוין ביי איהר גרוי, און קליין און שוואַך איז זי, און דאָך שלעפּט זי מיך... זי האָט מיך ליעב און האָט רחמנות אויף מיר!... שוין־זשע האָסטו קיין רחמנות ניט אויף אונז? וואָס האָבען מיר דיר געטאָן?... גע־

דענקסטו, ווען מיר זענען געווען יונג און געזונט, זענען מיר אויך אזוי געאַרעמט אומגעגאַנגען איבער די צימערן... איך בין דאַן געווען א הויכער און שטאַרקער, און זי אַ קליינינקע האָט זיך צוגעדריקט צו מיר אזוי, ווי איך וואָלט געקענט זי רעטען און באַשיצען פון אַלעם... און אַט איז זי געוואָרען נאָך שוואַכער, זי איז שוין ניט קיין ליעבע פאַליאַ, נאָר איהר קאָפּ איז שוין גרוי געוואָרען און זי איז א זקנה, און איצט שלעפּט זי מיך און איך בין שוואַכער פון איהר... גאָט מיינער, גאָט מיינער!

נאָר נישטיג און מאַכטלאָז איז אָפּגעשטאַרבען אַט די פון קיינעם ניט דערהערטע קלאָגע פאַר'ן דונקעלען באַוועגלאָזען געזיכט פון דעם אייביגען געזעץ, דעם נאָמען פון וועלכען דער מענש וועט זיך קיינמאָל ניט דערוויסען.

איוואַן איוואַנאָוויטש האָט זיך פאַרגלוסט ניט צו זיין אזוי הילפ־לאָז, ארונטערוואַרפען פון זיך אַלעם, און נעמען אומגעהן מיט גע־זונטע שטאַרקע פיס, אַלעס טאָן פאַר זיך אַליין, אזוי פּשוט און לייכט ווי ער פלעגט דאָס טאָן אַמאָל. און ווען פאַלינאַ גריגאָריעוונאַ פאַ־לענדיג פון אַנשטרענגונג אונטערצוהאַלטען זיין קערפּער, וואָס האָט זיך אַלץ געגליטשט, בארג ארונטער, האָט זיך געמיהט צוצושפּילען איהם די אונטער־וועש, האָט ער ארויסגעשעפּטשעט ציטערענדיג פון שוואַכ־קייט:

— לאָז... איך וועל אַליין... לאָז...

מיט ציטערענדיגע פינגער האָט ער זיך געכאַפּט אין די הענט; ער האָט ניט מעהר ווי צומישט און געשטערט בלויז, א טויבער פאַר־דרום האָט זיך ווידער אויפגעהויבען אין איהר. די קאָפּ האָט וועה געטאָן, די הענט און פיס האָבען געציטערט, און ער האָט אַלץ גע־צויגען.

— ווי קענסטו, גאָטיניו! — קוים איינהאַלטענדיג דעם פאַרלאַנג איהם אָוועקוואַרפען, האָט געזאָגט פאַלינאַ גריגאָריעוונאַ.

איוואַן איוואַנאָוויטש האָט ניט נאָכגעגעבען. אַהן א טאַלק האָט ער געשטופּט די הענט און געליטען בזיון פאַר זיין שוואַכקייט. דער פאַרדרום האָט איהם געמאַטערט.

— יאָ, אַליין, אַליין... נו, לאָז. אום גאָטעס ווילען! וואָס האָב

איך דיר געטאָן, וואָס דו מאַטערסט מיך? — האָט ער געברומט, שיעור ניט וויינענדיק.

— פאַר דיר דאַך, גאָט מיינער! — האָט זיך מיט צער אַרויס־געריסען ביי פּאָלינאַ גריגאָריעוונאַ.

אַם ענדע האָט ער זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן טעפּעל און זיך איינגעטולעט, אַזאַ קליינינקער, גרויער און רחמנות'דיגער.

פּאָלינאַ גריגאָריעוונאַ איז געשטאַנען איבער איהם און געוואַרט. זי האָט געוואָנט איהר בליק אין אַ ווינקעל און געקוקט אהין איז אָנגסט מיט מיעדע פיבערישע אויגען. די ליכט האָט שטיל געברענט אויפ'ן טיש, אַרום איז געווען טויב, און געדוכט האָט זיך אַז אונטער די ווענט פון אַט דעם קליינינקען און שטיקענדען צימער איז קיינער און גאַרנישט ניטאָ. דאַרטען הערשט די אייביגע, אייביגע נאַכט און שטילקייט און אויף דער גאַנצער וועלט זענען זיי בלויז אין צווייען מיט זייערע לעצטע ענדלאָזע ליידען.

און איוואַן איוואַנאָוויטש'ן איז געווען אַ שאַנדע וואָס זי שטעהט איבער איהם. די אַלטע מענליכע עדעלקייט, אַזאַ אומגעלומפּערט נאַ־רישע אין אַ גוסס'ן מענשען האָט איהם געמאַטערט.

— געה אוועק, איך בעט דיך... נו, וואָס־זשע שטעהסטו... געה אוועק! — האָט ער געברומט אין כעס ווערענדיג.

פּאָלינאַ גריגאָריעוונאַ האָט שווער אָפּגעזיפצט און אָפּגעטראָטען אויף צוריק אַזוי, אַז ער זאָל זי ניט זעהן, אָבער זי זאָל קענען צו יעדער מינוט איהם קומען צו הילף.

געלע קרומע פלעקען האָבען אומגעשפּאַצירט איבער די ווענט. אַרום איז געווען שטיל, ביטער און שטיקענד. איוואַן איוואַנאָוויטש איז מאַכטלאָז געזעסען אויפ'ן טעפּעל און זיינע שאַרפע נאַקעטע קני האָבען אַרויסגעקוקט ווי טויטע ביינער. פון צייט צו צייט האָט ער געמאַכט אַנשטרענגונג איבער דעם אָפּגעשטאָרבענעם מאָגען און דאָס האָט אויסגעזעהען קאָמיש און מורא'דיג.

פּאָלינאַ גריגאָריעוונאַ האָט זיך פאַרטראַכט. זי האָט געטראַכט דערפון אַז עס איז שוין עטליכע מאָנאַטען זינט עס האָט זיך אָנגע־הויבען אַט די לאַנגזאַמע גסיסה, און זי מאַטערט זיך אין אַ טויטען קרייז, אַ צומישטע און מאַכטלאָזע, אַ פאַרגעסענע און איבערגעלאָזענע פון אַלעמען.

אַם ענדע וועל איך אויך פאַלען פון די פיס... וואָס וועט דאַן זיין? אויף וועמען וועט ער דאַן בלייבען?... לידאַ האָט איהר אייגענ לעבען, פרעמדע האַרט ניט... — האָט זי געטראַכט מיט אַ קאַלטען גרויל אַזוי ווי זי וואָלט אימיצען דראָהען. אָבער זי האָט זיך גלייך דערמאָנט, אַז דראָהען איז ניטאָ וועמען: זאָל זי פאַלען, זאָל איהם זיין נאָך ערגער, זאָלען זיי ביידע שטאַרבען, זאָלען די ליידען איבער־געהן אַלע מעגליכע גרענעצען; זאָלען די אַנגסט און פיין ווערען אונערטרעגליך, זאָלען זיי זיין שמערצליכער, ווי דאָס שינדען די הויט פון אַ לעבעדיגען, און פונדעסטוועגען וועלען די ליידען זיין און מען וועט מוזען זיי איבערטראָגען. אַלעס איבערטראָגען!... און דער, ווער עס האָט דאָס געטאָן, וועט זיך ניט אָפּרופען מיט קיין איינציגען קלאַנג פון זיין אייביגען שווייגען.

— וואָס־זשע איז דאָס? וואָס איז דאָס אַזוינס, פּאַרט! — האָט זי געפּרעגט מיט טעמפּע פון שרעק אויגען, זיך איינקוקענדיג אין דעם דונקעלעם ווינקעל אונטער דער שאַפע.

און מיט אַמאָל האָט זי זיך דערמאָנט, אַז צו אַלץ קומט אַ סוף: פריער אָדער שפּעטער וועלען אויך די איצטיגע ליידען ווערען אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט. עס איז ווירקליך אַ שאָד... אָבער דערפאַר, וועט זי זיך אַזוי שטאַרק אויסשלאָפען, וועט אומגעהן איבער די גאַ־סען, וועט געהן צוגאַסט, וועט לייכט אָטעמען, הויך רעדען. אַך, ווי גוט עס וועט זיין. אַך, זאָל דאָס שוין גיכער געשעהן!

מיט אַמאָל האָט זיך איוואַן איוואַנאָוויטש גענומען דרעהען. און איידער זי האָט דערוויזען צו באַמערקען האָט, ער איילנדיג, כדי זי זאָל איהם ניט העלפען, גענומען אויפשטעהן. ער האָט געוואָלט אָרויפ־ציהען די אונטער־הויזען, אָבער ער האָט זיי פאַרלאָרען, און זיך טשעפּענדיג מיט די נאַקעטע פיס אין שטול, שיעור ניט אומוואָרפענ־דיג דאָס ביינקעל, איז ער שווער אַראָפּגעפאַלען מיט די נאַקעטע פיס אויפ'ן קאַלטען דיל.

— איוואַן איוואַנאָוויטש! — האָ ניט מיט איהר קול אַ געשריי געטאָן די אַלטינקע, און האָט זיך אַ וואָרף געטאָן איהם אויפהויבען. זי האָט איהם גענומען אונטער די אָרעמס, אָבער עס האָבען ביי איהר קיין כוחות ניט געסטייעט און זי האָט געמוזט אָפּלאָזען. איוואַן איוואַ־נאָוויטש האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט די הענט אין דיל און האָט מאַכט־

לאָז זיך געכאַפּט פאַר איהר, פאַר׳ן פּיסעל פון בּיינקעל, איז געקראַ־
כען מיט די נאַקעטע קני און רחמנות׳דיג, אוים שרעקליכען בזיון גע־
מורמעלט:

— ניין... גאָרניט... איך וועל באַלד, לאָז... איך וועל אַליין...
דאָס איז גאָרניט...

און מיט אַמאָל האָט זיך פּאַלינאַ גריגאָריעווגאַ צעוויינט מיט
אַ קווויטשעריי, אַזוי ווי אַ הונט וואָלט בּילען. אַ מוראַ׳דיגער צרן
האָט געקלונגען אין אָט דעם שרעקליכען, מאַכטלאָזען געוויין. זי האָט
ארומגעכאַפּט זיין אַלטינקען קאָפּ מיט ביידע הענט, האָט איהם צוגע־
דריקט צו זיך. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזען אַרום איהם אויף די קני
און איז אַזוי פאַרגליווערט געוואָרען.

איוואַן איוואַנאָוויטש, שטעהענדיג אויף אַלע פיער מיט נאַקעטע
פיס, האָט זיך צוגעדריקט צו איהר און האָט זיך צעוויינט מיט
שוואַכע קוים הויבּבּאַרע טרערען.

אין שפּאַלט פון פענסטער האָט זיך שוין דורכגעשלאָגען די
בלויע שיין פון דעם אָנקומענדען פריהמאָרגען. פּונקט ווי אימיצער
אַ ליכטיגער, וואָלט אַם ענדע צוגעגאַנגען צו אָט דעם הויז און וואָלט
אַריינגעקוקט אין איהם מיט טרויעריגע אונפאַרשטענדליכע אויגען.

11.

אין דרויסען איז אַלעס געווען בלוי, און איז פעלד זענען שוין
קלאָר געוואָרען די ווייטע האָריזאָנטען. דער הימעל איז ליכטיגער
געוואָרען, און די שטערען זענען זיך צוגאַנגען אין הימעל ווי דורכזיכ־
טיגע זילבּערנע טרערען, וועלכע זענען גרייט צו פאַרשווינדען און זיך
צוזאַמענגיסען מיט דער גרויסאַרטיגער בלויקייט. ווען איבער דער ערד
וועט זיך באַווייזען די ליכטיגע גאָלדענע זון.

אַרבוזאָוו׳ס טראָיקע האָט ווייט איבּערגעיאָגט די אַנדערע עקי־

פּאַזשען און איז נאָך אַלץ געפלויגען איבער די פייכטע פון טוי, פעל־דער.

די געזיכטער פון דזשענעיעוו׳ן, דעם דאָקטאָר אַרנאַלדי, און אַרבוזאָוו׳ן זענען געווען גרוי און בלאַס פון דער שלאָפלאָזער נאַכט. דער אויסבראָך פון שכר׳ן עקסטאַז איז שוין פאַריבער, און אַלעמען האָט זיך געוואָלט שלאָפען, און קיינער האָט ניט פאַרשטאַנען, נאָך וואָס פליהען זיי איצט אויף אַ זאַוואָד. אויסגעהענדיגע פון מיעדקייט, און פון דער פאַרטאָגיגער קעלט, וואָס עסט זיך אַזוי איין אין די ביינער, און צופּט דעם גאַנצען קערפּער, אַנשטאָט דעם מען זאָל זיך איצט לעגען אין ריינע וואַרימע בעטען.

ווייט פאַראויס, פון הינטען, פון רעכטס און לינקס, האָבען זיך ווי אַ ריזיגער קרייז געשפּרייט די פעלדער און זיך געדרעהט אַלץ אַנטלויפענדיג צוריק. דער געשלאָגענער פון טוי זאַנגען זענען באַ־ווענלאָז געשטאַנען, אַזוי פּונקט ווי זיי וואָלטען שלאָפען מיט אַ לייכ־טען ערב פריהמאָרגענדיגען שלאָף. די זאַנגען האָבען אויסגעזעהן גרוי פון טוי, ערגעץ ווייט האָט געבלויט דער ענדלאָזער וואַלד.

און פון דאָרטען שווער פאָכענדיג מיט די פייכטע פליגלען זענען געפלויגען ראָבען, אַזוינע מאָדנע לעבעדיגע, ווען אַלעם אַרום שלאָפט.

— נו, וואָס... מיר וועלען שוין באַלד קומען ? — האָט אויפגע־רעגט געפרעגט דזשענעיעוו, פון אונטער דעם אַראָפּגעלאָזענעם ראַנד פון זיין ווייסער הוט... ער האָט שווער געקוקט מיט מיעדע, נאָר נאָך אַלץ וואונדער־שעהנע אויגען.

— גלייך, ווי מיר וועלען איבערפאָהרען דאָס וועלדעל. מיט׳ן אָפּגעצאַמטען וועג, וועט נאָך בלייבען אַ דריי ווערסט, — האָט געענט־פערט דער קוטשער, אויסדרעהענדיג זיין מיעדען, אָבער מאָדנע גלייכ־גילטיגען פּנים.

— ווייסט איהם דער טייפעל, נאָך וואָס מיר זענען געפאָהרען.

— האָט מיט עקעל באַמערקט דזשענעיעוו, און איהם האָט זיך גע־נומען דוכטען, אַז אַרבוזאָוו האָט אומיסט׳ן אויסגעטראַכט אָט דאָס פאָהרען, כדי איהם צו פאַרמאַטערען.

דער דאָקטאָר אַרנאַלדי האָט שווייגענדיג צונויפגעלייגט זיינע הענט אויפ׳ן שטעקען, און איז געזעסען ווי אַ שטיינערנער, און בלויז דאָס טרייסלען און שטויסען פון עקיפּאַזש האָבען געשאָקעלט זיין

שווערען, גרויסען קאפ. ארבוזאוו האט אויך געשווינגען, און האט זיך שטארק איינגעקוקט אין די פעלדער מיט זיינע שווארצע פיבערישע אויגען.

נאר ווען אין דער לופטען האבען זיך צוגאסען די ראזעווע פאר־בען פון פריהמארגען, און די פעלדער זענען נאך ווייסער געווארען פון טוי און נעבעל, און ווען, ווי א לופט שטריק האט זיך גענומען בלויען דער פריהער שווארצער וואלד און ערגעץ ווייט אויפ'ן ברעג הארייזאנט, האט זיך צוברענט, ווי א גאלדען שטערענדעל, דער שפיץ פון א קליינעם קלויסטערעל, האט ארבוזאוו, מיט אמאל זיך צולאכט, האט אויפגעהויבען דעם קאפ און א גערשיי געטאן מיט א ברייטער ריזיגער שטימע:

— וואס האט איהר אראפגעלאזען די נעזער?... פאוועל טרייב, טרייב! לאז די פערד שפרינגען! אהא־הא ברען!

ער האט אויסגעדרעהט צו דזשענעיעוו'ן די אויגען, וועלכע האבען געלויכטען מיט א מאדנעם שיין און א געשריי געטאן:

עד, דו, קינסטלער... קוק, און זעה, דאס אלעס איז דאך מיינס... אט ווי ווייט דאס אויג קען כאפען... אי דער וואלד, אי די פעלדער, אי די סטעפ — אלץ איז מיינס... אונזער ערד! די ערד וואס באַ־לאנגט צו די ארבוזאוו'ס!

— נו, איז וואס? — האט מיט פאראכטונג געפרעגט דזשע־נעיעוו, פיהלענדיג, אז ארבוזאוו וויל איהם מיט עפעס טרעפען.

— יא, ברודער, מאל בילדער, מיה זיך, מען וועט דיר שטעלען א דיינקמאל... אבער די ערד אויף וועלכער עס וועלען שטעהן די דיינקמאלער איז מיינע! — אזוי ווי צו זיך ריידענדיג, האט פארט־געזעצט ארבוזאוו.

— אלעס איז מיינס... בלויז קיין גליק איז ניטא! האט אונער־ווארטעט צוגעגעבען ארבוזאוו, און ווילד אויסגעשריען:

— שטעה פאוועל, זעהסט ניט, דו פערד איינער, אז זיי זענען אפגעשטאנען, מען דארף צוווארטען! די טרויקע, רייסענדיג די ערד האט זיך אפגעשטעלט. ווי א כאר האבען זיך צוזונגען און זיך לאנג ניט געקענט בארוהיגען די באליידיגטע גלעקעלעך.

פון די פערד האט גערויכט געזעצט דער דאמפף, וואס איז געווען ראזעוו פון דער אויפגעהענדער זון.

פון הינטען זענען אונטערגעקומען די איבעריגע צוויי עקיפּאַזשען, עס האָבען זיך שוין געהערט געשרייען, און אימיצער, א רויטער אין די ערשטע שטראַלען פון דער אויפגעהענדער זון, האט געמאכט מיט'ן היטעל.

פון הינטען זענען אָנגעקומען די עקיפּאַזשען, זיך צוזאמענגעטשעפּעט מיט די רעדער און זיך אָפּגעשטעלט. אַלע האָבען גענומען הויך רעדען, שרייען און לאַכען. מיט אַמאָל איז צוריק געוואָרען פרעהליך און לייכט. די מידקייט איז מיט אַמאָל פארשוואונדען, און דער העלער פרישער פריהמאָרגען האט זיך אריינגעגאָסען אין די נשמות מיט יונגער קראַפט.

בלויז דער רויטער גלח, איז געווען אינגאַנצען אויסגעמאַטערט. זיינע לאַקען האָבען זיך צואווייקט און אראָפּגעהאנגען, ער האט גערבורטשעט און זיך באַקלאָגט.

אומזיסט געפאָהרען... די גלח'טע וועט זיך באונרוהיגען... גאָט ווייס וואָס זיי האָבען פּאַרטראַכט...

— וואָס? — האט געפרעגט ארבוזאוו, שווער אויסקערענדיק צו איהם זיינע פינסטערע פלאַמענדיגע אויגען.

— איך זאָג אז אומזיסט בין איך געפאָהרען... און די גלח'טע...

— א, די גלח'טע, האט ווילד געגוואַלדעוועט ארבוזאוו, און זיינע פיבערישע וויסלעך האָבען זיך אָנגעגאָסען מיט בלוט, אויף וואָס פאַר א שוואַרץ יאהר האסטו זיך אריינגעדרעהט?... די גלח'טע? נו, און מאַרש צו דער גלח'טע!... אוועק, קריך ארויס!

דער רויטער גלח האט זיך דערשראָקען און באַליידיגט.

— יאָ, וואָס איז דאַרטען... איך.... איך זאָג בלויז...

— א, דו זאָגסט? האט מיט אן אונפארשטענדליכען כעס, געגוואַלדעוועט ארבוזאוו, קיינעם ניט געוואָלט הערען, — נו, געה... מאַרש. פּאַוועל טרייב איהם ארויס ווי א הונט!

— ערלויבט מיר, מיט א גייסטליכער פּערזאָן אזוי זיך באַ...

— איך זאָג דיר האט ווילד, ניט א געשריי, נאָר א קוויטש געטאָן ארבוזאוו און האט אויפגעהויבען די נאַגאַיקע.

דער גלח איז בלאס געוואָרען, און האט געהאָרכזאַם און הילפלאָז זיך אומקוקענדיג אויף אַלעמען מיט בעטענדע אויגען ארויסגעקראָכען פון עקיפּאַזש און איז געבליבען שטעהן ביים ברעג וועג.

— נו, וואס טוסטו, האט אונצופרידען אנגעהויבען דזשענעיעוו.
— סוחרישע משגעות... האט מיט עקעל געמורמעלט טזשיזש.
ארבוזאוו, האט ווי ערווארטענדיג אויף עפעס, געקוקט אויף דזשענעיעוו'ן.

— און ווער עס וויל ניט... האט ער לאנגזאם און דראהענט אנגעהויבען. און אלע זענען אנטשוויגען געווארען. בלויז דער דאקטאר ארנאלדי האט פלינק א קוק געטאן מיט זיינע קלוגע אויגען אויף ארבוזאוו'ן מיט דזשענעיעוו'ן, און נאומאוו האט גלייכגילטיג געדריקט מיט די פלייצעס. די איבעריגע האבען געקוקט אין א זייט.

די פערד האבען זיך געריהרט. דער רויטער גלח איז, ווי א סלופ געשטאנען ביים ברעג פון וועג און מיט פאלשטענדיגער אונפארשטענדעניש געקוקט ווי אזוי עס האבען זיך דערוויטערט די עקיפאזשען און פארשוואונדען אין דער העלער ליכט פון דער אויפגעהענדער זון.

דערנאך האט ער צומישט צופיהרט מיט די הענט און איז אוועק נאך זיי. שפעטער האט ער זיך אפגעשטעלט, אראפגענומען די הוט און האט דורכגעפיהרט מיט דער האנט איבער די האר, פונקט ווי ער וואלט זיך שעהן געמאכט פאר'ן תפילה טאן, און איז אוועק צוריק. דערנאך ווידער פאראוים און אם ענדע האט ער זיך לאנגזאם גענומען אויפ'ן אלטען וועג. ער האט אזוי קאמיש אויפגעהויבען זיין ראק און געקוועטשט מיט די פלייצעס.

— א סקאנדאל! — האט מיט פארדרוס געזיפצט דער גלח, זי האט אבער געזאגט פארבינד זיך ניט... א ט א י ז א ר ו י ס ג ע ־ ק ו מ ע ן א ו י ף א י ה ר ע ר י י ד!... עס איז א שאנדע.

ווען די זון איז שוין אינגאנצען אויפגעגאנגען און עס האבען זיך צוברענט מיט ראזעווע בלויע און געלע פייערען די אויסגעוואשענע פון טוי פארקאנס, די דעכער פון הייזער, און ברונעמס, איז ער אריין אין א דערפעל, וועלכען ער האט ניט באמערקט ביינאכט אין דער פינסטער.

דער רויטער גלח איז געווען שרעקליך אויסגעמאטערט. אויף די נאסע שטיוועל האט זיך אפגעזעצט א געדיכטער שטויב. דער ראק איז געווען נאס ביז די קני כאטש ער האט איהם פארזיכטיג ווי א פריילין איהר קלייד, אויפגעהויבען מיט איין האנט, זיין געזיכט, מיט די

אַראָפּגעהאַנגענע האָר און באָרד, האָט אויסגעזעהן צומישט און פאַר־שעמט.

א פרוי וואָס האָט געשעפּט וואסער פון ברונען האָט זיך אָפּגע־שטעלט און געקוקט אויף איהם.

ער וואַנדערט, אודאי, צו די הייליגע פּלעצער האָט זי א טראַכט געטאָן מיט עהרפורכט.

א הייפעל פּויערים האָבען אַראָפּגענומען די היטלען.

ערשט צו מיטאָג־צייט, האָט זיך דער גלח אויף א פּויערשען וואָגען פאַרשלעפּט אין שטאָט און האָט זיך גלייך אַריינגעלייגט אין בעט, א מיעדער און באַליידיגטער.

אין אָבענט האָט שוין די גאַנצע שטאָט גערעט בלויז פון אַר־בוזאוו'ס נייע סקאַנדאַלען.

12.

עס איז געווען יענע פרעהליכע שטונדע, ווען די היץ האָט נאָך ניט געברענט, און די זומערדיגע זון האָט געשיינט העל און ריין ווי אין פריהלינג. אין גאָרטען איז דער פרימאָרגען געווען אזא פריידיגער און לייכטער, אזוי ווי ער וואָלט געווען אויפגערעגט פון דער ליכט און דער זיסער טויאיגער וואַרימקייט.

די קראַנקע איז געזעסען אין פּאָטער־שטול ביים פענסטער, וואָס איז געווען אין גאַנצען געעפענט. צוזאַמען מיט דער ריינער און נאָך ניט הייסער לופט האָט זיך געגאָסען אין צימער, ווי א ברייטע כוואַ־ליע, די גאָלדערנע שיין. אין איהר ווייסען קלייד, אויף ווייסע קישענס מיט א בלאַסען פּנים און דונקעלע אויגען, האָט די קראַנקע אויסגע־זעהן שעהן און פאַרפּוצט ווי צו א יום־טוב.

זי האָט זיך געפיהלט גוט. עס האָבען זיך איינגעשטילט די ביינאַכטיגע שמערצען, און דער שוואַכער אויסגעמאַטערטער קערפּער

האט זיך געצערטעלט אין דער ווייכער פרימארגענדיגער ווארימקייט. די זון האט געלייגט שפילענדע גאלדענע פלעקען אויפ'ן ריינעם דיל, אויף די ווייסע קישענס און ווענט, און אפילו אויף א פאסמע האר. ווייכע און שוואכע, אזוינע טרעפען בלויז ביי שטערבליך קראנקע יונגע פרויען. די זון האט זיך געשפילט אויף אט דער פאסמע האר, און זי האט אויסגעזעהן ווי א גאלדענע.

די קראנקע האט שטיל גערירט מיט די פינגער, אזוי ווי זי וואלט אונטערשפילען א מאטיוו, וועלכען בלויז זי אליין האט געקענט הערען. און מיט א שוואכען בלאסען שמייכעל האט זי ווי געענטפערט, איהרע געדאנקען, אדער דעם העלען בלויען הימעל, וועלכער האט זיך אזוי הויך און ברייט צוואווארפען איבער'ן גארטען. איהר האט זיך גע־וואלט פארגעסען וועגען איהר קראנקהייט און שוואכקייט, אויפשטעהן, אנטאן א לייכט פרעהליכען קלייד, און מיט א געלעכטער אוועקלויפען אהין אין דער טיפעניש פון גרינעם גארטען, וואו עס האבען אין די טויזענדער געשפילט די זוניגע האזען, וואו עס האט געשימערירט דער טוי, און די שאטענס, נאך פייכטע אבער דורכזיכטיגע זענען זיך שוין צוגאנגען.

און מאדנע, ווי אין אט דעם פארלאנג, צו וועלכען זי אליין האט אנטקעגען געשמייכעלט מיט א זאנפטען שמייכעל, האט די שווערע פיגור פון דאקטאר ארנאלדי געשפילט עפעס א ראלע.

פון יענער צייט, ווען זי איז א קראנקע געקומען אהיים שטארבען, און די העלע ערינערונגען וועגען איהר פריערינגען שטורמישען לעבען זענען אפגעטראטען אין א זייט, אזוי שטיל און מורא'דיג, איז אלץ שמאלער און שמאלער געווארען איהר קליינינקע וועלטעלע. דער געלעגער, דער פאטער־שטול ביים פענסטער און דער דאקטאר, וועל־כער איז פינקטליך און שווייגענדיג אפגעזעסען מיט איהר גאנצע שטונדען, האבען אנגעפילט איהר לעבען, און זענען געווארען אזוי באדייטענד און וויכטיג, ווי פריער די ביהנע, דער טומעל, דאס דונערען פון דעם אפלאז, די שכור'ע לופט פון די בעלער און האטעלען.

דער קראנקער האט זיך געדוכט, אז די אלע זאכען זענען געווען אזוי לאנג־לאנג צוריק. אסך פריהער ווי יענע ווייטע צייט, ווען זי איז נאך אלס גימנאזיסטקע אומגעגאנגען אין אט דעם גארטען, און ביי אט דעם פענסטער צוגערייט די לעקציעס, און אין די אבענטען גע־

לאַפען אויפ'ן בולוואַר, מיט שוין לאַנג אין גאַנצען פאַרגעסענע גימ־נאַזיסטען.

ווי אַמאָל, נאָך אַ ספּעקטאַקל, אַן ערפאָלג, אָדער אַ שטורמישען אָבענט מיט שאַמפּאַניער, געשרייען און קאָמפּלימענטען, האָט זי זיך אויף אין דער פריה ניט געקענט דערמאָנען וואָס איז געווען נעכטען, און אַלעס האָט זיך איהר פאַרגעשטעלט אַלס אַ העלער פלעק, אַזוי אויך איצט. ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט אַן איינזאַמע קראַנקע, וועלכע דאַרף שטאַרבען אין איהר אַלטען הויז, האָט זי זיך בשום אופן ניט געקענט קלאָר פאַרשטעלען איהר פריהערדיגען לעבען, און אין גיכען האָט זי כמעט אינגאַנצען פאַרגעסען וועגען דעם.

בלויז פון צייט צו צייט אין די אומעטיגע אויפדערנאַכטען, ווען איבער'ן גאַרטען פלעגען זיך אין טרויער אויסלעשען די לעצטע שטראַ־לען פון דעם זונען אונטערגאַנג, און אין דער קעלט פון שטילען אָבענט האָט דייטליכער געקלונגען דער געמורמעל פון טויט, פלעגט זי זיך אָנהויבען דערמאָנען.

פון דער דעמערינג פלעגען זיך איינבויגען צו איהר אומיצענס פּנים'ער, עס פלעגען זיך אָנצינדען בלאַסע שאָטענס פון פייערען, פון דערווייטענס פלעגען זיך דערטראָגען קוים הערבאַרע אויסברוכען פון אַפּלאָדיסמענטען, אונקלאָרע קלאַנגען פון מוזיק אָהן אַ ניגון... אומי־צער אַ שוואַרצער איז קליינלאָז ארויסגעטראָטען פון דער מאַסע שאָ־טענס, זיך פאַרנייגט און דערלאַנגט אַ קראַנץ... קלייניגקייטען פלעגען זיך העלער דערמאָנען: דאָס האָט זיך איהר דערמאָנט, ווי אַזוי זי איז שיעור ניט געפאַלען ווען זי האָט זיך פאַרוויקעלט אין דעם רויטען מאַנטעל פון דער נאַקעטער „דזשיאָוואַנע“, און באַדאַרפט אַריינגעהן אין דעם קאַרטאָנענעם ביידעל; דאָס האָט זיך איהר דערמאָנט אַז ארויספאָהר אויף די אינזלען, דאָס דער קלאַנג פון אַ צובראָכענעם באָקאַל, אָדער דאָס זיסע שמייכעלע פון דעם אַלטען אונטערפּעניאַר, וועלכער האָט צו יעדען וואָרט צוגעגעבען: טייבעלע מיינע, שווין־זשע בין איך... עפּעס אַ זשעסט אָדער וואָרט... און אַלץ ווערט צובראָ־כען, און צוזייט, ווי די שטיקלעך פון אַ צורזסענעם פּאַכער.

דאָס אַלעס איז פאַריבער און וועט זיך שוין מעהר קיינמאָל ניט אומקערען. עס איז בלויז אַזוי מאָדנע און אונפאַרשטענדליך, אַז אַזוי פיעל טומעל, באַוועגונג, פּערזאָנען און ליידענשאַפטען זאָלען זיך

אזוי שנעל פארגעסען, און ניט האבען קיין שום געמיינשאפטליכעם דערמיט וואס עס טוט זיך איצט אויף דער שוועל פון נעכטען און שרעקליכען טויט. און אזוי ווילד איז געווען זיך פארצושטעלען, אז דאס דאזיגער קראנקער, שוואכער אויף דורך־און־דורך דורכזיכטיגער קערפער — איז דער זעלבער, וועלכער האט זיך אזוי רייצענד ענט־בלויזט, זיך אוועקגעגעבען און זיך אונפארשעמט געצאפעלט פון די גראבע חיה׳שע צערטליכקייטען, און זיך געבראכען אויף דער ביהנע.

— פונקט, ווי דאס וואלט געווען ניט דאס אמת׳ע, ניט דאס ווירקליכע, — האט געמראכט די קראנקע, — אזוי ווי אן אנדערע, א חוצפה׳דיגע פול תאוה און ליידענשאפט, פוסטע פרוי וואלט גענו־מען אויף פראקאט מיין קערפער, וואלט איהם אומגעשלעפט איבער דער ביהנע און אנדערע פלעצער. איצט בין איך אפילו ניט אימ־שטאנד צו פארשטעהן, נאך וואס האט זי דאס אלעס געטאן, און וואס פאר א פרייד קען זיין אין דעם אלעמען!... נאכוואס איז געווען אזוי פיעל צו ליידען, זיך רעגען און פרעהען, ווען איצט אין די לעצטע מינוטען צייגט זיך ארויס, אז דאס אלעס איז בלויז געווען א מין משונה׳געד שטיפערישער חלום און דאס וויכטיגסטע, דאס איינציגע וואס איז באדייטענד און ערענסט, זענען — די קישענס, די שמערצען די שטילע אבענטען ביים פענסטער, דער פארצארענטער דאקטאר... און דער טויט... עס וואלט זיך געלוינט אזוי צו לעבען נאר דאן ווען דער גאנצער גלאנץ און רעש פון יענעם לעבען וואלט זיך איצט צו־נויפגעגאסען אין איין פארטויבענדען פייערווערק, וואלט פארבלענ־דענדיג א בלאנק געטאן, און וואלט אוועקגעטראגען פון לעבען אהן טרויער און וויטאג, אזוי אז מען זאל אפילו ניט באמערקען אז מען שטארבט!...

— איהר ווייסט, האט זי אמאל געזאגט צום שווייגענדיגען דאק־טאר ארנאלדי, — ווירקליך, דאס איז דאך טאקע געווען דאס לעבען... יא, לעבען!... צוליעב דעם, זעהט דאס אויס, בין איך געבוירען גע־ווארען, פאר דעם צוועק בין איך געוואקסען, געטרוימט און געקעמפט, און פון א קליינער מיידעלע זיך פארוואנדעלט אין א פרוי, אין אן אקטריסע... וויפיעל כוחות האט עס אוועקגענומען! און וואס צייגט זיך איצט ארויס!... איהר ווייסט, אזוי ווי איך וואלט זיך ערגעץ קלייבען פאהרען, זיך געעסק׳ט, צוזאמענגעלייגט די זאכען, זיך גע־

בעס׳ט און דערנאך געקומען צופאהרען צום וואקזאל. דער באהן וועט באלד אפגעהן און איך האב אלעס פארגעסען, אנגענומען א סך נאַרישקייטען און די וויכטיגסטע אבסאלוט נויטוועגדיגע זאכען זענען ניטא מיט מיר... א ניין ניט דאס זאג איך!... דאס איז א סך גרויליכער און איהר וועט מיך ניט פארשטעהן!...

— ניין, איך פארשטעה, — האט ווי אימער שטיל און אומעטיג געענטפערט דער דאקטאר ארנאלדי.

און ביי דער ערינערונג וועגען איהם, האט א שטילער שמייכעל באריהרט די ליפען פון דער קראנקער. איהר האט זיך אויסגעוויזען אז דער ניטבאריידעוודיגער דאקטאר פארשטעהט זי ווירקליך, ווי קיינער האט זי קיינמאל ניט פארשטאנען, און געדוכט האט זיך איהר, אז אט דאס פארשטעהן אנטהאלט אין זיך עפעס אזוינס וואס איז קיינמאל ניט געווען אין איהר לעבען.

איהר איז געקומען אויפ׳ן זינען א שטיפערישער געדאנק, וועלכער איז געווען ריהרענד פאר אזא שעהנער שטארבענדער פרוי; אז, ווען זי זאל זיין ווי פריהער געזונט און פרעהליך, וואלט זי אויפגעוועקט אט די פאראימערטע נשמה, וואלט איהם פארליעבט און וואלט איהם געגעבען דאס גאנצע גליק, וואס זי האט שטיקלעכווייז צושענקט צו א סך פוסטע און נישטיגע מענשען. ער איז א באשיידענער פראווינציעלער דאקטאר, און ווייסט ווי פארפירעריש אנציהענד, שעהן און אינטערעסאנט עס קען זיין א פרוי, וויפיעל פרייד און פארגעניגען זי קען פארשאפען. מיט העלע פייערען וואלט זיך צופלאקערט זיין איינזאמער לעבען. ווי ער וואלט זי געליעבט!... און ניט צוליעב זיך האט איהר באנג געטאן, וואס איהר קערפער איז שוין מעהר ניט אזוי וואונדערליך שעהן, ווי געוועזן, און וואס די ענטבלויזטקייט פון איהם בלענדט ניט מעהר, נאר שרעקט.

— צו שפעט!

נאר מיט אמאל האט די קראנקע א טראכט געטאן, אז ווען זי זאל ווירקליך זיין געזונט און שעהן, ווי אמאל, וואלט זי איהם דאן אליין אוועקגעווארפען, ווייל א באשיידענער לעבען, אהן ליעבע, אהן גלאנץ, אהן פאזעס, וואלט איהר ניט צופרידענגעשטעלט. בלויז איצט ווייל דער טויט איז נאהענט טראכט זי דערפון. וואס זי וואלט פריהער דורכגעגאנגען פארביי מיט א פאראכטענדען געלעכטער.

— הייסט דאָס, אַז איך האָב באַדאַרפט און געמוזט לעבען אַזוי, ווי איך האָב געלעבט?... מאָדנע!... איך זעה דאָך איצט קלאָר אַז יענער לעבען, איז ניט געווען קיין אמת'ער לעבען... דאָך קומט אויס אַז קיין אַנדער לעבען האָט ניט געקענט זיין. פאַרוואָס־זשע איז דאָס אַזוי? ס'אַרא שרעקליכע פּלאָנטערניש!

נאָר וואָס האָט זי זיך אַזוי קלאָר פאַרגעשטעלט, אַז ווען עס זאָל מעגליך אָנהויבען דאָס לעבען פון דאָס ניי, וואָלט אַלעס געווען אַנ־דערש, אָבער עס איז גענוג זיך אַריינטראַכטען אין יעדער מאָמענט באַזונדער, אַז עס זאָל קלאָר ווערען, אַז אַלעס איז געווען אַזוי, ווי אַנדערש האָט גאָר ניט געקענט זיין. און עס האָט זי אַרומגענומען אַ גרויסער רחמנות צו זיך, צום דאָקטאָר און צו אַלע מענשען, וואָס פּלאָנטערען זיך ווי אין אַ נעבעל, ווי דער אמת, ווערט אַנגענומען פאַר ליגען, בלויז דערפאַר, ווייל דאָס איז דער אמת. זיכער איז בלויז איין זאַך, וועלכע נאַרט קיינמאָל ניט, און קומט שטענדיג אין איהר צייט, — דאָס איז דער טויט.

די קראַנקע האָט אויפגעהויבען איהר דורכזיכטיגע האַנט און מיט אַן אומעטיגען שמייכעל געקוקט אויף די בלאָס־ראָזעווע קוים וואַרימען דורכשיין צווישען די אויסגעדאַרטע פינגער.

— וואונדער שעהן! — האָט זי שטיל אַרויסגערעט.

אָבער אַרום און אַרום איז געווען אַזוי העל און פרעהליך, אַזוי פיעל זון איז געווען אויף דער וועלט, אַזוי ליידענשאַפטליך האָט גע־ציטערט אין גלאַנץ דער העל־בלויער הימעל. אַזוי מעכטיג האָט זיך צוואַקסען דער גרינער גאָרטען, אַז מען האָט ניט געקענט אָפּשטעלען דעם געדאַנק אויפ'ן טויט, פינסטערניש און אייביגען שווייגען. דער קראַנקער איז געווען וואַרעם, זי האָט זיך געפיהלט רוהיג און פרעהליך אָהן אַן אורזאַכע, פרעהליך מיט אַ גוטער שטילער פרייד פון אַ שטאַר־בענדען, און איהרע געדאַנקען האָבען געשוועבט, ווי אַ לייכטער ווינ־טעל אין פעלד אונטער דער זון.

אַלעס איז פאַריבער און קיין זאַך איז ניט וויכטיג. גוט איז, וואָס די זון וואַרעמט, און וואָס אויף די פינגער ציטערט און פינקעלט אַ גאָלדענער פלעק. פונדעסטוועגען איז זי נאָך ניט געשטאָרבען. זי זעהט נאָך די זון, פיהלט איהר ליעבע וואַרימקייט און אָטעמט מיט'ן פרייען ווינט פון גרינעם גאָרטען. איהר האָט זיך פאַרגלוסט כאַפּען

יעדען שטיקעל פון דער זון, פאר גערענקען יעדער ציטערענדיגען פינטעלע פון דע סהעל־בלויעם הימעל, פונקט ווי דארטען וואלטען פאכען אהן א צאהל פעדערלעך פון אונזעהבארע גליקליכע בלויע פליג־לען. און נאך אויסער דעם איז איהר אנגענעם געווען צו טראכטען, אז אין אבענט וועט קומען דער דאקטאר ארנאלדי און נאך לאנג, זעהר לאנג וועט זי איהם זעהן. זי וועט זיצען אט דא ביים פענסטער און וועט איהם שטיל דערצעהלען אלץ, וואס וועט איהר איינפאלען אין קאפ, אבער אלץ, דאס בעסטע און צערטליכסטע וועט זי איהם דערצעהלען.

אימעצער איז צוגעפאהרען צום הויז. די קראנקע האט דערהערט דאס סקריפען פון די רעדער און האט זיך צוגעהערט. אימעצענס א באקאנטע פרויען שטים האט געפרעגט:

— זאגט מיר, איך בעט אייך, דא וואוינט דאזדאלסקיא... מאריא פאוולאוונא?

— דא, — האט פון ערגעץ געענטפערט נעלי.

א מורא'דיגע אויפרעגונג האט ארומגעכאפט די קראנקע, ביי די קלאנגען פון אט דער באקאנטער שטים, וועלכע האט זי אנגערופען מיט איהר שוין האלב פארגעסענעם נאמען פון דער ביהנע. טויזענ־דער אונמעגליכע מעגליכקייטען זענען ווי א שטורעם אנגעלאפען פון אלע זייטען. זי האט זיך איינגאנצען אויסגעצויגען זיך אויפגעהויבען אויף איהרע שוואכע הענט, האט זיך אויסגעדרעהט צום טיר און איז ווי פארגליווערט געווארען אזוי.

— ווער איז דאס? ווער איז דאס?...

און ווען אין העלען פאן פון טיר האט זיך באוויזען א הויכע פרוי־ען פיגור, אין א רויטען שטייף ארומגעצויגענעם קאסטיום, גרויסען הוט, און ווי אויסגעטאקטע ווייסע שיכלעך, האט זי זיך שטיל א צאפעל געטאן, און ארויסגעצויגען אנטקעגען איהרע בלאסע דורכזיכ־טיגע הענט און אויסגעשריען:

— זשעניטשקא!

ווי א העלער פלעק האבען דורכגעשוועבט, שווארצע ברעמען, א הויכע ברוסט, רויטע ליפען, שווארצע האר, און צוויי בויגזאמע שטארקע הענט האבען צארט און שטארק ארומגענומען די קראנקע. און צוזאמען מיט'ן ריח פון פארפיום, שטויב פון וועג, און נאך עפעס,

מיט וואס עס שמעקען בלויז פארפוצטע טייערע פרויען, האט אויף איהר א בלאז געטאן מיט דער לופט פון דער ביהנע, פרעהליכע נעכט, בעלער, מוזיק, געלעכטער און פרייד. פונקט ווי איהר גאנצער פריער־דיגער לעבען, מיט איהר רעש, פוץ און שעהנקייט, וואלט זיך אריינ־געריסען אין שטילען צימער צוזאמען מיט אט דער העלער יונגער פרוי.

— און איך האב געטראכט, ווער קען דאס זיין!... האט ווייגענ־דיג און לאכענדיג, געזאגט די קראנקע און נעכאפט זשעניטשקעס ווייכע, ווארימע הענט, — און איך האב געטראכט... איבריגענס, ניין... נארישקייטען... אבער איך האב ניט ערווארטעט, אז דאס ביזטו...

— זשעניטשקא, ליעבע מיינע!... ווי אזוי־זשע קומסטו דא אהער?...

— גאנץ פשוט! מען האט מיך איינגעלאדען קיין קאזאן; נו, ביז איך ניט געפאהרען... עס האט מיר דערעסען זיך אומשלעפען... און עס האט זיך מיר אויך פארוואלט דיך זעהן... נו, ווי פיהלסטו זיך דא?...

אויף דעם ווארט האט זיך זשעניטשקע אביסעל פארהיקעט, און ווי א בליץ, איז דער בליק פון איהרע שווארצע אויגען דורכגעלאפען דער קראנקער'ס געזיכט. זי האט זיך גלייך באהערשט, געביטען דעם אויסדרוק פון געזיכט און אנגעהויבען רעדען אזוי פרעהליך און פריי ווי פריער, אבער די קראנקע האט געכאפט אט דעם בליק, און איהר הארץ האט שמערצליך א ציטער געטאן. אזוי ווי אין אט די שווארצע דערשראקענע אויגען, וואלט זי ווי אין א שווארצען שפיגעל, אם ענדע דערזעהען, איהר אמת'ן טויטען און שרעקליכען פנים. קיינ־מאל האבען נאך ניט די אורטיילען פון די דאקטוירים, ניט די שמער־צען, ניט די שוואכקייט איהר ניט דערצעהלט אזוי קלאר און אפען וועגען דער נאהענטקייט פון טויט, ווי אט דער שנעלער דער־שראקענער בליק, דער מאמענטאלער ציטער פון רחמנות, וואס האט באריהרט די ראזעווע ליפען, און אם וויכטיגסטען יענע שנעלקייט מיט וועלכער זשעניטשקא האט אפגעקערט די אויגען, און יענע אוננאטיר־ליכע פרעהליכקייט, מיט וועלכע עס האט געגומען קלינגען איהר שטים. און איהר איז געווארען קאלט, שרעקליך, און עס האט איהר אזוי וועה געטאן, אז די קראנקע האט שיעור ניט א געשריי געטאן

אבער די זון האָט אַנגעפילט דעם צימער מיט דעם גאָלד פון איהר ליכט, און פענסטער האָט געלאכט א צארטער זומער־ווינט. זשעניטשקא איז געווען אזוי אויסגעפוצט און שעהן מיט איהרע שוואר־צע אויגען און ברעמען, און האָט אינגאנצען געבלאַנקט מיט יוגענד און געזונט. און דער ווייטאָג איז פאַריבער... דער שווארצער שאָטען פון טויט האָט נאָך אַמאָל אָפּגעטראָטען און פארשוואונדען אין דעם העלען פריידיגען שיין פון לעבען. די קראנקע האָט שוין געלאכט, זיך פארנאנדערגעפרעגט ביי זשעניטשקען וועגען פארשידענע זאכען, זי ארומגענומען, און אין דער קראנקער׳ס געלעכטער האָבען געקלונגען יענע ליעבע סאַמעטענע טענער מיט וועלכע זי פלעגט אַמאָל אזוי צויבערהאפט צוציהען צו זיך מענער.

— נו דערצעהל מיר וועגען זיך. ביזט געקומען אויף לאַנג? פארבלייב דאָ מיט מיר אביסעלע!

דאָס פּלוידעריי האָט זיך צופלאַקערט מיט אלע פארבען פון יוגענד און פרעהליכקייט פון צוויי לייכטזיניגע שעהנע פרויען. עס האָט זיך געדוכט אז עס עקזיסטירט ניט מעהר, ניט קיין קראנקהייט, ניט קיין טויט, און אלץ ארום איז פול מיט זונענשיין און געלעכטער. און אָט וועלען זיי ביידע, אנפילענדיג די לופט מיט א פרעהליכען געשריי, ווי צוויי שעהנע פרייע פויגלען, זיך אויפהויבען און אוועקפליהען ווייט פון אָט דעם טרויעריגען צימער, פון דער קראנקהייט און צרות.

עס איז געווען שווער צו פארשטעהן וועגען וואס זיי רעדען. די יונגע פרויען וואָלטען אליין אויך ניט געקענט איבערגעבען זייער פּלוי־דערען, אָבער אלעם האָט זיך זיי אויסגעדוכט זעהר אינטערעסאַנט, פול מיט לעבעדיגקייט. אין די העלע קלאַנגען פון שטורמישען פרויען געשפּרעך האָבען געשוועבט: אָט נייע היט, אָט שטיקלעך פון ראָלען, אָט נעמען, אָט ליעבע און דאָס אלעס האָט דערמאָנט אין א בארג פּאַפּירענע בלומען, וואָס זענען אָהן א אָרדנונג געווען אנגעוואָרפען איינע אויף איינע. בלויז איין מאָל האָט עפּעס א שווארצער שאָטען דורכגעשוועבט אין אָט דעם פולפארביגען בארג מיסט...

— יאָ, דו ווייסט, פּעטראָוו איז געשטאָרבען...

עס האָט זיך פארגעשטעלט דאָס גוטמוטיגע קאָמישע געזיכט פון דעם אַלטען דיקען אקטיאָר, וועלכער האָט יעדער יונגע אקטריסע גע־רופען טאַכטערקע מיינע. שרעקליך און מאָדנע איז זיך געווען פאר־

צושטעלען אז אַט דער פּשוט׳ער, קלוגער און גוטער געזיכט ליגט אין קבר, מיט אויף אייביג פאַרמאַכטע אויגען און באַוועגלאָז צוזאַמענגעלייגטע דיקע הענט.

— און וואו־זשע איז דער געלעכטער, די שאַרפזיניגע וויצען. וואו איז די ליעבע צו שעהנינקע פרויען און אוואו איז דער טאַלאַנט?... אזוי ווי עס וואָלט גאָר ניט געווען... עפּעס א מין באַפּוצונג, וועלכע איז אַרונטערגעפלויגען, ווי קאָנפעטי נאָך א באַל, איז דאָס אַלעס?

נאָך דאָס שוואַרצע איז דורכגעפלויגען, ווי א שאָטען פון א שוואַרצען פויגעל, וואָס האָט דורכגעשוועבט אין הימעל, און איז פאַרפאַלען געוואָרען אָהן א שפּור. ווערטער האָבען זיך געשאָטען. דער געלעכטער, אויסגעשרייען און שפּאַסען האָבען אָפּגעקלונגען ווייט אין גאָרטען און זיך צופלויגען ווי פונקען, פרעהליכע און לייכטע.

די זון האָט זיך שוין אויפגעהויבען הויך איבער׳ן גאָרטען. די שאָטענס זענען געוואָרען קורץ און אין דער לופטען איז שוין טרוקען און שטיקענד אויפגעשטאַנען די היץ, ווען מאַריא פּאַוולאָוונאַ האָט זיך דערמאָנט און באַאונרוהיגט:

— זשעניטשקאַ, זעה, דו, האָסט דאָך נאָך ניט געגעסען קיין אָנבייסען... מען דאַרף באַטש מאַכען קאַפע! איך האָב זיך פאַרעסט. אָבער דו ביזט דאָך א גאַנצע נאַכט געפאָהרען!

— נאַרישקייטען — האָ זאָרגלאָז געענטפערט זשעניטשקאַ, פינקלענדיג מיט איהרע שוואַרצע אויגען און ברעמען. וואָס האָבען זיך אזוי שאַרף אַרויסגעזעהן אויפ׳ן יונגען ראָזעווען געזיכט.

— קאַפע וועלען מיר באַלד אויפקאָכען. איך וועל בעל־הבית׳עווען ביי דיר. יאָ, ווי דאָ איז גוט!

נאָך די שמאַטקעס פון דער ביהנע, דעם שטויב פון די קוליסען האָט אַלעס אין איהרע אויגען אויסגעזעהן אזוי גוט. דער גרינער גאָרטען, דער העל־בלויער הימעל און די זון האָבען זי געפרעהט ווי א מיידעלע. זי האָט אפילו פאַרגעסען, אז מאַריא פּאַוולאָוונאַ איז שטערבליך קראַנק און קען היינט־מאָרגען שטאַרבען. און זי האָט געטרוימט דערפון ווי פרעהליך זיי ביידע וועלען פאַרברענגען דעם זומער.

— וואו געפינט זיך ביי דיר אַלץ? איך וועל אַליין... דו זיץ, זיץ... א דינסט האָסטו?... האָט זי געפרעגט שרייענדיג איבער דעם

גאַנצען צימער, און א וואַרפטוענדיג אויפ'ן טיש די הענטשעקעס. האַט זי אַראָפּגענומען דעם הוט, מיט די גרויסע ראָזעווע בלומען.

זי האַט אויפגעהויבען ביידע הענט, הויך פאַרקייקלאַכענדיג די עלענבויגען, און מאַריא פּאַוולאָוונאַ לויט איהר אַלטער געוואוינהייט פון אַן אַקטריסע האַט אַרומגענומען מיט א דורכדרינגענדען בליק איהר הויכע ברוסט און דינע אויסגעבויגענע און לייכטע, שעהנע טאַליע.

אַזא גליקליכע! — האַט א טראַכט געטאָן די קראַנקע מיט א שטילער אונבאַוואוסטזיניגער קנאה, און מיט אַמאָל האַט זי זיך דער־שראָקען: — אַך.

— וואָס איז?

— מיין פּאַשאַ איז אוועקגעגאַנגען צו גאַסט... ווי־זשע וועט איצט זיין?

— נאַרישקייטען! — האַט געענטפערט זשעניטשקאַ, און נאָך איידער די קראַנקע האַט צייט געהאַט קומען צו זיך, האַט זי שוין א וואַרף געטאָן איהר הוט, אויפגעהויבען איהר לאַנגען שלייף און איז אַרויס פון יענער זייט טיר. ערגעץ ווייט האַט זיך געהערט איהר שטים. פון אַנפאַנג האַט זי זיך צוזונגען, דערנאָך געלאַכט צו זיך אַליין. עס ווייזט אויס, אַז איהר איז געווען פרעהליך, ווייל זי איז אַזוי פריי, אַזוי יונג און שעהן און דערצו שיינט נאָך די זון אַזוי העל. איהר שטים האַט זיך שוין דערטראָגען פון הויף און איז שטיל געוואָרען. עס ווייזט אויס, אַז זי איז אַנטלאָפען אין גאָרטען.

מאַריא פּאַוולאָוונאַ, האַט אַראָפּגעלאָזען איהרע שוואַכע הענט אויף די קני, האַט געשמייכעלט. זי האַט זיך פאַרקוקט אויפ'ן בלויען הימעל און האַט זיך פאַרטראַכט. דער קאָפּ האַט זיך איהר אביסעל געדרעהט, אַזוי פיעל רייד, ראַש און געלעכטער זענען געווען ניט לויט איהרע כוחות און זי איז מיעד געוואָרען. נאָר זי האַט דאָס אַליין ניט באַמערקט. זי האַט געקוקט אין ווייטען הימעל זיך געטוקט מיט פייכטע אויגען אין זיין לייכטענדער בלויקייט און געטראַכט, אַזוי קאַפּריזנע און לייכטע, ווי בלעטלעך פון אָרונטערגעפאַלענע בלומען, וועלכע ווערען אויפגעכאַפּט פון דעם אַנגעפלויגענעם הערבסט ווינט, האָבען זיך געדרעהט די ערינערונגען.

זשעניטשקאַ האַט זיך לאַנג ניט באַוויזען. אַט פון דער נאָהענטען

און אַט פון דער ווייטען האָט זיך געהערט איהר קלינגענדע שטים, שטיקלעך געזאַנג, דער קלאַנג פון כלים, וועלכע זי האָט שוין ערגעץ אויסגעזוכט. דערנאָך האָט זיך דערהערט אַז זי האָט גענומען מיט אײַ־מיצען רעדען.

מאַריא פּאַוולאָוונא האָט זיך צוגעהערט און האָט דערקענט נעלי'ס שטימע. זי האָט זיך דערשראָקען: אַט די אָרימע, שוויגענדיגע, ווילדע נעלי, וועלכע באַהאַלט זיך אין גאָרטען פון מענשען, איז צוגע־גענזעצליך דער פאַרשייטער זשעניטשקע. מאַריא פּאַוולאָוונא האָט מיט שרעק געטראַכט, אַז זשעניטשקא קען לייכט באַליידיגען נעלי'ן מיט פאַרשידענע פראַגען, אָבער נעלי'ס שטים האָט געקלונגען רוהיג. זשעניטשקא האָט ווי פריהער פרעהליך געלאַכט, און מאַריא פּאַוו־לאָוונא האָט זיך באַרוהיגט.

— ליעבע זשעניטשקא! — האָט מאַריא פּאַוולאָוונא געטראַכט מיט טרערען אין די אויגען: — זי קען קיינעם ניט באַליידיגען... עס קען ניט געבען אַזאַ מענש, ווי שטאַרק אומגליקליך און פאַרבי־טערט ער זאָל ניט זיין, אַז איהם זאָל ניט זיין אַנגענעם צו קוקען אויף איהר...

— נו, אַט זענען מיר דאָ! — האָט אויסגערופען זשעניטשקא, אַריינקומענדיג אין צימער. נאָך איהר, ערגעסט שמייכלענדיג, איז אַריין נעלי.

זשעניטשקא האָט געטראָגען אַ קאַפע־טאָפּ מיט אַ גלאָז סמעטע־נע, און נעלי האָט געהאָרכזאַם געבראַכט אַ קוישעל מיט ברויט.

— און מיר האָבען זיך שוין באַקאַנט, האָט זשעניטשקא געלאַזט וויסען מיט אַזאַ טאָן, ווי זי וואָלט מיטגעטיילט אַ לאַנג ערוואַרטעטע נאָכריכט.

נעלי האָט אַוועקגעשטעלט דאָס ברויט אויפ'ן טיש און האָט זיך אַוועקגעזעצט, צוזאַמענדריקענדיג די ברעמען, און אַראָפּלאָזענדיג אויף די קני איהרע דאַרע שעהנע הענט.

זי איז געוועזען אין זעקסטען מאָנאַט און מאָדנע האָט אויסגעזעהן איהר פולע שווערע טאַליע און דינע נאָך גאָר מיידעלשע פּלייצעס.

זשעניטשקא האָט געטונקען אין דער קאַפע אַ שטיקעל סוכאַר, געגעסען איהם מיט אַפּעטיש, און געפּלאַפּעלט:

— עס איז אַ גרויסער שאָד, וואָס זי איז ניט קיין אַקטריסע!

— האָט זי גערעט וועגען נעלין: — דו גיב נאָר א קוק ס'אַרא מין פּנים ביי איהר!...

און אמת'ע מאשא פון „די דריי שוועסטער"... דעמב גרינער... קאַץ גרינע... — האָט זי זיך דערמאָנט און צולאַכט.

מאַריא פּאוולאָווני האָט מיט א צאַרטען רחמנות־שמייכעל גע־קוקט אויף נעלין, און געטראַכט. — און ווירקליך, דאָס איז אמת... ס'אַרא מין ליעב און שרעקליכער פּנים!

נעלי איז געזעסען גלייך, זי האָט פאַרקנייטשט די ברעמען ווי זי וואָלט אַנגעשטרענגט געטראַכט וועגען עפּעס. איהרע שווערע האָר, פאַרפלאָכטען אין א צאָפּ, האָבען ארומגענומען איהר קאָפּ, ווי א דונ־קעלער שלאַנג. דער דינער אויסשניט פון די ליפּען איז געווען פאַר־מאַכט פעסט און שטאַרק. מיט א מיעדער פּיין האָט געבלאָזען פון איהר יונגען, נאָר שוין אזא אלטען, אלטען געזיכט, פּונקט ווי זי וואָלט אין איהרע ניינצעהן־צוואַנציג יאָהר דורכגעלעבט א גאַנצען יאָהר־הונדערט.

— נו גוט, האָט געפּלאַפּעלט זשעניטשקא, — אָט ביז איך געקור־מען צופאַהרען... איז פאַראן ביי אייך עפּעס א געזעלשאַפט?... קומט אריין צו דיר אימיצער מאשא?

— קיינער קומט ניט צו מיר, — האָט מיט אן אונטערטעניגען טרויער געענטפערט מאַריא פּאוולאָוונא, — בלויז איינער א דאָקטאָר ארנאַלדי... אויסער דעם זענען מיר מיט נעלין שטענדיג אליין...

— אַרנאַלדי? — האָט איבערגעפרעגט דזשעניטשקא. — א שעהנע פאַמיליע!... איז ער א יונגער, און אינטערעסאַנטער?

מאַריא פּאוולאָווני האָט זיך צולאַכט און א ריהרענד צאַרטער אויסדרוק האָט זיך באוויזען אין איהרע אויגען.

— ניין, ער איז שוין אן עלטערער און גאָר ניט קיין אינטערע־סאַנטער אין יענעם זין... אָבער אָט וועסטו איהם אליין זעהן... ער קומט צו מיר אלע טאָג. ער איז אזא מין פּאַראומערטער... ער איז בלויז זעהר א גוטער, א מורא'דיג גוטער... איך האָב נאָך ניט באַגע־גענט אזא גוטען מענשען.

זשעניטשקא האָט פאַרשייט און דורכדרינגענד א קוק געטאָן מיט איהרע פינקלענדיגע שווארצע אויגען אויף מאַריא פּאוולאָוונא. די

קראַנקע האָט פאַרשטאַנען דעם בליק און ליעב, ווי א מיידעל, זיך פאַרשעהמט.

א לייכטער פאַרב האָט באַדעקט איהרע בלאַסע באַקען, און אויף די שעהנע פון דער קראַנקהייט פאַרגרעסערטע אויגען זענען ארויס־געטראָטען טרערען.

— אומזיסט קוקסטו אזוי... האָט זי געזאָגט מיט א טרויעריגען שפּאַס: — מיר איז שוין שפּעט צו טראַכטען דערפון.

און זי האָט אויטאָמאַטיש, אזוי ווי זי וואָלט וועלען באַווייזען, אויפגעהויבען און אַראָפּגעלאָזען איהרע דורכזיכטיגע, וואַקסענע הענט.

— דאָ זענען דאָ א סך אינטערעסאַנטע מענשען, האָט אונטער־וואַרטעט אנגעהויבען נעלי, אפשר כדי אומצובייטען דעם געשפּרעך און מעגליך, אז זי האָט געהאַט איהרען אן אייגענעם געהיימען מיין דערביי. — דער דאָקטאָר אַרנאַלדי וועט אייך באַקענען, ער קען דאָ אַלעמען.

מאַריא פּאַוולאָוונא האָט מיט שרעק געקוקט אויף נעלין, וויילביידע האָבען זיי גלייך פאַרשטאַנען וועגען וועמען נעלי רעט. אויף זשעניטשקע'ס פּנים האָט זיך באַוויזען אן אויסדרוק פון אביסעל גרוי־זאַמער נייגעריגקייט, און מאַריא פּאַוולאָוונא האָט אויסגעצויגען די האַנט, ווי זי וואָלט וועלען זאָגען דערמיט:

— מיין ליעבע, אָרימע מיידעלע... מען דאַרף ניט רעדען דערפון!

נאָר נעלי האָט נאָך מעהר צוזאַמענגעדריקט איהרע דינע ברעמען און מיט אן אנגעשטרענגטן בלאַס געזיכט פאַרגעזעצט:

— זאָל ער אייך באַקענען מיט סערגעי ניקאָלאַיעוויטש'ן... דזשע־נעיעוו'ן.

— און ווער איז דאָס? — האָט געפרעגט זשעניטשקאַ.

מאַריא פּאַוולאָוונא האָט זיך מורא'דיג אויפגערעגט, און אויף איהרע באַקען האָבען זיך באַוויזען פלעקען.

— נעלי, צו וואָס...

— און, פאַרוואָס ניט? — האָט האַרט געענטפערט נעלי, קור־קענדיג פאַר זיך מיט ברענענדע אויגען, און זיך אומקערענדיג גלייך צו זשעניטשקען, האָט זי פאַרענדיגט מיט אן ארויסרוף:

— דאָס איז דער מענש, וועמען איך האָב ליעב געהאַט. אַט, באַקענט זיך מיט איהם... עס איז מיר אינטערעסאַנט.

— וואס איז דערביי אינטערעסאנט?

— אזוי.

נעלי, האט ארויסגערעדט דאס ווארט מיט א טאן פון און אונ־קלארער דראהונג. זשעניטשקא, האט ניט באגרייפענדיג געקוקט אויף איהר און געשמייכעלט מיט א שטאלצען פאראכטענדען שמייכעל. מאריא פאוולאוונא האט א קוק געטאן אויף איהרע שווארצע בלאנ־קענדע האר, שווארצע ברעמען און ראזעווע ליפען, אויף איהר גאנ־צער בויגזאמער שטארקער פיגור, אין רויטען קלייד און א טראכט געטאן:

— זי וועט זיך פאר קיינעם ניט דערשרעקען... ארימינקע נעלי!

— אומזיסט לאכט איהר! דאס וועט זיין אן אינטערעסאנטער עקספירימענט! האט גאנץ ערענסט, אבער בייז באמערקט נעלי.

זשעניטשקא האט זיך צולאכט. זי איז אויפגעשטאנען זיך א ציה געטאן פארברעכענדיג די בויגזאמע הענט.

— ס'ארא מאדנע איהר זענט! — האט זי פויל און געהיימניס־פול אויסגעצויגען. — ווי עס זעהט אוים ווילט איהר מיך אויסנוצען, פאר אייערע צוועקען?

דאס איז אינטערעסאנט. נו גוט... ווייזט מיר שוין אייער סערגעי ניקאלאיעוויטש'ן, כאטש דעם אמת געזאגט איז דאס, ווירקליך לעבער־ליך!... איהר זעהט מיך צום ערשטען מאל...

נעלי האט איינגעשפארט צוזאמענגעצויגען די ברעמען און שוויי־גענדיג געקוקט אויף איהר.

זשעניטשקא, האט זיך אויסגעצויגען אין איהר גאנצער הויך, א שטארקע און בויגזאמע ווי אן אנגעצויגענער בויגען פון שווארצען האלץ, איז זי געשטאנען אין מיט'ן צימער און געוואלט נאך עפעס זאגען, ווען די טיר האט זיך שטיל געעפענט און אויפ'ן שוועל האט זיך באוויזען די אונגעהויער גרויסע און שווערע פיגור פון דעם דאק־טאר ארנאלדי. זשעניטשקא האט זיך אפגעריסען אויפ'ן האלבען ווארט, און איז אזוי געבליבען אין מיטען צימער.

— אט איז דער דאקטאר! — האט פריידיג אויסגעשריען מא־ריא פאוולאוונא, און האט זיך איננאנצען צובליהט מיט א צארטען שמייכעל, וועלכער איז געווען עהנליך צו דעם לעצטען בלעטעלע פון אן אראפגעפאלענער בלום. — קומט ארייו ליעבער... ביי מיר איז

היינט א גרויסער יום־טוב — זשעניטשקא איז געקומען צופאהרען! אט, באקאנט זיך; דאקטאר ארנאלדי און יעווגעניא סאמאילאווגא אוזדאלסקאיא... מיט נעלין זענט איהר שוין באקאנט.

דער דאקטאר ארנאלדי האט זיך מיט אלעמען געגריסט און זיך אוועקגעזעצט. זיין געזיכט איז געווען נאך מעהר פארקרימט און פארגאסען ווי געוועהנליך.

צוערשט האט מען זיך ניט געפונען וועגען וואס צו ריידען. דער דאקטאר ארנאלדי האט ערענסט און אויפמערקזאם באטראכט די דריי פרויען. מאריא פאוולאווגא האט ליעב געשמייכעלט מיט איהר בלאסען שמייכעל פון א שטארבענדער, נעלי האט צוזאמענגעדריקט איהרע ברעמען און איז געזעסען באוועגלאז און גלייך ווי א סטרונע, יעווגעניא סאמאילאווגא איז אוועק צום פענסטער און זיך דארטען געזעצט. זי איז נאך געווען אביסעל אויפגערעגט, און האט ניט געוואוסט צו זאל זי זיין אין כעס אויף נעלין אדער ניט. זי האט אפט געאטעמט מיט דער הויכער ברוסט און געפינקעלט מיט די שווארצע אויגען.

— אויף לאנג זענט איהר געקומען צופאהרען? — האט געפרעגט דער דאקטאר ארנאלדי. זי האט זיך אומגעקוקט אויף איהם און א שמייכעל געטאן: דער דאקטאר איז איהר געפעלען געווארען.

— אויפ'ן גאנצען זומער, אויב מאשא וועט מיך ניט ארויסטרייבען... עס איז מיאוס געווארען זיך אומשלעפען איבער די קוליסען, עס איז שוין אויך צייט זיך אפרוהען.

— דאס איז אייער ביהנע נאמען?

— ניין, דער אמת'ער...

— איהר זענט א פוילישע?

פון פאטער'ס זייט א פוילישע, און פון דער מוטער'ס א אידישע... זשידאווקא!... — און יעווגעניא סאמאילאווגא האט זיך הילכיג צולאכט.

דער אלטער דאקטאר האט ניט ווילענדיג צערטליך א שמייכעל געטאן צו איהר.

— הערט זיך איין דאקטאר — האט געזאגט מאריא פאוולאווגא — איהר מוזט זעהן, אז מיין זשעניטשקא זאל זיך דא ניט לאנגווייליגען. באקענט זי מיט אייערע חברים... איהר פארמאגט דאך א סך חברים.

— דאָס קען מען, — האָט גלייכגילטיג איינגעשטימט דער דאָק־טאָר, דאַן האָט ער ווידער א קוק געטאָן אויף יעווגעניא סאַמאַילאָוונא און פריינדליך ווידערהאָלט: — גוט, מען קען דאָס טאָן... זאָל יעווגעניא סאַמאַילאָוונא קומען צו אונז אין קלוב, אהין קומען א סך מענשען.

— ווי וועל איך געהן אליין, — האָט פרעהליך געפרעגט זשעניטשקא.

— פארוואָס עפּעס אליין?... איך וועל אריינגעהן נאָך אייך.

— איך קען געהן מיט אייך, האָט זיך אונערוואַרטעט אָפּגערופען נעלי.

דער דאָקטאָר און מאַריא פּאַוולאָוונא האָבען איינצייטיג א קוק געטאָן אויף איהר און זיך ביידע איבערגעקוקט.

— אך, יא... האָט זיך שטורמיש ווילד צולאַכט זשעניטשקא.

— איהר ווילט דאָך מאַכען מיט מיר געוויסע עקספּערימענטען... נו, טאָ פיהרט מיך אריין אין דער געזעלשאַפט.

— יאָ, — האָט נעלי קורץ געענטפערט, ניט ענדערענדיג דעם גרויזאַמען אויסדרוק פון איהר געזיכט און שטים.

— דאָס איז דאָך מאָדנע... וואָס וויל זי האָבען פון מיר? האָט יעווגעניא סאַמאַילאָוונא געטראַכט, און א קוק געטאָן אויף נעלין פון אויבען אראָפּ.

אָבער דאָס געזיכט פון דער טראָגענדיגער יונגער פרוי האָט זיך ניט א ריהר געטאָן, אזוי ווי עס וואָלט געווען אויסגעשניטען פון שטיין, מיט דעם אייביגען אויסדרוק פון א געהיימניספולען גרויזאַמען געדאַנק.

— עפּעס א מין ספינקס! — האָט מיט אן אונאייגענעהמענעם געפיהל, ני טווילענדיג, א טראַכט געטאָן יעווגעניא סאַמאַילאָוונא און זיך אָפּגעקערעוועט.

זי איז א שטיקעל צייט געזעסען פארטראַכט און האָט געשוויגען.

דער דאָקטאָר ארנאַלדי האָט איבערגעפיהרט זיין בליק פון איינער אויף דער צווייטען און ניט ווילענדיג זיי פארגלייכט.

יעווגעניא סאַמאַילאָוונא, א שיינענדע און א באַוועגליכע, האָט זיך אזוי ווי געריסען פאַראויס צו אן אונבאַשטימטען גליק, וואָס עס

מוז איהר געבען, דאס אזוי פיעל פארשפרעכענדע און רופענדע לע־בען. אין ערוואַרטונג אויף אַט דעם גרויסען גליק, האָט איהר גאַנצער קערפּער, אזא יונגער, שטארקער, און רייכער געביינקט און געצי־טערט: אין איהר איז ניט געווען קיין איין־און־איינציגער דונקעלער שטריך, אין איהר איז אלץ געווען אזוי העל און שטורמיש. ארום איהר האט די בלאַסע נעלי אויסגעזעהן דונקעל, ווי דער טרויער אליין; זי איז געזעסען גלייך שטארק צוזאַמענגעדריקט אויף דער ברוסט די דינע הענט, פּונקט ווי זי וואלט וועלען מיט די הענט איינהאלטען עפּעס אין איהר ברוסט.

ווי עס ווייזט אויס האָט אלץ איהר אויסגעזעהן, סיי אין דער פארגאַנגענהייט, סיי אין דער צוקונפט ווי איין קייט ליידען און אין איהר איז געוואקסען א גרויסער האַס און פארביטערטקייט. און ווי א שטילער שימער פון א ליכט, וואס איז אַנגעצונדען פאר'ן כסא הכבוד פון שיקזאל, איינגאַנצען אזא מילדע און ליכטיגע אין איהר געהארכ־זאַמען טרויער האָט געברענט מאריא פּאַוולאָוונא. זי האָט שוין פאר־ענדיגט אלע חשבונות מיט'ן לעבען: און דאס גאַנצע לעבען מיט זיינע פריידען און ליידען איז גלייך ווייט געווען פון איהר. זי האט שוין פארשטאַנען ווי קלעגליך און שוואַך עס זענען סיי דער שטורמישער דורשט נאַך לעבען, סיי די ווילדע קללות צום לעבען, און דערפאר האָט זי אלץ איינם טרויעריג געשמייכעלט, סיי דער שטורמישער זשעניטשקא, סיי דער גרויזאַמער נעלי, סיי דעם פאראומערטען דאק־טאר אַרנאַלדי.

יעווגעניא סאַמאילאָוונא האָט ניט געקענט לאַנג זיצען רוהיג. זי האָט א טרייסעל געטאָן מיט'ן קאָפּ ווי זי וואלט פארטרייבען פון זיך אונאייננגענעמע געדאנקען, און האָט אַנגעהויבען זארגלאָז צו פּלאַפּלען מיט'ן דאקטאר און מאריא פּאַוולאָוונא. זי האָט פארמאָגט א שעהנע און פרעהליכע שטימע, בליסטשענדע אויגען: און אינגאַנצען איז זי געווען אזוי יונג און פריש, פול מיט כוח, אז אפילו דער טרויעריגער דאקטאר האָט אביסעל אויפגעלעבט.

נעלי איז געזעסען א שווייגענדיגע און וועגען עפּעס אנגעשט־רענגט געטראַכט. איהרע דינע ברעמען האָבען זיך שטיל באַוועגט, ווי צוויי שוואַרצע פּיאַווקעס אויפ'ן ווייסען זאַמד, און אין די ווינקלען פון די צוזאַמענגעפּרעסטע ליפּען האָט געשוועבט א קוים באַמערק־

באַרער ציטער. אין איהר האָט מען כמעט ווי פאַרגעסען, וועןן זי האָט מיט אַמאָל אָנגעהויבען רעדען קוקענדיג אויף מאַריאַ פּאַוולאָוונאַ און דעם דאָקטאָר אַרנאַלדי:

— פאַרוואָסה אַט איהר זיך פאַרוואונדערט, ווען איך האָב געזאָגט, אַז איך וויל געהן אין קלוב מיט יעווגעניאַ סאַמאַילאָוונאַ?... שוין־זשע דענקט איהר, אַז איך טאָר זיך ניט באַווייזען פאַר מענשען?

ביידע און דורכדרינגענד האָבען געקוקט איהרע אויגען.

ניט דער דאָקטאָר, און ניט מאַריאַ פּאַוולאָוונאַ האָבען אַזוי געדענקט, און דאָך האָבען זיי זיך ביידע פאַרשעמט.

— ניין, וואָרום דען, — האָט אומעטיג געזאָגט דער דאָקטאָר אַרנאַלדי.

— נעלי, ווי קענט איהר אַזוי רעדען! — האָט אויסגעשריען מאַריאַ פּאַוולאָוונאַ.

— יאָ, איהר האָט אַזוי געטראַכט, האָט געענטפערט נעלי טרוקען. דערביי איז זי אויפגעשטאַנען און איז אַרויס פון צימער.

— גאָט מיינער, ס'אַראַ אומגליקליכע זי איז! — האָט באַמערקט די קראַנקע.

— זי איז אַזאַ מין מאָדנע, פּשוט אַ משוגע'נע! — האָט זיך אָפּגערופען זשעניטשקאַ.

דער דאָקטאָר אַרנאַלדי האָט שווער אָפּגעזיפצט און האָט זיך אויפגעהויבען.

— מיר איז שוין צייט צו געהן, — האָט ער געזאָגט. — און זי איז בלויז אַן אומגליקליכע. ווען מענשען אין איהר לאַגע, דערשלאָגענע און פאַרביטערטע, קענען זיין נאָרמאַל און אויסגערעכענט זענען דאָס אָדער פאַרלאָרענע, אָדער נאַרישע מענשען...

— און אייער דזשענעיעוו'ן וועט דאָס ניט פאַרגיבען ווערען! — האָט געזאָגט מאַריאַ פּאַוולאָוונאַ.

דער דאָקטאָר אַרנאַלדי האָט געזוכט אין זיין אַלטען האַרצען אַן אורטייל, אָבער ער האָט גאָרניט געפונען און בלויז אַ דריק געטאָן מיט די פּלייצעס.

אַנשטאָט איהם האָט זיך אָפּגערופען יעווגעניאַ סאַמאַילאָוונאַ.

— באמת, עפּעס מאָדנע דענקסטו, מאַשאַ! — האָט זי ביין

און הארט געענטפערט: — זי איז ניט קיין מיידעלע און האט אליין באדארפט וויסן... און ער וואלט זיין א נאר ווען ער זאל זיך פאר־נעמען מיט'ן אפהיטען פון די מיידעלשע עוצרות... דאס איז איהר זאך.

— יא... אבער וואס זאל זי איצט טאן?...

— אך, מאשא... וואס טוט מען!... נו, אפילו, דערטרינקען זיך... אויב אויף קיין אנדער זאך איז ניטא קיין כוח?...

— דאס איז ניט גאר אזוי לייכט, זשעניטשקא, האט מיט א צערטליכען פארוואורף באמערקט די קראנקע.

יעווגעניא סאמאילאוונא האט גארניט געענטפערט. נאר אין איהרע שווארצע אויגען האט דורכגעבליצט א יונגע דורשט, וואס איז אזוי גרויזאם צו יעדער אנדער פרוי, און איז גרייט אלץ צו פארגעבען דעם מאן. עס האט זיך געדוכט אז זי איז געווען אייפערזיכטיג, אפילו נאך ניט וויסענדיג צו וועמען, בלויז דערפאר, וואס אן אנדערע א יונגע און שעהנע האט שוין געוואוסט פון ליעבע.

דאקטאר ארנאלדי האט גענומען זיין הוט און איז זיך אוועק זעגענען מיט מאריא פאוולאוונא.

— היינט פאהר איך הינטער'ן שטאט צו א קראנקען... ביז מארגען — האט ער געזאגט און צוגעגעבען שטיל מיט א קרומען שמייכעל, אז יעווגעניא סאמאילאוונא זאל ניט הערען. זאגט נעלין, אז היינט וויל ביי איהר זיין ארבוזאוו.

מאריא פאוולאוונא האט מיט שרעק א קוק געטאן אויף איהם.

13.

יעווגעניא סאמאילאוונא האט באגלייט דעם דאקטאר ביז'ן טויער. זיי זענען געגאנגען לאנגזאם, און זי האט פרעהליך אביסעל שפילענד זיך פארנאדערגעפרעגט וועגען דער שטאט, וועגען אינטערעסאנטע יונגע־לייט און פארוויילונגען. אבער ווען זיי זענען שוין געווען נעבען

ווייט פון הויז, אז מען האָט שוין זיי ניט געקענט הערען דאָרטען, האָט זיך זשעניטשקא אָפּגעשטעלט, און מיט א געהיימניספולען אונ־רוהיגען זשעסט אנגערירט דעם דאָקטאָר ביים אַרבעל.

— זאָגט מיר, דאָקטאָר, אין וואָס פאַר א לאַגע אייגענטליך גע־פינט זיך מאַשאַ?

דער דאָקטאָר אַרנאַלדי האָט געשוויגען א ווײַלע, ווי ער וואָלט זיך באַטראַכטען.

— אין א פאַרצווייפעלטער, — האָט ער קורץ און טרויעריג געענטפערט.

— און עס איז ניטאָ קיינע האָפנונגען?

— קיינע, — האָט שאַרף, כמעט בייז, אָפּגעריסען דער דאָקטאָר אַרנאַלדי.

יעווגעניא סאַמאַילאָוונא האָט איהם אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט, און איהר שעהנער געזיכט, וועלכער האָט כמעט שטענדיג אויסגעזעהן אונרוהיג, האָט אויסגעדריקט שרעק. אָבער, ווי עס ווייזט אויס האָט זי ניט איינגאַנצען פאַרשטאַנען דעם דאָקטאָר'ס ווערטער אין זייער פולען און שרעקליכען זין: איהר א געזונטער און יונגער, וועמען דאָס לעבען האָט ניט אויפגעהערט רעגען איז געווען שווער גלייך צו דער־פיהלען די נאָהענטקייט פון טויט.

— איהר האָט ניט קיין טעות דאָקטאָר? — האָט זי רחמנות'דיג געענטפערט, אזוי, ווי זי וואָלט זיך ביי איהם בעטען, אז ער זאָל זי ניט שרעקען: — שוין־זשע איז ניטאָ קיין ברעקעל האָפנונג?... און אפשר וועט זי זיך נאָך פאַרבעסערען?... זי איז דאָך נאָך אזוי יונג... גיט נאָר א קוק ווי זי לאַכט... און איהרע אויגען זענען נאָך גאָר לעבעדיגע... עס טרעפט דאָך אז שווינדזוכטיגע לעבען אמאָל זעהר לאַנג... איך האָב געקענט איין מאָלער...

דאָקטאָר אַרנאַלדי האָט איינגעשפּאַרט א שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ און געזאָגט דומפּ:

— זי וועט אפילו קיין מאָנאַט ניט איבערלעבען.

דערנאָך האָט ער מיט רחמנות אריינגעקוקט אין איהרע לעבעדיגע בליטשטשענדע אויגען, וועלכע האָבען אזוי שטאַרק ניט געוואָלט זעהן קיין ליידען, און ניט געוואָלט זעהן דעם טויט, און ער האָט זיך פאַר־שעמט.

יעווגעניא סאמאילאוונא האט לאנג און דערשראקען געקוקט אויף איהם. איהרע אויגען זענען געווארען אזוי רונד, ווי ביי א קאץ ווען זי זעהט עפּעס שרעקליכעס.

מיט אמאל האט זיך דעם דאקטאר ארנאלדי׳ס געזיכט מורא׳דיג פארענדערט, אזוי ווי די מאסקע פון גלייכגילטיגקייט וואלט פארשוואונדען, און אונטער איהר וואלט זיך באוויזען א לעבעדיגער, ליידענדער און וויינענדיגער מענשליכער פּנים. ער האט איינינגע מינוטען פאר׳עקשנ׳ט געקוקט איהר גלייך אין די אויגען. דאס מויל האט געציטערט, אזוי ווי ער וואלט אנווענדען אלע כוחות עפּעס צו זאגען, אבער ניט זייענדיג אימשטאנד דאס צו טאן, האט ער א מאך געטאן מיט׳ן האנט און זיך ניט זעגענענדיג, איז ער אויף שנעל ארויס פון טויער.

יעווגעניא סאמאילאוונא איז געבליבען אויפ׳ן זעלבען ארט, און האט איהם לאנג נאכגעקוקט מיט די זעלבע דערשראקענע רונדע אויגען.

14.

אין אבענט ווען דער הימעל איז דונקעל געווארען און דער שטויב האט זיך איינגעלייגט, איז ווי א דונער געקומען צופליגען ארבוזאוו׳ס טראיקע.

מאריא פּאוולאוונא איז איינע אליין געזעסען ביים פענסטער און געקוקט ארויף, אהין וואו די שפּיץ בוימער האבען זיך שטיל געשווארצט אין די שטראלען פון דער פארגאנגענער זון. גאט ווייסט וועגען וואס זי האט געטראכט אין אט די מינוטען, און קיינער וועט קיינמאל זיך ניט דערוויסען און ניט פארשטעהן דעם טרויער פון א יונגען שטארבענדען לעבען.

יעווגעניא סאמאילאוונא איז אוועק שפּאצירען און אנקוקען דאס שטעטעל. א גאנצען טאג איז זי אפּגעזעסען מיט דער קראנקער און

איז מיעד געווארען. עס האט זי געצויגען אויף דער פרישער לופט א קוק טאן אויף געזונטע און פרעהליכע מענשען.

ארבוזאוו איז אריין אין הויף, מיט וואקלענדיגע טריט, ברייט און פעסט שפאנענדיג מיט שטארקע פיס אין די לאקירטע שטיוועל. די רויטע העמד מיט דער צושפילעטער פאדיאווקע. די ווייסע היטעל אויף דער פאטילניצע האבען איהם געמאכט אויסזעהען פון א יונג א כוואט. בלויז זיינע שווארצע פיבערישע אויגען האבען אויסגעזעהען טרויעריג.

מאריא פאוולאוונא האט איהם געזעהן אבער זי האט גארניט געזאגט, בלויז געשאקעלט מיט'ן קאפ. זי האט ניט געקענט ארבוזאוו'ן אבער זי האט פארשטאנען אז דאס איז ער.

ארבוזאוו האט אנגעקלאפט אין נעלי'ס טיר. זי האט זיך ניט אפגערופען. שטיל איז געווען הינטער'ן טיר, און א אנגעשטרענגטע שטילקייט איז געשטאנען ארום און ארום. די פינסטערניש פון אבענט איז געווארען געדיכטער, שאטענס פון שרעק זענען געקראכען פון גארטען אויף די שטיגען פון גאניק.

ארבוזאוו האט נאך אמאל אנגעקלאפט. עפעס האט זיך שטיל א ריהר געטאן הינטער'ן טיר און איז שטיל געבליבען. און ארבוזאוו האט דערפיהלט אז ניט נאר זי ווייסט ווער עס קלאפט אין טיר, נאר זי זעהט אפילו אויך דורך דער פארשפארטער טיר. עס האט איהם ארומגעכאפט א ווילדער משוגעת און ער האט שטארק א ריס געטאן די טיר. זי איז ניט געווען פארשלאסען און האט זיך ברייט געעפענט.

נעלי איז געשטאנען ביים טיש. אין דער פינסטער האט זיך געמערקט איהר בלאס געזיכט, מיט די דונקעלע ברעמען און ווייסע הענט, וועלכע זענען הילפלאז געהאנגען איבער איהר שווארצען קלייד, וואס האט זיך צוזאמענגעגאסען מיט דער פינסטערניש. זי האט זיך ניט א ריהר געטאן, ניט געזאגט קיין ווארט. זי האט אפילו ניט אראפגעלאזען דעם קאפ און שטרענג געקוקט ארבוזאוו'ן גלייך אין די אויגען אריין.

— נעלי! — האט ער הייזעריג ארויסגערעדט. — נעלי... — האט ער ווידערהאלט נאך שטילער און איז אנטשוויגען געווארען, אזוי ווי עס וואלט איהם געווען שטארק טרוקען אין האלז.

— נעלי האט ניט געענטפערט און ווי פריער געקוקט אויף איהם שווייגענדיג.

ארבוזאוו איז געשטאנען א ווײלע אויפ'ן שוועל, דערנאך האט ער א שאקעל געטאן מיט'ן קאפ, זיין פנים האט זיך אויסגעקרימט מיט א העסליכען שפאטישען שמייכעל און ער איז אריין אין צימער. נעלי האט אויפגעציטערט און איז ווידער שטיל געבליבען. בלויז איהר פנים איז אינגאנצען וויים געווארען.

וואס מאכסטו... האסט מיך ניט ערווארט? — האט מיט א קרומען שמייכעל געפרעגט ארבוזאוו. — מיר האבען זיך לאנג ניט געזעהן!... וואס־זשע, פרעהסטו זיך גאר ניט מיט מיר?

נעלי האט געשוויגען.

ארבוזאוו האט זיך צולאכט.

— אפשר בין איך ניט אין צייט?... זאג, וועל איך אוועקגעהן... איך האב זיך בלויז געוואלט זעהן. נו, וואס, דזשענעיעוו קומט צו דיר? ניין... נו געווים, ווי דען אנדערש!... און איך בין געקומען... נעלי... עס איז מיר געווען שווער זיך צו באשליסען, דריי טעג גע־טרונקען אהן אן אויפהער און פונדעסטוועגען געקומען. דאס איז נאריש... עקעלהאפט... און דאך געקומען... וואס־זשע שווייגסטו? איך מיין דאך גארניט, איך האב דיך דאך ניט באליידיגט דערמיט וואס איך בין געקומען... אזוי, עס האט זיך פשוט געגלוסט... דו האב ניט מורא, איך וועל גארניט זאגען אזוינס!...

וואס עס איז פון וואגען פארלארען, דאס איז אויף אייביג פאר־פאלען.

עס טוט מיר בלויז זעהר וועה, וואס מיט א האלב יאהר צוריק פלעגסטו מיך גאר אנדערש באגעגענען... געדענקסט? ניין, דו האסט שוין זיכער פארגעסען!... אבער איך געדענק אלעס!... וואס־זשע שווייגסטו? רעד, נו!...

— איך האב ניט וואס צו זאגען, — האט שטיל געענטפערט נעלי.

ארבוזאוו האט זיך ווידער הייזעריג און קורץ צולאכט. ווען ער איז געגאנגען צו נעלין האט ער געטראכט, אז ער וועט ניט רעדען פון דער פארגאנגענהייט, וועט איהר קיין זאך ניט אויסווארפען, ער האט געדענקט, אז ער וועט זי ניט באליידיגען. נאר יענע בלינד־

שכור'ע אומגעלומפערטע ווילדקייט, פאר וועלכע עס האבען אזוי מורא געהאט אלע, וואס האבען איהם געקענט, האט זיך אויפגעהויבען אין איהם מיט א שרעקליכען כוח. ווען ער האט דערזעהן אט די באקאנטע מילדע אויגען, וועמענס אויסדרוק האט זיך געהאלטען אין איין בייטען, אט די ליפען און האר און איהר גאנצען דינעם און בויגזאמען קערפער, האט ארבוזאוו העל, ווי אין די פארגאנגענע שלאפלאזע נעכט, ווען ער האט מורא געהאט אז ער וועט פון זינען אראפ, זיך פארגעשטעלט אז אן אנדערער האט זי ארומגענומען, געקושט, און זי גענומען, ווי מען נעהמט א זאך, ווי מען נעהמט א פראסטיטוטקע. אנדערש האט ער זיך די זאך ניט פארגעשטעלט. פון אט דעם געדאנק, וואס האט איהם פארגעשטעלט זי, א נאקעטע אין די הענט פון אן אנדער מאן, האט זיך זיי מוח אנגעצונדען, און דארטען האט גענומען שווימען א בלוטיגער נעבעל.

— נו, דאס איז ווירקליך, גארניט! — האט צווישען די ציין ארויסגערעט ארבוזאוו, און דערביי מיט אן איבערמענשליכער אנשטרענגונג איינגעהאלטען אין זיך דעם פארלאנג צו דערלאנגען איהר מיט זיין גאנצער קראפט, א פאטש אין פנים. — די זאך איז א פשוט'ע... ביי פרויען איז דאס פשוט, היינט קושט זי איינעם, און מארגען געהט זי שלאפען מיט א צווייטען... נארישקייטען!... אי איך... וואס ביי מיר... ברענט אט אט דא... וואס איז דאס דיר פאר א דאגה...

ארבוזאוו האט שוין ניט געוואוסט וואס ער רעט. ער האט בלויז מיט גרויל געפיהלט, אז ער פליהט אין א שרעקליכען אפגרונט, אז ער באליידיגט זי און צווישען זיי וואקסט אויף אייביג אוים א וואנט. צו דערזעלבער צייט, האט איהם, אזוי ווי געשטופט אן אונערטרעגליך ברענענדער פארלאנג צו באליידיגען זי, מאטערען און ערנידעריגען. ער האט גערעט לאנגזאם, פונקט, ווי ער וואלט געקליבען די ווערטער, און געליטען דערפון, וואס איז ניטא קיין ווערטער, וואס זאלען קענען נאך מעהר באליידיגען, וואס זאלען זיין נאך גראבער און מיאוס'ער.

— א?... נו, וואס?... ווי איז דאס ביי אייך?... האסטו איהם א סך פארגעניגען פארשאפען?... האסטו, איהם גוט געצערטעלט?... איז ער געבליבען צופרידען?...

עפעס האט ער שוין אביסעל צו גיך דיך אוועקגעווארפען!...

עס ווייזט אויס אז דו ביזט ניט גאָט ווייסט וואָס פאַר געליעבטע... אפשר האָב איך זיך גאָר אומזיסט געמאַטערט... עס לוינט זיך ניט? מען דאַרף ביי איהם פרעגען... דאָס איז אינטערעסאַנט... א?

נעלי האָט געשוויגען, עטוואָס שרעקליכעס איז געווען אין אָט דעם שפּאָטען. ווען זי האָט זיך ניט פאַרטיידיגט און ניט געענטפערט. זי איז געשטאַנען און געשוויגען, הילפלאָז אראָפּלאָזענדיג איהרע דינע וויַיסע הענט.

— שוויַיגסט? — האָט הייזעריג פאַרטגעזעצט ארבוזאָוו, כמעט זיך שטיקענדיג פון האַס. — נו, שוויַיג!... און וורִיקליך, וואָס איז דאָ צו זאָגען!... נו, גוט... דו שוויַיג און איך וועל רעדען... איך האָב דאָך אזוי לאַנג געשוויגען... ניט אזוי, א?...

נעלי האָט געשוויגען.

— יאָ, — האָט לאַנגזאַם מיט א מורא'דיגער גרויזאַמקייט, עסענדיג זיך און איהר, גערעט ארבוזאָוו: — איך האָב געהערט אז עס קומט דיר מזל־טוב, א?... מען דאַרף דיר אָפּגעבען מזל־טוב?... נו, זאָג־זשע?...

נעלי האָט געשוויגען.

ארבוזאָוו האָט געשוויגען א מינוט. פאַר זיינע אויגען האָבען זיך געדרעהט רויטע פלעקען, אין ברוסט איז ניט געווען קיין לופט, און די הענט האָבען זיך צוזאַמענגעדריקט פאַר א שרעקליכען קלאַפּ. עס האָט זיך געדוכט אז ער וועט קיין איין מינוט מעהר ניט אריבערטראָגען אָט די איבערמענשליכע ליידען. און עס וועט פאָרקומען עטוואָס מורא'דיגעס, עטוואָס אזוינס וואָס פאריכטען קען מען ניט. אָבער מיט אמאָל האָט ער דערזעהן אז נעלי וויינט.

זי איז געשטאַנען אזא דינע און בלאַסע, אראָפּגעלאָזען די הענט מיט א מאַדנע אנגעשטרענגטע און שטרענגען פּנים. און איבער אָט דעם געזיכט האָבען שטיל אָהן א קלאַנג זיך געגאָסען טרערען.

ארבוזאָוו'ן איז געוואָרען פינסטער אין די אויגען, עפּעס האָט מיט א גוואַלדיגער קראַפט צוזאַמענגעקוועטשט זיין האַרץ, און פאַר־געסענדיג אַן אלעס, פיהלענדיג אז אין איהם איז ניטאָ ניט קיין האַס, ניט קיין אייפערזוכט, ניט קיין כעס, האָט ער זיך וואַקלענדיג ווי א שיכור'ער, געמאַכט צוויי טריט, אויסגעצויגען די הענט, און האָט זיך שווער אראָפּגעלאָזען אויף די קני, אָנכאַפּענדיג זי פאַר די

הענט. אין דער מינוט האָט ער אַלעס פאַרגעבען. אין אַלעס פאַר־געסען און האָט געזעהן בלויז זי, זיין אומגליקליכע געליעבטע, וועלכע איז באַליידיגט און פאַרשטויסען פון אַלעמען, און וועלכע, אַלס צו־גאָב האָט ער נאָך אויך באַליידיגט.

— נעלי! — האָט הייזעריג אַרויסגערעט אַרבוזאָוו, און מיט פאַרברענטע ליפען זיך צוגעדריקט צו איהר האַנט. — זיי מיר מוחל... איך בין פון זינען אַראָפּ... פאַרגיב מיר!..

נעלי האָט זיך ניט אויסגעריסען און ניט אַנטלאָפען, בלויז די ליפען איהרע האָבען געציטערט. זי האָט אויפגעהויבען די אויגען און מיט אַן אונפאַרשטענדליכען אויסדרוק פון ווייטאָג, שרעק און ווילדען עקסטאַז געקוקט גלייך פאַר זיך.

— איך קען ניט... — האָט געמורמעלט אַרבוזאָוו, ווי אַ צומיש־טער, — איך קען ניט מעהר... זיי מיר מוחל... האָב רחמנות!...

נעלי האָט געשוויגען.

אַרבוזאָוו האָט זיך וואַקלענדיג אויפגעהויבען. זיין געזיכט איז געווען בלאַס, די שוואַרצע קוטשמע האָט זיך אַראָפּגעהאַנגען אויפ'ן שטערען, די אויגען האָבען געקוקט מיט אַ שכור'ן איבערמענשליכען פּיין און געבעט.

— מעגליך, אַז מיר וועלען פאַרגעסען?... — עס האָט גאָר ניט פּאַסירט... און אַלעס וועט זיין ווי עס איז אַמאָל געווען... נעלי?... האָט ער אַרויסגעזאָגט אין פאַרצווייפלונג.

נעלי האָט אויפגעהויבען ביידע הענט צום שטערען האָט פאַר־בראָכען די פינגער און איהר געזיכט מיט די פאַרמאַכטע אויגען איז פון דאָן אַזוי צוקרימט געוואָרען, אַז אַפילו די ציין האָבען זיך באַ־וויזען און אַ בליטשטשע אין דער פינסטער.

— נאָך וואָס איז דאָס... גאָט מיינער, נאָך וואָס! — האָט זי געזאָגט אַזוי שטיל, אַז אַרבוזאָוו האָט קוים דערהערט.

— הער ייך איין נעלי, — האָט טרויעריג און אין דער זעלבער צייט פרייליך אָנגערופען אַרבוזאָוו: — איך קען ניט לעבען אָהן דיר... איך האָס, פאַראַכטע און קען ניט... דו פאַרשטעהסט, איך קען ניט!... איך האָב געמיינט, אַז איך וועל פאַרגעסען. איך האָב גע־שיכור'ט געקערט וועלטען, מיאוס געלעבט... געטאָן מיאוס'קייטען... צוליעב דיר זענען אַנדערע פאַרלאָרען געגאַנגען... איך האָב גענומען

מיט געלט... געגומען מיט גוואלד... וויפיעל לעבענס צושטערט און צו־פּאַטערט. זיי זענען פאַרלאָרען געגאַנגען פאַר גאָרניט!... און אַליץ אומזיסט... איך בין ווידער צו דיר געקומען! צי דאָס איז אַזאַ משוגעת, צי וואָס... אָבער איך קען ניט... איך וועל אַלעס פאַרגעסען, און אַלעס פאַרגיבען, בלויז...

— דאָס איז אונמעגליך! — האָט מיט גרויס אַנשטרענגונג געענטפערט נעלי.

— וואָרום?... דו מיינסט אַז איך וועל ניט פאַרגעסען?... איך וועל פאַרגעסען... אַט אַזוי וועל איך צוגויפּפּרעסען מיין האַרץ און פאַרגעסען!... איך וועל דיך ליעב האָבען און צערטלען ווי אַ קינד... נעלי, מיין נעלי!... ליעבע, מיין זון!... אָבער, אפשר ליעבסטו איהם נאָך?...

נעלי האָט אויפגעציטערט, איהרע ליפּען האָבען זיך פיינליך פאַרקרימט

— ניין, האָט זי געענטפערט און ווידערהאָלט כמעט ביין: — ניין!

— אמת? — האָט מיט פרייד אויסגעשריען אַרבוזאָוו. — איך ווייס דו ליינסט קיינמאָל ניט... אמת? נו, וואָס... פאַהרען מיר... נעלי... געהסטו מיט מיר?...

— ניין, — האָט דומפּ געענטפערט נעלי.

— פאַרוואָס־זשע?... דו ליעבסט מיך ניט?... נו, וועלען מיר זיין אַזוי פריינט, און צוזאַמען אונזער לעבען ענדיגען... זעה, דו קענסט דאָך ניט דיין האַרץ. זעה דו... דו וועסט אַזוי אומקומען, און איך אויך צוליעב דיר...

— דאָס וועט קיינמאָל ניט זיין, — האָט געענטפערט נעלי.

— דו ביזט משוגע? — האָט, אַזוי ווי, מיט אַ מורא׳דיגען האָס אויסגעשריען אַרבוזאָוו. — וואָס, ברעקעלסטו זיך... וואָס ווילסטו... אַז איך זאָל זיך אַריינלאָזען אַ קויל אין שטערען, צי וואָס? דאָס הייסט דאָך שטופּען אַ מענשען צום טויט!

נעלי האָט זיך צולאַכט קורץ מיט ניט קיין גוטען געלעכטער.

— קיין גרעסערע נאַרישקייט האָט איהר שוין גאָר ניט געקענט צוטראַכטען? אביסעל ניט פון יענעם ברעג האָט איהר אַנגעהויבען!...

איהר האָט אַנגעהויבען ניט פון דער ריכטיגער זייט!...

ארבוזאוו האָט אויפגעציטערט און איז אפּגעטראָטען. איהם האָט זיך אויסגעוויזען אז ער האָט ניט איינגעהערט, אבער ניט אזוי פאַרשטאַנען, אבער זי איז פון זינען אראָפּ.

— וואָס ווילסטו זאָגען?

נעלי האָט פאַרטגעזעצט צו לאַכען מיט א שטילען געהיימניס־פולען געלעכטער.

ארבוזאוו האָט א שפּאַן געטאָן צו איהר און האָט דערנעהנט זיין שווערען קאָפּ צו איהר געזיכט און האָט זיך איינגעגעסען אין די שוואַרצאַפּעל פון איהרע ניט פינטלענדיגע אויגען. נאָהענט, נאָהענט האָבען געקוקט אויף איהם, אזוינע מאָדנע, גרויסע און שרעקליכע אין דער נאָהענט, אָט די רונדע שוואַרצע שוואַרצאַפּעל, אין וועלכע עס באַהאַלט זיך א מענשליכע נשמה. אין דער טיפעניש פון זיי האָט זיך עפּעס געריהרט מיט אומבאַמערקבאַרע, פאַרשוואונדענע באַוועגונגען, אזוי ווי אופ'ן דעק פון אן אפּגרונט וואָלט א פאַרבאַהאַלטענע שלאַנג זיך גליטשיג געריהרט אין דער פינסטער.

— נו, דערזאָג, דערזאָג שוין אַלץ. נו? — האָט ער פאַרשטיקט געמורמעלט.

נעלי האָט זיך שטארק צולאַכט, אזוי קלינגענדיג און פרעהליך, האָט איהם אפּגעשטויסען, אין איז צוגעגאַנגען צום פענסטער און זיך אוועקגעזעצט; די ווינקלען פון איהרע צוזאַמענגעפּרעסטע ליפּען האָבען געציטערט, און די אויגען האָבען געלאַכט מיט א פינסטערען און בייזען געלעכטער.

— איך וויל קיין זאַך ניט!... לאָזט מיך צופרידען... איך טשעפּע קיינעם ניט.

ארבוזאוו איז געבליבען אויף דעם זעלבען אָרט. ער האָט נידעריג זיין קאָפּ איינגעבויגען און אראָפּגעלאָזען זיינע קרעפטיגע, שטאַרקע הענט.

— הער זיך איין, נעלי, — האָט ער אָנגעהויבען קוקענדיג אין א זייט, — דאָ איז ניטאָ וואָס צו שפּאַסען... איך פאַרשטעה... אפשר דאַרף איך ווירקליך איהם צושפּאַלטען דעם קאָפּ אופ'ן אָרט... און זיך אויך פאַראיינס... שווער עמוואָס בעסערס צוצוטראַכטען!... אבער וואָס וועט דערפון אַרויסקומען?... פאַריכטען קען מען דערמיט, סיי

ווי סיי גאַרניט... און דו וואָלסט מיר אפשר פאַרהאַס טראַן... אך! פאַרשאָלטענע פרויען נשמה!...

נעלי האָט געשוויגען.

ארבוזאָוו, האָט מיט אונזיכערע טריט זיך געריהרט פון אָרט און איז צוגעגאַנגען צו איהר און זיך ווידער אַראָפּגעלאָזען אויף די קני. ער האָט ווי א קליינינקער ארויפגעלייגט אויף איהר שוואַרצען קליי־דעל זיין גרויסען געקרויזטען קאָפּ. איהר ווייכע ווארימע קני האָבען גענומען ציטערען אונטער דער גראָבער מאַטעריע פון קליידעל. עס זענען פאַריבער אייניגע מינוטען, און מיט אַמאָל האָט א צערטליכע לייכטע האַנט ליעבליך און צאַרט גענומען גלעטען זיינע צושורפּעטע איינגעשפּאַרטע האָר. ער האָט בלויז א ציטער געטאַן און זיך נאָך שטאַרקער צוגעדריקט מיט'ן באַק צו איהרע קני.

— ליעבער, ליעבער מיינער, דו מיין גוטער!... — שטיל, פּונקט ווי זי וואָלט איהם איינוויגען, האָט געשעפּטשעט נעלי, און מאָדנע אזוי האָט געקלונגען איהר טרויעריגער צערטליכער געמורמעל, וועלכען מען האָט קוים געקענט הערען אין דער פינסטערניש און שטילקייט פון אבענט. זי האָט געקוקט איבער זיין קאָפּ מיט ברייט צועפענטע דונקעלע אויגען און שטילע אונבאַמערקטע טרערען זענען ווידער גע־רונען איבער איהרע בלאַסע באַקען.

— ליעבער!

ארבוזאָוו, האָט פלינק אויפגעהויבען דעם קאָפּ. טרערען פון טי־פען רחמנות און ליעבע האָבען פאַרגאָסען זיין האַרץ. זיינע ליפּען, האָבען אזוי ווי געגען זיין ווילען באַגעגענט מיט די ווייכע, הייסע פון טרערען פרויען ליפּען. עפּעס האָט גענומען זינגען ארום, די ווענט זענען ווי ענטרונען, דער דיל האָט גענומען לאַנגזאַם שווימען פון אונ־טער די קני. אלעס וואָס איז דורכגעלעבט געוואָרען: אייפערזוכט, ליידען, כעס, אליץ וואָס איז געווען, האָט אָפּגעטראָטען אַן א זייט, און עס איז בלויז געבליבען אָט דער ליעבער, שוואַכער און שוצלאָזער פרויען קערפּער, וועלכער האָט זיך אזוי געהאַרכזאַם און ווייך איבער־געגעבען אין זיינע אייזערנע הענט.

— טייערע, גאָלדענע מיינע, ליעבע!... — האָט געשעפּטשעט ארבוזאָוו קושענדיג איהרע הייסע ליפּען, נאַסע באַקען און אויגען, איהרע האָר און איהר ברוסט.

— ליעבסטו מיך טאקע? ליעבסטו? וועסט פארגעבען?... פאר אלעס?... — האט אהן א פארבינדונג, ווי אין חלום גערעט נעלי, זיך טולענדיג צו איהם מיט איהר גאנצען קערפער.

מיט אמאל האט ארבוזאוו מיט'ן באק דערפיהלט איהר פולען גרויסען בויך, וואס איז געווען אזוי קיילעכדיג און העסליך. א מורא'דיגער ציטער פון עקעל האט איהם אפגעשטויסען. מיט א גוואלדיגער אנשטרענגונג, כמעט אראפגעהענדיג פון זינען, פיהלענדיג אז ער מאכט פון אלעם א תל, האט ער זיך געוואלט צווינגען נאך אמאל זי ארומנעמען, זי נאך שטארקער ארומנעמען, דריקען זי ביז וועהטאג, דערשטיקען אי זי אי זיין אייגענעם עקעל אין אט דעם אומארעמען, און האט ניט געקענט.

— אי — אי! — האט ער אנגעהויבען קרעכצען.

נעלי האט אראפגעלאזען די הענט, וועלכע האבען זיך אראפגעגליטשט פון זיין האלז, און געקוקט אויף איהם מיט איבערגליקליכע ניט פארשטעהענדיגע אויגען, און זיך איינגאנצען געצויגען צו איהם. ארבוזאוו האט זיך געכאפט פאר'ן קאפ. מיט אמאל האט זיך א שרעקליכע בלאסקייט צוגאסען איבער איהר געזיכט. די אויגען זענען געווארען שארף, זי האט פארשטאנען. א שטאלצער און בייזער אויסדרוק האט זיך באוויזען אין איהרע אויגען.

נעלי איז לאנגזאם אויפגעשטאנען.

— געהט אוועק! — האט זי קאלט ארויסגערעט.

אין א ווילדען אויסברוך פון פארצווייפלונג, פיהלענדיג אז אלעס ווערט צושטערט, האט זיך ארבוזאוו א ווארף געטאן צו איהר און זי געוואלט ארומנעמען מיט גוואלד.

— נעלי, פארגיב מיר... אבער, זעה, איך קען דאך ניט... גלייך אין איין מאל פארגעסען... דו מוזט דאס פארשטעהן... נעלי!

— ניין אזוינע זאכען פארגיט מען קיינמאל ניט זאכאר מאקסימאוויטש, — האט קאלט געענטפערט נעלי. — און איהר זענט ניט אזא מענש... געהט געזונט, און לאזט מיך צו רוה. מיר טוט דאך אזוי וועה! — האט זי אין פארצווייפלונג אויסגעשריען!

— קיינמאל ניט־! — האט געענטפערט ארבוזאוו און זיין שטים האט זיך ווילד צוטראגען איבער דעם גאנצען הויז.

— עט, ניט געפערליך... האט מיט א שפּאָטישען שמייכעל געענטפערט נעלי, אזוי זאָגען אלע.

— אלע — זענען ניט איך!

— און איהר זענט ניט אזוי ווי אלע?... איך האב אליין אזוי געטראַכט, אָבער איצט זעה איך, אז איך האב א טעות געהאַט... וואָס ווילט איהר האָבען פון מיר?... מיין קערפּער? טאָ נעהמט איהם אלע, פארשאָלטענע זאָל ער זיין!... אָבער לאָזט מיך צורוה... נו, וואָס? איהר ווילט מיך האָבען פאר אייער געליעבטער?... גוט!... נעהמט מיך! נעהמט זשע!... גלייך!... אַך, גאָט מיינער, וואָלט כאָטש דער טויט געקומען גיכער!

ארבוזאָוו האָט געוואָלט עפּעס זאָגען. נאָר זיין שטים האָט זיך איבערגעריסען. ער האָט מיט אמאָל דערפיהלט און פארשטאַנען מיט זיין גאַנצען וועזען אז דאָס מאָל איז אלעס צו ענדע.

נעלי האָט געוואָרט. עס קען זיין, אז אין דער מינוט וואָלט איין וואָרט, איין קליינינקע לאַסקע געווען גענוג כדי איהר קראַנקע און פארביטערטע הארץ זאָל זיך צוגעהן אין אן אונענדליכער ליעבע.

נאָר ארבוזאָוו האָט געשוויגען און נעלי האָט דערהערט אז ער וויינט. ארבוזאָוו איז געזעסען אויף יענעם פּלאַץ, פון וועלכען נעלי איז אויפגעשטאַנען, ער האָט פארלייגט די קאָפּ אויף די הענט און האָט געוויינט. הייזעריג, ווי דאָס בילען פון א הונט האָבען זיך ארויסגעריסען די קלאַנגען פון דעם מאָדנעם מאַנסבילשען געוויין. נעלי האָט ווי א וואַנזיניגע זיך א וואָרף געטאָן צו איהם, נאָר זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און פארבראָכען די הענט.

— הערט אויף! — האָט זי א געשריי אין פארצווייפלונג. — ווי שעמט איהר זיך ניט... איך האָב אייך אמאָל ניט אזוינעם... גע־קענט... איהר, ארביזאָוו וויינט וואָס א פרוי האָט ליעב אן אנדערען....

— וואָס? — האָט אויטאָמאַטיש איבערגעפרעגט ארבוזאָוו.

אין נעלי'ס אויגען האָט דורכגעשוועבט עפּעס א מין פארצווייפעלטער געדאַנק.

— נו יאַ, ליעבט...

זי האָט געשוויגען א ווילע, אזוי ווי זי וואָלט זיך צוזאַמענגע־קליבען מיט כוח און האָט אויסגערעכענט און גרוזאַם פארענדיגט:

— ליעבע! ניט קוקענדיג אויף קיין זאַך, ליעבט זי דאָך!...

איהר הערט?... דאָס האָב איך אייך געלייגט, אַז איך האָב איהם אויפגעהערט צו ליעבען... איהר הערט איך האָב איהם ליעב!... איך האָב און ליעב... בלויז איהם איינעם האָב איך ליעב... און איהר... זענט מיר לעכערליך!... איהר הערט, לעכערליך... ער האָט אַלעס גע־נומען און אוועקגעוואָרפען... דאָס איז אַ מאַן!... און איהר וויינט ווי אַ באַביצע!...

איך האָב איהם ליעב... איהר הערט, ליעב!... זאָל ער נאָר וועלען וועל איך צו איהם פון אייך אויף די קני קומען צוקריכען!... ווי אַ הונט!... הערט־זשע, נו?

אַ שטאַרקע האַנט האָט אין מורא'דיגע קאָנוואַלסיוו צונויפגע־דריקט איהר האַלז. נעלי'ן איז פינסטער געוואָרען אין די אויגען. רויטע קרייזען האָבען גענומען שווימען ערגעץ אַוואו פאַרביי.

אַי — אַי... האָט ווילד געברומט אַרבוזאָוו, דו שפּעטסט נאָך און לאַכסט אויס... איך וועל דיך דער'הרג'ענען... דו אומגליקליכער אויסוואורף...

נעלי האָט זיך ניט געוועהרט. איהרע דונקעלע האָר, האָבען זיך צושאַרט איבער די דאַרע פּלייצעס און זי אינגאַנצען האָט זיך אויס־געבויגען וויא צוויג, אינסטינקטיוו זיך מיענדיג איינצוהאַלטען אויף די פיס. איהר פּנים איז בלוי געוואָרען, די אויגען זענען אַרויסגע־קראָכען פון קאָפּ, און די אויסגעטאַרטשעטע ציין האָבען געבליסטשעט אין דער פינסטער. זי האָט אָנגעהויבען כריפּען.

מיט אַמאָל האָט אַרבוזאָוו מיט אַ מורא'דיגען שטויס זי אַפּגע־וואָרפען אַן אַ זייט. נעלי האָט זיך אַ זעץ געטאָן מיט'ן זייט אָן אַ סלופּ. זי האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר'ן טישטוך, האָט זיך אויסגעגליטשט און אַלעס אַרונטערגעשלעפּט פון טיש, און אַליין געפאַלען אויפ'ן דיל. אַרבוזאָוו האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו איהר. שרעק, רחמנות, ליעבע און שאַנדע האָבען געריסען זיין האַרץ אין שטיקער.

— נעלי! האָט ער אַ געשריי געטאָן אין פאַרצווייפלונג. איהם האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז ער האָט זי דער'הרג'עט.

נעלי האָט זיך אויפגעהויבען, אוועקגעזעצט און כמעט ווי רוהיג אויפגעהויבען די הענט כדי צו צונויפנעמען די האָר. זי האָט עפּעס געזאָגט, אָבער אַזוי שטיל אַז ער האָט ניט געהערט.

— וואָס? נעלי, פאַרגיב, פאַרגיב מיר... איך בין פון זינען

אראפ!... — האט ער געמורמעלט וויינענדיג און זיך באמיהענדיג זי אויפצוהויבען.

— א שאד, וואס דו האסט מיך ניט דערשטיקט! — האט שטיל ארויסגערעדט נעלי און זיך צולאכט.

ארבוזאוו האט זיך אנגעכאפט פאר'ן קאפ און איז ווי בליץ שנעל, אהן א היטעל ארויס פון צימער.

— זאריא! — האט א געשריי געטאן נעלי, און ווי א פארלארענע אויף די קני גענומען קריכען נאך איהם.

נאר ארבוזאוו האט ניט געהערט.

15.

טראיקע האט געווארט אויף איהם, נאר ארבוזאוו האט זי ניט באמערקט. און איז דורכגעגאנגען פארביי וואקלענדיג און האלטענדיג דעם קאפ מיט די הענט. אין דער פינסטער האט ער זיך אנגעשטויסען אויפ'ן סלופ פון טראטואר, און ביז בלוט צושלאגען די קני, נאר ער האט דאס ניט באמערקט.

אימיצער האט איהם א רוף געטאן:

— זאכאר מאקסימיטש!... וואוהין געהט איהר דאס... אהן א היטעל? וואס האט פאסירט?...

ארבוזאוו האט אויפגעהויבען דעם קאפ און דערקענט דעם ווייסען קיטעל מיט'ן גרויסען מאנטעל פון דעם קארנעט קראווזע און האט זיך צולאכט, ווי א משוגע'נער.

— וואס איז מיט אייך? — האט ערענסט געפרעגט דער קארנעט.

— גארניט, מיין פריינד!... — און קיין היטעל דארף מען ניט... איז לעבען, ווייזט זיך ארויס, קען מען זיך באגעהן אהן א הארץ, איז וואס איז שוין דא צו ריידען פון א היטעל!...

דער קארנעט קראוזע האט ערענסט און אויפמערקזאם אויסגע־הערט אט דעם ווילדען אויסברוך.

— קומט צו מיר, — האט ער געזאגט.

ארבוזאוו האט זיך ווידער צולאכט.

— דענקסט, געוויס, אז איך בין פון זינען אראפ?... אזוינע מענשען ווי איך, אין דעם איז דער גאנצער אומגליק אונזערער, ווערען קיינמאל ניט משוגע, אלעם וועלען זיי איבערליידען, נידערטרעכטיגע, אלעם איבערטראגען. א... נו וואס, קום... בראנפען האסטו?

עס איז דא וויין — האט געזאגט קארנעט קראוזע, און האט זיך אויפמערקזאם גענומען צוקוקען צו ארבוזאוו'ן.

—צום טייוועל מיט וויין!... בראנפען דארף מען!

— עס וועט זיין בראנפען — האט צוגעשטימט דער קארנעט קראוזע.

— נו, קומט.

— נאך אייך פאהרען די פערד, — האט באמערקט קראוזע — מען דארף זיי אוועקשיקען אהיים.

— די פערד? א, יא... זאלען זיי געהן צום טייפעל, — האט א מאך געטאן מיט'ן האנט ארבוזאוו.

— ניין דאס איז אונבאקוועם, — האט באמערקט קראוזע. ער איז צוגעגאנגען צו דער טראיקע און באפוילען דעם פאהרמאן מיט אן אנדער גאס צופאהרען צו זיין הויז. דערנאך האט ער זיך אומגע־קערט צו ארבוזאוו'ן.

— פארטיג, מיר קענען געהן, — האט געזאגט קראוזע אנריה־רענדיג איהם פאר'ן פלייצע.

— א?... יא ברודער... מען קען, מען קען, מען קען... — האט געענטפערט ארבוזאוו, מיט א זינלאזען שמייכעל צוגעגעבען: —

— און איך, ברודער לעבען, האב שיעור א מענשען ניט דער־הרג'עט...

קארנעט קראוזע האט אויפמערקזאם אויסגעהערט.

— גוט. אבער וועגען דעם שפעטער. פונדעסטוועגען האט איהר דאך ניט דער'הרג'עט?... קומט. ער האט גענומען ארבוזאוו'ן אונ־טער'ן האנט און האט איהם אוועקגעפיהרט.

ארבוזאוו איז געגאנגען זיך וואקלענדיג און ממש קוים געשלעפט די פיס.

— דא איז א סלופ, צושלאגט זיך ניט... איצט אהער... נו, און אט זענען מיר שוין געקומען... ניט ווייט, — האט געזאגט דער קארנעט עפענענדיג דאס טירל און דורכלאזענדיג ארבוזאוו'ן אויף צו פריהער.

אין פארהויז, וואו עס האט געוואוינט דער קארנעט קראוזע, האט געשמעקט מיט זעלנערשען בארשט און זעלנערשע קליידער. דער קארנעט האט אנגעטאפט דאס הענטעל פון טיר, אריינגעלאזט ארבוזאוו'ן, האט געפונען א שוועבעלע און אנגעצונדען דעם לאמפ, און אויפ'ן וועג האט ער אויסגעטאן זיין מאנטעל, און איז צוריק ארוים אין פארהויז.

— זאכארטשענקא! — האט ער א געשריי געטאן צו אימיצען אין דער פינסטער און דערנאך שטילערהייט לאנג גערעט מיט איהם.

— איך הער, מיין הער, — האט געענטפערט די שטים פון א סאלדאט. קראוזע האט זיך אומגעקערט.

— באלד וועט זיין בראנפען, — האט ער געזאגט.

ארבוזאוו איז געשטאנען אין מיטען צימער, דארטען וואו דער קארנעט האט איהם איבערגעלאזען און געקוקט אויפ'ן דיל. קראוזע האט א טראכט געטאן, האט איהם גענומען פאר די פלייצעס און אוועקגעזעצט ביים טיש. ארבוזאוו האט זיך געהארכזאם געזעצט, און פונקט ווי ער וואלט דעם צימער צום ערשטען מאל געזעהן, האט ער איהם גענומען באטראכטען און באקוקען מיט א מאדנע־קריינקליכען און נייגעריגען שמייכעל.

עס איז דא גאנץ גוט ביי דיר — האט ער גוטמוטיג באמערקט.

— יא, איך האב זיך ניט שלעכט איינגעארדענט, — האט צוגעשטימט קראוזע — איך האב ליעב קאמפארט.

דער צימער איז געווען א גרויסער, שוין אפילו אביסעל צו גרויס פאר איין מענשען. די בעט איז געשטאנען אונטער א ווענטעל, ביים וואנט איז געשטאנען א טערקישער דיוואן. דער גרויסער שרייב־טיש האט געבלאנקט מיט א פראכטפולען מארמאנעם שרייב־געצייג. עס איז אויך געשטאנען א וויג־שטול. אויפ'ן דיל איז געלעגען א פעל פון א וואלף און איבער'ן דיוואן איז געהאנגען א טעפיך, אויפ'ן טעפיך אין

אַ מעטאַלישען האַלב קרייז זענען געהאַנגען די שווערדען, ביקסען, רעוואָלווערען, שטאַר אָפּשפּיגלענדיג זייערע ניקעלנע טיילען. אין אַ ווינקעל איז געשטאַנען אַ שאַפּקעלע מיט נאָטען, און די מאָדנע לאַנגע העלזעל פון דער וויאָלאָנטשעל האָט געהיימניספול ארויסגעקוקט פון אונטער דעם זאַק. עס האָט געשמעקט מיט פּאַרפיום און טיטון. עס האָט זיך אומגעקערט זיין באַדינער, דער סאָלדאַט, ער האָט געבראַכט בראָנפען, גלעזלעך, טעלער מיט עפּעס אַ געזאַלצענעם פאַרבייסען. ער האָט אַלעם אוועקגעשטעלט אויף דעם טיש און איז אוועק.

— מען וועט באַלד דערלאַנגען דעם סאַמאָוואַר, — האָט געזאָגט קראַוזע.

— דעם סאַמאָוואַר? — עט נאַרישקייטען!... מיר וועלען בעסער טרינקען בראָנפען, — האָט געענטפערט אַרבוזאָוו. ער האָט אָנגעגאָסען און אויסגעטרונקען.

קראַוזע האָט זיך ניט צוגעריהרט צו זיין גלעזעל.

אַרבוזאָוו האָט געטרונקען נאָך און נאָך.

— הער זיך איין קאַרנעט, אין ליעבע גלויבסטו? — האָט איין מיט'ן דערינען געפרעגט אַרבוזאָוו, מיט אַ קרומען שמייכעל.

— איך האָב קיינמאָל ניט געליעבט און דערפאַר קען איך ניט זאָגען קיין באַשטימטעס, — האָט געענטפערט קראַוזע.

— האָסט ניט געליעבט? נו, איז דאָס דיין גליק!... אָבער אַזוי אין אַלגעמיין קענסטו דערלאָזען, גלויבען?

— געוויס קען איך ניט, ניט דערלאָזען אָט דעם געפיהל, — האָט געזאָגט דער קאַרנעט קראַוזע. — דאָס, דאָס מוז זיין זעהר אַ שטאַרקער געפיהל! — האָט ער אַ טראַכטענדיג, צוגעגעבען ווי אַ בעל־דעת.

— און איך, ברודער, האָב געליעבט... מיר וועלען אויסטרינקען.

— גוט, לאָמיר אויסטרינקען... איך וויים, איהר זענט זעהר אַן אומגליקליכער מענש, — האָט באַמערקט קראַוזע.

אַרבוזאָוו האָט אָנגעשטעלט אויף איהם די אויגען.—דו ווייסט?... נו, גוט... און אומגליקליך וועל איך, אַרבוזאָוו, ניט זיין!... דאָס איז אַ משוגעת, קראַוזע... עס וועט איבערגעהן!... אָט וועלען מיר אויסטרינקען און עס וועט אַלעס פאַריבער.

— יעדער מענש קען זיין אומגליקליך, — האָט פאַרניפּטיג,

געענטפערט דער קארנעט. — און כאַטש איהר, ארבוזאוו, זענט א רייכער מענש, דאַך קענט איהר לײדען ווי יעדער איינער. און דערצו קען מען ניט העלפען מיט'ן אויסגעטרונקענעם בראַנפען.

— דו זאגסט אז אלע זענען אומגליקליכע? איז דאס דען ווירק־ליך אזוי, איז דען ניטאַ קיין גליקליכע?... נו, אַט יענע וועמען אליין אין די הענט עס גיט זיך אלעס... אי א טאַלאַנט, אי ערפאָלג, און צו וועמען די געליעבטע פרוי וועט אויף די קני קומען צוקריכען ביים ערשטען רוף...

— דאס איז נאָך ניט קיין גליק, — האָט אויסגעזשעצט דער קארנעט. — א טאַלאַנט, דענק איך איז מעהר לײדען, ווי גליק, ער־פאָלג איז א פאַרהעלטניסמעסיגע זאַך, און איין פרוי קען ניט אויס־פיהלען דאס גאַנצע לעבען.

— און מיין לעבען אַט האָט זי דאָך אויסגעפיהלט.

— דאס דוכט זיך אייך בלויז אזוי, ווייל איהר זענט צובאַ־וועט, און פון קינדהייט אָן טוט איהר אבסאָלוט גאָרניט, אימער יום־טוב'דיג פריי, איהר זענט געוואוינט אז אלע אייערע פאַרלאַנגען זאָלען ערפיהלט ווערען, און ווען מען האָט אייך ניט געגעבען וואס איהר האָט געוואָלט, דוכט זיך אייך שוין, אז אלעס איז פאַרלאָרען. און דאס גאַנצע גליק איז בלויז אין דעם... אין אַט דער פרוי, אבער דאס איז בלויז אזוי... ווען אַט די פרוי זאָל זיך געווען פאַרליעבען אין אייך, וואָלט זי שוין גאָר ניט געווען פאַר אייך אזוי פיעל, און עס קען זיין, אז זי וואָלט אייך נאָך געשטערט צו לעבען.

ארבוזאוו האָט א דערשלאָגענער זיך איינגעהערט, און א קוט־שמע שווארצע האָר זענען איהם אראָפּגעהאַנגען אויפ'ן שטערען.

— — איך האָב קיינמאָל ניט געליעבט, נאָר איך האָב, איך האָב א סך געטראַכט אי וועגען לעבען, אי וועגען ליעבע, און בין געקומען צום שלום...

ארבוזאוו האָט זיך צולאַכט.

— אך דו דייטשוק, דייטשוק... דו פּינקטליכער... געדענקט און געטראַכט און געקומען צו א שלום, געמאַכט א חבור און חסור... איז וואס געוואָרען?... דאַ ברודער, קען מען צו קיין שלום ניט קו־מען... דאַ איז א ומעגליך זיך צו עפּעס וואס צו דערטראַכטען, קיין

חסור קענסטו אויך ניט מאכען... ווען מען ווארפט דיך אליין ארויס... ווייסטו וואס אזוינס איז ליעבע?

— איך האב אייך שוין געזאגט. — האט דער קארנעט קראוזע געוואלט אנהויבען.

— שטעה, ווארט א ווייל, האט איהם איבערגעשלאגען ארבו־זאוו, אנכאפענדיג ביים האנט און אויסגעבויגען זי אויף ארונטער. — איך וועל דיר זאגען... ליעבע, ברודער, דאס איז... ווען דו פאר־לירסט דיין שכל, ווען דאס הארץ טוט וועה, און אט דא ברענט... ווען דו ביזט אייפערזיכטיג, האסט און פאראכטעסט און קענסט ניט לעבען אהן איהר. ווען דו פארליעבסט זיך הויבסטו אן קוקען אויף דער גאנצער וועלט דורך איהר... וועסט גאנצע נעכט שטעהן אונ־טער איהרע פענסטער, וועסט קושען איהרע פיס, וועסט אלץ פאר־געבען אלץ אריבערטראגען... און וועסט אפילו וועלען, אז עס זאל דיר נאך מעהר וועהטאן! וועסט דורך די נעכט וויינען, אויב די פרוי האט אנגעכמורעט איהרע ברעמען און דיר קיין צערטליכען בליק ניט געשענקט... און דו וועסט זינגען און לאכען פון פרייד, אויב זי וועט דיך צערטליך א קוש טאן ביים נגענען... דו וועסט קריינקען, זיך אריינוווארפען אין א מיאוס'ער אויסגעלאסענהייט, דו וועסט ביז צום טויט פארמוטשען די פראסטיטוטקעס און דערנאך וועסטו זיך ארומ־וואשען און פארקעמען און וועסט קומען אזא רייניגקער, אזא שטי־לינקער, און ווי א הונט וועסטו איהר אריינקוקען אין די אויגען!... וועסט איהר פאר'ן האלז כאפען, וועסטו אבער ניט דערווארגען... ווענסט שלאגען און מאטערען, און דערנאך וויינען פון רחמנות, און יעדער געשעדיגטען פלאץ קושען... און דערנאך...

— איך ווייס ניט... וואס איהר רעט... דאס איז עפעס א מין משוגעת? — האט באמערקט קארנעט קראוזע מיט עקעל.

ארבוזאוו האט נאך שטארקער איהם אנגעכאפט פאר'ן האנט.

— אך, דו, ארימער דייטשוק! אין דעם איז דאך דאס גאנצע גליק, וואס עס איז א משוגעת... ווען מען קען אינגאנצען פון זינען אראפ! ווען מען זאל קענען זיך אליין אויף שטיקלעך צושניידען, און זי זאל שטעהן און לאכען, און פלעסקען מיט די הענט!

— וואס־זשע פאר א גליק איז דאס, דאס איז דאך ליידען!

— און אין ליידען איז דען ניטא קיין געגום?... אך, דו פאר־

שטעהסט גאר ניט!... פארטיף זיך, ברודער, טראכט זיך אריין אין דעם ענין, קום צו געוויסע שליסע... דו ווערסט אלץ איינס גאר ניט פארשטעהן!... און ווייסטו, ווען דו שטעהסט אין א טונקעלען ווינ־קעל, און זי האט ארויפגעווארפען א שאלכעל אויף די פּלייצעס און גנב'ט זיך דורך פארביי צו אן אנדער'ן... דו שטעהסט און זעהסט, דורך די ווענט זעהסטו; אט געהט זי אריין, שעמט זיך, ווערט רויט... זי וויים נאך וואס זי איז געקומען, אויף וואס ער דארף זי... און ער איילט זיך, רייסט דאס קלייד, קנייטשט... דו האסט אפשר פאר דיין גאנצען לעבען, בלויז געזעהן איהר האנט, און פאר איהם שטעהט זי איינגאנצען א נאקעטע אן אונפארשעהמטע. וואס ער וויל דאס טוט ער מיט איהר... ער וואלגערט אויף'ן בעט דיין הייליגקייט, ווי א פּראסטיטוטקע... ער קריכט פון דער הויט אום וואס מעהר צו קריגען פאר זיין געלט... און זי גיט זיך צו אלעם אונטער, דאנקט איהם פאר'ן גליק וואס ער האט איהר געשענקט... קושט איהם די האנט! דערנאך פיהלט ער זיך מיעד, רוקט זיך אפּ, פארוויכערט א פּאפּי־ראס... מעהר דארף ער זי ניט!... אין דרויסען טאגט, און זי וועט זיך, ווי א שאטען, ווידער דורכגליטשען פארביי דיר... די האר זע־נען צולאזען, דאס קלייד צוקנייטשט און קרום אנגעטאן... זי איז מיעד, פארמאטערט... און דו שטעהסט אלץ... שטעהסט...

— טרינק קראוזע! — האט א געשריי געטאן ארבוזאוו. ער האט גערעדט ווי אין חלום. און אין זיינע שפּרינגענדיגע רייד, וואו עס האט זיך ניט געקלעפּט א ווארט צו א ווארט, האט מען ניט געקענט געפינען קיין זין.

— מען קען אויסטרינקען, — האט געזאגט דער קארנעט קראו־זע, — נאר דאס אלעס וואס איהר האט דערצעהלט איז שרעקליך. און איך פארשטעה ניט ווי קען מען דאס איבערלעבען...

ארבוזאוו האט זיך פריידיג צולאכט.

— א, דו פארשטעהסט ניט?... איך פארשטעה אויך ניט... איך פארשטעה גארניט, מיין ליעבער דייטשוק... און אט, זעהסטו, איך האב איבערגעלעבט.

ארבוזאוו האט א קוק געטאן אויף איהם מיט א שווערען און שיכור'ען בליק...

— איך... — האט ער קורץ געענטפערט און א געשריי געטאן:

— טרינק, ברודער, זאָל זיך זיין וואָס עס וויל... טרינק!

— קראַוזע האָט אָנגעגאָסען אוןביידע האָבען אויסגעטרונקען. ארבוזאָוו האָט זיך פאַרטראַכט אונטערשפּאַרענדיג דעם קאָפּ מיט'ן האַנט.

דער לאַנגער קראַוזע איז געזעסען שווייגענדיג און אויפמערקזאַם געקוקט אויף איהם.

— יאַ, — האָט אָנגעהויבען ארבוזאָוו לאַנגזאַם, ווי ער וואָלט קומען צו זיך פון אַ טיעפער פאַרטראַכטונג, — דאָס איז ניט קיין מאַטימאַטיק, קראַוזע, קראַוזע.

— סיי גליק, סיי ליידען, סיי דאָס לעבען אַליין זענען ניט קיין מאַטימאַטיק...

...קיינמאָל, קיינמאָל, וועט זיך מענשען ניט איינגעבען ברענגען אַלעס צו איין אויסרעכענונג... און פאַלגליך, פאַלגליך... שטעה, וואַרט צו!... איך בין דאַכט זיך אינגאַנצען שיכור... איך האָב דריי טאָג געטרונקען אין אַ שענק... איבריגענס וועלען מיר נאָך אביסעל אויסטרינקען.

— גוט, — האָט צוגעשטימט קראַוזע און האָט אָנגעגאָסען.

— הער זיך איין, קראַוזע, האָט אָנגעהויבען ארבוזאָוו לאַנג־זאַם און צוצויגען, — וואָס וואָלט זיין, ווען איך וואָלט אַ מענשען דער'הרג'ט?

— דאָס וואָלט הייסען אַ מאָרד. — האָט געזאָגט קאַרנעט קראַוזע.

ארבוזאָוו האָט זיך צולאַכט.

— ריכטיג!... דו ביזט אַ קלוגער דייטש!... געוויס, — בלויז אַ מאָרד... און דאָס אַלעס... אַט עסט דו מיטאָג ברויט, אַט טוסטו די אַנדערע נויטיגסטע זאַכען, אַט באַגעהסטו אַ מאָרד... דאָס אַלעס... און עס איז ניטאָ איבער וואָס דעם קאָפּ צו ברעכען און זיך מאַטער־רען... אַ מאָרד און מעהר גאָרניט!... איינמאָל האָב איך אַ הונט דער־הרג'עט... פון רעוואָלווער אַ קויל געשאָסען... דערנאָך האָב איך לאַנג ניט געקענט שלאָפען... איך האָב שוין אָנגעהויבען פאַרגעסען, און מיט אַמאָל אין מיט'ן דערנאַכט זיך דערמאָנט ווי ער האָט זיך גע־דרעהט אין שניי, און געצויגען די פיס... און שפּעטער גאָרניט, איך האָב זיך פאַרגעסען... איך געדענק אַז אַ פּאָר מאָל האָב איך מיט פאַרגעניגען דערצעהלט וועגען מיינע געפיהלען צו אייניגע פריילינס...

און דערביי געפיהלט אפילו א געוויסען שטאלץ: אט האב איך דער־הרג'עט און גארניט... איהר זעהט ס'ארא שטארקער מענש איך בין!... אויף יאגד איז אויך אזוי. עס איז אונאנגענעם אראפצודרעהען א לע־גלייך.

בעדיגען פויגעל דעם קאפ, און האסטו אראפגעדרעהט, פארגעסטו
דאס איז אלץ נארישקייטען, קראוזע... וועסט ערמארדען און

— גארניט... קראוזע, א מענש איז בעסער פון א הונט?

— איך ווייס ניט... איך גלויב ניט, — האט געענטפערט דער קארנעט.

— און איך גלויב אויך ניט... אפשר וועל איך דער'הרג'ענען. אט איך ווייס בלויז ניט וועמען: זי, צו איהם, אדער זיך?... ווי דענקסטו?

— גלייכער פון אלץ איז נאך מיין מיינונג צו דער'הרג'ענען איהם... — האט א טראכטענדיג געזאגט דער קארנעט קראוזע.

— בראווא!... ווירקליך — דאס איז דאס פארניפטיגסטע!... דאס איז דאך טאקע דער עיקר, דאס איז דאס גלייכסטע און פראַ־נינפטיגסטע, אבער, ווען דו האסט איהם ליעב, וואס טוסטו דאן, קראוזע?

— דאן זי... זיך....

— אדער וועמען־זשע? איז מיט א ווילדער איינגעשפארטקייט צוגעשטאנען ארבוזאוו. זיינע אויגען זענען געווען פארגאסען.

— איך דענק אז זיך.

— פארוואס?

— ווייל אויב דו וועסט זי דער'הרג'ענען, וועסטו דיין גאנצען לעבען ליידען פון רחמנות.

— ריכטיג!... באמת וועל איך דען קענען פארגעסען, ווי אזוי זי וועט אויך מיר א קוק טאן אין דער לעצטער מינוט... זי וועט זיך מיר פארשטעלען א קליינינקע, א שוואכינקע, און איך האב זי דער־הרג'עט!... בעסער זיך קראוזע.

— יא, דאס איז ווירקליך בעסער.

— נו, און אויב איך וועל זיך ערמארדען, וועט זיך מיר ניט פארשטעלען אין דער לעצטער מינוט אז דורך מיין קבר וועט זי געהן צו איהם?... איך וועל פוילען אין דער ערד, און ער וועט זי אויס־

טאָן, און וועט נאָך צוטראַכטען עפּעס אַזוינס אויסערגעוועהנליכעס פאַר'ן געגנוס. איך געדענק קראָוזע אַז ווען איך בין אַלט געווען אַ יאָהר 20... האָב איך געהאַט אַ געליעבטע, אַ יונגינקע מיידעל... און דאָרטען ביי אונז אויפ'ן בית־עולם, איז געווען באַגראָבען אַן אָפיצער, וואָס איז באַגאַנגען זעלבסט־מאָרד. ביינאַכט בין איך געקומען מיט איהר אויפ'ן בית־עולם און אויף זיין קבר... דאָרטען איז געווען אַ גרויסער מאַרמאָרנער שטיין מיט אַ לאַנגען אויפשריפט... האָב איך זי לאַנג געמאַטערט אויף אַלערליי וועגען... אויפ'ן קאַלטען שטיין, דאָס הייסע נאַקעטע לייב... דו פאַרשטעהסט, קראָוזע?... און דאָס אינטערעסאַנטעסטע דערביי איז געווען דאָס, וואָס אונטער אונז ליגט אַ מת און פוילט, און איך לאָז זיך אריין אין אויסגעלאַסענהייט, און וואָס ווייטער אַלץ מיאוס'ער און שמוציגער!... זי האָט גע־וויינט, זי האָט מורא געהאַט פאַר'ן קבר... זי איז געווען אַ רעליגי־עזע... און דאָס האָט מיך נאָך אריינגעבראַכט אין גרעסערע אכזריות און ווילדקייט. נאָך איצט כאַפּט מיך אַן אַ שוידער, ווען איך דער־מאָן זיך אַן אָט דער נאַכט, אין דעם נאַקעטען ראָזעווען קערפּער, אויף דעם ווייסען קאַלטען שטיין... זי האָט געוויינט, אָבער זי האָט ניט געוואַגט זיך צו ווערען... זי האָט געליעבט... אַזוי אָט.

— יאָ, דאָס איז שרעקליך, — האָט געזאָגט קראָוזע.

— קיין שרעקליכעס איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ, דייטשוק... אַלעס איז קלייניגקייטען!... וואָס געהט עס איהם אָן דעם מת?... דאָרטען ברודער, איז צו אַלץ אַ סוף!... ס'אַרא מין גרויל, ס'אַרא מין שרעקליכע עברה, אָבער ווען דו שטאַרבסט ביזטו קוויט. אָט געדענק איך, אַז מיין פאָטער איז געשטאָרבען. ער ליגט אויפ'ן טיש, זיין געזיכט — מיט אַזוי פיעל ווירדע און ערענסט, די גרויע באָרד קוקט אַרויף... איך שטעה און קוק, און וויין... איך האָב זעהר ליעב געהאַט מיין פאָטער... אַ מאַנאַכין לייענט, די ליכט צאַנקען... עס איז ביינאַכט. מיט אַמאָל פאַלט מיר איין: וואָס וואָלט זיין ווען איך טו איהם אַ ציה פאַר'ן נאָז?... און עס האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ גרויל... פון דער וואַנט האָט אַראָפּגעקוקט אַן אַלט הייליג בילד, ביי איהם בליסטשען בלויז די ווייסלעך פון די אויגען... איך פיהל ווי מיינע פיס ווערען שוואַך, די הענט נעמען אָפּ... מיר דוכט זיך אַז עס וועט עטוואָס שרעקליכעס פאַרקומען... איך וועל פון זינען אַראָפּ, דער

טויטער וועט אויפשטעהן אין זיינע תכריכים און וועט מיך פארשטע־לען, דער הימעל וועט אויפגעשוידערט ווערען, און דער פארהאנג פון טעמפעל וועט זיך צורייסען... און די האנט ציהט זיך... אזוי ווי אימיצער וואלט זי שטופען... עס איז מורא'דיג, דאס הארץ שטארבט אפ... א קאלטער שווייס טרעט ארויס אויפ'ן שטערן... און די האנט ציהט זיך... איך וועל א שלעפ טאן!... ניין!... איך וויל א שלעפ טאן און האב א שלעפ געטאן.

— נו, און וואס? — האט נייגעריג געפרעגט דער קארנעט קראוזע.

— א קאלטער נאז געווען, — האט פויל געענטפערט ארבוזאוו און איז אנטשוויגען געווארען.

קראוזע האט אויך א ווײלע געשוויגען. און דערנאך האט ער מיט אמאל אויסגעשאסען אין א געלעכטער.

ארבוזאוו האט פארוואונדערט א קוק געטאן אויף איהם.

— וואס לאכסטו?

נאר קראוזע איז זיך נאך מעהר פארגאנגען. זיין לאנגער פנים האט זיך איינגאנצען צוקנייטשט, זיינע דינע מעפיסטאפעלסקע ברע־מען האבען זיך צוזאמען געצויגען, און דאס מויל האט זיך צוצויגען ביז די אויערען. ארבוזאוו'ן איז עפעס אונאנגענעם געווארען.

— הער אויף, — האט ער געזאגט, — הער אויף, נו!

נאר קראוזע האט ניט געהערט. ער האט אויפגעשפרונגען פון ארט, האט גענומען אומשפרייזען איבער'ן צימער, אט זיך איינבוי־געענדיג און אט זיך גוזעצט. זיין גאנצער קערפער האט זיך גע־טרייסעלט פון געלעכטער.

— וואס איז מיט דיר, — האט שיכור לאכענדיג א געשריי געטאן ארבוזאוו.

— א—כא—כא... כא... — איז זיך פארגאנגען קראוזע. ער איז איינגאנצען בלוי געווארען, זיך פארהוסט, געשנייצט דעם נאז, און געמאכט מיט די הענט.

א מאדנער שרעק האט באהערשט ארבוזאוו'ן. איהם האט זיך מיט אמאל אויסגעוויזען אז דאס איז גאר ניט קראוזע.

— אבער ווער אנטשוויגען! — האט זיך צושריען ארבוזאוו.

אנכאַפּענדיג דעם קאַרנעט ביי די פּלייצעס. — איך וועל דיך דער־הרג'ענען!

קראַוזע האָט זיך מיט אַמאָל איינגעשטילט, ער האָט אויסגעצוי־גען זיין געזיכט, און מיט ווירדע אויפגעהויבען זיינע קרומע ברעמען, האָט זיך אוועקגעזעצט און געזאָגט פאַלשטענדיג רוהיג:

— אפשר וועלען מיר נאָך אויסטרינקען?

איצט האָט אַרבוזאָוו געקוקט אויף איהם מיט נייגעריגקייט.

נו, איז דאָס א פאַלשטענדיגער דייטשוק! — האָט ער געזאָגט.

עס איז געוואָרען שטיל. דער לאָמפּ האָט שטאַר געברענט אויפ'ן טיש; דער טישטוך נאָס פון בראַנפען איז געוועזען שמוציג, ווי אין א שענק: טויטליך האָט אונטערגעבלאַנקט דאָס געוועהר אויפ'ן טעפּיך. הינטער'ן וואַנט איז געשטאַנען די שטילע נאַכט, און די דינינ־קע בלויע לבנה האָט מיט א גראַציעזען טרויער געפינקעלט אין ריינעם הימעל.

16.

גאַנץ פריה האָט דער דינער אויפגעוועקט קראַוז'ן.

אַרבוזאָוו איז נאָך געשלאָפען אויפ'ן דיוואַן, אין יענעם צימער וואו זיי האָבען ביינאַכט געטרונקען, וואו אויף דעם נים אויפגע־ראַמטען טיש זענען נאָך געשטאַנען שמוציגע טעלער, גלעזער און פלעשער. עס איז געווען שטיקענד, עס האָט געשמעקט מיט שטיוועל און מיט בראַנפען און מיט נאָך עפּעס. אַרבוזאָוו אַן אָנגעטאָנענער איז געלעגען אויפ'ן דיוואַן מיט'ן פּנים אַראָפּ. איין האַנט זיינע איז געווען אַזוי מאָדנע אויסגעדרעהט, און ווי א צובראָכענע האָט זי זיך אַראָפּגעהאָנגען ביז'ן דיל. אין א שפּאַרונג פון די לאָדען איז דורכגעגאַנגען, א שמאָלינקער גאָלדענער שטראַל פון דער זון, און א זייל שטויב, האָט ווי א רעגען־בויגען זיך פרעהליך געדרעהט און גע־

ציטערט אין דער פינסטערניש פון צימער. א גאָלדענער פּאַס איז קרום געלעגען אויפ'ן טיש, און אַ ווייסינקער שטערענדעל האָט העל געבּרענט אויפ'ן ברעג פון אַ צובּראָכענער גלאָז.

קראַוזע איז אומגעגאַנגען שטיל אום ניט אויפצואוועקען דעם גאַסט. ער האָט אָנגעטאָן אַ ריינעם מאַנטעל, מיט אַ זילבּערנעם איבּערבּינד און אַ שווערד, און איז מיט אַמאָל געוואָרען אַ שעהנער און פּאַרפּוצטער, אַז שוין אַבּיסעל צו פּראַכטפול האָט ער אויסגעזעהן.

אין דרויסען איז דער הימעל געווען בּלוי, די לופט ריין און פריידיג, די זון האָט געשיינט, און אויך ווי אַרומגעוואַשענע מיט מאָרגען-טוי זענען געווען די קלאַנגען.

עס איז נאָך געווען זעהר פריה. העל און נידריג האָט געשיינט די זון, אונטער די בּוימער און פּאַרקאַנס זענען געלעגען גרוי-בּלויע שאָטענס. אין די הייזער זענען נאָך כמעט געווען פאַרמאַכט אַלע לאַדען, און איבּער די גאַסען זענען געגאַנגען בּלויז ווייבּער מיט קריגלעך און קאַשעקעס אין מאַרק אריין, איבּעריאַגענדיג איינע די אַנדערע אַזוי ווי זיי וואָלטען זיך שלאָגען פאַר פרייד וואָס עס איז אַזוי ליכטיג, און גוט האָבּען געצוויטשערט די שפּערלינגע.

פון שטאָט האָבּען זיך דערטראָגען זעלטענע קלאַנגען פון קלויס-טער-גלאָק, וואָס האָט גערופען צום פריהמאָרגענדיגען געבּעט.

קראַוזעס רויטער פערד האָט געבּלאַנקט און געגלאַנצט אויפ'ן זון ווי גאָלד. פון הינטען איז געפּאָרען אַן אָרדינאַנץ-סאָלדאַט, און צוויי אויסערגעוועהנליך לאַנגע שאָטענס זיך פּלאָטערענדיג מיט די אונענדליכע פיס, זענען געקראָכען נאָך זיי איבּער דעם שטויבּיגען וועג.

אַלעס אַרום האָט אויסגעזעהן אַזוי דייטליך און פריש אין די העלע פריהמאָרגענדיגע פאַרבּען.

די איבּונגען זענען פאָרגעקומען גלייך הינטער'ן שטאָט, אויף דעם גרויסען און שטויבּיגען וועג. צוויי סאָלדאַטען פוס-געהער זענען געשטאַנען ביי אַ נידעריגען בּאַריער; בּיים וועג זענען געווען אָנגע-שטעלט שטרויענע קולעס, וועלכע האָבּען אַזוי טראַגי-קאָמיש צו-וואָרפען זייערע צושאָרפּעטע הענט, פּונקט ווי סטראַשידלעס אויף די גערטנער פון גרינג.

די איבּונגען האָבּען זיך שוין אָנגעהויבּען און די סאָלדאַטען

זענען אין איין לאַנגער שורע געפאָהרען איינער נאָך איינעם איבער'ן קרייז. די פערד האָבען געשאָקעלט מיט די קעפּ און געמאַכט מיט די ווידלען.

טרעניעוו — שטאַב־ראָטמייסטער, א בלאַסער מיט גרויסע וואָנצען, האָט זיך געגריסט מיט קראָוז'ן.

— עס איז א שעהנער וועטער — האָט ער געזאָגט וואַרפענדיג א פינסטערען בליק אויף די סאָלדאַטען און איז אָפּגעפאָהרען אויפ'ן מיטען קרייז.

אין א ברייטען קרייז, לאַנגזאַם, פּונקט ווי זיי וואָלטען זיך מיהען אויסטאַנצען און איבערטרעפען איינע די אַנדערע מיט דער לייכטקייט פון שפּאַז, זענען איינע נאָך איינע געגאַנגען גרויסע, רויטע פערד. זייערע לאַנגע שאָטענס זיך איבערפלעכטענדיג איינע מיט אַנדערע און פאַרביי שוועבענדיג זענען זיי געקראָכען איבער דער צוטראָטענער ערד.

— אויף לינקס ארום און ארום! האָט קורץ באַפעלען, טרעניעוו. און מיט אַמאָל האָבען אַלע פערד איינצייטיג גראַציעז א טאַנץ געטאָן אויף דעם פּלאַץ, האָבען זיך אויסגעדרעהט און אוועק איבער'ן קרייז אין דער געגענזייטיגער ריכטונג, ווי פריהער שאָקלענדיג מיט די קעפּ און פאָכענדיג מיט די ווידלען.

— רעכטס, ארום און ארום.

און ווידער א קורצער טאַנץ אויפ'ן פּלאַץ, און ווידער באַוועגט זיך מעסיג דער קרייז אין דער געגענזייטיגער ריכטונג. און יעדער פערד איז, אזוי ווי צוגעבונדען צום עק פון דעם צווייטען, וועלכער געהט פאַראויס.

די זון האָט זיך אנגעהויבען אויפהויבען. אונטער די ווערבעס אויפ'ן ברעג פון וועג זענען געלעגען שאָטענס. דאָרטען זענען געזעסען פרויען אין רויטע טיכלעך און גרופּעס אינגלעך האָבען געקוקט אויף די סאָלדאַטען און געלאַכט.

דערנאָך האָט מען אויפ'ן מיטען וועג אוועקגעלעגט א באַריער און א לאַנגע שורע סאָלדאַטען האָט זיך אויסגעצייגען ווייט פאַראויס אזוי אז זי האָט איבערגעשניטען דעם באַריער. קראָווזע האָט גענומען זיין פערד פאַר די קורצע לייצעס און האָט זיך אוועקגעשטעלט ביים רעכטען פלאַנג.

פון ווייטען האָט זיך אין אָפּגעריסענע קלאַנגען דערטראָגען די באַפעלען פון טרענעוו'ן.

און ווי אויסער זיין ווילען האָט זיך קראַוזע'ס פערד געריהרט, צונויפגענומען די פיס און נאַטירליכערווייזע אין די שטרעקע צווישען איהם און באַריער קלענער געוואָרען.

פון אונטען אונטער די פיס האָט דורכגעשוועבט א לאַנגער שטעקען, דאָס האַרץ האָט זיך א צאַפּעל געטאָן און דער באַריער איז געבליבען ווייט פון הינטען. קראַוזע האָט אויסגעקערעוועט דאָס פערד, איהם געלאָזען געהן מיט א קליינעם גאַלאָפּ. דערנאָך מיט א מעסיגען שפּאַן, און זיך אוועקגעשטעלט אַרום טרעניעוו'ן.

אין דער צווייטער זייט איז געשטאַנען דער וואַכמיסטער מיט א לאַנגער באָרד אויף אַן אַלטען דיקען פערד און בייז געקוקט אויף די סאָלדאַטען.

פון דעם רעכטען פליגעל אין דער שורה האָט זיך אָפּגעטיילט א יונגער סאָלדאַט, און עס איז געווען לייכט צו באַמערקען, ווי זיין פערד האָט אַלץ שטאַרקער און אָפטער פאַרנומען מיט די פיס די זאַמד. שטיקער טרוקענע ליים האָבען גענומען פליהען אין קראַוז'ן. עס האָט דורכגעשוועבט דאָס ווייס העמד און רויטע פערד פון סאָל־דאַט מיט די אויסגעצויגענע אונטערשטע פיס און צוזאַמענגענומענע פאָדערשטע. און איינער נאָך איינעם מיט אַנגעשטרענגטע געזיכטער האָבען זיך אָפּגעטיילט די סאָלדאַטען פון דער באַוועגלאָזער שורה און געשפּרונגען. לייכט האָבען זיי זיך צוזאַמען מיט די פערד געהויבען אין דער לופטען און איבערשפּרינגענדיג דעם באַריער האָבען זיי זיך אויסגעשטעלט ווייט פאָראויס.

איינער אויף א העל־גאָלדענעם פערד, איז אַנגעפלויגען אויפ'ן סאַמע באַריער, און מיט אַמאָל האָט דאָס פערד אַזוי קאָמיש פאַריסען דעם עק און אָפּגעשפּרונגען אַן א זייט.

— צוריק, האָט בייז א געשריי געטאָן טרעניעוו.

דער סאָלדאַט איז אוועקגעפאָרען צוריק. אונטער די ווערבעס האָט מען געלאַכט.

זיך אַנטאָפּענדיג אביסעל אויפ'ן אָרט, האָט דער סאָלדאַט ווידער א ריהר געטאָן דעם פערד, און אַלץ אָפטער און שטאַרקער פאַרנע־מענדיג מיט די פיס די זאַמד האָט זיך דאָס פערד א לאָז געטאָן גלייך

צום באַריער. עס האָט זיך שוין געדוכט אז לייכטער פון ווינט וועט זיך דאָס פערד אַריבערטראָגען אויף דער צווייטער זייט, ווי זיינע פיס זענען אַראָפּ פון וועג, זיך פאַרפּלאָנטערט, און מיט דעם זעלבען לעבערליכען גאַלאָפּ האָט געגומען שפּרינגען אַרום דער באַריער. דער שטעקען איז אומגעפאלען.

עס האָט דורכגעשוועבט דער דערשראָקענער פּנים פון סאָלדאַט און ווידער איז ער געפאָהרען צוריק. די אינגלעך אונטער די ווער־בעס זענען זיך אַזש פאַרגאַנגען פאַר פרייד.

— פערד! — האָט קורץ געזאָגט טרעניעוו און האָט אַ האַרטען בליק געוואָרפען אויף דעם וואַכמיסטער. דער וואַכמיסטער איז אוועק נאָכ'ן סאָלדאַט.

קראַוזע האָט נאָך פון ווייטען געזעהן דאָס בלאַסע געזיכט פון סאָלדאַט, ווי ער האָט געציטערט און ווי אַנטשלאָסען און צו שווער עס האָט געשפּרונגען זיין פערד צום דריטען מאָל. ער האָט געזעהן ווי דאָס פערד האָט צונויפגעצויגען די אויערען און צוגעשפּרונגען צום באַריער, ווי דער סאָלדאַט האָט בייז אַ ריס געטאָן מיט די הענט. און אויף אַן אויגענבליק דערזעהן דעם ווייסליכען בויך מיט די אויס־געצויגענע פיס פונ'ם סאָלדאַט. און מיט אַמאָל האָט זיך אַ שווערע העסליכע מאַסע זיך איבערגעדרעהט, אויפגעהויבען אַ וואָלקען שטויב און איז שווער אַראָפּגעפאַלען אויף דער ערד.

דער לאַנגער קראַוזע, טרעניעוו, דער וואַכמיסטער און די סאָל־דאַטען זענען געלאָפען צו איהם.

דער סאָלדאַט האָט זיך אַביסעלע אויפגעהויבען, האָט זיך אָנ־געשפּאַרט אויף די הענט און מאָדנע אויסבויגענדיג די פּלייצע איז ער געפאַלען אויף אַ זייט און פאַריסען די פיס. דאָס פערד האָט גע־שלאָגען מיט די קאָפּיטעס, און דערנאָך, ווי אַ הונט זיך געזעצט אויפ'ן הינטען, זיך אויפגעהויבען אָפּגעטרייסעלט, און זיך אויפגעהויבען אינ־גאַנצען ציטערענדיג. דאָס פערד, איז גלייך געוואָרען אַזוי מאָדנע דאַר, שמוציג און קלעגליך ווי אַ קליאַטשע. דעם סאָלדאַט וואָס האָט געפלאַטערט, ווי אַן אונטערגעשאָסענער פויגעל האָט מען אויפגעהוי־בען און אוועקגעטראָגען.

— איך האָב דיר געזאָגט! — האָט בייז מיט גאַל געשריען טרעניעוו.

— די וויכטיגסטע אורזאכע, אייער אדעליגקייט — האט א צו־שראקענער זיך געוואלט ריינוואשען דער באבארד׳טער וויכמיסטער.
— ס׳איז אונטערגעשפרונגען...

— איך האב אליין געפרובט — מיט׳ן פינגער אנגערירט... און דא...

קראוז איז צוגעגאנגען צום באריער, ער האט געוואלט א קוק טאן, צו דער שטעקען וואס צאמט אפ דעם באריער געהט לייכט ארונ־טער, נאר אנשטאט דעם איז ער אוועק וויימער אין פעלד.

עס האט זיך צובלויט און צוגאנגען דער ווייטער האריזאנט. דער הימעל איז געווען א העל־בלויער, נאר אלעס האט אויסגעזעהן אזוי שלעכט און בייז, אין דער גרויסער פראכט פון דער נאטור, ווי א גרויזאמע איראניע.

די רויטע אזוי ווי אן ארומגעריסענע קאפ מיט צושראקענע אוי־גען און בלוט שטראמעלעך אין אלע קנייטשען, אין יענע ניט געלונ־גענע צובראכענע באוועגונג מיט וועלכער דער צושלאגענער סאלדאט האט געוואלט אויפשטעהן און אלע ווילע אומגעפאלען, איז געשטאנען אין מיטען דער זון, דעם בלויעם הימעל און צוגעהענדע צערטליכע האריזאנטען.

17.

טרעניעוו איז געקומען אהיים א פארשטויבטער און צו׳כעס׳־טער.

ביים טויער איז ער אראפגעשפרונגען פון פערד, און אוועקגע־געבען איהם צו א דינער, און איז צופוס דורכגעגאנגען דעם הויף. ניטגעשיקט שפאנענדיג מיט זיינע אויסגעקרימטע קאוועלעריסקע פיס. אין פארהויז האט דער סאלדאט אראפנעמענדיג פון איהם די היטעל איהם אנגעזאגט:

דאַרטען ערוואַרטעט מען אייך, אייער עקסעלענץ.

— ווער?

— זייער עקסעלענץ, דער שטאַב־ראָטמיסט אווגוסטאַוו און דער פּאַרוטשיק טאַצקי.

טרעניעוו האָט זיך פאַרקרימט, ווי אַלע אין פּלאַק, האָט ער ניט געקענט אַריבערטראָגען דעם אַדיוטאַנט אווגוסטאָוו מיט זיין חוצפה׳־דיג שעהנעם פּנים.

דער אַדיוטאַנט מיט׳ן פּאַרוטשיק און טרעניעוו׳ס פרוי זענען געזעסען אין גאַסט־צימער. נאָך פון צווייטען צימער וואו טרעניעוו האָט זיך געוואַשען האָט ער געהערט דעם זיסליך קאָקעטישען געלעכ־טער פון זיין פרוי, און די קאַלטע ביז צום באַליידיגונג העפליכע שטים פון אַדיוטאַנט.

— און אָט זענט איהר... מיר וואַרטען אויף אייך — האָט גע־זאָגט דער אַדיוטאַנט זיך אויפהויבענדיג אנטקעגען.

— דו האָסט זיך היינט פאַרשפּעטיגט — האָט מיט א שמייכעל באַמערקט זיין פרוי.

— איהר זענט דאָ צוליעב א געוויסען צוועק, אדער גלאַט אזוי זיך, — האָט מיט א קרומען שמייכעל געפרעגט טרעניעוו, ניט ענט־פערענדיג זיין פרוי.

זיי האָבען זיך אין דער פריה צוקריגט, און טרעניעוו האָט גע־וואוסט אז בלויז פאַר פרעמדע איז זי אזוי פריינדליך און גוט און נאָך זייער אוועקגעהן וועט נאָך אומגעלומפּערטער זיך פאַרזעצען די פריהמאָרגענדיגע קריעג.

— צוליעב א געוויסער זאַך, אויף איין רגע... — האָט זיך לייכט פאַרנייגענדיג געענטפערט דער אַדיוטאַנט.

— טרעניעוו האָט מיט א זשעסט, שווייגענדיג זיי איינגעלאַדען אין קאַבינעט.

ווען די טיר האָט זיך נאָך זיי פאַרמאַכט, האָט זיך פּאַרוטשיק טאַצקי אוועקגעזעצט ביים טיש און האָט מיט אזא אויסערגעוועהנלי־כען געהויבען אויסזעהן פאַרדרעהט די וואַנצען, אז ער איז גאַרניט געווען עהנליך צום געוועהנליכען נאַריש־אָנגעבלאָזענעם אויסדרוק פון דעם פאַרגאַסענעם מיט בלוט דיקען מאַן.

טרעניעוו האט זיך אויך אוועקגעזעצט. דער אדיוטאַנט האט אומגעשפרייזט פון איין ווינקעל צום צווייטען.

— אַט, סטעפאַן טראַפימאָוויטש, — האט ער אנגעהויבען מעסיג און קאַלט ווי ער וואָלט לעזען א באַפעהל אין פאָלק, — אייך איז דאָך באַקאַנט די געשיכטע אין קלוב מיט אַט דעם ארבוזאָוו׳ן.

— איך בין געווען דאָרטען, — האט אונבאַשטימט געענטפערט טרעניעוו און האט גענומען בייז דרייען די וואַנצען.

— אזוי, האט פאָרטגעזעצט דער אדיוטאַנט, — דאַן בין איך אויף מאָרגען אוועקגעפאָהרען צוליעב א באַקאַנטען אייך עניין, אבער איהר, פאַרשטעהט אַהן צווייפעל אז מען קען דאָס אזוי ניט לאָזען און, געוועהנליך אויב א דועל וועט אנערקענט ווערען אַלס א נויטווענדיגקייט, בעט איך אייך, אז איהר זאָלט זיך ניט אָפּזאָגען צו זיין מיין סעקונדאַנט.

טרעניעוו האט געשוויגען, ער האט מיט פאַראַכטונג און האט געקוקט אויף דעם אדיוטאַנט׳ס לאַקירטע שטיוועל, וואָס האָבען אזוי מעסיג געשפּאַנט איבער׳ן טעפּיך און געטראַכט, אז א שאָד וואָס ארבוזאָוו האט טאַקע אויף אַז אמת ניט צושלאָגען מיט דער גאַגאַיקע, אַט דעם גדלות׳דיגען און קאַלטען פּרצ׳ל.

דער פּאַרוטשיק שטימט איין צו טאָן פאַר מיר אַט די חבר׳שע געפעלינקייט, — האט אַלץ אזוי קאַלט פאָרטגעזעצט דער אדיוטאַנט.

— איהר וועט מיר אָנטאָן דעם כבוד און וועט צופאָהרען צום הער ארבוזאָוו׳ן און וועט איהם איבערגעבען מיין ארויסרוף.

טרעניעוו האט זיך שווייגענדיג פאַרנייגט.

— מיין וואונש איז, אז דער דועל זאָל זיין אַן ערענסטער...

אין דעם זין וועט איהר טאָן אַלץ וואָס איז נאָר מעגליך.

טרענעיעוו האט ווידער שווייגענדיג און פאַרצאַרענט א שאָקעל געטאָן מיט׳ן קאָפּ.

— אין אַלגעמיין, דענק איך אזוי, — האט אונערוואַרטעט אָנגעהויבען דער פּאַרוטשיק טאַצקי מיט א געהויבענער שטים: — אז אויב זיך שלאָגען, איז זיך שלאָגען ערענסט, און אויב ניט, צו וואָס דאַרף מען עס איינגאַנצען ?... א קינדער־שפּיעל !

ער האט זיך איינגאַנצען אָנגעגאָסען מיט בלוט, זיך אָנגעבלאָזען און פאַרדרעהט די ווייסע וואַנצען, אויפ׳ן רויטען, ווי פון א שטאַרקען פראָסט, געזיכט.

דער אַדיוטאַנט האָט איהם אויסגעהערט מיט א קאַלטער און העפליכער אויפמערקזאַמקייט.

— פונקט אזוי איז מיין אייגענע מיינונג אויך, — האָט ער געזאָגט.

דער פּאָרוטשיק האָט זיך נאָך מעהר אנגעגאָסען מיט בלוט און דראָהענד געפּרעגט מיט די קליינע אויגלעך.

טרעניעוו האָט א פאַרפינסטערטען בליק געוואָרפען אויף איהם און געטראַכט:

— פערד אייגער!

דער אַדיוטאַנט האָט זיך אויפגעשטעלט פאַר טרענעיעוו'ן, און שאַקלענדיג זיך אויף זיינע שטאַרקע שטייף ארומגעצויגענע פיס, אנגעהויבען:

— ווי אייך איז באַקאַנט, סטעפאַן טראַפימאָוויטש, באַציה איך זיך צו אייך מיט דער גרעסטער אכטונג, און, זעלבסטפאַרשטענדליך, אז מיר וואָלט זיין זייער אנגענעם צו וויסען אייער מיינונג; אויב איך בין גערעכט אדער ניט, פאַדערענדיג באַפרידיגונג?

טרענעיעוו, האָט פלינק א קוק געטאָן אויף איהם און האָט אראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ.

איהם האָט זיך געגלוסט ענטפערען דעם אדיוטאַנט, אז ער איז א נידערטרעכטיגער מענש, און אויסוואורף, וועלכער האָט קיין שום רעכט ניט צו פאָדערען וואָסערע ניט איז באַפרידיגונג. טרעניעוו'ן האָבען זיך דערמאָנט אלע מיאוס'ע, שמוציגע און גרויזאַמע געשיכטעס מיט פרויען אין וועלכע דער אדיוטאַנט איז געווען פאַרמישט. נאָר ער האָט דאָס ניט געטאָן, ווי ער האָט קיינמאָל ניט געטאָן דאָס. וואָס ער האָט געוואָלט: ער האָט געדינט אין מיליטער, וואָס ער האָט קיינמאָל ניט ליעב געהאַט, ער האָט געלעבט מיט א פרוי, וועלכע האָט איהם שוין לאַנג דערעסען, ער האָט ניט אפּגעשטעלט די חברים ווען זיי האָבען געשלאָגען די סאָלדאַטען, ער האָט ניט געזאָגט ווענען מענשען דאָס, וואָס ער האָט געדענקט ווענען זיי. זיין גאַנצען לעבען האָט ער געליטען פון א מאַנגעל אין ווילען, און אויך איצט, האָט ער, מיט א שמערצליכען באַוואוסטזיין פון זיין ניט אויפריכטיגקייט, געענטפערט:

— יא, געוויס... וואָס איז דאָ דערפון צו רעדען.

דער אדיוטאַנט איז נאָך אַביסעל אומגענאַנגען איבער'ן צימער. ער האָט אויסגערויכערט אַ פּאַפּיראָס, פלאַפּלענדיג וועגען די נייעסען איז פאָלק און זיך גענומען פאַר'ן היטעל. טרעניעוו האָט באַגלייט די געסט איז פאָדער־צימער, און שמערצליך געוואָלט אַז זיי זאָלען שוין גיכער אַוועקגעהן, און דאָך האָט ער געצויגען דעם געשפּרעך, כדי זיי זאָלען ניט געהן. ער האָט מורא געהאַט צו בלייבען אַליין מיט דער פרוי.

— ביי מיר האָט זיך היינט אַ סאָלדאַט צושלאָגען, האָט ער געזאָגט.

— אַזוי? — האָט קאַלט איבערגעפּרעגט דער אַדיוטאַנט אויפ־עפּענענדיג די טיר.

— מיר וועלען זיך היינט זעהן אין קלוב? — האָט מיט אַנגסט פאַרטגעזעצט טרעניעוו.

— גאַנץ מעגליך, — האָט געענטפערט דער אַדיוטאַנט און פאַר־מאַכט הינטער זיך די טיר.

טרעניעוו האָט זיך אומגעקערט אין קאַבינעט. איהם האָט זיך געגלוסט צו באַהאַלטען ערגעץ, ווייל ער איז מעהר ניט געווען אימ־שטאַנד אריבערצוטראָגען אפילו איין בייז וואָרט פון זיין פרוי. אַזוי אונגוטיג און נאַריש האָט איצט אויסגעזעהן אין זיינע אויגען דער רוגז, וואָס איז פאָרגעקומען צוליעב אַזעלכע קלייניגקייטען וועגען וועלכע ער האָט שוין אינגאַנצען פאַרגעסען. אַזאַ מין אַנגסט האָט איהם ארומגענומען, ווען הינטער'ן טיר האָבען זיך דערהערט די באַ־קאַנטע ווייכע טריט. זיין פּנים האָט זיך צוקרימט מיט אַזאַ ווייטאָג און האָס, אַז עס איז געוואָרען אינגאַנצען אומגעענדערט.

— סטיאָפּאַ, — האָט געזאָגט די פרוי, באַווייזענדיג זיך אין טיר. איהר שטים האָט געקלונגען שולדיג, און אַזוי צאַרט כמעט מיט געבעט.

זי האָט, ווייזט אויס, זיך ניט לאַנג ארומגעוואַשען, נאָר די שפּורען פון טרערען האָבען זיך נאָך געמערקט אין איהרע מיעדע אַביסעל פאַרשוואָלענע אויגען. פאַר די עטליכע שטונדען, וועלכע זענען פאַריבער, פון דער צייט פון זייער קריעג, האָט זי זיך באַרו־היגט, און ווי ער, האָט זי פאַרשטאַנען די אומגעלומפּערטקייט און נאַרישקייט פון דער קריעג. זי האָט פאַרגעסען אין אַלע יענע נאַריש־

קייטען, בייזע און אונגערעכטע ווערטער, מיט וועלכע ער האָט זי אָפּגעשאָטען און בלויז געדיינקט, אז זי האָט איהם באַליידיגט. איהר האָט זיך שטאַרק געוואָלט בלויז איין זאַך — שלום, און זי האָט גע־קוקט אויף׳ן מאַן מיט געהאַרכזאַמע בעטענדע אויגען.

טרעניעוו האָט פאַרשטאַנען דעם אויסדרוק פון זיין פרוי׳ס אויגען, און טאַקע בלויז דערפאַר, וואס זי האָט זיך די ערשטע געפונען פאַר שולדיג, האָט ער גלייך פאַרגעסען, אז ער האָט געהאַלטען זיך פאַר דעם שולדיגען. ער האָט פאַרגעסען, אז ער איז געווען גרייט צו בעטען ביי איהר ענטשולדיגונג, און אז ער האָט געהאַט מיטלייד מיט איהר, און געטראַכט אז אַם ענדע מוז מען דאָך איהר דערווייזען אז זי איז ניט גערעכט און אימער אומגערעכט בנגע צו איהם.

— וואָס? — האָט ער אומיסטען קאַלט געפרעגט.

די פרוי איז אַריין, אַזאַ פולינקע מיט ענטבלויזטע ראָזעווע הענט. זי האָט זיך אומיסטען שעהן פאַרקאָמט, אזוי אז עס האָט איהר זעהר געקליידט, זיך אַנגעפּוידערט מיט אַן אונבאַוואוסטזיניגער קאָ־קעטסטוואָ, אויסרעכענענדיג מעהר אויף איהר שעהנקייט, ווי אויף ווערטער. און אַט דער ריהרענדער פאַרלאַנג צו געפעלען, און מיט איהר שעהנקייט אויסקויפען די שולד, אַנשטאַט דעם, וואָס זי זאָל איהם ווייכער מאַכען מיט ווערטער, האָט געגעבען טרעניעוו׳ן כוח צו זיין קאַלט און גרויזאַם.

— אַהאַ... איצט איז דאָס גאָר אזוי! — האָט זיך מיט טריאומף דורכגעטראָגען ביי איהם אין קאָפּ.

— דו ביזט בייז אויף מיר? — האָט געפרעגט די פרוי אַרויפ־לייגענדיג איהם ביידע הענט אויף די פּלייצעס און ווי אַ שולדיגע אַריינגעקוקט איהם אין די אויגען.

פון דער באַקאַנטער באַריהרונג פון די הוילע הענט און דער נאָהענטקייט פון די ליעבע דונקעלע אויגען, איז אין איין אייגענבליק טרעניעוו׳ס האַרץ אָפּגעגאַנגען פון כעס. נאָר ער האָט אַ טראַכט געטאָן, אז מען דאַרף כאָטש איין מאָל אויסהאַלטען, צייגען כאַראַקטער און זי באַשטראָפען.

— און ווי דענקסטו, האָב איך אַ רעכט דערצו? — האָט ער שטרענג געפרעגט.

א מאָמענטאַלער פאַרדרוס און אויפרעגונג האָבען דורכגעשוועבט

אין איהרע אויגען, נאר איידער ער האט זיך באוויזען צו דערשרע־קען, און חרטה האבען אויף זיינע ווערטער, וואס רופען ארויס א נייע קריעג, האט זי זיך איינגעהאלטען און איינגעשפארט, ווי זי וואלט איהם צווינגען זיך בארוהיגען, איהם ארומנעמען.

— נו, גענוג, גענוג... — האט זי געזאגט, און דורך דעם איבער־גוואלט צערטליכען טאן, האט זיך דייטליך געהערט ליידען און אויפ־געררייצטקייט.

טרעניעוו האט זיך דערשראקען.

— יא גענוג... — האט ער געזאגט.

זי האט איהם פארמאכט דאס מויל מיט א קוש, פון איהרע ווייכע שוין צופיעל באקאנטע ליפען.

טרעניעוו האט א שמייכעל געטאן. דאס איז געווען א פיינליכער שמייכעל פון צערטליכקייט, לאנגווייליגקייט און אונצוטרויען. ער האט געוואוסט אז אט דער איבער בעטען זיך איז ניט אויף לאנג און איהם האבען דערעסען אט די אייביגע שלום ווערען...

— צוערשט וועט זי צודרעהען, פארמאטערען און דערנאך קו־שען... יודא'ס קושען! — האט ער געטראכט.

זי האט פון הינטען ארום א קוק געטאן איהם אין די אויגען, דער־נאך האט זי געווארפען א בליק אויפ'ן טיפען גריבעלע, אויפ'ן בויג פון איהר פולער האנט און ווידער אויף זיינע אויגען און ליפען.

— וואס ווילסטו? — האט מיט אנגסט געפרעגט טרעניעוו.

— נו, גיב שוין א קוש, דו שלעכטער! — האט זי אויסגע־צויגען קאפריזנע.

טרעניעוו האט געהארכזאם זיך צוגעריהרט מיט די ליפען צו דער ווייכער, קאלטער הויט.

— נאך! — האט זי שטיל געשעפטשעט איבער זיין אויער מיט יענעם אויפגערעגטען קאקעטישען מורמעל, וועלכער האט געקלונגען פאר איהם, אמאל ווי מוזיק, און איצט איז דאס געווען פאר איהם דער געוועהנליכסטער מענשליכער שעפטשען, ער האט זיך אנגעבויגען און נאך אמאל א קוש געטאן.

און ווידער איז געקומען יענער מיאוס'ער געפיהל, וועלכער האט אפגענומען זיין ווילען און געצוואונגען זיין גאנצען לעבען צו ציהען אט די קאטארגע: דאס באקאנטע ליידענשאפטליכע קעלטעל, פון

דער אויסגעצערטעלטער פרויען הויט, דער רוח פון איהר לייב האָט איהם אויפגערעגט. ער האָט ניט ווילענדיג, צוזאַמענגעדריקט העכער פון עלענבויגען אָט די הוילע האַנט מיט די פינגער און גענומען זיי קושען. ער האָט פאַרמאַכט די אויגען און איינציייטיג געפיהלט אי א צערטליכקייט, אי א ליידענשאַפט, אי לאַנגווייליגקייט.

— ווידער! — האָט זיך דורכגעטראָגען אין זיין קאָפּ. און ווי אימער, האָט זיך איהם פאַרגעשטעלט, אז נאָך צעהנדליגע יאָהרען וועט ער קושען אָט די זעלבע האַנט, און זיך אויפרעגען מיט דעם געוועהנליכען פאַרלאַנג וועלכער איז שוין הונדערט מאָל איבערגע־לעבט געוואָרען און איז באַקאַנט ביז די קלענסטע דעטאַלען. אונקלאָר אזוי ווי פון א געוואַלדיגער אונדערגרייכבאַרע ווייטקייט האָבען דורכ־געשוועבט פאַר זיינע אויגען, בלאַסע געשטאַלטען פון אַנדערע אונ־באַקאַנטע געהיימניספולע יונגע פרויען; און א שאַרפער וועהטאָג האָט פאַרדריקט זיין האַרץ.

— דו ביזט מיעד, מיין אַרימינקער, — האָט געזאָגט זיין פרוי זיך צודריקענדיג צו איהם מיט איהר גאַנצען פולען און ווייכען קער־פער. — וועלען מיר זיצען א ווייליע.

זי האָט איהם געצויגען צום דיוואַן און אַריינגעקוקט אין גע־זיכט מיט ליידענשאַפטליכע בעטענדע אויגען.

אַלע איהרע ווערטער, יעדער זשעסט און באַוועגונג זענען געווען באַקאַנט טרעניעווען. אין אָט דעם מורא'דיגען און דייטליכען וויסען דאָס, וואָס און ווי אזוי אַלעס וועט פאַסירען איז געווען אַנגסט. און ער האָט כמעט מיט עקעל נאָכגעגעבען.

— וואָס ביזטו אזוי אומעטיג... עס איז דיר לאַנגווייליג מיט מיר? — האָט זי זיך לאַסטשענדיג געפרעגט.

— ווער זאָגט עס? פשוט די קאָפּ טוט וועה, — האָט טרעניעוו ניט אויפריכטיג געענטפערט, פינטלענדיג מיט די אויגען.

— אך מיין אַרימינקער!... און עס טוט זעהר וועה?

זי האָט אַרויפגעלייגט אויף זיין שטערען א ווייכע און וואַרימע האַנט, און האָט זיך צוגעדריקט מיט איהר ברוסט צו זיינער.

אָט דער פרויען קערפּער, אזא ווייכער און וואַרימער, וועלכער איז אימער אזוי דערגרייכבאַר, האָט זיך געריבען אַרום איהם, פרויען

אויגען האבען געקוקט ליידענשאפטליך און ליעב. ער האט גענומען קושען איהר האנט, די פלייצעס און דערנאך די ברוסט.

— און פונדעסטוועגען האב איך קיינעם ניט ליעב אויסער איהר!
— האט ער געטראכט.

פון אט דעם געדאנק זענען טרערען פון צערטליכקייט ארויסגעטראטען אויף זיינע אויגען. נאכוואס קריגען זיי זיך, און מאטערען איינע די אנדערע ווען זיי ליעבען זיך. ווען נאר בלויז איין ביסעלע פרייהייט, ווען ניט אט די פארפלוכטע אייפערזוכט וועלכע בינט הענט און פיס און שליסט אויס פאר איהם יעדע מעגליכקייט פון א נייעם פרישען געפיהל. דערנאך וואלט ער זיך ווידער אומגעקערט צו איהר... און ער האט זיך באמיהט ארויסצורופען ביי זיך די אמאליגע ליידענשאפט און פארגעסען אין דעם, אז עס זענען דא אנדערע פרויען. ער האט צושפילעט דעם האלז פון איהר ברייטען כאלאט און גענומען קושען איהר ווייך קאלט לייב, וועלכע האט מיט א צארטער כוואליע ארומגענומען זיין געזיכט. זי האט איהם ארומגענומען, אונטערגעשטעלט איהר ברוסט אונטער זיינע קושען, זיך געטוליעט און אפגעגעבען זיך.

אויף א מינוט האט זיך געדוכט אז עס איז נאך ווירקליך ניט אפגעשטארבען די אלטע פייערדיגע ליידענשאפט, און אז אט די אלע קריגערייען און ביינקשאפט נאך נייעם גליק, קענען פארגעסען ווערען, ווי מיספארשטענדעניסען. טרעניעוו האט ווייך אומגעווארפען די פרוי אויפ'ן דיוואן און מיט א געוואוינטער באוועגונג ענטבלויזט איהרע פיס.

דערנאך איז ער אויפגעשטאנען, און דערפיהלט אז דער באפרידיגטער פארלאנג איז שוין אויסגעלאשען געווארען, און עס איז ווידער לאנגווייליג און אפילו אביסעל איבערדריסיג. ער האט זיך באמיהט ניט צו קוקען ווי זי, א פארסאפעטע, איינגאנצען רויט, פאריכט די קליידלעך און די האר.

— ס'ארא קרעפטיגער... דו ביזט היינט! — האט זי ארויסגעמורמעלט און צוגעצויגען צו זיך פאר א דאנקבארען קוש.

אבער טרעניעוו'ן האט זיך פארגלוסט פארויכערען א פאפיראס און אוועקגעהן ערגעץ; די פריהערדיגע ביינקשאפט האט פארקלעמט זיין הארץ.

— ווידער דאָס זעלבע, און אָבער דאָס זעלבע... האָט זיך גע־דרעהט ביי איהם אין קאָפּ! — און אַזוי אויף שטענדיג!...

ער האָט זיך ניט איינגעהאַלטען און געזאָגט, לאַז, — מיר טוט וועה די קאָפּ, איך וועל ארויסגעהן אין גאָרטען און וועל זיך דורכגעהן אביסעל...

דער פרוים אויגען האָבען זיך פאַרדונקעלט און אין די ווינקלען פון מויל האָבען זיך געוויזען צוויי גרויזאמע, אייפערזיכטיגע קנייט־שען. פאַר איהר איז שוין ניט געווען קיין סודות אין זיין נשמה. זיין קלענסטע געפיהל האָט זי פאַרשטאַנען פריער, איידער ער אליין האָט זיך געקענט ארענטירען אין איהם.

יעדעס מאָל ווען זיי פלעגען באַפרידיגען די אָפּגעקיהלטע ליידענ־שאַפט, פלעגען זיך ווידערהאָלען אָט די אונבאַוואוסטזיניגע סצענעס.

דו קענסט געהן וואוהין דו ווילסט! — האָט זי געזאָגט און איז אויפגעשטאַנען א באַליידיגטע און בייזע.

טרעניעוו האָט זיך דערשראָקען.

נו, אָט... וואָס־זשע ביזטו ווידער ברוגז? — האָט ער אָפּהענטיג געפרעגט, און איז געווען גרייט אויף דער גרעסטער ערנידערונג אבי עס זאָל ניט זיין קיין נייע קריעג.

— אויב עס טוט דיר, ווירקליך, וועה דער קאָפּ...

— נו, געווייס... איך בין ניט אין כעס, פון וואָס דרינגסטו דאָס...

— נו, געה... געה זיך דורך.

א שטאַרקער האַס, וועלכען זי האָט מיט אַלע כוחות איינגעהאַל־טען האָט געקלונגען אין איהר שטים.

און טאַקע דערפאַר, ווייל זי האָט אַזוי, כמעט רוהיג געזאָגט „געה" און איז געווען איינשטימיג מיט איהם, און אָפּגעלייקענט אז זי איז בייז, איז ביי טרעניעוו'ן איינגעפאַלען דאָס הארץ. ער האָט געוואוסט, אז די מורא'דיגסטע סצענעס הויבען זיך אימער אָן פון אָט דעם איינגעהאַלטענעם רוהיגען קול און פון אָט דעם דונקעלען אויס־דרוק פון ניט פאַרגעבענעם האַס אין די אויגען. עס האָט זיך איהם פאַר־געשטעלט דאָס, וואָס וועט זיין, ווי עס פאַסירט כמעט יעדען טאָג פאַר די לעצטע יאָהרען: טרערען, איהר שווייגען, זיין בעטען, געשרייען, היס־טעריקע, זיין שטעהן הינטער די פאַרשלאָסענע טירען, פון וועלכע עס אזי ניט קיין כוח אָפּצוטרעטען; דערנאָך אן אויסברוך פון כעס, דאָס

אויפרייסען די טיר, און געשלעג... נאך דעם ווידער שלום... און שפּע־טער ווידער דאס זעלבע. ער איז געווען גרייט צו טאן אלעס אבי דאס זאל ניט זיין. די אויסגעמאטערטע נשמה האט געפאדערט רוה.

— הער זיך איין, דאס איז דאך נאריש!... נו, וואס ווייסטו? איך האב דוכט מיר גאר ניט געזאגט אזוינס, וואס זאל דיך קענען באליידיגען?... איך פארשטעה ניט... וויים עס דער טייפעל, וואס דאס איז אזוינס! — האט ער א געשריי געטאן.

די פרוי האט ניט געענטפערט, און גענומען ארויסגעהן פון צימער.

— נו הער זיך איין... קאטיא!

טרעניעוו איז איהר נאכגעגאנגען, און זיך שטארק באשולדיגט, וואס ער האט ניט באהאלטען זיינע געפיהלען און איהם האט זיך געגלוסט רייסען די האר אויף זיך, ברעכען די הענט, און מעהרער פון אלעם, האט ער געוואלט דערלאנגען איהר א פאטש מיט אלע זיינע כוחות. וויפיעל מאל פלעגט זיך דורכברעכען אט דער פארלאנג, און דערנאך פלעגט איהם ארומנעמען אזא גרויסער רחמנות געפיהל צו איהר, און פאראכטונג און עקעל צו זיך.

— גאטוניו... וועז־זשע וועט זיין א סוף צו אט דעם אלעמען?

— האט ער אויסגעשריען, אליין ניט וויסענדיג וואס ער רעט, און זיך מורא געהאט פאר יעדען ווארט זיינעם.

א גרויזאמער קאלטער פּנים מיט פרעמדע פארוויינטע אויגען האט זיך אויסגעדרעהט צו איהם.

— באונרוהיג זיך ניט, גאנץ גיך! — האט מיט א שרעקליכען האס געזאגט די פרוי.

עס האט זיך איהם אפגעריסען אין הארצען. אט די דראהונג, אין וועלכער ער האט ניט געגלויבט אויף קיין איין איינציגער מינוט, האט ער ניט געקענט אריבערטראגען.

ער האט געפיהלט, אז נאך איין אויגענבליק און ער וועט א זעץ טאן זיין פרוי, האט ער גענומען רייסען אויף זיך די האר און איז שנעל ארויס פון צימער.

אין גארטען איז געווען ליכטיג און היים. אויף א בוים האבען זיך געבלויט פלאמען, און געדוכט האט זיך, אז זיי צערטלען זיך אזוי היים און ליידענשאפטליך. אין הויכען גראז איז אנגעגאנגען א שטי־

לער לעבען. א דיקע בוקאַשקע אין אַ הארטען מונדיר, איז געקראַכען ארויף אויף דער שטעזשקע און זיך אלע ווילע אַפגעריסען און אראַפגעפאלען. א מינוט איז זי געלעגען באוועגלאַז, פארשטויבט פון אזא אונערוואַרטעטען אויסגאנג פון איהרע וואנדערונגען און דערנאַך זיך פאַרזיכטיג א ריהר געטאַן, געפרובט צו זי האַט ניט געבראַכען די ביינער, ענטשלאַסען פאריכט איהרע פעלדעלעך און ווידער געדולדיג מיט א מאַדנע איינגעשפאַרטקייט גענומען קריכען ארויף.

טרעניעוו איז געזעסען אויפ'ן באַנק, געקוקט אויף דער בוקאַשקע און אין זיין מוח האבען זיך געטראַגען, שוואַרצע צוריסענע געדאנקען.

וויפיעל מאַל האַט ער זיך געגעבען דאַס וואָרט צו זיין שטאַרק און גרויזאם ביז'ן סוף. אונקלאַר און פריידיג האַט זיך איהם געמאַלען דאַס נייע לעבען אויף דער פרייהייט. עס האַט זיך איהם גע'חלמ'ט יונגע צאַרטע פרויען צו וועלכע ער וועט צוגעהן ווי א בין צו א בלום. לייכט און פריידיג וועט ער אויסטרינקען דעם בעכער פון פרייד, און וועט אוועקגעהן ווייטער, פריי ווי דער ווינט אין פעלד.

ברייט, אונענדליך ברייט, איז די וועלט, און פריידען אין דער וועלט זענען פיעל ווי דער ים. מיט ליידענשאַפט, אין משוגענעם עקסטאַז האַט טרעניעוו געטרוימט וועגען דער פרייהייט, אַבער אזוי האָפנונגסלאַז ווי אן אייביגער קאַטערזשניק. און וויפיעל מאַל איז די פרייהייט שוין געווען אזוי נאַהענט. וויפיעל מאַל, נאַך אַט די שרעקליכע אונזיניגע סצענעס אין דער צייט פון וועלכע צוויי ליעבענדע מענשען האבען זיך באמיהט וואָס שטאַרקער צי באליידיגען איינער דעם אנדערען, ארויסרופען האַס, צו פאַרשאַפען אונערטרעגליכע שמערצען, איז געווארען קלאַר, אז בלויז נאַך איין וואָרט און א סוף: דער צוזאמענזיין וועט זיין אונמעגליך און זיי וועלען זיך צוגעהן יעדערער אין זיין וועג, אום צו נעמען פון לעבען זיין פולען חלק גליק. נאָר אַט דאַס וואָרט איז קיינמאַל ניט ארויסגעזאָגט געווארען; ווען דאַס שיידען זיך איז שוין געווען כמעט א פאַקט, ווען אין די צימערען צווישען די צוואוואָרפענע טשאַמאָדאַנען און ארויסגערוקטע שיפלאַדען האַט שוין געבלאָזען די קעלט און פוסטקייט פון פארענדיגטען לעבען, פלעגט אַט די פאַרפלוכטע און מילדע ליעבע זיך ווידער צופלאַקערען מיט א ברענענדען פייער. עס איז געווען אונערטרעגליך זיך פאַרצושטעלען, אז זיי זענען שוין פרעמדע מענשען, און אז די צעהן

יאהר, וואס זיי האבען אפגעלעבט צוזאמען אין אלגעמיינע פריידע און ליידען, איז שוין בלויז ניט מעהר ווי אן אונויטיגע ערינערונג, און אט מארגען וועלען זיי שוין זיין ווייט איינער פון אנדערען און קיינמאל מעהר וועט שוין קיינער פון זיי ניט האבען קיין חלק אין לעבען פון דעם צווייטען. רחמנות האט געדריקט דאס הארץ, און נאכ'ן לעצטען ווארט „זיי געזונט", האבען זיך אנגעהויבען טרערען, ריהרענדע ווינשען פון גליק, בעטען ענטשולדיגונג, קושען און דאס איבערבעטען האט צוזאמענגעגאסען זייערע קערפערס אין א שטור־מישען אויסברוך פון ליידענשאפט. די ליפען נאסע פון טרערען האבען געמאכט דעם איינדרוק פון פייערדיגע. דערנאך פלעגט קומען א געפיהל פון צערטליכער פארליעבטקייט.

— ווארום, קריגען מיר זיך — פלעגט זי זאגען און זיך געטור־ליעט צו איהם מיט איהר ווייכען צאפעלדיגען קערפער.

און טרעניעוו פלעגט זי בארוהיגען און זאגען, אז דאס איז בלויז א צייטווייליגער משגעת, און עס האט זיך געדוכט אז דאס איז ווירק־ליך אזוי, און אז איצט וועט דאס לעבען זיכער אוועקגעהן אויף א נייעם אופן, ליכטיג און פריידיג, פול מיט צערטליכקייט און ליעבע. עטליכע טעג און אמאל וואכען פלעגען פאריבער ווי אין די ערשטע טעג פון זייער ליעבע, און איהם פלעגט זיך דוכטען, אז די צעהן יאהר פון זייער צוזאמענלעבען זענען א חלום, און זי איז די זעלבע יונגע פארליעבטע פרוי, פאר וועלכער ער האט אמאל אזוי פיעל געליטען און זיך געקריגט מיט זיינע אייגענע, געטרוימט און געוויינט.

די זון פלעגט העל און פריידיג באלייכטען זייער הויז, די קינ־דער פלעגען אומלויפען איבער די צימערען מיט פרעהליכע געשרייען. דאס איז געווען גליק, דאס אמת'ע גליק פון יענער אייביגער ליעבע וועגען וועלכער מענשען ריידען און טרוימען אזוי פיעל.

און דערנאך איז געקומען די באפרידיגונג, און ווידער איז געווען מורא'דיג לאנגווייליג. עס איז געווען אונפארשטענדליך:

ווירקליך, איך האב דאך זי ליעב... יא, ליעב! — האט טרעניעוו געטראכט זיך כאפענדיג פאר'ן קאפ! — קיין אנדער פרוי וועט זי מיר ניט פארבייטען... איך וועל דאך זי קיינמאל ניט פארגעסען. קען איך זיך דען פארשטעלען אז זי זאל באלאנגען צו אימיצען אנדערש!

ער האט זיך באמיהט פארצושטעלען איהר באקאנטען

צאַרטען קערפּער פון וועלכען יעדער פּינטעלע איז איהם ליעב, און געווען געצערטעלט פון איהם, — אין די אַרעמס פון אַן אַנדער מאַן. פון אַט דעם געדאַנק, פלעגט דאַס בלוט איהם אַריין אין קאָפּ, און עס האָט איהם אָנגעהויבען שטיקען. כדי זיך צו פאַר־מאַטערען האָט ער געפּרובט ברייינגען אַט די פאָרשטעלונג ביז די קלענסטע און ציינישטע דעטאַלען, אָבער ער האָט עס ניט געקענט... אזוי איז דאָס געווען שרעקליך פאַר איהם.

— אויב אזוי, וואָס טוט זיך דאָ פּאַרט?... שווין־זשע דאַרף איך פּשוט א ביליגע פאַרוויילונג, א נייעס פרויען קערפּער פאַר פאַרשידענ־אַרטיגקייט?... אויף וואָס פאַר א שוואַרץ יאָהר!... זאָל אויף זיי אַלעמען קומען דריי מאָל די תוכחה!...

עס איז אויסגעקומען אזוי, אז זייער ליעבע איז די אמת'ע ליעבע און קיין אנדער ליעבע איז גאָר ניטאָ און זייער ליעבע דאַרף געבען גליק און קיין גליק איז ניטאָ, און אַז מען דאַרף ווירקליך אויף א צייט אַן אַנדער קערפּער און דערנאָך זיך אומקערען צוריק. אָבער דאָס איז דאָך אונמעגליך, ווייל אויב ער נויטיגט זיך אין אַן אַנדער קערפּער, האָט זי דאָך אויך א רעכט צו פאַרלאַנגען פאַרשידענאַר־טיגקייט. אויב מען דאַרף אוועקגעהן זיך פאַרוויילען אין א זייט, דאַן דאַרף מען דאָך איהם ערלויבען אויך דער זעלבער צייט צו באַזאָרגען זיך א געליעבטען, און דאָס קען ער זין אפילו ניט פאָרשטעלען.

טרעניעוו פלעגט פאַרלירען דעם מוטה, און קומען צום באַשלוס צו ברייינגען זיך פאַר א קרבן, און פּרובען פאַרגעסען אַנדערע פרויען און זעהן בלויז זיין ווייב.

דאָס פלעגט זיך איהם איינגעבען אויף א וואָך, צוויי און דער־נאָך פלעגען קומען אונערוואַרטעטע סצענעס נאָך גרוילּיכערע און שמוציגערע, אַז מען האָט זיך באַדאַרפט שעמען פאַר די דינער, פאַר די קינדער, און די ווענט פון זייער וואָהנונג.

אין אַט די סצענעס, האָבען זיי געגענזייטיג אויפגעוואָרפען איי־נער דעם אַנדערען די קאָמפּראָמיסען, ווער ווען האָט דער ערשטער געבעטען ענטשולדיגונג, און אָפּגעלאַכט איינער פון דעם אַנדערענס שוואַכקייטען.

אַט אזוי זענען פאַריבער טעג און יאָהרען פול מיט בייזקשאַפט, נאָך אמת'ן גליק, וועלכעס וועט קיינמאָל ניט זיין, און וועלכעס

האט ניט געקענט זיין.

און קיינער ניט, ניט זיינע חברים אין פאלק, ניט די סאלדאטען, וועלכע ער האט, ווי קינדער געשראקען מיט זיין הויכער שטים און גרויזאמען בליק, האבען ניט פארדעכטיגט, אז אט דער ענטשלאסענער מענש איז אזוי אומגליקליך און קלעגליך.

— גאט מיינער, א גאט מיינער! — האט געטראכט טרעניעוו דרעהענדיג די וואנצען און אויפמערקזאם באטראכטענדיג די קריכענדיגע בוקאשקע.

איהר איז געווען שמערצליך אנגענעם צו זעהן, ווי זי קלעטערט און וויל ארויפקריכען אין דער הויך און פאלט צוריק אין שטויב.

דאס איז געווען א געפיהל עהנליך צו יענעם קרענקליכען פארגעניגען מיט וועלכען מען באשמירט א בלוטענדע פיינליכע וואונד.

18.

טזשיזש איז געזעסען אין דעם היים און געמאכט פאפיראסען. די זון האט זיך שוין געזעצט. און אונטער'ן גארטען האט זי אפגעגאסען מיט גאלד דעם שטויב וואס האט זיך געזעצט אויף נאכט. אונטער'ן אפענעם פענסטער האט זיך לייכט און פריידיג אראפגעלאזען א קיהלער אבענט. אונטען, אונטער די בוימער איז דאס גרינס שוין דונקעל געווארען און האט זיך אנגעגאסען מיט טוי, אבער פון אויבען, אין דער הויך זענען נאך אומגעפלויגען די ליכטיגע דורכזיכטיגע שטראלען פון דער זון און אין זיי האבען זיך פארטראכט געבאדען די אויבערשטע צווייגעלעך פון די בוימער.

טזשיזש האט ניט געקוקט אין פענסטער. ער איז געשטאנען ביים פענסטער און צודריקענדיג צום ברוסט א מאשינקע, האט ער ארויסגעשטופט אויפ'ן טיש איינע נאך איינע דיקע גילזען מיט שטארקע שמעקענדען טיטון.

טזשיזש צימער איז געווען א קלײנינקער מיט אײן פענסטער און נאַקעטע ווענט. אויפ'ן טיש, וואָס איז געווען פאַרשפּרייט מיט אַן אַלטער צייטונג, אויף די ביינקלעך און אפילו אויפ'ן בעט האָבען זיך געוואַלגערט ביכער, זשורנאַלען און פאַרשידענפאַרביגע בראָשורען. דאָס האָט צוגעגעבען דעם צימער דעם זעלבען משונה'דיגען אויסזעהן. וועלכען עס האָט געהאַט טזשיזש אַליין, מיט זיין שאַרפען באַוועג־ליכען פּנים, בייזע נערוועזע באַוועגונגען און צושורפּערטער קוטשמע אויפ'ן שטערען.

פון א זייט ביים טיש איז געזעסען דער לאַנגער קאַרנעט קראַוזע, און אויפהויבענדיג די קרומע ברעמען האָט ער אויפמערקזאַם נאָכגע־פאָלגט די באַוועגונגען פון טזשיזש פלינקע פינגער.

— מיר איז פּשוט מיאוס דאָס צו הערען, — האָט טזשיזש גע־רעט מיט א שאַרף פאַרביטערטער שטים: — אַט דעם כנעקען קען איך ניט פאַרשטעהן!... און וויל דאָס אויך ניט!... איהר קענט אַרויס־ברייננען פאַר מיר וואָסערע איהר ווילט אַליין טעאָריעס, דערפון אַז ער איז ניטאָ נאָך וואָס צו לעבען, און פונדעסטוועגען וועל איך זאָגען אַז דאָס איז אייער אייגענע צופעליגקייט און מעהר גאָרניט... צום טייפעל!...

זאָלסט דאָס דענקען, אַז דאָס לעבען איז א געליעבטע, מיט וועלכער מען קען זיך פאַר'כשופ'ען און דערנאָך ענטוישען... עס הויפּט זיך אפילו ניט אַן!... פריער פון אַלץ האָט אייך דאָס לעבען קיין זאַך ניט פאַרשפּראָכען!... דאָס לעבען האָט געלאָזען צו אייך, אַז איהר זאָלט זיך איינאָרדנען, ווי אייך געפעהלט... איהר קענט מאַכען פון אייער לעבען אַ אײן אַרבייטס פּלאַץ, אי א טעמפּעל, אי א בור־דעהאַר פון א פריילין וואָס לאַנגווייליגט זיך... וואונדערבאַר אויף מיין וואָרט!

דענקט איהר אַז דאָס לעבען איז אַזוי גלייכגילטיג? האָט גע־פרעגט קראַוזע, און דערביי אויפגעהויבען זיינע מעפיסטאָפעלשע ברעמען.

דער צעמישטער מישקאַ, וועלכער איז געלעגען אין בעט האָט זיך אויפגעהויבען, גענומען א פּאַפּיראָס, פאַרויכערט און זיך ווידער אַוועקגעלייגט.

— ניין, זי איז ניט גלייכגילטיג... די נאַטור האָט איהר שאַרפען

אויסגעשפּראָכענעם פּנים; און דער מענש איז קאַמף מיט דער נאַטור איז פריי אויסצוקלייבען די וועגען פון קאַמף און אַט דער אויסוואַהל שאַפט דאָס, וואָס מיר רופען לעבען. הייסט דאָס אַז אויב דיך דריקט און באַפרידיגט ניט דיין פערזענליכער לעבען, טאָ זוך אַנדערע מיטלען פון קאַמף... און אויב דיר וועט זיך איינגעבען צו געפינען, וועט זיכער קומען די באַפרידיגונג, דער זין פון לעבען, און אַלץ וואָס דו ווילסט נאָר. אָבער מען דאַרף קעמפען און זוכען און ניט קלאָגען.

וואָס־זשע דאַרף מען פּאָרט טאָן? — האָט גלייכגילטיג געפרעגט מישקאַ.

— ווי הייסט וואָס?... גאָרניט, האָט מיט אַ בייזער איראָניע אויסגעשריען טזשיזש. — אַ פאַרנינפטיגער מענש ווייסט אַליין וואָס ער דאַרף טאָן... און אויב ער ווייסט ניט, האָט ער ניט וואָס צו פרעגען ביי אַנדערע... וואָס פאַר אַ שוואַרץ יאָהר! די וועלט איז ניט קיין בית־זקנים!... צום טייפעל... ארום און ארום געהט אַן אַ קאַמף, דאָס לאַנד פאַרטיידיגט איהר פרייהייט, די קונסט זוכט נייע וועגען, די וויסענשאַפט ארבייט אָהן אַן אָפּרוה... אַט, אַט וועט זיך די מענשהייט אויפהויבען אין דער לופטען, און דער גאַנצער געבוי פון לעבען וועט זיך אומבייטען... אין שאַכמאַט שפּיעלט, איהר טייפעל איינער!

מישקאַ האָט אָפּהענטיג אַ פינטעל געטאָן מיט די אויגען און זיך געמאַכט, אַז ער פאַלגט זעהר אויפמערקזאַם דעם רוח פון זיין פּאַפּיראָס.

— אפשר זענט איהר גערעכט... אַלענפאַלס, איז דאָס זעהר אַ אינטערעסאַנטע טעאָריע, אַז דאָס גליק געפינט זיך אין דעם אויס־וואַהל פון די מיטלען מיט דער נאַטור, — האָט אָנגעהויבען קראַוזע, מיט ווירדע. אפשר איז דאָס אונזער חוב צו פאָדערען פון דעם מענ־שען, אַלס זיין פליכט אונבאַדינגט צו געפינען אַט די מיטלען.

ער האָט הויך אויפגעהויבען די ברעמען און פרעגענד געקוקט אויף טזשיזש'ן.

טזשיזש האָט מיט ענטריסטונג ארויסגעשליידערט אַ נייעם סי־גאַרעט אויפ'ן טיש.

— זאָל זיין, — האָט קראַוזע פאַרטגעזעצט, זיך ניט דערוואַר־טענדיג אויף קיין ענטפער, — אַז איך וויל אינגאַנצען ניט זוכען קיין

שום קאמף... און איך וויל אפילו ניט זוכען קיין גליק, און זאג זיך אינגאנצען אפ פון אלע זאכען... דארף איך דאס דאן קוקען אדער זיך פיהלען שולדיג פאר וועמען עס איז...

— ניט קיין פארברעכער, נאר פשוט א גארניט! — האט א געשריי געטאן טזשיזש. — אזוי קען רעדען בלויז א טויטער מענש... און דערצו אבנארמאלער... און דערצו אזוינער וועמען עס איז וויכטיג בלויז זיין אייגען בייכעל, און וועמען עס געהט זעהר ווייניג אן צו די מענשהייט וועט זיין שטארק און גליקליך אדער...

— זאל זיין, אז פאר מיר איז דאס אינגאנצען אלץ איינס? — האט באמערקט דער קארנעט קראוזע.

טזשיזש האט זיך אביסעל צומישט. ער אליין האט אזוי שטארק געגלויבט אין דעם פליכט פון יעדען מענשען אין עפעס צו גלויבען און צו וואס עס איז צו שטרעבען, אז ער האט ניט גערעדט, נאר זיך פשוט געזידעלט. זאגען א מענשען וואס גלויבט אין גארניט, אז ער דענקט בלויז וועגען זיין מאגען, איז ביי איהם געווען גלייך ווי צו זאגען יע־נעם אז ער איז א נידערטרעכטיגער מענש, אדער אידיאט. און איהם האט זיך געדוכט אז פון אזא באשולדיגונג מוז זיך יעדערער אפטרייס־לען.
זיך געדוכט אז פון אזא באשולדיגונג מוז זיך יעדערער אפטרייסלען.

— ערשטענס גלויב איך ניט אין דעם... און צווייטענס, זענט איהר אויף אזא אופן פשוט א קראנקער מענש.

— דאס איז אלץ־איינס, האט מיט ווירדע אויסגעזעצט דער קארנעט קראוזע — איהר קענט דאס רופען אויך אזוי.

— טויטער מענש!

— ניין איך בין א לעבעדיגער מענש... — האט ווידער ווירדיג באמערקט קראוזע.

— יא, איך אטעם, הייסט דאס אז איך עקזיסטיר! — האט שפאטיש זיך צולאכט טזשיזש. — אבער איך עקזיסטיר — הייסט נאך ניט אז איך לעב. אויב איהר מאכט ניט קיין בלבול אויף זיך, הייסט עס אז אין אייך איז אויסגעטריקענט געווארען יענער לעבע־דיגער שטריך, וועלכער האט זיך בירושה געצויגען פון דור צו דור און איז געווען דער קוואל פון לעבען... איהר אליין קענט אטעמען, רעדען, אומגעהן און טראכטען, אבער איהר טראגט שוין ניט אין זיך קיין

לעבען, נאָר איז טראָגט דעם טויט... יענער שטראָמעלע וועלכער איז געוואָרען דורך מיליאָנען מענשען איז אויסגעטריקענט געוואָרען אין אייך, און האָט זיך מיט אייך פאַרענדיגט... און אַזוי ווי דער סוף איז שוין במילא דער אָנפאַנג פון צופוילטקייט, הייסט דאָס אַז איהר געהט אַרום אַלס אַ צופוילטער מת צווישען די לעבעדיגע... ענטשולדיגט קראָוזע נאָר אַזוינע מענשען וואָלט באַדאַרפט זיין אין די אינטערעסען פון דער מענשהייט צו פאַרניכטען!

— דאָס איז די רעכט פון דער מענשהייט, — האָט קראָוזע געדריקט מיט די פּלייצעס.

— נו, דאָס איז שוין אביסעל צופיעל! — האָט באַמערקט מישקאַ, אין די אינטערעסען פון שלום.

— ניין, ניט צופיעל, האָט אַרויסגעבראָמט טזשיזש כמעט מיט ליידענשאַפט; די מענשהייט האָט אוועקגעלייגט אַ וועלט מיט אַר־בייט, און געבראַכט אַ מורא'דיג גרויסע צאָהל קרבנות און מיט אויס־ערגעוועהנליכע שווערינקייטען אוועקגעלייגט דעם פונדאַמענט פון אַן אומגעהויערער ריזיגער געביידע... אויף כוואַליעס פון בלוט האָט זי דערטראָגען צו אונז איהרע שאַפונגען ביז, דעם פונקט צו און האָט אונז איבערגעגעבען איהר גרויסע אַרבייט... אין דער האָפנונג אַז מיר וועלען מיט דאַנקבאַרקייט איבערנעמען אָט די ירושה און זי אוועקטראָגען ווייטער, און דאָ... נאָט אייך גאָר, עפּעס מאָדנע ענטוישטע סאָבי־עקטען, וועלכע וויינען און קלאָגען אויף לאָעמענס שיקזאַל און טענה'ן: מען דאַרף קיין זאַך ניט, אַלעס איז נאַרישקייטען. און איהר, גרויסער דענקער, וואָס האָט זיך געבראַכט אַלס אָפּפער, זענט פּשוט געוועזן, אידיאָטען!... אידיאָטען! האָט זיך טזשיזש צולאַכט. ווי אומגעלומפּערט דאָס איז, אָבער ניט פרעהליך איז געווען זיין געלעכטער. ער האָט ניט געקענט פאַרשטעהן פאַר וואָס אין זיין פאַר־ביטערטען איראָניש־זיכערען געלעכטער האָט זיך דורכגעריסען אַן אומעטיגער טאָן, ווייל דאָס איז געווען אַ געדאַנק וואָס האָט דורכגע־שוועבט אין דער טיפעניש פון זיין באַוואוסטזיין, וועלכען ער האָט כמעט ניט געוואוסט; און מיט אַמאָל איז דאָס אַן אמת — אַז זיי זענען אידיאָטען!

— איך זאָג דאָס ניט, — האָט באַמערקט קראָוזע, זיי זענען געווען גערעכט פון זייער שטאַנדפּונקט, אָבער איך פון מיינעם...

— און אײב דאָס איז שוין יאָ אזוי, — האָט פאַרטגעזעצט טזשיזש, ניט הערענדיג — טאָ טשעפּע ניט קיין אנדערע, און טריקען אליין פאר זיך... טו אזוי: גלויבסט אין גאָרניט, די מענשהייט געהט דיר ניט אָן, אין דער נשמה הערשט אַ פּוסטקייט, דאָס לעבען אינטער־רעסירט דיך ניט, טאָ טו אַ טובה, לאָז זיך אריין אַ קויל אין שטערען. און טראָג זיך אָפּ צו אלדי רחות!... דאָס וועט אלענפאלס זיין עהר־ליך... וועסט כאָטש די לופט ניט שמוצען!

— און ווער האָט אייך געזאָגט, אז איך דענק ניט אזוי? — האָט זיך קורץ אָפּגערופען קראַוזע ריהרענדיג מיט די ברעמען.

טזשיזש האָט ניט ווילענדיג אַ קוק געטאָן אויף איהם. נאָר דאָס לאַנגע געזיכט מיט די קרומע ברעמען, איז ווי אימער געווען פול מיט רוהיגער זעלבסטווירדע. אַ ניטווילענדיגע קעלט איז דורכגעלאָפען דורך דער פּלייצע פון קליינינקען סטודענט. אבער ער האָט דערפיהלט מיט זיין גאַנצען וועזען אז דאָס איז געזאָגט געוואָרען אלס שעהן וואָרט, אבער ניט אלס אן ארגומענט אין שטרייט.

— מישקאַ האָט אויך אויסגעדרעהט דעם קאָפּ, און געקוקט אויף'ן קאַרנעט.

— וואָס־זשע, קלויבט איהר זיך הייסט דאָס צו ענדיגען דאָס לעבען מיט זעלבסט־מאָרד? — האָט מיט אַ געמאַכטען געלעכטער געפרעגט טזשיזש.

פאַרוואָס ניט... פון אָט דער דייטשער מאָרדע קען מען אלעס ערוואַרטען! — האָט ער פאַרבייגעהענדיג אַ טראַכט געטאָן.

— מעגליך, — האָט נאָך קירצער געענטפערט דער קאַרנעט קראַוזע, און זיין געזיכט איז געוואָרען אזוי קאַלט און פאַרשלאָסען, פּונקט ווי ער וואָלט איהם פאַרשפּילעט.

טזשיזש האָט זיך ווידער פאַרלאָרען, אבער ניט וועלענדיג נאָכ־געבען און כדי צו זיין לאַגיש ביז'ן סוף האָט ער געזאָגט:

— נו, יאָ... דאַן וועט איהר, פון אייער שטאַנדפּונקט, זיין גע־רעכט... ער האָט געזאָגט און זיך גלייך דערשראָקען פאר זיינע איי־גענע ווערטער.

און אפשר? — האָט ווידער דורכגעשוועבט אין זיין מח, און ער האָט ווידער ניט געגלויבט.

— איהר דענקט אזוי? — האָט ערענסט געפרעגט קראַיזע.

טזשיזש איז בייז געווארען, ווייל דאס האט געמאכט דעם איינ־דרוק ווי קראוזע וואלט איהם צודריקען צום וואנט און וועלען פון איהם ארויסציהען דאס לעצטע ווארט.

— נו, יא... איך דענק, האט אנגעשטרענגט און בייז געענט־פערט טזשיזש.

קארנעט קראוזע האט געשוויגען א וויילע, האט איינגעשפארט און דורכדרינגענד איהם געקוקט אין די אויגען. טזשיזש האט זיך ניט ווילענדיג אפגעקערעוועט, און גענומען ארויסנעמען א גילזע פון קעס־טעל, באטש איינע איז שוין געווען אנגעטאן אויף דער מאשינקע.

— יא, האט מיט א מאדנעם אויסדרוק געזאגט קראוזע, ער האט זיך אויפגעהויבען, גענומען זיינע קליינע קאוואלעריסקע פוראזשקע.

— צום ווידער־זעהן.

— שטעהט אווילע, וואוהין קלייבט איהר זיך?

— איך דארף זיין אליין מיט זיך אווילע, — האט קאלט גע־זאגט דער קארנעט קראוזע און איז אוועק צו דער טיר.

— הערט זיך איין, איבערגעוואלט מיט א שמייכעל געשריען טזשיזש, — איהר וועט נאך אפשר...

ער האט געוואלט זאגען: אז אפשר וועט איהר זיך ווירקליך דערשיסען!... נאר דאס האט אויסגעזעהן אזוי אומגעלומפערט, מאדנע און נאריש, אז דאס ווארט האט זיך איהם געשטעלט אין האלז.

—שטעהט קראוזע, דאס איז דאך...

נאר קראוזע האט ניט געענטפערט, און פארשלאסען די טיר פון יענער זייט.

— א, זאל דיך נעמען דער טייפעל!... — האט ווילד אויסגע־שריען דער קליינינקער סטודענט, פארלארען, — דאס איז עפעס א מין משוגע׳נער!

דער צודרעהטער פון לאנגע ליגען מישקא, האט זיך אויפגע־הויבען און זיך אוועקגעזעצט און זיך אנגעשפארט מיט די הענט אין בעט.

אומזיסט האסטו אזוי צו איהם גערעט, — האט ער באמערקט.

— וואס גערעט?

יא, ער רעט אימער וועגען זעלבסט־מארד, און דו האסט איהם ווי אונטערגעגעבען היץ.

טזשיזש איז געוואָרען מלא כעס.

— געה צו אַלדע רחות!... יאָ, איך... נו, זאָל ער געהן צום טייפעל! דאָס איז דער בעסטער וועג פאַר איהם. אָבער וואָס ס'רעדט אַ סך וועגען זעלבסט־מאָרד דער וועט זיך קיינמאָל ניט דערשיסען... דאָס איז אַ פאַקט! קומט בעסער שפּאַצירען.

— גוט, קומט, האָט פלעגמאַטיש איינגעשטימט מישקאַ. עס איז געוועזען קלאָר אַז איהם איז אַבסאָלוט אַלץ איינס: צו געהן שלאָ־פען, אָדער געהן שפּאַצירען, צו גלאָט אַזוי גאָרניט טאָן.

19.

אין אַ ווייכען בלויען טרויער האָט זיך איינגעהילט די ערד, און איז געוואָרען שעהן און פול מיט סודות, ווי אַ פאַרטראַכטע מיידעל. איבער איהר האָבען העל געבליסטשעט די ריינע גרויסע שטערען און דער הימעל האָט אויסגעזעהן באַזונדערס טיעף און ברייט.

טזשיזש מיט מישקע'ן זענען לאַנגזאַם אַהין צוועק געגאַנגען אי־בער'ן פּוסטען בולוואַר. טזשיזש'ן איז געווען לאַנגווייליג: מישקאַ האָט אַ שווייגענדער מיטגעשפּרייזט און עס איז שווער געווען צו פאַרשטעהן וועגען וואָס ער טראַכט; דאָס שטעטעל איז שטיל גע־לעגען אַרום, און די הייזער מיט די דונקעלע פענסטער זענען בלינד געקראָכען פאַרביי; דער הימעל איז געווען ווייט, קאַלט און פרעמד. די בלאַנקענדע שטערען האָבען זיך שטיל געריהרט אין זייער אונפאַר־שטענדליכען אייביגען געשפּרעך, און בלויאינקע ווייטען האָבען פאַר־כשופ'ט זיך געצויגען פון זיי צו דער שוואַרצער ערד.

עס איז געווען פּוסט און שטיל. די ביינקשאָטפּ האָט ווי אַ דיניג־קע שלאַנג אונטער אַ שטיין זיך געראָדערט אין האַרצען פון קליינינקען סטודענט. אין דער פינסטער איז נאָך אַלץ פאַר איהם געשטאַנען

דער לאנגער, ווייסער פנים פון קארנעט קראוזע, און עס האט זיך איהם גערוכט אז ער הערט זיין לאנגזאמע שטימע.

— ווייסט איהם דער טייפעל, — האט מיט פארדרוס און א מאדנער פארקלעמעניש געטראכט טזשיזש : — לעב אפ נאך א יאהר, צוויי אין אט דער פארפלוכטער לאך, און וועסט זיך אליין אויך, אין בעסטען פאל, אויפהענגען.

לויט זיין געוואוינהייט האט טזשיזש געוואלט אפזידלען דאס שטעטעל, ער האט געוואלט אויפוועקען אין זיך די פארשטעלונג ווע־גען יענעם גרויסען רוישיגען לעבען, וועגען וועלכען ער האט גע־טרוימט, נאר עס האט עפעס אויסגעזעהן אומויטיג און נאריש, און ניט אם פלאץ. דער שטילער בלויער אבענט האט אנגעווארפען אזא אומפארשטענדליכען טרויער און געוועקט עפעס אזוינע אונקלארע אומעטיגע געדאנקען. און מיט א מאדנע אויפרייצענדען רוף איז ניט אפטרעטענדיג אויף קיין האר געשטאנען פאר זיינע אויגען דאס לאנגע ווייסע געזיכט, מיט די אויפגעהויבענע קאלטע ברעמען.

— וועגען וואס טראכסטו מישקא ? — האט מיט אנגסט גע־פרעגט טזשיזש.

— א ? — האט ווי פון דער ווייטענס זיך אפגערופען מישקא.

— וועגען וואס שווייגסטו ? — האט ווידערהאלט דער קליי־נינקער סטודענט.

— אזוי זיך, גלאט אזוי... וועגען די שאכמאטען... האט אוטא־מאטיש געענטפערט מישקא.

— פע ! — האט בייז אויסגעשפיגען און האט זיך אנגע׳־ברגז׳ט ווי א באליידיגטער שפערלינג : — דו וועסט אמאל פון זינען אראפ, מישקא, פון אט די דומע שאכמאטען.

— מעגליך.

און זיי זענען ווידער געגאנגען שווייגענדיג. טזשיזש האט גע־קוקט אויף די שטערען און געטראכט אז דאס לעבען איז פול מיט אונערקלערבארע רעטענישען ; און אט די געהיימניספולע סמנים פון דער אייביגקייט, וועלכע זענען אזוי הויך און ליכטיג געווען אנגע־צייכענט אויפ׳ן טונקעלען אפגרונט, איז פאר איהם אונגעהויער גרויס און ערהאבען אויפגעשטאנען דאס בילד — וועלט־שאפונג. מישקא האט געטראכט וועגען די שאכמאטען : א קוים באמערקבארע דינע

נעץ פון פארשידענע קאָנבינאַציעס האָט זיך געפלאַכטען פאר זיינע אויגען; ער האָט אויך געקוקט אויף די שטערען און אַטאָמאַמיש געטראַכט, וואָס וועט זיין ווען מען זאָל מיט דעם גרויסען בלויעם שטערען געבען א שאָך דעם קליינעם שטערענדעל און עק פון גרויסען בער.

זיי זענען געגאַנגען צוזאַמען און צייטענווייז אפילו זיך אָנגעשטויסען אין דער פינסטער איינע אויף די אַנדערע. אבער יעדער האָט זיך געטראַכט פון דעם זייניגען. ווען מען זאָל זיי געוועזן אוועקשטעלען אויף אזא מהלך איינעם פון דעם אנדערען, אויף וועלכען עס זענען געגאַנגען זייערע געדאַנקען, וואָלטען זיי, וועלכע זענען איצט געגאַנגען צוזאַמען געווען אזוי ווייט איינע פון די אנדערע, ווי אָט די ווייטע איינזאַמע שטערען.

גוט'ן אבענט קיריל דמיטריוויטש! — האָט אימיצער געזאָגט צום קליינינקען סטודענט.

טזשיזש האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און דערקענט דזשעניעוו'ן מיט עפעס א פרוי אין א ווייסען קלייד, און האָט זיך זויער אָפּגערופען:

— גוט אבענט.

דערנאָך האָט ער דערקענט דאָס מיידעל — די שוועסטער פון זיינע שילער — ער האָט זי בייז באַגלייט מיט די אויגען און מיט עקעל געטראַכט:

— אָט די אויך אהין...

ער האָט זיך געוואָלט אומקערען צו זיינע געדאַנקען. איהם האָט זיך געדוכט אז ער האָט נאָר וואָס געטראַכט וועגען עטוואָס וויכטיגעס און אינטערעסאַנטעס. אבער ער האָט זיך בשום אופן ניט געקענט דערמאָנען וועגען וואָס, און אנשטאָט דעם האָט ער זיך פארטראַכט וועגען דער מיידעל, וואָס איז נאָר־וואָס פארביי געגאַנגען. טזשיזש האָט זיך פאָרגעשטעלט איהרע נאַיוו־פארוואונדערטע גרויע אויגען, איהרע פולע שטאַרקע פּלייצעס און זי אינגאַנצען אזא פרישע און קרעפטיגע.

— א געזונטע מויד! האָט ער ציניש מיט עקעל א טראַכט געטאָן.

און מאָדנע מיט אמאָל, האָט דעם קליינינקען סטודענט פאַר־דראַסען, וואָס זי האָט זיך באַקענט מיט אָט דעם דזשעניעוו'ן.

— אַך, זאָל זי גייען צום טייפעל! — האָט ער מיט פאַרדרוס געזאָגט צו זיך. — דאָס איז ניט מיין זאַך!

און ער האָט זיך ווידער אומגעקערט צו זיינע געדאַנקען, נאָר זיי זענען שוין ניט געווען די. אַנשטאָט די ערהאַבענע בילדער פון מענשליכען לעבען, אַנשטאָט די פול מיט כעס פּראָטעסטירענדע גע־דאַנקען, וועגען די אומגעלומפּערטקייטען פון אָט דעם לעבען, האָט טזשיזש גענומען טראַכטען וועגען זיין אייגענעם לעבען. און צום ערשטען מאָל האָט ער דערזעהן זיין לעבען אַזוי באַזונדער שטאַר און גרוי.

ווען ער איז געווען אַ גימנאַזיסט איז ער אומגעלאָפען איבער די לעקציעס, שפּעטער אַלס סטודענט איז ער אומגעלאָפען איבער פּונקט אַזוינע לעקציעס ווי פריער. ער איז געזעסען ביי די לעקציעס אין אוניווערסיטעט און געהערט די פּראָפעסאָרען, זיך געאַמפּערט מיט חברים און פּאַרטיי שונאים וועגען די איינצעלהייטען פון די פּראָג־ראַמען אין דער טאַקטיק. ער האָט געשלעפּט אויף די זאַוואָדען די אונלעגאַלע ליטעראַטור, ער האָט אַגיטירט צווישען אונאינטערעסאַנ־טע, לאַנג פאַרלאָרענע פון אויג מענשען. עס איז געווען אַ סך אַר־בייט, רעגונגען און עסקים, אָבער אין אַלגעמיין האָט זיך אַלעס האָפּ־נונגסלאָז צונויפגעגאָסען אין איין גרויען לאַנגען וועג, איבער וועל־כען ער האָט אַזוי דערשלעפּט ביז 30 יאָהר, און ער האָט אַליין ניט געוואוסט נאָך וואָס אייגענטליך האָט ער זיך געשלעפּט. אמת, עס איז געווען אַ מאָמענט, ווען מען האָט געשאָסען אויף די גאַסען, מאַסען מענשען זענען אומגעגאַנגען מיט רויטע פאָהנען, אַלעס האָט זיך אַרויס־געשלאָגען פון וועג, ס'האָט זיך געדוכט, אַז דער צוועק איז דערגרייכט און עס הויבט זיך אָן אַ נייער לעבען, צוליעב וועלכען ער האָט געטאָן אַלעס, דאָס וואָס ער האָט געטאָן. אָבער דאָס איז געווען בלויז איין מאָמענט... און דערנאָך איז אַלץ אוועק אויפ'ן אַלטען שטייגער, און עס איז געוואָרען ערגער ווי פריער. מענשען זענען אפילו אין די מאָ־מענטען פון גייסטיגער דערהויבונג פאַרבליבען, פּונקט אַזוינע חיות, ווי אימער: ביז דער רעוואָלוציע האָט זיי אַלעמען פאַרבונדען און דערהויבען איין אַלגעמיינער געפיהל פון האַס, אָבער אין דעם וויכטיג־

סטען מאָמענט האָבען זיי זיך אַלע צוקריגט, צוליעב געבעלהאַפטע שטרייטיגקייטען אין די פּראָגראַמען. פּונקט ווי א פּראָגראַם וואָלט זיין — דאָס לעבען. דערנאָך איז טזשיזש לאַנג געזעסען אין תפיסה און האָט שוין ניט געטרוימט מעהר וועגען דעם נצחון פון פּראָלעטאַריאַט, נאָר האָט זיך געמאַטערט פון לאַנגווייליגקייט. ער האָט געצעהלט די טעג און פאַרעסטירט געגען דעם, וואָס מען האָט זיי באַרויבט פון די שפּאַצירען. זיין גאַנץ לעבען אין די 4 ווענט פון דער קאַמער האָט זיך אַרונטערגעלאָזען צו קליינינקע אינטערעסען פון אַ אַרומגעשניטענער קלעגליכער עקזיסטענץ. דערנאָך האָט מען איהם אַרויסגעשיקט אין זיין געבורט שטאָט, און דאָס לעבען איז זיך אַוועק מיט זיין וועג, און האָט אינגאַנצען פאַרגעסען פון דעם אָפּגעשטאַנענעם ערגעץ אַוואו אויפ'ן וועג, קליינינקען אָרימען סטודענט.

איצט, ווען אַלעס איז פאַריבער, און עס איז ווידער געבליבען צו לעבען בלויז מיט דער האָפנונג אויף בעסערע צייטען, האָט די פאַרגאַנגענהייט זיך פאַרגעשטעלט אַזוי, נישטיג און נאַריש, אַז ביי טזשיזש'ן האָט פאַרקלעמט דאָס האַרץ; און וואָס דאַן אויב אַ קליינינקער נישטיגער מיקראָביק האָט אינגאַנצען אומזיסט אַזוי געהאַוועט און געשפּרונגען, און אַם ענדע איז געווען ניט מעהר ווי לעכערליך מיט זיין גאַנצער אַרבייט.

קלאָר, ווי ער וואָלט אונטערשטרייכען אַ האָפנונגסלאָזען אורטייל האָט זיך אָפּגעשטעמפּעלט אין מוח, אַז דאָס גאַנצע לעבען האָט ער אָפּגעלעבט איבערגעהענדיג פון איין האָפנונג צו אַ צווייטער: צוערשט האָט ער געהאָפט ענדיגען די גימנאַזיע און אַריין אין אוניווערזיטעט, שפּעטער האָט ער געוואַרט אויף דער רעוואָלוציע, ענדליך האָט ער געטרוימט אַ טרוים אַרויסגעהן אויף דער פרייהייט, און איצט וואַרט ער און קען זיך ניט דערוואַרטען דעם סוף, ווען ער וועט פריי ווערען פון דער אויפזיכט פון דער פּאָליציי. און דאַן וועט ער ווידער אויף עפּעס וואַרטען און וועט שטאַרבען מיט דער זעלבער האָפנונג אַז אָט מאָרגען, הויבט זיך שוין ענדליך אָן אַ נייער אמת'ער לעבען. בלאָס, כמעט ניט פאַרכאַפּט פון באַוואוסטזיין, איז פאַרבייגעלאָפען אַ געדאַנק, אַז אפשר איז ווירקליך בעסער אויסצומיידען אָט די אַלע נוצלאָזע עטאַפּען, און גלייך געהן צו דעם ענדגילטיגען ציעל.

קארנעט קראוזע'ס לאנגע, ווייסע געזיכט איז ווידער ארויסגע־שוואומען פון דער פינסטער, און גענומען שוועבען פאראויס, ווי עס וואלט רופען ערגעץ וואו נאך זיך.

20.

דזשעניעוו מיט ליזא טריגולאווא זענען שטיל געגאנגען איבער דער טונקעלער גאס. דער שוואכער אפשיין פון די שטערען האט זיך געלייגט אויפ'ן געזיכט פון דער מיידעל און האט איהם צוגעגעבען יענעם פארטראכטען חן, וועלכער האט טויזענדע יאהר הונדערטע צו־געצויגען מיט א פארשפרעכען פון עפעס א נייעם אויסערגעוועהנליכען גליק. וויפיעל ווארימע זומער נעכט, וויפיעל רעגענדע פריהלינגס־אבענטען זענען געווען דורכגעדרונגען מיט דעם כשוף פון פרויען יוגענד, וועלכער פארשווינדט ווי א מעשה'לע, ביים ליכט פון דעם ניכטערען טאג.

דזשעניעוו האט געקוקט אויף אט דעם ווייסען געזיכט מיט די טונקעלע ברעמען און גרויסע נאַיווע אויגען. ער האט זיך איינגעבוי־גען צו איהר אין דער פינסטערניש פון דעם אבענט און איהם האט זיך געדוכט, אז קיינמאל איז נאך ניט געווען אזוי לייכט און פריידיג צו לעבען. איהם האט זיך געוואלט בלויז איין זאך, אז אט די יונ־גינקע שעהנע און פרישע מיידעל זאל איהם ארומנעמען און צערטלען.

ער איז אזוי געוואוינט געווען צו אט די צערטליכקייטען. ער האט זיי אזוי לייכט און שנעל דערגרייכט, אז ער האט שוין איצט געצי־טערט פון דעם אונגעדולדיגען דורשט נאכ'ן ערשטען קוש. איהם איז געווען מאדנע וואס מען דארף נאך וועגען עפעס רעדען.

— פארוואס־זשע האט איהר אזוי געוואלט זיך באקענען מיט מיר?

— האט ער שטיל געפרעגט, זיך איינבויגענדיג צום געזיכט פון דער מיידעל. און זיינע שטילע ווערטער, אין וועלכע ער האט אריינגעלייגט

די גאנצע געהיימניספולע קראפט פון באגער, האבען פארשטאנען בלויז פרויען.

ליזא האט זיך איהם נאר וואס מודה געווען, אז זי האט שוין לאנג געטרוימט, צו באקענען זיך מיט איהם. אבער מיט א אינסטינקטיווער פארביסענהייט פון א יונגינקער מיידעל, האט זי געענטפערט פשוט און כמעט גלייכגילטיג:

ווייל מען האט מיר א סך דערצעהלט וועגען אייך.

— ווער?

— פיעלע... איהר פארדעכטיגט געווים אליין ניט וויפיעל מען אינטערעסירט זיך דא מיט אייך.

דאס איז פארשטענדליך.

— ווארום איז דאס אזוי פארשטענדליך? — האט ער זיך געמאכט אז ער פארשטעהט ניט, כדי זי צווינגען צו זאגען מעהר.

— נו, ווי דען, האט זיך ליזא אזוי ווי אויפגערעגט. — איהר זענט א מאלער, וועגען אייך שרייבט מען... און דערצו...

זי איז אונערווארטעט אנטשוויגען געווארען.

— וואס — דערצו?

— קוקט... א שטערען איז געפאלען!

— נו, זאל ער! — האט אין שפאס א מאך געטאן מיט'ן האנט דזשענעיעוו. צושמייכלענדיג איהר נאיווער דיפלאמאטיע, — וואס — דערצו?

ליזא האט זיך געמאכט אז זי הערט ניט.

— אך, ס'ארא מין ווארימע נאכט עס איז היינט!

זי האט זיך דערשראקען דערפאר, וואס ביי איהר האט זיך שיעור ניט ארויסגעריסען פון צונג, כאטש בלויז ד א ס האט זי אינטערעסירט און טאקע דערפון האט זיך איהר זעהר געוואלט רעדען. עס האט זיך איהר ליידענשאפטליך געגלוסט, עס האט זי גערעגט און געשראקען און געצויגען ווי צו א פארווערטער זאך. דא איז געווען עפעס א סוד, וועלכער האט געצויגען איהר יונגע נאיווע נשמה און קערפער. זי האט איהם געוואלט פרעגען וועגען זיינע פארבינדונגען מיט פרויען, וועגען נעלין, און יענער גימנאזיסטקע וועלכע האט זיך געוואלט שי־סען און וועלכע איהרע עלטערען האבען אוועקגעפיהרט ערגעץ ווייט אין דרום, וועגען דער שעהנער ארטיסטקע פון פעטערגראד, וועלכע

האט אפגעלעבט אין שטעטעל צוויי וואכען און איז פארשוואונדען איבערלאזענדיג אין דעם זכרון פון די איינוואוינער א ריח פון א דונ־קעלער פארביסענער זינד, דעם סוד פון איהרע ברענענדע געוואגטע אויגען פראכטפולע רייצענדע קליידער און פאר אלעמען געהיימע טראגעדיע.

ליזא האט געקוקט אויף דזשענעיעוו'ן, אויף זיינע דונקעלע אויגען, שטארקע הענט, און שארף אנגעצייכענטע ליפען, און זיי האבען זיך צוזאמענגעגאסען אין איהר פארשטעלונג מיט די נעבעלהאפטע געשטאלטען פון געהיימניספולע פרויען, וועלכע האבען איהם ליעב געהאט און געליטען. מיט אט די ליפען האט ער זיי געקושט, מיט אט די הענט האט ער זיי ארומגענומען און ענטבלויזט, און קוקענדיג אויף איהם האט ליזא ווי געפיהלט איהר פרויען קערפער. זי האט געפיהלט א אונפארשטענדליכע מורא, און נאך עפעס אזויגס ווי אן אונבאמערקבארען פארלאנג, פון וועלכען עס האבען זיך געריוועלט איהרע באקען און געקלאפט דאס הארץ.

דזשענעיעוו האט געפיהלט וועגען וואס זי וויל, נאר זי קען ניט ריידען, נאר כדי איינהאלטען דאס מיידעל ביי אט דעם דונקעלען זינדיגען וועג, איז ער באשטאנען:

— נו, איהר ווילט ניט, האט ער געזאגט באפעלענד און צערט־ליך, נאהענט אריינקוקענדיג איהר אין די נאיווע, פארשעמטע אויגען. וועלכע זי האט פון איהם באהאלטען. איך וויים דאך, אז איהר ווילט אומיסטען אומבייטען דעם געשפרעך. דערצעהלט מיר וואס רעדט מען וועגען מיר אזוינס, וואס איהר ווילט מיר ניט זאגען. ער האט געשוויגען א ווייל'ע און אומיסטען אויסגערעכענט צוגעגעבען:

— אניט וועל איך דענקען אז מען רעדט וועגען מיר זעהר מיאוס!

ליזא האט זיך פארלארען.

— ניין, וואס רעדט איהר! קיין באזונדערעס... אזוי...

— און פונדעסטוועגען?

— נו, מען דערצעהלט, אז איהר... אז איהר האט געהאט א סך געשיכטען מיט פרויען און אז איהר... קוקט שלעכט אויף פרויען...

— באשליסענדיג זיך, פונקט ווי זי וואלט זיך ווארפען אין א טיפען אפגרונט, האט געזאגט ליזא.

דזשענעיעוו האט דורכדרינגענדיג און דורשטיג געקוקט אויף

איהר. זיינע דינע נאָזלעכער האָבען זיך ברייט צועפּענט און די אוי־גען האָבען געבליסטשעט.

— און ווי דענקט איהר... דאָס איז אן אמת? — האָט ער גע־פּרעגט.

ליזאַ האָט אַ קוק געטאָן אויף איהם מיט איהרע ריינע דורכזיכ־טיגע אויגען.

— איך ווייס ניט... נאָר מיר דוכט זיך, אַז דאָס איז אן אמת! האָט זי זיך אויסגעגליכט און געענטפערט ווי אַ באַליידיגטע.

— וואָס איז אמת?

אַז איהר קוקט אויף דער פרוי, בלויז ווי אויף אַ פרוי.

די יוגענד און ריינקייט האָבען איהר געגעבען כוח און זי האָט איהם געקוקט גלייך אין די אויגען.

— וואָס הייסט בלויז ווי אויף אַ פרוי? — האָט פאַרביסען געפרעגט דזשענעיעוו, ווי ער וואָלט איהר שטופּען אויפ'ן וועג פון טונקעלע און זינדיגע פאַרשטעלונגען.

— נו, איהר פאַרשטעהט... — האָט געזאָגט דאָס מיידעל, און איז רויט געוואָרען און געפיהלט אַזוי, ווי זי וואָלט זיך אליין ענטבלויזען פאַר איהם.

ער האָט געקוקט אויף איהר און מאָדנע געשמייכעלט. אונטער אַט דעם שמייכעל האָט ליזאַ שאַרף דערפיהלט אַז זי איז אליין אויך אַ פרוי; אַז זי פאַרמאָגט קיילעכדיגע פּלייצעס, שעהנע ברוסטען, שלאַנקע שטאַרקע פיס, און אַ יונגען בויגזאַמען קערפּער, וועלכען ער זעהט דורך דער לייכטער שטערונג פון דעם ווייסען לייכטען קלייד.

— וואָס־זשע דען דאַרף מען זעהן אין דער פרוי? האָט חוצפּה'־דיג געפרעגט דזשענעיעוו.

— ווי הייסט וואָס! אַ פרוי איז דען ניט קיין מענש? שווין־זשע איז אין איהר מעהר ניטאָ ווי דאָס ווייבליכע... — האָט פאַר־שעמט און אויפגערעגט געפרעגט דאָס מיידעל.

— וואָס האָט דאָ צו טאָן דער מענש? — האָט מיט דער זעלבער חצפּה געענטפערט דזשענעיעוו — און שוין־זשע, שליסט אויס די ליעבע צו אַ פרוי, אַלס אַזעלכער, די מעגליכקייט צו אכטען זי?... מען דאַרף שוין צופיעל פאַראַכטען די פרוי, כדי צו זעהן אין דעם אַ באַליידיגונג!

— ניין, ניט דאָס... — האָט זיך ליזאַ פאַרלאָרען, — אָבער איהר קוקט שוין צו איינזייטיג...

זי האָט געפיהלט אז ער ציהט זי אריין אין א דונקעלען שטראָם, אין וועלכען ער פאָלגט נאָך זיין אייגענעם ציעל, נאָר זי האָט ניט געקענט און ניט געוואוסט ווי אזוי זיך אָפּשטעלען פון דעם געשפּרעך, וועלכער האָט זי אזוי גערעגט און געשראָקען.

ערשטענס הייגנט דאָס אָפּ פון די פרויען אליין — האָט באַמערקט דזשענעיעוו, — און יענע אויף וועלכע איך האָב אזוי געקוקט האָבען קיין אנדער זאַך ניט פאַרדינט... די פרוי קען אימער קריגען יענע באַציהונג, וועלכע זי וויל... און וואָס אנבאַלאַנגט מיך, זוך איך אין דער פרוי דאָס, וואָס איך דאַרף קריגען בלויז פון דער פרוי. ווען מיר פאַרגלוסט זיך פאַרברייינגען מיט אַ מענשען, וועל איך דאָן געהן צו וועמען עס איז זיכערער פון אלץ, צו אַ מאַן, ווייל אם ענדע, אלענפאַלס, ביים איצטיגען מאָמענט זענען זיי, נאָך אלץ קליגער און ענטוויקעלטער און ערפאַהרענער פון דער פרוי. נאָכוואָס־זשע וועל איך רעדען מיט דער פרוי וועגען קונסט, אדער וויסענשאַפט אדער פּאָליטיק און ענליכע זאַכען?... פאַר דעם צוועק וועל איך געפינען קינסטלער, שרייבער און געלעהרטע, וועלכע וועלען מיר מעהר קענען זאָגען. אין דער פרוי זוך איך צערטליכקייט, שעהנקייט און גענוס... איך האָב זי ליעב פאַר איהר ווייבליכקייט, שעהנקייט, און פאַר איהר קערפּער...

ער האָט גערעדט מיט אַ מאָדנער איינציהענדער קראַפט און דאָס וואָרט פרוי האָט געקלונגען אין זיין שטים, ווי אַ הייסער זינדיגער געשריי.

זיין הייסער אָטעם האָט געשוועבט איבער דער מיידעל'ס באַק, און איהר האָט זיך געדוכט, אז זיין אויפגערעגטער שטילער מורמעל פאַרדרעהט איהר דעם קאָפּ, און רינגעלט זי ארום מיט אַ זיסליך־שטיקענדען נעבעל.

— דאָס איז זעהר מיאוס! — האָט זי געזאָגט מיט דעם לעצטען פּראָטעסט פון נאַיוועד מיידעלשער ריינקייט, און געקוקט אויף איהם מיט שטרענגע צניות'דיגע אויגען.

— וואָס איז מיאוס? — האָט חוצפּה'דיג געפרעגט דזשענעיעוו. יעדער פרוי, איהר אויך אריינגערעכענט איז געבאָרען געוואָרען

אום צו ליעבען... דאָס איז אַ געזעץ פון דער נאַטור, דער ריינער און שעהנער גענוס, וועלכען נאַרישקייט און שימעל ווילען פאַרוואַנדלען אין עפּעס אַ מין בלאָטע. אויסער דעם, איהר מעגט זיך באַשעפטיגען מיט קונסט אדער וויסענשאַפט, מיט וואָס איהר ווילט אליין, נאָר איהר וועט דאָך ליעבען, ווייל איהר זענט אַ יונגע געזונטע און שעהנע פרוי... אימיצען וועט איהר ליעב האָבען, צערטלען, וועט צערטלען... אימעצען וועט איהר זיך אוועקגעבען, און געוועהנליך, האָב איך אַ רעכט צו וועלען, און זיך מיהען, אַז דאָס זאָל זיין איך!

ער האָט אונבאַמערקט גענומען רעדען צו איהר ווענען איהר אליין, און ליזאַ האָט דאָס ניט גלייך פאַרשטאַנען. ווען זי האָט דאָס באַמערקט האָט זי זיך פאַרוויטעלט און האָט איינגעבויגען דעם קאָפּ מיט די העלע האָר, אַ צוטראַגענע און פאַרטויבטע. ער האָט איהר ניט געגעבען קיין צייט צו קומען צו זיך, בייז ווערען, און מיט דער קראַפט פון כעם אוועקשטעלען צווישען זיי אַ אומצוטריטבאַרע קאַלטע וואַנט, און פאַרענדיגט:

אין אַט דער מינוט למשל, ווילט זיך מיר גאָרניט פילאָסאָפירען מיט אייך וועגען פרויען, עס גלוסט זיך מיר פשוט אייך ארומנעמען און אַ קוש טאָן.

ליזאַ איז אַ דערשראָקענע אָפּגעטראָטען. אַ רויטע פאַרב האָט געדיכט פאַרגאָסען ניט נאָר איהרע באַקען, נאָר אפילו איהר שטאַרקען, שלאַנקען, האַלז. דזשענעיעוו האָט דערפיהלט אַז ער האָט זיך אביסעל צוגעאיילט און זי קען נאָך פון איהם אוועקגעהן.

— איהר זענט בייז געוואָרען? מאָמענטאַל אומבייטענדיג דעם טאָן, האָט ער וואַרים און צערטליך געפרעגט. ער האָט זיך איינגעבויגען צו איהר און געוואָלט אריינקוקען אין די אויגען. וועלכע האָבען באַוועגלאָז געקוקט אויף איהם.

— איהר זענט בייז?... נו, ענטשולדיגט... איך האָב ניט געמיינט אייך צו באַליידיגען, מיין ליעבע מיידעל!

ליזען, איז מיט אמאָל געוואָרען אביסעל לעבערליך: זיין שטים איז געוועזען אַזאַ שולדיגע און בעטענדע.

— ניין, — האָט זי ווייכער ווערענדיג געפרעגט, — אַבער נאָך וואָס רעדט איהר דאָס אַלעס?

— וואס הייסט נאך וואס?... דערפאר ווייל דאס אלעס איז דער ריינער אמת? — האט מיט קראפט געענטפערט דזשענעיעוו.

ליזא האט א פארלארענע געדריקט מיט די פלייצעס.

— הערט, טרוימען וועגען דעם האב איך א רעכט? אמת? ווירקליך, טרוימען קען מען דאך וועגען וואס מען וויל...

זי האט דערפיהלט אז ער כאפט איהר אריין, אבער זיך אויס־דרעהען האט זי ניט געקענט.

— נו, יא... א רעכט האט איהר, געוועהנליך, — האט זי אויטא־מאטיש געענטפערט.

נו, און אויב איך האב א רעכט צו טרוימען, טא ווארום זאל איך ניט זאגען דעם אמת?... נאך וואס זאל איך לייגען און זיך מא־כען?... דאס איז דאך לעכערליך!... מיר ווילט זיך אייך א קוש טאן, זאג איך דאס...

— נו, זאגט! — האט מיט א הילפלאזער אנשטרענגונג פאר־וואנדלען דעם גאנצען געשפרעך אין א שפאס, ארויסגעמורמעלט ליזא.

— וועט דאס מיר אויסקומען צו טאן? יא? — האט מיט אמאל געפרעגט דזשענעיעוו, דאס מיידעל אויפ'ן אויער.

זי האט כמעט דערפיהלט די צערטליכקייט פון זיינע הייסע ליפען, און איהר האט זיך געדוכט אז א הייסער נעבעל האט זיך אנ־געדוקט און דרעהט איהר דעם קאפ. אבער שטארקער פון דעם שרעק און כעס האט זיך אויפגעהויבען אין איהר די דונקעלע פארבאטענע נייגעריגקייט. אויף אן אויגענבליק האט זיך איהר אפילו אויסגעוויזען אז דאס איז אזוי פשוט און אינטערעסאנט, אז איהר האט זיך פאר־גלוסט ער זאל דאס טאן. ווי עס וואלט זיך איהר פארוועלען אריינ־קוקען אין א טיפען אפגרונט.

— איך ווייס ניט... — האט זיך אונבאוואוסטזיניג ארויסגע־ריסען פון איהר מויל.

זי האט מיט אמאל דערפיהלט, אז אט וועט ער זי באלד א קוש טאן. דאס מיידעל האט זיך גענומען צאפלען, אזוי ווי זי וואלט זיך קלייבען אנטלויפען, אדער איהם אפשטויסען פון זיך.

דזשענעיעוו האט כמעט גראב ארומגענומען מיט זיין שטארקער האנט איהר יונגען בויגזאמען קערפער. ער האט גענומען שוועבען מיט זיינע הייסע ליפען איבער איהר סאמעטענער באק; ער האט

געפונען איהרע ליפּען, און האָט זיי פאַרמאַכט מיט אַ ווילדען קוש. זי האָט נאָך געקעמפּט זיך אַנשפּאַרענדיג מיטביידע הענט אין זיין ברוסט, אָבער ער האָט מיט דער צווייטער האַנט אַרומגעכאַפּט איהר ווייכע פּאָטילניצע און מיט אַ שמערצליכען כוח צוגעדריקט איהרע ליפּען צו זיינע אַזוי, אַז ער האָט דערפיהלט איהרע קאַלטע פייכטע ציין. ליזאַ האָט זיך געשטיקט און שיעור ניט פאַרלאָרען דעם באַוואוסטזיין. זי האָט זיך פאַרצווייפעלט אַ ריס געטאָן; זי אַרויסגעריסען, און איז אַפּגעשפּרונגען צום פּאַרקאַן.

— דאָס איז אַ חוצפּה... ווי וואָגט איהר דאָס! — האָט זי אויסגעשריען און זיך אָנגעכאַפּט פאַר'ן פּאַרקאַן, אום ניט צו פאַלען פון דער האַסטיגער באַוועגונג.

די הוט האָט זיך פאַררוקט אויף אַ זייט, די האָר האָבען זיך צוקאַשמעט, דאָס גאַנצע געזיכט האָט געברענט, דער קערפּער געציטערט, און דאָס הארץ האָט אַזוי געקלאַפּט, פּונקט ווי עס וואָלט זיך וועלען צורייסען. זי האָט שווער געאָטעמט און איז גרייט געווען זיך צוּוויינען.

דזשענעיעוו האָט איהר ווידער ניט געגעבען קיין צייט צו קומען צו זיך, און ווערען אויף דאָס ניי קאַלט און פרעמד.

— ענטשולדיגט מיר! — האָט ער אַרויסגערעדט צערטליך, געהאַרכזאַם און שטיל. — איך האָב אייך באַליידיגט... ענטשולדיגט?... איך בין ניט שולדיג, וואָס איהר זענט אַזוינע... נו, גוט, איך וועל אַוועקגעהן...

ער האָט נאָך עפּעס געזאָגט, אזוי נאַיוו כמעט לעכערליך, און האָט אויסגעזעהען אַזוי דערשלאָגען און געהאָרכזאַם, אַז ליזאַ האָט ניט געקענט ברוגז ווערען.

— איך בין ניט בייז... דאָס איז לעכערליך. איך בין אליין שולדיג... אָבער מען דאַרף דאָס ניט... מעהר... האָט זי מיט מאַטערניש אַרויסגערעדט און טרערען האָבען זיך באַוויזען אין איהרע ליכטיגע נאַיווע אויגען.

— פאַרגיט מיר, — האָט נאָך טרויעריגער און צערטליכער זיך געבעטען דזשענעיעוו, און פון אונטען געקוקט איהר אין די אויגען, אַזוי ווי ער וואָלט שוין ווידער וועגען עפּעס בעטען. אַט די אייגענע־

שפּאַרטע קראַפט האָט זי איינגאַנצען ענטוואָפענט, אַראָפּגעפיהרט פון וועג און נוצלאָז געמאַכט אַלע בייזע ווערטער.

— נו גוט... — האָט זי צומישט געזאָגט. איך וועל ניט זיין בייז... אַבער גענוג... זייט געזונט.

ערשט דאַ האָט זי באַמערקט אַז זיי שטעהען שוין לאַנג ביי דער טיר פון זייער הויז.

— אָבער מיר וועלען זיך נאָך זעהען?... ווייל, איהר האָט דאָך מיר פאַרגעבען. דערוויייזט־זשע אייער ענטשולדיגונג!... מיר וועלען זיך זעהען, יאָ? — האָט ער געזאָגט מיט געבעט און מאַכט און דער־ביי אַריינגעקוקט איהר אין די אויגען.

— יאָ, יאָ... איך ווייס ניט... גוט... — האָט כמעט מאַרטירעריש אויסגעשריען דאָס מיידעל. זי האָט געפיהלט אַז עס דרעהט איהר די קאָפּ. האָט זי מיט אַמאָל אויפגעהויבען דאָס קלייד אַ שאָקעל גע־טאָן מיט'ן קאָפּ און אַריינגעלאָפען אין הויף.

דזשענעיעוו איז געבליבען אַליין. ענטליכע מינוט איז ער גע־שטאַנען אויפ'ן זעלבען אָרט, און מאָדנע מיט שאַרפע אויגען איהר נאָכגעקוקט. דערנאָך האָט ער אַ שמייכעל געטאָן און איז אַוועק צו־ריק.

ער האָט שוין געוואוסט אַז זיי וועלען זיך זעהן, און אַז זי וועט איהם ליעב האָבען.

21.

דער דאָקטאָר אַרנאַלדי האָט געטריי אויסגעפיהלט די אַרויפגע־לייגטע אויף איהם אויפגאַבע צו שאַפען פאַרוויילונג פאַר זשעניטש־קען.

ער האָט געבעטען אַרבוזאָוו'ן, אַז ער זאָל מאַכען אַ פּיקניק הינ־טער'ן שטאָט אין דעם אַרבוזאָוו וועלדעל. אין דעם טאָג פון פּיק־ניק

איז ער פאַרנאַכט אליין צוגעפאַהרען נאָך יעווגעניא סאַמאַילאָוונא.

ער האָט געטראָפען זשעניטשקען שוין אינגאַנצען פאַרטיג. זי איז ווי אימער געווען אין רויטען, נאָר איצט איז איהר קלייד געווען לייכט און דורכזיכטיג, דערפון איז נאָך העלער ארויסגעטראָטען די וואונ־דערליכע שעהנקייט פון איהר בויגזאַמען רייכען קערפּער. אפילו דער גלייכגילטיגער דאָקטאָר, האָט ניט ווילענדיג א קוק געטאָן אויף די ריינע רונדע ליניען פון איהרע פּלייצעס, וואָס האָבען זיך געוויסט אין דעם ברייטען אויסשניט פון קלייד.

— נו, וואָס, מיר פאָהרען? — האָט ער געפרעגט.

— איך בין גרייט! — האָט פריידיג אויסגעשריען די יונגע פרוי, אנטאָענדיג די הוט.

פונדעסטוועגען איז איהר שווער אין אָט דעם טרויעריגען הויז, מיט צוויי בלאַסע פרויען פון וועלכע איינע שטאַרבט מיט אזא מאַ־טערניש, און די צווייטע איז ארומגעגאַנגען א בייזע מיט א שטרענגען שמייכעל. איהר קערפּער פול מיט לעבען האָט זיך געבעטען אויף דער פרייהייט צו ראַש און באַוועגונג, אונטער די הייסע בליקען פון די מענער. זי האָט זיך געפרעהט מיט'ן ארויספאָהר ווי א קינד. זי האָט געוואוסט אז דער פּיק־ניק ווערט געמאַכט בלויז פון איהרט וועגען, און אז דאָרטען וועלען זיין א סך אינטערעסאַנטע יונגע לייט. זי איז געווען שטאָלץ מיט איהר געוואַגטער העלער שעהנקייט און האָט ניט געצווייפעלט אז אלע וועלען זיין פאַרנומען בלויז מיט איהר.

ביז וואַנען זי האָט אָנגעטאָן די הוט פאַר'ן שפּיגעל האָט מאַריא פּאַוולאָוונא געקוקט אויף איהר מיט א מילדען שטילען שמייכעל. די קראַנקע איז שוין געווען צוגעוואוינט צום געדאַנק אז פאַר איהר זענען אָט די אלע פריידען געשטאָרבען און זי האָט ניט מקנאה געווען זשעניטשקען. עס איז איהר בלויז געווען אביסעל אומעטיג און עס האָט זיך איהר ניט געוואָלט באַווייזען דעם אומעט.

— צו וואָס, — האָט זי טרויעריג געטראַכט, — וועמען געהט דאָס אָן!

— נו דאָקטאָר, — האָט זי געזאָגט, איך גיב אייך איבער מיין זשעניטשקע'ן. פאַרשאַפט איהר אביסעל פרייד. זעהט ס'אַרא מין שעהנינקע זי איז!...

מיר וועט אויך זיין פרעהליכער, אז איך וועל וויסען אז איהר

איז פרעהליך... זי האט זיך דא אזוי אנגעליטען מיט מיר, מיין ארי־מינקע.

רעד ניט קיין נארישקייטען מאשא... דו ווייסט ווי איך גלייך דאס ניט! — האט זיך אפגערופען יעווגעניא סאמאילאוונא.

זי האט געפיהלט א מין פארלעגענהייט אין דעם, וואס זי איז אזוי יונג, שעהן און געזונט, ווערהענד יענע האלט ביים שטארבען. א גע־פיהל פון עפעס א מין אונפארשטענדליכער שולד האט זי געמאטערט און זי האט זיך געמיהט צו באהאלטען איהר אופגערעגטען שמייכעל. ווערכער האט ניט וויליענדיג באריהרט איהר ראזוועע ליפען און גע־שפילט אין די שווארצע אויגען. זי האט זיך אפילו געמאכט אז עס ווילט זיך איהר גארניט אזוי שטארק פאהרען, און פאהרען פאהרט זי בלויז צוליעב דעם, ווייל עס איז אונאנגענעם אפצוזאגען דעם דאקטאר ארנאלדי, וואס האט זיך אזוי פיעל גע׳עסק׳ט.

— נו, דו וועסט דאך ניט בענקען? זעה־זשע! — האט זי גע־זאגט קושענדיג מאריא פאוולאוונא. — אניט וועל איך בעסער ניט פאהרען...

— ניין, איך וועל ניט, איך וועל ניט בענקען!... פאהר טייערע, דו וועסט מיר פארשאפען דערמיט א גרויסען פארגעניגען! — האט געענטפערט די קראנקע שמייכלענדיג איבער גוואלד.

יעווגעניא סאמאילאוונא האט אונבאמערקט א זיפץ געטאן און אויף איין אויגענבליק איז איהר באמת שווער געווארען צו טראכטען וועגען דעם ארויספאהר. נאר ווען די טיר האט זיך פארמאכט הינ־טער זיי, און דער אומעטיגער צימער פון דער קראנקער איז גע־בליבען פון הינטען, האט זשעניטשקא ניט געקענט איינהאלטען די פריינדליכע רעגונג וואס האט זי ארומגעכאפט, ווי פרישע וואסער ביים באדען. זי האט פארגעסען אז דער דאקטאר ארנאלדי איז אן אלטער אומעטיגער מענש, זי האט איהם געכאפט אונטער׳ן האנט און איהם געצוואונגען ארויפצולויפען פון די שטיגען.

— שנעלער, דאקטאר, שנעלער! מיר פאהרען, פאהרען!... אך ווי גוט!... היינט וועל איך טרינקען, זינגען, לויפען און טאנצען... אורא, אורא!... ווארום זענט איהר אזא אומעטיגער!... ווי שעמט איהר זיך ניט?... נו־זשע, נו, דקאטאר, ווערט פרעהליך, כאטש היינט!

דער דיקער, שווערער דאקטאר האט בלויז גע̇סאפעט, זיך איילענ־דיג נאך איהר, און זי האט דעם גאנצען וועג, געצערטעלט פון פעלד ווינט, געבליסטשעט מיט איהרע שווארצע אויגען און ברעמען, געלאכט און גערייצט איהר שוויינענדיגען מיטגעהער.

די זון איז שוין געווען נידעריג אויפ'ן האריזאנט און איז צו־גאנגען אין א רויטען פייער. אויף די ווייסע בערעזקעם ביים סאמע וועלדעל, זענען געלעגען פייערדיגע פלעקען, דאס גרינם האט זיך העל גענאלדט, און אין דער טיעף פון וועלדעל האבען זיך שוין גע־בלויט די דינינקע שטאמען פון די בוימער און עס האבען זיך שוין אנגעגאסען די זאפטיגע טונקעלע טיפענישען.

דארטען ערגעץ זענען די בוימער שיטערער געווארען און זיך גערויטעלט אויף דער זון. א הויכער אפגעריסענער בארג איז ווי געפאלען אין טייך און אויף דער זאמדיגער טרוקעניש האט זיך גע־פאלעסקעט א רוהיגער ברייטער טייך. הינטער'ן טייך האבען זיך נעגרינט געקרויזטע שטאמען, און ווי צושורפטע נעסטען, האבען פיעלפארביג ארויסגעקוקט די דעכער פון דעם דארף. גלאט און שטיל איז געלעגען דער טייך און ער האט ניט גערוהט, קיין העלע אפשפיג־לונגען, בלויז אויפ'ן זאמד האט זיך קוים אפגעשלאגען א זילבערנער זוים פון אן אונבאמערקבארער כוואליע.

ארבוזאוו'ס פאהרלייט האבען צוואוארפען פעלד־טישען און האַ־בען זיי געדעקט מיט ווייסע טישטוכער; אין א זייט האבען געזאטעלט סאמאווארען, און עס האט זיך גערויכערט א קליינינקער פייער, אום צו אפצוטרייבען די קאמארעס. אויפ'ן גראז האבען זיך געוואל־גערט געעפענטע קעסטלעך מיט פארבייסען און פלעשער. ואנ־טער די קוסטעס זענען געשטאנען די אויסגעשפאנטע פערד און האַ־בען פריעדליך געשאקעלט מיט די קעפ און מיט די ווידלען. די שטרא־לען פון דער זון האבען מיט דינע דורכזיכטיגע גאלדענע ליניעס זיך געצויגען צווישען די צווייגען און, ווי שפינוועב זיך געפלאכטען אין דער טיפעניש פון וועלדעל.

טזשיזש, מישקא און דאווידענקא זענען אוועקגעגאנגען זיך באַ־דען ארום פעלזיגען ברעג; ארבוזאוו, טרענעיעוו, קראוזע און נאור־מאוו האבען געטרונקען ביער אויפ'ן גראז. דזשעניעוו איז געזעסען אליין אויף דעם אבריוו, און געקוקט אויף דעם געגענזייטיגען ברעגן

אויף די ווייסע פלעקען פון די דארפס הייזער, אויף דער רוהיגער אויבערפלעך פון טייך, וואס איז געווען ראזעווו פון דער זון און אויף די נאקעטע קערפערס פון די סטודענטעז, וועלכע האבען געבלאנקט מיט יונגנד אין די קרייזען פון דער וואסער.

ער האט זיך א ווארף געטאן אופ'ן גראז, און מיט דער גאנצער ברוסט איינגעאטעמט די קיהלע טייך־לופט, און איהם האט זיך גע־דוכט אז זיין גאנצער קערפער פיהלט זיך אן מיט דער לייכטקייט און מונטערקייט פון די וועלדער, ווי מיט יונגען פארשוימטען וויין.

פארטראכט און גליקליך שמייכעלנדיג האט ער באאבאכטעט די העלע פארבען פון דער פארגאנגענער זון, און פאר זיינע אויגען איז געשטאנען דאס ליעבע פארשעמטע פנים'ל פון דער פארליעבטער מייד־על, מיט די נאיווע גרויע אויגען און לייכטע העלע האר. ער האט זיך דערמאנט אין איהרע אונערפארענע קושען אין דעם ציטער פון דעם יונגען קערפער און אין איהר בראווען ארויסצודרעהען פון זיינע צערטליכקייטען.

פון יענעם אבענט אז האבען זיי זיך באגעגענט כמעט יעדען טאג, און דאס מיידעל האט שוין געוואוסט אז זי ליעבט איהם, האט ערלויבט זיך ארומנעמען און קושען. זעהר זעלטען פלעגט זי אליין אויך קושען אזוי לעכערליך קינדעריש. נאך יעדער באגעגעניש פלעגט ער אוועקגעהן פון איהר אן אויפגערעגטער און ניט קיין באפרידיגטער. פון איהר ריינע ניט געוואגטע לאסקעס.

ער האט זיך געוואלט נאהענטקייט ביז א פאלשטענדיגען צוזאמ־מענזיין. ער האט זיך ניט פארגעבען די פראגע וואס וועט ווייטער זיין, ער האט בלויז געטראכט דערפון ווי אזוי ברייגנט ער זי צו זיך. דארטען צווישען זיינע זאכען, מיט איהם אליין, איז ער געווען זיכער, אז דאס מיידעל וועט ניט קענען ביישטעהן זיינע צערט־ליכקייטען און געבעט. ביי דעם געדאנק האט זיך זיין גאנצער קער־פער זים געצווינגען אין אן אונגעדולדיגען געפיהל פון זיסען — גענוס.

דאס מיידעל האט זיך לאנג אפגעזאגט צו געהן צו איהם און נאיוו קוקענדיג מיט נאיווע ליכטיגע אויגען, געפרעגט:

— נו, נאך וואס?

און ווען דזשענעיעוו האט זי ניט אויפריכטיג פארזיכערט, אז ער וויל זי בלויז זעהן אליין, און וויל איהר ווייזען זיין ארבייטס צימער...

האָט איהם ליזא דורכדרינגענד געקוקט גלייך אין די אויגען, אין אַן אונפאַרשטענדליכען פאַר איהר אַליין אומעט, און אויף איהרע וויעס פלעגען אַרויסטרעטען טרערען.

אם ענדע האָט זיך איהם איינגעגעבען איהר איינרעדען און ליזא האָט צוגעזאָגט צו קומען מאָרגען.

ביים געדאַנק אַז זי וועט קומען און קיינער וועט ניט זיין נאָ־הענט, האָט זיך דזשענעיעוו'ן פאַרגעשטעלט איהר יונגער, נאָך פאַר קיינעם ניט ענטבלויזטער קערפּער; איהרע קיילעכדיגע הענט, און שלאַנקע פיס, און פאַרנעבעלטע פון שאַנדע אין דעם ערשטען ליידענ־שאַפטליכען גענוס אויגען.

ער האָט צוזאַמענגעדריקט די פינגער און אין זיין גאַנצער קער־פּער, פון די סאַמע וואָרצלען פון זיינע האָר, ביז'ן עלענבויגען האָט ער דערפיהלט עפּעס אַזא מאָדנע צוציהענדע ליידענשאַפטלכקייט.

ער איז געזעסען איבער'ן טייך און געטראַכט וועגען איהר. זי האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט אָט נאַקעט, אָט האַלב אָנגעטאָן, אָט אויפ'ן בעט און אָט ביי איהם אויף די קני, און ער האָט מיט'ן גאַנ־צען קערפּער געפיהלט די ווייכע וואַרימקייט פון דער אַבענט זון, און די פייכטע קיהלע טייך־לופט.

עס האָבען זיך דערהערט הויכע שטימען, אַ קלאַפּעריי פון רע־דער און אַ באַוועגונג. מיט אַמאָל האָט אַ הויכער פרויען געלעכטער דורכגעשניטען די אַבענט שטילקייט פון וועלדעל און פאַרפלויגען ווייט אין דעם ברייטען רוים פון דעם פאַרטראַכטען טייך.

דזשענעיעוו האָט זיך מיט נייגעריגקייט אומגעקוקט.

צווישען אַ גרופּע מענער, אויף אַ גרינער לאָנקע, האָט זיך ווי אַ שאַרפער פלעק אויסגעטיילט אַ שלאַנקער פרויען געשטאַלט. טרענעיעוו האָט זיך איינגעבויגען און געקושט איין האַנט, די צווייטע האַנט איהרע האָט זיך געפונען אין די לאַפּעס ביים ריז־סטודענט דאַווידענקאָ. און ווי אַ געקרייצטע צווישען זיי, אַ בויגזאַמע אין רויטען קלייד, וואָס האָט שאַרף אַרומגעכאַפּט איהר די טאַליע, איז זי געשטאַנען אויפ'ן גרינעם גראָז און געלאַכט, בליסטשענדיג מיט די שוואַרצע אויגען און ברעמען אויף דעם באַליעבטען ראָזעווען געזיכט.

— ווייזט זיך גאָר אַרויס אַז איך בין איינע! האָט זי פרעהליך

גערעדט און זיך אפילו אויף קיין האר ניט פארלארען, וואס ארום זענען אזוי פיעל מענער און קיין איין פרוי ניט.

דער אונגעהויער גרויסער דאקטאר ארנאלדי אין זיין פארוסי־נעווען רעקעל, וועלכער איז געווען נאס אונטער די פאכוועס, איז אוי־מעטיג געשטאנען הינטער איהר. ער האט פארשטעלט יעווגעניא סאמאילאווגא, דזשענעיעוו'ן וועלכער איז אויך צוגעקומען.

די יונגע פרוי האט איהם ארומגענומען מיט א פלינקען נייגע־ריגען בליק פון איהרע שיינענדע, שווארצע אויגען און האט זיך גלייך אפגעקערעוועט. זי האט זיך צולאכט און ערגעץ אנטלאפען, און איז שיעור ניט געפאלען זיך פלאנטערענדיג אין איהר לאנגען קלייד. זי האט געלאזט וויסען אז זי וועט זיך באדען.

— איהר וועט זיך ניט דערטרינקען? דא איז טיעף! — האט געפרעגט דער לאנגער קראווזע

— נו, אט האט איהר אייך!... איך שווים ווי א פיש... אבער דא איז דאך נימא קיין קופאלניע?...

— איהר קענט זיך פארלאזען אויף אונזער באשיידענהייט, — האט געזאגט טרענעיעוו און זיינע אויגען האבען געגומען בליסטשען.

אוי, האפט ניט יעווגעניא סאמאילאווגא!... — האט אונטערגע־כאפט דאווידענקא. — ווייל איהר זענט דא אין אונזער רשות!

— אוי רא, אוי רא! — האט פארביסען געשאקעלט מיט'ן שווארץ־האריגען קעפעל זשעניטשקא און געדראהט איהם מיט'ן פינ־גער. זי האט געוואגט געענטפערט אויף די פרייע שפאסען. וואס הא־בען זיך א שאט געטאן פון אלע זייטען. דערביי האט זי אונטערגע־כאפט דאס קלייד און איז אנטלאפען צום פעלזיגען ברעג פון טייך.

איהר פלינקע ערשיינונג. דאס רויטע קלייד, די ווייסע פלייצעס און גלאנץ פון די אויגען האט זיי אלעמען איבערראשט. און ווען זי איז פארשוואונדען הינטער'ן אבריוו, האבען די מענער לאנג געשווי־גען, און איבערגעוואלט שוין אביסעל צו געטריי זיך אפגעקערעוועט פון טייך.

דערנאך האבען זיי זיך צוביסלעך בארוהיגט און געזעצט צום טיש. נאומאוו האט אנגעהויבען דעם איבערגעריסענעם געשפרעך:

— איהר זאגט, — האט ער שארף און ווי פארביטערט זיך געווענדעט צו מזשיזש'ן — וועלכער האט זיך מאמענטאל אונגעדרור־

דעלט ווי פאר א שלאכט, — אז זעלבסט־מארד איז — קליינמוטיג־קייט — און אן אבנארמאלע ערשיינונג. איך בין דערמיט ניט איינ־שטימיג. אמת, מיר דוכט, אז מיט זעלבסט־מארד טאר מען זיך פונקט אזוי ניט באגייסטערן, ווי מען טאר דאס ניט פאראורטיילען. נאר, אלענפאלס מוז מען האבן זעהר א שטארקען ווילען, אום צו מאכען א סוף צום לעבען. פון אלע טויטע, וואס זענען דא אויף דער וועלט איז זעלבסט־מארד דער נאטירליכסטער טויט.

אין זיין שארפע שטם פון א פאנאטיק, וועלכער האט אונאנגענעם געשלאגען איבער די נערווען, וואס ער זאל ניט געווען רעדען, איז געווען עטוואס אזוינס, וואס האט געצוואונגען אלעמען זיך צוצוהע־רען. זיינע ווילדע, כמעט אבנארמאלע אויגען האבען געברענט מיט א פינסטערען פייער פון אן אייזערנעם ווילען.

— דאס איז א פאראדאקס! — האט מיט עקעל באמערקט טזשיזש און צוגערוקט צו זיך א גלאז טעע.

— עס הויבט זיך אפילו ניט אן, — האט שארף אפגעריסען נאומאוו, — יעדער טויט איז איבערנאטירליך. ווען זי זאל אפילו טויזענד מאל זיין א געזעץ פון דער נאטור!... יעדער טויט איז א פארגוואלטיגונג איבער דעם מענשען און בלויז, בלויז זעלבסט־מארד איז פריי. מען קען ניט זאגען אז דאס איז נאטירליך, אז איך שטארב. ווען איך וויל לעבען, אבער מען קען אויך ניט זאגען אז איך האנדעל ניט נארמאל, ווען איך שטארב פרייוויליג, ווען איך האב ניט צוליעב וואס צו לעבען, אבער ווען עס ווילט זיך מיר פשוט ניט לעבען!

— ווי אזוי ווילט איהר דאס ניט פארשטעהן, — האט מיט עקעל, — ווי ער וואלט איינשמועסען א טעמפען צוהערער אן אויס־געדראשענעם אמת, געזאגט טזשיזש, — אז די אבנארמאליטעט איז ניט אין דעם ניט לאגישען אויסגאנג... געוויס, אויב אייך ווילט זיך ניט לעבען, איז גאנץ נאטירליך אז איהר זאלט מאכען א סוף צום לעבען, וואס האט אייך דערעסען... אבער ניט נארמאל איז דאס וואס א לעבעדיגען מענשען זאל זיך וועלען שטארבען... אט דאס איז ניט נאטירליך, און איך דענק, אז ניט קיין קראנקען, משוגע'נעם, אבער קליינמוטיגען ארויסגעשלאגען פון וועג מענשען, וועט קיינמאל ניט איינפאלען צו ארייגלאזען זיך א קויל אין שטערען, אדער ווייסט איהם דער טייפעל נאך וואס זיך הענגען!...

אלע האבען אויסגעהערט טזשיזש'ן שווייגענדיג און געווארט מיט נייגעריגקייט אויף נאומאוו'ס ענטפער. בלויז דער קארנעט קראוזע האט שטאלץ אויפגעהויבען די קרומע ברעמען און קאלט גע־קוקט, און מישקא האט זיך פארטראכט ווענען די שאכמאטען, האט געקוקט אין ווענדעל און געדרעהט די צופלאנטערטע האר.

— און מיר זעהט אוים ניט נארמאל, וואס די מענשהייט, וועלכע האט זיך דורך ביטערע ערפאהרונג איבערצייגט אז דאס לעבען איז אין גרונט גענומען אומגליקליך, — איז נאך ביז איצט ניט געקומען צום געדאנק, אז דער טויט איז דאס בעסטע, וואס זי קען אונטער־נעמען אום צו מאכען א סוף צו אט די אייביגע נוצלאזע ליידען, — האט געזאגט נאומאוו. ווארום דענקט איהר אז עס איז נאטירליך פאר דעם מענשען צו וועלען לעבען?... עס איז נאטירליך צו מורא האבען פאר'ן טויט, ווייל דער טויט טוט וועה און איז פול מיט רע־טעניש, אבער וועלען לעבען!... דאס פארשטעה איך ניט. איהר האט אמאל געזעהן א גליקליכען לעבען? ניין?

...ווארום!... — האט אהן צוטרויען באמערקט דאווידענקא, און געדריקט מיט זיינע מעכטיגע פלייצעס.

— און איהר האט געזעהן? — האט קרום שמייכלענדיג זיך געווענדעט צו איהם נאומאוו. — איך האב ניט געזעהן... איך האב ניט געזעהן קיין גליקליכען הייראט, איך האב ניט געזעהן קיין מענ־שען וואס זאל זיין צופרידען פון זיין שיקזאל. איך האב נאך ניט געטראפען קיין מענשען, וואס זאל ניט געוועזן ווייטאגען, ליידען און וויינען... איהר האט געזעהן? ווייזט מיר... ווייזט, און איך וועל אפ־שיקען צום טייפעל מיין אידעע...

— איהר האט אן אידעע? — דאס איז אינטערעסאנט, — האט שפאטיש געזאגט טזשיזש.

איהם האבען געערגט און פארדראסען נאומאוו'ס ווערטער, און ער האט דערוויילע פארגעסען אז ער איז אליין אויך אומגליקליך, און עס איז ניטא דער טאג ווען ער זאל ניט ליידען, ניט טרוימען. דער קלייניקער סטודענט האט געדענקט אז עס איז זיין פליכט אויסצולא־כען אט דעם מאדנעם אומגעלומפערטען מענשען מיט זיינע געפערליכע — דיקע טעאריעס...

— איך האב אן אידעע, האט מיט אן אונבאמערקבארער אי־

ראַניע זיך פאַרנייגט פאַר איהם נאַומאָוו,—אויב איהר ווילט וועל איך אייך זאָגען אין וואָס זי באַשטעהט.

— דאָס איז אינטערעסאַנט, האָט שפּאָטיש געלאַכט טזשיזש.

— מיין אידעע איז — צו פאַרניכטען דעם מענשליכען מין. — האָט גאַנץ זיכער און ערענסט, ווי ער וואָלט ניט באַמערקען דעם שפּאָטישען שמייכעל פון קליינינקען סטודענט פאַרטגעזעצט נאַומאָוו.

— אָווא! — האָט אויסגעשריען טזשיזש און איז אפּילו אונ־טערגעשפּרונגען פון ענטריסטונג. — ווייסט עס דער טייפעל, וואָס דאָס איז אַזוינס!

דער לאַנגער קראַוזע האָט נאָך העכער אויפגעהויבען די ברע־מען און האָט זיך פלינק אויסגעדרעהט צו נאַומאָוו'ן.

— איהר מיינט דאָס ערענסט?... אין נאָמען פון וואָס?

נאַומאָוו האָט דורכדרינגענד און מאָדנע, ווי ער וואָלט אין דעם ווייסען, לאַנגען קאַרנעט'ס געזיכט געזעהן עטוואָס, וואָס אַנדערע זע־העז ניט, אַ קוק געטאָן אויף קראַוזע'ן.

— איך זאָג וואָס איך טראַכט, און איך גלויב אין דעם אמת דער־פון וואָס איך זאָג. אום צו מאַכען אַ סוף צו נוצלאָזע ליידען. די מענש־הייט האָט איבערגעלעבט טויזענדער יאָהרען. טויזענדער יאָהרען האָט זיך די מענשהייט געגערט און געהאַלטען מיט דער נאַרישער האָפנונג אויף גליק, וועלכעס עס קען ניט און דאַרף ניט זיין לויט'ן זין פון דעם מענשליכען לעבען. גליק — איז פאַלשטענדיגע טעמקייט.

אַ מענש וואָס ליידעט ניט, וואָס ווייסט נט פון קיין נויט, פון קיין מורא, וועט ניט נעמען קעמפען און וועט ניט אנהויבען צו ליידען און צו שטרעבען אלס פאָראויס און פאַראויס... ער וועט ארומבלאָנדזשען אין ליגען ווי אַ בהמה, ליידען באַוועגען אלעס, און דאָס איז אַן אַלטער אלגעמיין באַוואוסטער אמת. גיט אונז דאָס גלק אהער, און מיר וועלען אין ערגעץ ניט געהן, מיר יאָגען זיך נאָך גליק, און אין דעם איז דאָס גאַנצע לעבען. נו, אין נאָמען פון וואָס וועט די מענשהייט אייביג ליידען?... דערמאָנט זיך: די גאַנצע געשיכטע פון דער ערד איז — איין בלוטיגער טייך!... צרות, ליידען, קראַנקהייטען, ביינקשאַפט, ווילדער כעס, אלעס, אלעס וואָס איז נאָר דאָ פינסטערעס אין דער מענשליכער פאַנטאַזיע קומט פונ'ם לעבען... עס איז שוין צייט צו פאַרשטעהן אז דאָס איז שרעקליך, און אז די מענשען האָבען ניט

קיין רעכט צו אונטערוואַרפֿען ד אומענדליכע צוקונפֿטיגע דורות צו דיזעלבע ליידען, וועלכע עס האָבען שוין איבערגעלעבט מיליאַרדען פֿאַרשוואונדענע דורות... מענשען זענען פֿון זינען אַראָפּ. זיי קאַרט־שען זיך פֿון אַנגסט, פֿאַרשעלטען זייער לעבען, און יעדען טאָג מיהען זיי זיך מיט אַלע כחות אז זייער לעבען זאָל זיך קיינמאָל ניט ענדי־גען!... וואָס איז דאָס, ווילדקייט, נאַרישקייט אדער עמיצענס אַ חוצפּה'דיגער טייפֿעלשער שווינדעל?...

— דאָס איז פּשוט דער אינסטינקט פֿון לעבען, וועלכען מען קען נט גובר זיין און וועלכער וועט צום גליקביישטעהן געגען אַלע אייערע טעאָריעם! — האָט זיך אָפּגערופֿען טזשיזש מיט אַן ענטשלאָסענעם כעס.

— צום באַדויערען איז דאָס אַן אמת! — האָט געזאָגט נאַומאַוו.

— עפּעס אַ מיאוס'ע כיטרע קראַפֿט האָט אריינגעלייגט אין אונז אָט דעם אינסטינקט, וועלכער איז אונזער קללה... אבער די מענשהייט, האָט ניט אומזיסט געלעבט, ניט אומזיסט געקעמפּט מיט אַ וועלט פֿון אינסטינקטען; אויב דאָס איז אַ אינסטינקט דאַרף מען איהם פֿאַר־ניכטען!...

פֿאַר דעם צוועק וועט איהר מוזען מאַכען דעם מענשליכען מין, — האָט דאַווידענקאָ באַמערקט אַן אויפֿגערעגטער.

אויב מען דאַרף, וועלען מיר איבערמאַכען, — האָט רוהיג געענט־פֿערט נאַומאַוו. טזשיזש האָט זיך מיט עקעל צולאַכט.

— אדער, צוליעב וואָס? — האָט ער אַ געשריי געטאָן מיט פֿאַרדרוס.

— איך האָב געזאָגט: אום צו מאַכען אַ סוף צו אומזיסטע ליידען.

— נו, גלויבט מיר, אַז דאָס וועט זיך אייך ניט איינגעבען! — האָט טריאומפֿיהרענד געזאָגט דער קליינינקער סטודענט.

— וואָרום דענקט איהר אַזוי, — האָט לאַנגזאַם געפֿרעגט נאַו־מאַוו, און געקוקט אויף איהם פֿון אונטער'ן שטערען.

— ווייל דעם אינסטינקט פֿון לעבען קען מען ניט פֿאַרניכטען, ער לעבט אין יעדער גרעזעלע, אין יעדער אָטעם... איהם וועלען ניט פֿאַרניכטען די קלוגסטע פֿריידען.

— דאָס איז ניט קיין פראַזען! איהם וועט ניט אויסקומען צו פאַרניכטען. ער וועט אַליין פאַרלאָרען געהן.

— ווייסט עס דער טייפעל, וואָס איהר רעדט, האָט אויסגעשריען טזשיזש אין גרויס ענטריסטונג.

— אַלעס שטאַרבט! — האָט מיט עפּעס אַ מין פינסטערען גלויבען, געענטפערט נאומאוו. — אַלעס וואַקסט, דערגרייכט זיין פולע בליהונג און שטאַרבט אַוועק. דאָס איז דער געזעץ. ווארום־זשע שליסט איהר אויס דעם מענשליכען גייסט פון אָט דעם געזעץ? — פריער אָדער שפּעטער, ווען דער מענשליכער גייסט וועט דערגרייכען זיין גרעסטע הויך, וועט ער זיך נעמען אַרונטערלאָזען און וועט ווערען ווי אַ נעבעל איבער דער בלאָטע. אַלעס וועט דערעסען דעם מענ־שען!... שוין־זשע גלויבט איהר, אַז מען קען אייביג געפינען נחמה אין קאַמף איינער מיט'ן אַנדערען, אייביג בייטען אייערע ברעקעלער רעגירונגען, אָדער אייביג מאָהלען בילדער, היילען קראַנקע, אייביג שרייבען ביכלעך, קלעפּען סטאַטועןן, אייביג בויען טעאַטערלעך, זיך האַלטען אין איין אייַנליבען, אייביג גראָבען די ערד, אָדער גיסען צי־געל... אייביג לעבען און לעבען!... פאַרשטעהט איהר, אַז פריער פון אַלעס איז דאָס דאָך נאַריש און לאַנגווייליג!... עס וועט קומען אַ מאָמענט ווען עס וועט לעהר ווערען דאָס פעלד פון מענשליכער טעָ־טיגקייט... מענשען וועלען פאַר פאַרוויילונג אנהויבען שיסען איינע אין די אַנדערע, וועלען מאַסענוויז זיך טרינקען, הענגען, און זיך וואַרפען פון די פעלזען. מוטערס וועלען אין אַנגסט פאַרבונדען און אויסטראָגען די קינדער אין וועלכע קיינער פיהלט ניט קיין נויט אָדער אינטערעס... קיין איינציגע וועט ניט גלויבען אַז איהר קינד שטעהט פאַר אין לעבען עטוואָס אויסערגעוועהנליכעס און שעהנעס. און אין קינדס ווינעלע וועט זי זעהן בלויז קומענדע אומגליקען, צוקונפטיגע ליידען, קראַנקהייטען, אידיאָטיזם און דעגענערירונג!... און די מו־טערס וועלען זיך אָפּאַטיש אָפּזאָגען צו געבוירען אָדער זיי וועלען אַוועקוואַרפען די געבוירענע קינדער אויף דעם פּלאַץ וואו זיי האָבען זיי געבוירען!...

נאומאָוו'ס שטים האָט שאַרף געקלונגען מיט אַ שאַורצער טרי־אומפירענדער קראַפט. זיינע ווילדע אויגען האָבען געברענט מיט אַ שוואַרצען פייער און געקוקט איבער די קעפּ פון די צוהערער, ווי ער

וואלט ערגעץ אין דער ווייטקייט געזעהן דעם מורא׳דיגען שיקזאל פון דער מענשהייט. אזוי האבען געמוזט אויסזעהן די נביאים וועל־כע האבען גערראהט דעם שטרייטענדען פאלק מיט גאט׳ס שטראף.

א קעלט איז דורכגעלאפען דורך די הערצער פון אלע אנוועזענדע און עס איז געווארען אזוי אונהיימליך און אומעטיג, אפילו טזשיזש איז אנטשוויגען געווארען. עפעס א מין אמת, וועלכער איז אפשר ארויסגעזאגט געווארען ניט אין די פאסענדע ווערטער און האט דארום אפשר ניט געקלונגען מיט דער נויטיגער קראפט, מיט וועלכער אזא אמת, וואלט באדארפט דורכקלינגען אויף דער ערד, איז אויפגעשטאַ־נען פאר זיי. יעדער האט זיך אומגעקוקט אויף זיין אייגענעם לעבען, וועלכער האט זיך ווי א שטארער האפנונגסלאזער פאס דורכגעצויגען פאר די אויגען.

— איך רוף ארויס דאס לעבען צו א מלחמה, — האט מיט קראפט געזאגט נאומאוו, — איך אנערקען ניט דאס לעבען, איך לייי־קען אפ און פארשעלט דאס...

— איך וועל שרייען און רופען צו דער פארניכטונג פון אט דער בלוטיגער זינלאזיגקייט... ביז אהער איז די גאנצע טעטיגקייט פון מענשען געווען געווידמעט צו פארהיטען דאס לעבען אין דער אונ־ענדליכקייט. יענע וועלכע האבען געזונגען שרה צום לעבען און די וואס האבען אוועקגעגעבען פאר דעם לעבען די נשמה, זענען געהרופען געווארען: די וואוילטעטיגע פון דער מענשהייט, פאר זיי האט מען געבויט טעמפלען און אויפגעשטעלט דענקמאלען. איך האלט זיי פאר די שנאים פון דער מענשהייט, פאר פארדעטער אהן עהרע און גע־וויסען!... זיי האבען נימז געקענט ניט זעהן און וויסען אז זיי פיהרען די מענשהייט צו דער שחיטה! אויף אונענדליכע מאטערנישען, ליי־דען און אויף צום טויט!... פארפלוכט זאלען זיין אלע אייערע דענ־קער, נביאים, דיכטער און געלעהרטע... זיי האבען אויסגעלערענט דעם מענשען צו טרוימען וועגען גליק, זיי האבען אויסגעלערענט דעם מענ־שען צו פארמאכען די אויגען אויף שרעקליכע אמת׳ן. זיי האבען אונז געצוואונגען צו גלויבען ווען מען האט בלויז באדארפט פאר־נאנדערעפענען די אויגען, כדי מיר זאלען דערזעהן און מיט גרויל און עקעל זיך איין מאל פאר אלע מאל אפטרייסלען פון אט דעם לעבען!...

— הערט זיך איין, האָט כמעט קרענקליך אויסגעשריען טזשיזש. — ווער זענט איהר, וואָס איהר רעדט, ווי א נביא, צו אלדי שווארצע יאָהר?... דאָס איז דאָך פשוט לעכערליך... איהר דערקלערט א מלחמה, איהר פאַרפלוכט... ווער וועט אייך הערען?... און ווער וועט אייך גלויבען!... צו וואָס, טראָגט איהר זיך ארום מיט אזא ווילדער אידעע?

נון כאַטשבי צוליעב דעם, כדי איך זאָל זיך קענען פאָרשטעלען, אז ווען איך וועל אויפשטעהן תחית המתים אין טויזענד יאָהר ארום און דערזעהן אויף דעם בערגעל א שחיטה פון מיליטער, און דאָרט אויפ'ן טייך זאוואָדען פון פאַרהונגערטע מענשען, און דאָ אין דעם וועלדעל א בית־עולם, א האָספּיטאַל אָדער א משוגעים־הויז; דאַן זאָל איך האָבען דאָס רעכט צו זאָגען צו די מענשען: איך האָב אייך געוואָרנט! — אָבער איהר האָט ניט געהערט... טו האָט טענות צו זיך!... איבריגענס איז איין זאַך האָט איהר רעכט, מיר האָבען זיך דאָ פאַרזאַמעלט צוליעב פאַרוויילונג, און ניט צוליעב דיסקוסיעס... נו, זאָל זיין גענוג...

נאַומאָוו איז אנטשוויגען געוואָרען.

לאַנג און אַנגעשטרענגט האָט געדויערט דאָס שווייגען. טויזענדער געשטאַלטען, פאַרשטעלונגען, צאַפּלדיגע פּינטלען פון געדאַנק האָבען ערוועקט אָט די פינסטערע ווילדע ווערטער. אפשר האָט קיינער מיט איהם ניט איינגעשטימט, מעגליך אז אלע האָבען אין איהם געזעהן א מאַניאַק, אָדער א מענשען מיט פּרעטענזיעס, דאָך איז געווען עטוואָס אזוינס אין זיינע ווערטער, וואָס האָט אויפגעהויבען אין די נשמות פון מענשען א שטורעם פון אונרוהיגע געדאַנקען, וועלכע האָבען זיך געדרעהט אין קאָפּ ווי טרוקענע בלעטער אונטער'ן הערבסט ווינט.

— ווי אזוי רופט מען אָט די אידעע... — האָט טזשיזש דער ערשטער איבערגעריסען דאָס שווייגען.

— די העכסטע הומאַניטעט, — האָט איהם פלינק איבערגעשלאָגען נאַומאָוו.

— א שעהנע מענשליכקייט!... האָט בייז אויסגעשריען דער קלייניקער סטודענט. — מענשליכקייט, וואָס ראטה דער מענשהייט צו אויסצוראָטען זיך אליין! פע!

— ביים איצטיגען מאָמענט לעבען אויף דער ערד א סך מענ־

שען... זאָל זיין אז עס איז דאָ מיליאַרדען... אָבער שטעלט זיך פֿאָר, ס'אַרא מין שרעקליכע צאָל פֿון אומגליקליכע וואַרטען נאָך אויף זייער רייהע אין די צוקונפֿטיגע יאָהר־הונדערטע!... קען מען דען זיך פֿאָר־שטעלען אַט די אונגעהויער ריזיגע ליידענדע טשערעדע! זיי קומען אהער, מעגליך, פֿון עק וועלט, און עס וועט ניט זיין, ווי אַן עפּעל זאָל קענען אַראָפּפֿאַלען צווישען זייערע קעפּ... אין זייער נאָמען רעד איך וועגען אויסראָטען דעם מענשליכען מין, און איך דענק אז מיין אידעע — איז די מענשליכסטע, וועלכע האָט ווען ניט איז געקענט אַרויסטראָגען דער מענשליכער מוח!

טזשיזש האָט פֿאַרלאָרען צוטריט מיט זיינע הענט. טויזענדער געדאַנקען האָבען זיך געפּלאָנטערט אין זיין מוח, און יעדערער פֿון זיי האָט פֿאַלשטענדיג געקענט פֿאַרניכטען אַט די קאָשמאַרנע קרענקליכע אידעען. אבער קיין ווערטער זענען ניט געווען. אלעס וואָס טזשיזש האָט געוואוסט וועגען דעם צוקונפֿטיגען טריאומף פֿון סאָציאַליזם, וועגען ברידערליכקייט, גלייכהייט און פֿרייהייט, האָט זיך אהער ניט געפּאַסט.

ער האָט צום ערשטען מאָל דערפֿיהלט, אז אין זיינע אידעען איז דאָ עפּעס א מין טעאָרעטישקייט און עס פֿעהלט אין זיי דער לעבעדיגער מענשליכער קערפּער.

דאָ האָט מען באַדאַרפֿט ענטפֿערען בלויז פֿון קערפּער, בלויז פֿון דער פֿרייד פֿון דער פּשוטסטער חיה'שען לעבען, און אזוינע ווערטער האָבען זיך ניט געפֿונען ביים קליינינקען סטודענט.

— ריכטיג, האָט מיט אמאָל זיך אָפּגערופֿען אַרבוזאָוו, וועלכער האָט ביז אהער שווייגענדיג געקוקט נאַומאָוו'ן אין פּנים אריין מיט זיינע פֿיבערישע אויגען.

— אך! ווען מען וואָלט אונטערגעצונדען אַט די דומע ערד פֿון אַלע פֿיער זייטען און זי געלאָזט מיט'ן ווינט... עס האָט דערעסען!... פֿאַרפֿלוכט זאָל זי ווערען!

— דאָס איז פֿראַזען, — האָט קוים ריהרענדיג מיט די ליפּען געזאָגט טזשיזש. — איהר אַלע שעלט און פֿלוכט דאָס לעבען, אָבער נאָר זאָל אָנהויבען וועהטאָן אין האַלז, וועט איהר גלייך לויפֿען צום דאָקטאָר... אויף אזא אופֿן איז ניט כדאי צו פֿאַרלירען קיין ווערטער אומזיסט.

— מיר דוכט זיך, — האָט קאַלט אנגעהויבען דער קאַרנעט קראַוזע, אויפהויבענדיג די קרומע ברעמען, אז דאָס איז ניט קיין ענטפער...

— געוויס, — האָט זיך אָפּגערופען נאָומאָוו מיעד. — זיינע אויגען האָבען זיך אויסגעלאָזען. — איך האָב שוין געזאָגט אז דער טויט שרעקט, דאָס איז א געזעץ, און דערפאַר, פריהער ווען איך בין אריינגעפאַלען אין א עקסטרים פון מיין אידעע, האָב איך זיך געמיהט ארויסצורופען ביי מענשען א שטרעבונג צו זעלבסט־מאָרד... ניין, זעלבסט־מאָרד איז צו שווער און צו פּיינליך!... מען דאַרף האָבען אנדערע מיטלען און זיי מוזען געפונען ווערען. פאַר אונז וועלכע לעבען וואָלט שוין זיין גענוג דאָס, וואָס מיר וואָלטען ניט געבראַכט אויף דער וועלט קיין נייע אומגליקליכע, און וואָלטען ניט גענאַרט קיין מענשען, צוזאָגענדיג זיי א גאָלדענע צוקונפט. טזשיזש האָט זיך ווידער גערקריגט. ער האָט זיך שטאַרק גע׳כעס׳ט, אזוי ווי נאָומאָוו׳ס ווערטער וואָלטען איהם געטראָפען אין א שוואַכען פּלאַץ, וועלכען ער האָט זיך געמיהט צו באַהאַלטען פון זיך אליין.

נאָומאָוו האָט געשוויגען. דער קאַרנעט קראַוזע האָט געענטפערט טזשיזש׳ן.

דער דאָקטאָר אַרנאַלדי האָט שווייגענדיג געקוקט אָט אויף איי־נעם, אָט אויף דעם צווייטען מיט זיינע אונפאַרשטענדליכע קלוגע אוי־גען, וואָס האָבען זיך באַהאַלטען אין פעטע זעקלעך און מען האָט ניט געקענט פאַרשטעהן אויף וועמענס זייט ער איז.

22.

דזשענעיעוו האָט זיך פאַרטראַכט אונטער דעם שטרייט פון נאָ־מאָוו׳ן מיט טזשיזש׳ן. ווען נאָומאָוו איז אנטשוויגען געוואָרען, האָט ער אויפגעהערט צו הערען קראַוז׳ן מיט׳ן קליינינקען סטודענט, וועל־כער האָט זיך געוואָרפען אויף זיין געגנער ווי א צורייצטער שפּערלינג.

ער האָט אַליין ניט פאַרשטאַנען ווי אַזוי ער האָט זיך גענומען צו הערען צו דער בײנקשאַפט, וואָס האָט ערוואַכט אין זיין נשמה. עפּעס קרענקליכעס האָט אויפגעוועקט אין איהם אָט דער מאָדנער מאַניאַק, און עס איז געוואָרען מורא׳דיג; עפּעס א שוואַרצער שאָטען האָט גע־נומען אַרויסקוקען מיט אַמאָל פון דעם גרינעם וועלדעל, פון דעם קלאָרען אָבענט און פון דעם רוהיגען טייך.

די שטימען פון די שטרייטענדע האָבען געקלונגען שאַרף און אָרדנונגסלאָז הינטער די צאַפּעלדיגע דינינקע צווייגעלעך פון די בע־ריאָזקעס.

מישקא וואָס איז געזעסען אינאיינעם מיט דזשענעיעוו׳ן און זיך פאַרקוקט אין דער ריכטונג פון טייך, האָט מיט אַמאָל א ציטער געטאָן, זיך גענומען דרעהען אויפ׳ן אָרט און איז רויט געוואָרען. נאָכפאָל־גענדיג ניט ווילענדיג דער ריכטונג פון זיין בליק, האָט ער זיך אומ־געקוקט און דערפיהלט, ווי עס האָבען זיך מאָמענטאַל אויסגעלאָשען זיינע געדאַנקען, און דאָס בלוט האָט איהם א זעץ געטאָן אין קאָפּ אַריין.

צווישען די ווייסע שטאַמען פון די בעריאָזקעס האָט זיך דייט־ליך ווי אויף א בילד אויסגעזעהן דער זאַמדיגער ברעג, מיט דער אויבערפלעך פון טייך וואָס האָט זיך לייכט געררויטעלט אין די לעצטע שטראַלען פון דער זון. זשעניטשקאַ׳ס רויטע קלייד און זי אַליין, וואָס איז אינגאַנצען נאַקעט אין איהר פולער הויך געשטאַנען אויפ׳ן ברעג. עס ווייזט אויס אז זי האָט ניט געוואוסט, אז מען זעהט זי און איז רוהיג געשטאַנען אויפ׳ן זאַמד, באַלויכטען פון דער אָבענט זון. האָט מען זיך דייטליך געזעהן פון די פאַרדרעהטע האָר אויף דער פּאַטילניצע ביז די שפּיץ פינגער פון די פיס, וואָס זענען לייכט גע־שטאַנען ביים סאַמע וואַסער.

די דינע ווייסע הענט האָט זי פאַרוואָרפען איבער׳ן קאָפּ, די פינגער האָבען זיך פאַרפלאָנטערט אין די שוואַרצע האָר, א בויגזאַ־מע מיט א ווייכער ליידענשאַפטליכער ליניע אין מיטען. די פלייצע איז געווען אויסגעבויגען אין א לייכטער שעהנער אנשטרענגונג און די קאָפּ פאַרוואָרפען, ווי זי וואָלט זיך פאַרקוקען אויף עפּעס ווייטעס אויף דעם צווייטען ברעג.

דזשענעיעוו האָט דערפיהלט אז אַלעס ארום ווערט דונקעל און רוקט זיך צוזאַמען, אַלעס פארשווינדט, און פאר די אויגען, וועלכע זענען געוואָרען פיבעריש פון דער מאָמענטאַלער אויפרעגונג און עקס־טאַז, איז געבליבען בלויז איינע, — א נאַקעטע ראָזעווע פרוי מיט שווארצע האָר אויף דעם גלאַטען זאַמדיגען ברעג.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, דערפיהלענדיג אז מען קוקט אויף איהם. ארבוזאָוו'ס שווארצע אויגען האָבען געקוקט אויף איהם מיט א מאָדנעם אויסדרוק.

אָט, ווי דער מאָלער האָט זיך דאס פארקוקט! — האָט ער גע־זאָגט אזוי הויך, ווי ער וואָלט וועלען אז אַלע זאָלען דערהערען.

דזשענעיעוו האָט זיך אָנגעצונדען. עטוואס באַליידיגענדעס האָט ער דערפיהלט אין ארבוזאָוו'ס שטים, און איהם איז געוואָרען דער־ווידער וואָס אַלע וועלען זי זעהן.

נאָר ווען קראוזע און טרענעיעוו האָבען נאָכפאָלגענדיג זיינע אויגען, זיך אומגעקוקט איז שוין קיינער אויפ'ן ברעג ניט געווען. שטיל און דונקעל איז געוואָרען דער טייך, פּאַמעלעך זיינען פארשוואונדען די קרייזען אויף דער וואַסער. א נעבעל האָט פארוויקעלט דעם ווייטען ברעג, די זון איז פארגאַנגען.

אינגיכען האָט זיך באַוויזען זשעניטשקא. זי איז געגאַנגען א שמייכלענדע, אין איהר רויטען קלייד, א ראָזעווע פון דער קאַלטער וואַסער. פון איהר האָט געשמעקט מיט פרישקייט.

— אך, ווען איהר ווייסט ווי גוט עס איז זיך דאָ צו באָדען! — האָט זי געשריען נאָך פון דערווייטענס. — טעע, גיט מיר טעע, איך שטאַרב פאר דורשט...

מען האָט איהר דערלאַנגט א גלאָז טעע. יעווגעניא סאַמאַילאָוונא האָט זיך נידריג איבערגעבויגען איבער'ן טיש און לאַנגזאַם געטרונ־קען, דערביי האָט זי פון אונטער'ן שטערען געקוקט אויף אַלעמען מיט די שווארצע פייכטע אויגען.

— וועגען וואָס האָט איהר דאָ אזוי הויך דיסקוטירט? — האָט זי געפרעגט.

— וועגען דעם שיקזאַל פון דער מענשהייט, האָט איראָניש געענטפערט טזשיזש און מיט שפּאָט זיך אומגעקוקט אויף נאָומאָוו'ן.

— א, וועגען דער מענשהייט! — האָט יעווגעניא סאַמאַילאָוונא

זיך צולאכט, דאס איז שוין צו גרויס!... לאמיר בעסער ריידען וועגען אונזער איינענעם שיקזאל... איהר ווייסט, מיין מוטער איז געווען א ציגיינערין... און איך קען טרעפען... איהר ווילט, וועל איך אייך טרעפען?

— איך וועל אייך אליין טרעפען! — האט געזאגט דאווידענקא.

— גיט אייער האנט.

— און איהר קענט?

— איך קען שוין, אויב איך נעהם זיך אונטער! — האט געזאגט דער סטודענט נעמענדיג איהר קליינע געטאקטע האנט מיט די קליי־נינקע געטאקטע נעגעל. אלע האבען ניט ווילענדיג גענומען קוקען אויף אט דער קליינינקער ראזעווער דאלאני, אויף וועלכער עס האבען זיך אזוי מילד עפעס געזעהן שפאסהאפטע ליניעס.

— איהר וועט ניט חתונה האבען, האט מיט א שטילען טאן פון א פאראויסזאגער גערעדט דאווידענקא, איהר וועט זיך ברוגז'ן און לע־בען הונדערט און צוואנציג יאהר... איהר וועט ליעבען... מענער וועט איהר האבען...

— ווי הייסט מענער! — האט זיך פארגעהענדיג פון געלעכטער אויסגעשריען זשעניטשקא. — איהר האט דאך געזאגט אז איך וועל ניט חתונה האבען!

— אזוי אט, חתונה האבען וועט איהר טאקע ניט, — האט מיט א רוהיגען איראנישען אקצענט געענטפערט דאווידענקא. — אבער מענער וועט איהר האבען... איינעם!... צוויי!... דריי!... פיער!... זיבען... צעהן... פופצעהן... צוויי־און־צוואנציג...

— דאס איז א חוצפה! — האט אויסרייסענדיג די האנט, ווי א וואנזיניגע געלאכט זשעניטשקא.

— ביז איך דען שולדיג, ווען די ליניעס באווייזען אזוי!...

דער לאנגער קארנעט קראוזע איז צוגעגאנגען צו נאומאוו'ן, וועלכער איז שווייגענדיג אומגעגאנגען איבער דער לוואדע.

עס איז שוין דונקעל געווארען און דער פייער וועלכער האט פריהער בלויז געריכערט, האט איצט געווארפען א ניט גלייכען שפרינ־גענדען שיין אויף די אונטערשטע צווייגען פון די פארטראכטע בערי־אזעס. אין אט דעם אונגלייכען רויטען אפשיין האט דעם קארנעט'ס

לאַנגע בלאַסע געזיכט, ווי געקרימט זיך מיט איין רויטער האַלבער זיים.

— זייט אַזוי גוט, — האָט ער קאַלט געזאָגט צו נאָומאָוו׳ן, — מיר וואָלט זיך וועלען אונפֿאַרשפּיהרליכער איבערריידען מיט אייך, וועגען אייער אידעע.

נאָומאָוו האָט אַ צווייטען מאָל דורכדרינגענד אויף איהם אַ קוק געטאָן און ווינגען עטוואָס אַ טראַכט געטאָן.

— וואָס־זשע אייגענטליך ווילט איהר זיך דערוויסען? — האָט ער געפרעגט.

— ניט איצט, שפּעטער... — האָט געענטפערט דער קאָרנעט און איז אַפּגעגאַנגען.

— נאָומאָוו האָט איהם פאַרטראַכט נאָכגעקוקט.

עס איז אַלץ פינסטערער און פינסטערער געוואָרען. די בעריאָז־קעס האָבען זיך צוזאַמענגעגאָסען אין איין אונהיימליכער מאַסע, און דאָס פריידליכע פרעהליכע וועלדעל האָט זיך צוזאַמענגערוקט אין אַ דרעמלענדען טונקעלען וואַלד. מאַדנע האָבען אומגעשוועבט די באַ־לויכטענדע פּנים׳ער ביי די טישען, שוואַרצע שאָטענס האָבען פאַר־שטעלט דעם שיין פון די ליכט, וועלכע האָבען בלאַס געברענט אונ־טער די גלעזערנע אַבאַזשורען.

יעווגעניאַ סאַמאַילאָוונאַ איז אומגעלאָפען איבער דער לאַנקע געלאַכט קלינגענדיג, געשריען און גערייצט די מענער. אין שאָטען איז איהר רויטע קלייד, געוואָרען שוואַרץ און אויפ׳ן ליכט ביים פייער האָט ער זיך מיט אַמאָל אַנגעצונדען ווי אַ בלוטיגער פלעק. די שפּאַסען און געלעכטער האָבען זיך ווייט צוטראָגען אין שטילען וועלדעל.

— קוקט נאָר, קוקט, — האָט געשריען מישקאַ פון ערגעץ אין דער פינסטער.

פון דעם פאַרשפּיצטען ברעג וואו ער איז געשטאַנען האָבען זיך געזעהן די פייער׳ן פון דאָרף. דורכ׳ן טייך האָבען זיך אָהער דערטראָ־גען שטימען. מען האָט עפּעס געזונגען, און דאָס ליעד האָט געקלונגען אומעטיג — שעהן. שוואַרצע שאָטענס האָבען אומ־געשוועבט אויף דעם ווייטען פייער פון די פייער׳ן, און די פייער׳ן זענען אַט פאַרשוואונדען, און אַט זיך צופלאַקערט ווי העלע שטערען.

— וואס איז דאס אזוינס? ווי שעהן! — האט אויסגעשריען יעווגעניא סאמאילאוונא. און איז צוגעלאפען צום סאמע עק פון אב־ריוו.

דער אבשיין פון די ווייטע פייער'ן, איבער'ן טונקעלען טייך, וועלכער האט אויסגעזעהן אזוי קאלט און מורא'דיג גרויס, האט קוים באלויכטען איהר רויטע קלייד און די בליסטשענדע שווארצע אויגען אויף דעם ווייסען געזיכט.

— יא, היינט איז „קופאלא"! האט זיך דערמאנט דאווידענקא.

— קומט לאמיר אייך שפרינגען איבער פייער'ן... מישקא הויב אן!

— ניין, ווייסט איהר, וואס... — האט זשעניטשקא, באפוילענד און קלינגענד געשריען אין דער פינסטער, — אט ווען מען זאל קענען זעהן אויפ'ן דארף... איך האב קיינמאל ניט געזעהן די פייער'ן אין דער נאכט פון „איוואן קופאלא"...

— שפרינגט איבער'ן טייך, — האט זיך נאריש מאכענדיג, פארגעשלאגען דאווידענקא... — נו, איינס... צוויי...

— מען קען איבערשפרינגען דעם טייך אויף א פאראם, האט פארגעשלאגען ארבוזאוו. — דא איז דא א פאראם.

— קומט, קומט... ליבינקער... איך וועל אייך ליעב האבען! — האט זשעניטשקא זיך אנגעכאפט פאר זיין האנט אין גרויס באגייס־טערונג.

— זעהט־זשע, ליעבט מיך... האט פינסטער שמייכלענדיג, — געזאגט ארבוזאוו.

— פאוועל, — האט ער אויסגעשריען אויפ'ן גאנצען וועלדעל,

— רוף דעם פאראם.

מען האט געהערט ווי דער פאהרמאן, האט זיך ארונטערגעלאזען צום טייך, אפרייסענדיג אונטער זיך זאמד און שטיינדלעך, וואס זענען געפאלען און האבען זיך געפליאסקעט אין וואסער.

— פאראם... גיב דעם פא־א?ראם! — האט ער געשריען ערגעץ פון אונטען.

— א־אם... אם... — האט זיין שטים זיך געטראגען ווייט איבער'ן טייך.

— דאווידענקא, א נו רוף דו! — האט פארגעשלאגען מישקא.

דער אונגעהויער גרויסער סטודענט איז צוגעגאנגען צום עק פון

אבריוו, האָט צוגעלייגטביידע הענט צום מויל און האָט זיך אַזוי צושריען, אַז עס האָט אָפּגעקלונגען אויף׳ן צווייטען ברעג.

— האָפּ, — האָפּ!... זיי, זיי!...

— אַ, געהט שוין געהט... איהר וועט אונז פאַרטויבען! — האָט געלאַכט זשעניטשקאַ.

— אי—אַי—אַי! — האָט זיך ערגעץ געטראָגען אַ קלינגענדע איבערגעשראָקענע עכאָ.

אויף דעם צווייטען ברעג האָט מען פּאַרטגעזעצט שטיל צו זינגען און די פייערדיגע צונגען האָבען זיך אַט באַוויזען און אַט פאַרשוואונדען. דער טייך האָט שטום און דונקעל געבלאָזען מיט דער קעלט פון ברייטען רוים, און געהיימניספולער קראַפט. עטוואָס שווארצעס האָט זיך אָפּגעטיילט פון ברעג און גענומען דורכשניידען די וואַסער, וועלכע איז ווי ליכטיגער געוואָרען.

— ס׳אַרא מין שרעקליכער! — האָט געזאָגט יעווגעניא סאַמאַי־לאָוונאַ. דער פּאַראָם האָט זיך אַלץ מעהר געשוואַרצט, אַזוי ווי זיך ניט באַוועגענדיג איז ער אַלץ געוואַקסען און געוואַקסען, און דער פּאַס פון ליכטיגקייט, וואָס צווישען איהם און דעם ברעג איז אַלץ שמעלער געוואָרען. דער פּאַראָם מיט די פויערים פּאַראָמטשיקעס זענען צוגעקומען און מען האָט זיך גענומען אַרונטערלאָזען צום וואַסער.

יעווגעניא סאַמאַילאָוונאַ איז לאַכענדיג שיעור ניט אַראָפּגעפאַ־לען פון באַרג.

— האַלט מיך צו... איך וועל פאַלען! — האָט זי געשריען.

— גיט אַ האַנט, — האָט מיט אַ באַס שטים געזאָגט דאַווידענקאָ, וועלכען מען האָט ניט געקענט זעהן אין דער פינסטער. ער איז גע־קראָכען אויף איהר ווי אַ בער.

— ווילסט מיר זעהן!... האָט אויסגעשריען טרענעיעוו און ווייזט אוים אַראָפּגעפאָהרען פון אונטען, ווייל עס האָט זיך אַ שאָט געטאָן די ערד און די שטיינדלעך האָבען געפּלעטשעט אין וואַסער.

די שוואַרצע מאַסע פון פּאַראָם האָט זיך געוויגט ביים ברעג. מיט שאַרפזיניגע שפּאַסען און געלעכטער האָט מען זיך אַרויפגעקלעטערט אויף די גליטשיגע ברעטער, וואָס האָבען זיך געהוידעט אונטער די פיס.

שוואַרצע פּנים׳לאַך פויעריב האָבען זיך אַנגעלייגט אויף די

גראבע שטריך. דער פראם האט גענומען סקריפען און צווישען און ברעג, זיך אלץ פארברייטערענדיג, האט זיך געוויזען א ליכטיגער פאס וואסער.

— און מיר וועלען זיך ניט דערטרינקען? — האט געפרעגט יעווגעניא סאמאילאוונא, און מיט א שרעקענדיגער נייגעריגקייט גע־קוקט אויף דעם קאלטען אפגרונט, אויף די וואקלענדיגע אפשיינען פון די פייערען און אויף די בלויע שטערען וואס האבען זיך געדרעהט אין דער טיפעניש.

אלץ העכער און העכער האבען זיך געהערט דאס זינגען, און מען האט זיך שוין געקענט פארנאנדערקלייבען אין די אומגעלומפערט־פאטישע ווערטער פון די אוקראינישע לידער. עס האבען געהילכט די באסען שטימען, און א הויכע פרויען שטים האט זיך פארגאנגען און פארנומען אלץ העכער און העכער, העל האבען געברענט די פייע־רען און האבען ארויסגעווארפען מאדנע בייזע ציינגער. די ראזעווע שטיבלעך זענען געשטאנען אויף דעם ברעג און געקוקט אין דער טונ־קעלער וואסער.

ווען די קאמפאני איז צוגעשוואומען צו די סאמע פייערען, האט זיך דאס זינגען אפגעריסען. צעהנדליגע מאדנע פון פייער פנים׳ער האבען פון אלע זייטען געקוקט אויף די פריצים, וועלכע זענען אונ־באוואוסט פון וואנען אויסגעוואקסען, און פון איבעראל פון דער פינסטער האבען געבליסטשעט נייגעריגע און כמעט פיינדליכע אויגען.

נו, וואס איז דאס? — האט ענטוישט געצויגען די ווער־טער יעווגעניא סאמאילאוונא, — זיי האבען זיך דערשראקען פאר אונז!

די פארווארפענע פייערען האבען אויף שנעל אויסגעברענט, די שווארצע צווייגען האבען געקנאקט און זיך געקארטשעט.

די שקצים און שיקסעס האבען אויסגעזעהן זעהר שעהן און ווילד אין זייערע פיעלפארביגע קראנצען. זיי האבען שווייגענדיג מיט אלע אויגען געקוקט אויף די פריצים. יענע האבען זיך צונויפגענומען אין א הייפעל, פארפוצטע און אויך מאדנע צווישען דער ווילדער נאכט אומגעבונג, האבען ניט געוואוסט וואס צו טאן און זיך געפיהלט אונ־אנגענעם. דער ערשטער האט זיך געפונען דאווידענקא.

— נו, וואס־זשע שטעהט איהר, מיינע הערן... — האט ער אנ־

געהויבען שרייען. — קומט, לאָמיר שפּרינגען... יעווגעניא סאַמאַי־לאָוונא... נו!

די יונגע פרוי האָט געלאַכט און זיך באַהאַלטען הינטער די מע־נער. אויף איהר שעהנעם פּנים מיט די פלאַמענדע אויגען, איז גע־פאַלען א רויטע שיין פון פייער, און דער פּנים האָט אויך אויסגעזעהן אַזוי מאָדנע ווילד. פּונקט ווי דאָס וואָלט זיין ניט קיין שטאָטישע פרייליין, פארפּוצט אין א שמאָלען רויטען קלייד און העלע שיך, נאָר עפּעס א מין וואונדער שעהנע נאַכט פרוי.

נו, וואָס־זשע שטעהט... נו!... מישקא, וויין א קונץ! — האָט געשריען דאַווידענקאָ.

— הויב דו אָן, האָט זיך באשיידען פון ערגעץ פון הינטען אָפּ־גערופען מישקא. דער ריעזען גרויסער סטודענט איז זיך פאַנאַנדער־געלאָפען, איז אונטערגעשפּרונגען און אריבער איבער'ן פייער. גאַנץ אונערוואַרטעט איז פון ערגעץ ארויסגעוואַקסען דער קליינינקער מיש־קא און לייכט ווי א פעדער איז אריבער דעם פלאַם.

— נו, יעווגעניא סאַמאַילאָוונא, און איהר — וואָס שטעהט איהר? ווירקליך, אַזוי טאָר מען ניט, האָט אויסגעשריען דער פאַרסאַ־פּעטער דאַווידענקאָ.

זי האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט און איהרע אויגען האָבען א בליאַסק געטאָן אין דער פינסטערניש.

מיט אַמאָל, ווי אימעצער וואָלט זי א שטויס געטאָן, האָט יעוו־געניא סאַמאַילאָוונא הויך אויפגעהויבען איהר קלייד אַזוי אַז עס האָ־בען זיך ארויסגעזעהן די שיך און די שווארצע שלאַנקע זאָקען און איז צוגעלאָפען צום פייער. עס איז דורכגעפלויגען א רויטער פלעק, דער פייער איז צוגעפאַלען צו דער ערד, און זי איז פארשוואונדען און רויך אויף דער צווייטער זייט פייער, וועלכער האָט זיך ווידער צופּ־לאָקערט מיט א העלען טריאומפירענדען פלאַם.

בראַוואָ, בראַוואָ, בראַוואָ! — האָבען געשריען דאַווידענקאָ און אַנדערע.

דאָס האָט ווי דורכגעבראַכען א וואַנט. די שיקסעס, צובלאָ־זענדיג די קליידלעך האָבען באַווייזענדיג כמעט ביז'ן גאַרטעל נאַ־קעטע פיס, האָבען איינע נאָך איינער גענומען פליהען נאָך זשעניט־שקען. עפּעס א שייגעץ האָט איבערגעשפּרונגען, נאָך איהם האָט

דאווידענקא שווערליך איבערגעשפרונגען, און ווי א צוגעשמידטער האט נאך איהם דורכגעשוועבט דער קליינינקער צוקאשמעטער מיש־קא. א מין וואהנזיניגע באגייסטערונג האט ארומגעכאפט אלעמען. יעווגעניא סאמאילאווגא א פארויטעלטע, א שויבערטע און זעהר שעהנע איז אומגעלאפען, געשפרונגען, געפאלען און זיך פארגאנ־גען פון געלעכטער. די שקצים האבען אונטערגעווארפען שפענער צום פייער, וועלכער האט זיך ווידער צופלאקערט פריידיג און הויך. צוויי אינגלעך זענען זיך פאנאנדערגעלאפען פון ביידע זייטען, זיי זענען אנגעפלויגען איינער אויפ'ן אנדערען און שיער ביידע ניט אריינ־געפאלען אין פייער. א געלעכטער איז געשטאנען איבער דער לאנקע. דער רויך מיט די פונקען האבען געזעצט פון אויבען. א פרעהליכער געטומעל איז געשטאנען צווישען דער פינסטערער נאכט, און פון אויבען האבען געקוקט די קאלטע באוועגלאזע שטערען, און פון אונטען האט געבלאזען מיט פייכטקייט דער שווייגענדיגער דונקעלער טייך.

אם ענדע איז מען מיעד געווארען. יעווגעניא סאמאילאווגא, האט שווער געאטעמט, געבלאנקט מיט די אויגען, זי האט זיך א ווארף געטאן גלייך אויף דעם גראז.

— איך, קען ניט מעהר! — האט זי ארויסגעקרעכצט.

23.

ווידער איז מען געשוואומען אויף דעם פאראם איבער דעם טונ־קעלען קאלטען וואסער.

שמארער זענען געווארען די פייערען פון ווייטען, און דער העל־לער פאס וואסער איז ברייטער געווארען. ווידער האבען זיך דער־הערט געזאנגען, וועלכע זענען צוביסלעך אפגעשטארבען.

נאך דער איבערגעלעבטער אויפרעגונג, רעש, באוועגונג, בלי־אסק פון די פייערען און די ווילד־שעהנע געשטאלטען, וואס זענען

געשפּרונגען איבער זיי, האָט מאָדנע שעהן און ערהאַבען אויסגעזעהן די נאַכט. שטיל האָבען שימערירט די שטערען, געהיימניספּול און ווייך האָט זיך גערוישט דער טייך. א פרייע פריידיגע שטילקייט האָט ארומגענומען אַלעמען.

אויפ'ן ברעג האָבען שוין געהירזשעט די איינגעשפּאַנטע פערד און עס האָבען לייכט אונטערגעקלונגען די גלעקלעך פון ארבוזאָוו'ס טראַיקע.

עס איז שוין צייט א היים, — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר אַר־נאַלדי, זיך אויפהויבענדיג אַנקוקענדיג אויף די יונגע לייט, וועלכע האָבען זיך אומגעקערט אַזוינע מיעדע און גליקליכע. — נו, וואָס... פרעהליך?

— האָט ער צערטליך געפרעגט ביי יעווגעניא סאַמאַילאָוונא.

— אַך, דאָקטאָר, ווי גוט! — ווארום זענט איהר ניט געפאָה־רען?...

— עס מאַכט ניט, איך האָב דא אויסגעטרונקען ביער! — האָט גלייכגילטיג געענטפערט דער אַלטער דאָקטאָר.

— און מיר ווילט זיך ניט אהיים! — האָט זיך רחמנות'דיג געבעטען די יונגע פרוי, ווי א קינד, וואָס מען פיהרט שלאָפען.

— ווייסט איהר וואָס, — האָט פאָרגעשלאָגען דאַווידענקא, — זאָלען די פערד פאָהרען נאָך אונז, און מיר וועלען זיך דורכגעהן מיט'ן וועג.

אין דער פינסטער איז געווען שווער צו געהן דורך דעם וועלדעל. די טונקעלע בוימער זענען ווי שאָטענס אויפגעשטאַנען דאָרטען, ווי דאָס אויג האָט זיי ניט ערוואַרטעט; גריבעלעך האָבען זיך ארויס־געזעהן דאָרטען, ווי עס האָט אויסגעזעהן גלאָט און גלייך; מען האָט זיך אַנגעשטויסען אויף די ווארצלען און געלאַכט. דערנאָך איז מען ארויס פון וועלדעל און מען איז אוועק מיט'ן פעלד. שטיל און פריי האָט געבלאָזען דער ווינט פון דער סטעפּ, אין די פּנים'ער אריין.

— אַך, ווי גוט! — האָט געהאַלטען אין איין ווידערהאָלען יעווגעניא סאַמאַילאָוונא, געהענדיג פאָראויס מיט דאַווידענקע'ן און זשעניעווי'ן. — עס איז אַזוי גוט, אז בעסער דאַרף מען גאָר ניט!

— ווייסט איהר וואָס, — האָט זי געזאָגט א טראַכט טוענדיג, — לאָמיר רעדען דערפון, וואָס יעדער איינער פון אונז וואָלט אַמשטאַרקס־טען פאַרלאַנגט אין זיין גאַנצען לעבען...

— איך... — האָט אָנגעהויבן דאַווידענקאָ מיט אַ סאָלידען באַס.

— ניין, וואַרט, איך וועל אַליין רעדן, — האָט איהם איבער־געשלאָגן יעווגעניאַ סאַמאָילאָוונאַ: פאַר אייך... איהר וואָלט וועלען, אַז איהר זאָלט זיין שטאַרק, דער שטאַרקסטער פון אַלעמען אין דער וועלט, און לייגען אויףביידע לאָפּאַטקעס.

— נו, אַט — האָט באַליידיגט באַמערקט דאַווידענקאָ, — איהר מאַכט פון מיר שוין גאָר...

— אַך, יאָ! — האָט געקוואָלען זשעניטשקאַ, — ענטשול־דיגט... איהר וואָלט וועלען דעם זיעג פון דער רעוואָלוציע און דאָס באַפרייאונג פון פאָלק... אַזוי? אמת, איך האָב געטראָפען? ווי האָב איך דאָס גלייך ניט פאַרשטאַנען. דער הער טרענעיעוו וואָלט וועלען אַז ביי איהם זאָלען אויסוואַקסען וואָנצען, ווי אַט יענע בערעזאַ!

טרענעיעוו האָט פאַרשעהמט זיך אַ ציה געטאָן פאַר די וואָנצען אין דער פינסטער און ביטער געטראַכט: ווי ווייט זי איז פון אמת!...

— דער דאָקטאָר אַרנאָלדי וואָלט וועלען אַז אַלע זאָלען איהם לאָזען צורוה. הער טזשיזש וואָלט וועלען אַז אַלע זאָלען ווערען סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטען, זאַכאַר מאַקסימיטש וואָלט די גאַנצע וועלט אויפגעגעסען לעבעדיגערהייט... סערגעי ניקאָלאַיעוויטש וואָלט וועלען...

— אייך! — האָט אַזוי שטיל, אַז נאָר זי אַליין זאָל הערען, אַרויסגעשעפּטשעט דזשענעיעוו.

— דאָס איז אַ חצפּה! — האָט געענטפערט זשעניטשקאַ, און דערביי אפילו אויף קיין האָר זיך ניט פאַרלאָרען.

— וואָס האָט ער געזאָגט? — האָט נייגעריג געפרעגט דאַווי־דענקאָ.

— גאָרניט... אַ נאַרישקייט! האָט זי אויף שנעל געענטפערט. און אין איהר שטים האָט געקלונגען עטוואָס מאָדנעס, ווי איהר וואָלט געוועזען אָנגענעם דאָס, וואָס עס האָט געזאָגט דזשענעיעוו.

— הער נאַומאָוו... — וואָלט וועלען, — האָט פאָרטגעזעצט זשע־ניטשקאַ, אַז אַלע מענשען זאָלען אויס'פּגר'ען! — האָט זיך שפּאָ־טיש אָפּגערופען פון דער פינסטער טזשיזש.

דאס איז ביז א געוויסען גראד — אמת, — האט רוהיג געזאגט נאומאוו.

— נו, דאס איז שוין צו גרויזאם? — האט זיך זשעניטשקא צולאכט. — נאכוואס? — ווען לעבען איז אזוי גוט!

קראווזע וויל זיך שיסען! — האט פון ערגעץ נארישעוואטע אויסגעשריען מישקא.

אין דער פינסטער האבען אלע אזוי מאדנע גערעדט, ווי ניט מיט זייערע שטימען און ניט זייערע ווערטער. עס איז געווען אזוי לייכט, אויפ'ן הארצען און עס האט זיך געוואלט נאריש מאכען און לאכען. אימיצער האט גענומען דיסקוטירען, אייניגע זענען אפגעשטאנען, אנדערע זענען אוועק פאראויס, ווייט אין פעלד האבען זיך צוטראגען די געשרייען און געלעכטער.

דזשענעיעוו איז געגאנגען הינטער דאווידענקע'ן מיט דזשעניטשקען. פאר איהם האט זיך אונקלאר געוויגט אין דער פינסטער איהר דינע טאליע, וואס האט זיך געהוידעט געהענדיג, דאס רויטע קלייד האט איצט אויסגעזעהן שווארץ. און דורך די שווארצע האר האט זיך געווייסט פאר איהם איהר האלז. פון איהר האט געשמעקט פארפיום און נאך עפעס א באליעבטער רעגענדיגער רוח.

דזשענעיעוו האט געקוקט אויף איהר ווייסען האלז, דינער טאליע, און איהם האט זיך געוואלט זי ארומנעמען. עס האט זיך איהם געגלוסט זאגען עפעס אזוינס, וואס זאל אינגאנצען אויפרעגען אט די שעהנע געוואגטע פרוי. ער האט געפיהלט, אז איצט קען מען איהר א סך זאגען. ווען דאווידענקא האט אנגעהויבען דיסקוטירען מיט טזשיזש'ן, האט דזשענעיעוו אנגעיאגט יעווגעניא סאמאילאוונא און געזאגט שטיל, מיט א ניט ווילענדיג ציטער, פון אויפרעגונג:

יעווגעניא סאמאילאוונא, איהר האט ניט מורא, אז אימעצער האט אייך געזעהן ווען איהר האט זיך געבאדען?

— וואס איז דאס פאר א פראגע, האט זי זיך פלינק אויסגעקערעוועט צו איהם. איהרע שווארצע אויגען האבען מיט א מאדנעם אויפדרוק א קוק געטאן דזשענעיעוו'ן גלייך אין די אויגען אריין. דזשענעיעוו האט ניט אפגעווענדעט זיין בליק, און אוויילע האבען זיי שווייגענדיג געקוקט איינע אויף די אנדערע. דערנאך האט זיך עפעס באוויזען און דורכגעלאפען אין איהרע שווארצע אויגען. עס ווייזט

אוים אז זי איז אביסעל רויט געווארען. זשעניטשקע'ן האט זיך אויסגעדוכט אז אין זיינע אויגען האט זי ווי אין א שפיגעל דער־זעהן זיך א נאקעטע, און אפענע פאר זיין אונפארשעהמטען באגע־רענדען בליק.

איך האב פאר קיין זאך קיין מורא ניט, האט זי געזאגט מיט אן אויסרוף, זי האט לייכט א שאקעל געטאן מיט'ן קאפ, זיך צולאכט און איז אנטלאפען פאראוים.

— דאקטאר, דאקטאר! וואו זענט איהר... וואס האט איהר מיך אוועקגעווארפען! — האט דזשענעיעוו דערהערט איהר מאדנע, שוין אביסעל צו קלינגענדע שטים, און ער האט דערזעהן אז איהרע אוי־גען שיינען העל, און די נאזלעכער צוספענען זיך ברייט.

ביי די עקיפאזשען, ביז וואנען מען האט זיך איינגעזעצט און זיך געקריגט ווער מיט וועמען זאל פאהרען, האט דזשענעיעוו אנ־געיאגט זשעניטשקע'ן. דער דיקער דאקטאר, האט געקרעכצט ווי א זקן, האט זיך אריינגעזעצט אין עקיפאזש, ניט שענקענדיג זיי די מינדסטע אויפמערקזאמקייט.

— סערגעי, דו פאהרסט מיט מיר... קום אהער! — האט פון וויטען א געשריי געטאן דזשענעיעוו.

— באלד — האט געענטפערט דזשענעיעוו. — נו צום ווידער־זעהן, — האט ער געזאגט צו יעווגעניא סאמאילאוונא און שמייכ־לענדיג אויסגעצויגען ביידע הענט.

זי האט אויף איהם א קוק געטאן אזוי, ווי זי וואלט וועלען פאר־געדענקען אט דעם מענליכען שעהנעם פנים, דערנאך האט זי א שמיי־כעל געטאן מיט אן ענטשלאסענעם זשעסט און דערלאנגט ביידע הענט.

— צום ווידערזעהן!

דזשענעיעוו האט פארהאלטען איהרע קליינינקע, ווארימע, שטארקע הענטלעך, ער האט זיי לאנג און שטארק געדריקט, ווי ער וואלט וועלען עפעס דערצעהלען מיט דעם דריקען און געקוקט גלייך אין איהרע שווארצע אויגען, וואס האבען געשיינט אין דער פינס־טער.

—און פונדעסטוועגען האב איך אייך געזעהן! — האט ער אויסדריקספול געזאגט.

יעווגעניא סאמאילאָוונא האָט זיך אביסעלע פאַרויטעלט.

שעמט זיך! — האָט זי געענטפערט אַרויסרופענדיג, אַזוי ווי זי וואָלט קעמפען מיט דער שוואַכקייט פון בזיון.

א כוואַליע פון געוואַגטקייט און חוצפה האָט אונטערגעכאַפּט דזשענעיעוו׳ן.

— גאָרניט קיין שאַנדע... קיין טראַפען ניט! ווייזענדיג די ווייסע ציין, האָט ער געענטפערט. — ווען איהר ווייסט ס׳אַרא מין שעהנע איהר זענט געווען... אינגאַנצען... א נאַקעטע — האָט ער פאַרענדיגט, דערביי האָט זיין שטים געציטערט פון איינגעהאַלטענער אויפרעגונג.

— איהר געפינט דאָך... האָט אַזוי ווי ערענסט און געשעפט־מעסיג געפרעגט די יונגע פרוי. מיט אַמאָל האָט זי זיך צולאַכט, אַרויס־געריסען די הענט, און איז אַרויפגעשפּרונגען אויפ׳ן אונטער פיס׳ל און א געשריי געטאָן מיט א מאָדנער פיל רעטעניש, ווי רופענדער שטים!

— אוי, רא, אוי־רא! צום ווידערזעהן!

די פערד האָבען גערירט.

דזשענעיעוו איבערפיהלט פון א פאַרשכורנדען געפיהל פון יוגענד איז קראַפט, און אן אונקלאָרער האָפנונג, פיהלענדיג יעדער נערוו פון זיין קערפער איז צוגעלאָפען צו אַרבוזאָוו׳ן, וועלכער האָט איהם גע־רופען.

24.

אין א לייכטען ווייסען קלייד, מיט אן ענטבלויזטען האַלז, און דינעם שאַרף אויף די העלע האָר, איז ליזא געשטאַנען אין מיטען פון דזשענעיעוו׳ס אַרבייטס צימער און נאַיוו אויפהויבענדיג די ברעמען געקוקט אויף א בילד.

צום ערשטען מאָל האָט זי געזעהן אַזא אומגעבונג, צום ערשטען מאָל איז זי געווען אַליין ביי א מאַן, און זי האָט עפּעס אַזוי מורא גע־

האָט, און צו דער זעלבער צייט איז איהר געווען אי אינטערעסאַנט, אי אונאַנגענעם. זי האָט זיך געמיהט צו קוקען בלויז אויפ'ן בילד, זיין ערענסט און ניט אינגאַנצען באַמערקען דזשענעיעוו'ן. נאָר איהרע הענט האָבען שעמעוודיג געדרעהט די ברעגען פון שאַרפעל, און אויף די באַקען האָט זיך אָט באַוויזען און ניט פאַרשוואונדען פון אויפרעגונג אַ לייכטע פאַרב.

דזשענעיעוו איז געשטאַנען ביי איהר הינטער די פּלייצעס, און די נאָהענטקייט פון איהר געזונטען פרישען קערפּער, וואָס איז געווען פאַרדעקט מיט אַ לייכטער כמעט דורכזיכטיגער צייג האָט איהם גערעגט.

נאָהענט פאַר זיינע אויגען איז געווען איהר נאַקעטער און לייכט אָפּגעברענטער שלאַנקער האַלז, און דאָרט וואו עס האָט זיך געענדיגט דער אויסשניט פון קלייד האָט זיך געזעהן און געהיימניספול באַהאַלטען אַ ווייסער פּאַס פון ניט אָפּגעברענטען לייב. דאָס אויג האָט ניט ווילענדיג געשוועבט איבער אָט דער קליינער נאַקעטקייט און געווען אונצופרידען דערמיט וואָס מען קען ניט זעהן ווייטער, וואו דער בויגזאַמער קערפּער איז באַהאַלטען אין זיין גאַנצען יונגען צויבער. ווען ליזאַ האָט זיך באַוועגט האָט זיך געמערקט די ווייכע ליניעס פון איהרע רונדע פּלייצעס אין דער טאַליע.

אַ פרישער ריח פון אַ יונגען פרויען קערפּער, אָט ווי פון נאָכ'ן באָדען, האָט געשמעקט פון איהר.

צייטענווייז, ווי זי וואָלט פיהלען אויף זיך זיין דורשטיגען אונפאַרשעמטען בליק, פלעגט זי זיך אומקוקען, זיך באַגעגענען מיט זיינע אויגען און רויט ווערענדיג זיך אָפּקערעווען. דאַן האָט זי אויסגעזעהן אַזוי מילד און ליעב אַז עס האָט זיך פשוט געוואָלט זי אַ קוש טאָן.

— נו וואָס, עס געפעלט אייך? — האָט געפרעגט דזשענעיעוו.

ליזאַ האָט אויסגעדרעהט צו איהם איבער'ן פּלייצע אַ פאַרשעהמטען פאַרויטעלטען פּנים און האָט מיט אַ נאַיווער באַגייסטערונג געענטפערט:

— נאָך ווי! — אַך ווי גוט! ס'אַרא מין גליקליכער איהר זענט!

דזשענעיעוו האָט געקוקט אויף איהרע צאַרטע רויטע ליפּען, וועלכע האָבען זיך באַוועגט, און איהם האָט זיך ליידענשאַפטליך ביז צו

משוגע'ת פארגלוסט איהר א קוש צו טאָן. עס ווייזט אויס אז אין זיינע אויגען האָט זיך אנגעצונדען אַ געפערליכער פייער, ווייל ליזא האָט מיט אמאָל ניט ווילענדיג אַ קוק געטאָן אויף זיינע אויגען, דער־נאָך אויף די ליפּען, און ווידער אין די אויגען און האָט זיך אין איי־לעניש אפּגעקערעוועט צוריק צום בילד.

דזשענעיעוו האָט בלויז געזעהן ווי עס זענען רויט געוואָרען איהרע קליינע אויערען, וועלכע זענען געווען באַדעקט מיט געדיכטע העלע האָר.

נו, וואס... זאָל שוין אייך זיין געננוג צו קוקען... זעצט זיך, — האָט ער געזאָגט. — א ניט וועל איך זיין אייפערזיכטיג צו מיין בילד.

איהם האָט זיך געדוכט, אז ווען דאָס מיידעל וועט זיך אוועק־זעצען דאָ ביי איהם אויפ'ן דיוואן און וועט ארונטערנעמען איהר שאַרפעל, וועט זי ווערען נעהענטער און דערגרייכבארער. ליזא האָט דאָס געפיהלט און האָט מורא געהאַט. זי האָט זיך געזעצט און האָט אויסגעמידען צו קוקען איהם אין די אויגען.

נייז, איך בין געקומען בלויז אויף איין מינוטקעלע... איך דאַרף שוין געהן... האָט זיך שטיל פארטיידיגט דאָס מיידעל.

— שוין־זשע זענט איהר בלויז צוליעב דעם געקומען, אום מיר דאָס צו זאָגען? — האָט דזשענעיעוו געפרעגט אין א שפּאַס, און האָט נאָהענט ארייגגעקוקט איהר אין פּנים.

ליזא האָט זיך צולאַכט.

— נייז... נאָר אין דער היים קען מען זיך נאָך כאַפּען... איך האָב געזאָגט אז איך קום גלייך צוריק...

— איהר האָט מורא פאר טאַטע מאַמע? האָט דזשענעיעוו גע־שפּאַסט, און אין די קלאַנגען פון זיין שטים, וואס האָט געצערטעלט האָט זיך געהערט:

זעה, דו נאַרישע מיידעלע, וועסט זיך שוין סיי ווי ניט אויס־דרעהען פון מיינע הענט!... טאַ מאַך ניט קיין שיות, און מאַך דאָס שנעלער!...

— איך האָב פאר קיינעם קיין מורא נים, — האָט געענטפערט ליזא און איז רויט געוואָרען.

— פאר קיינעם און פאר קיין זאַך ניט, — האָט דזשענעיעיו אויסגעשטעלט איין אויג.

פאר גארניט! — האט מיט א האלב קינדערשער איינגעשפארט־קייט געענטפערט דאס מיידלע און איז ווידער רויט געווארען.

— עס רעדט זיך אזוי! האט דזשענעיעוו געהיימניספול אויס־געצויגען.

— אך, איהר, מיין געוואגטע מיידעל!... נו, דערוויזט אייער העלדישקייט... און זיצט אווילע מיט מיר!

ער האט אויסגעצויגען די האנט און האט באריהרט דעם לייכטען שארף אויף איהר קאפ. זי האט זיך ווי געשראקען פאר זיין באריהרונג און כדי איהם האלטען אביסעל ווייטער פון זיך, האט זי אליין אראפ־גענומען איהר שארף.

— נו, גוט... וואס־זשע ווילען מיר איצט טאן? — האט זי געזאגט, זיך זעצענדיג אויף דער סאפקע.

זי האט דאס געזאגט אויטאמאטיש, כדי וואס ניט איז צו זאגען, ניט ציגעבענדיג די ווערטער, יענע אונפארשעהמטע באדייטונג, וועלכע עס האט זיי צוגעגעבען דזשענעיעוו מיט זיין שמייכעל.

ניט ענטפערענדיג האט ער זיך אוועקגעזעצט נעבען איהר און שטיל גענומען איהר האנט. א הייסע ווייכע האנט האט שטיל אנגע־הויבען ציטערען אין זיינע דורשטיגע פינגער.

זי האט געוואלט באפרייען איהר האנט, נאר זי האט ניט גע־וואגט און אנשטאט דעם האט זי איהם אליין גענומען ביים האנט, ניט אום זי צו גלעטען, און אויך ניט אום זי אפצוהאלטען, נאר ווען דזשענעיעוו האט זיך איינגעשפארט און צארט ארומגענומען, האט זי אינגאנצען אויפגעציטערט. זי האט זיך ניט געקענט ארויס־רייסען, אבער אויסמיידענדיג זיינע הייסע ליפען, וועלכע האבען גע־זוכט איהר פרישען מויל, האט זי באהאלטען איהר ראזעווען פנים טאקע ביי איהם אויף דער פלייצע. אזא ריינער, אזא הילפלאזער און ריהרענדער געפיהל איז געווען אין אט דער באוועגונג איהרער, אבער דזשענעיעוו'ן האט דאס ניט געריהרט. איבער איהם האט געהערשט און ניט אפגעלאזען איין און איינציגער געדאנק, און ווען זי האט ניט געקענט זעהן זיין געזיכט האט ער ציניש־טריאומפירענד א שמייכעל געטאן צו זיך אליין. ער האט ניט ארויסגעוויזען אט דעם גרויזאמען אויסדרוק פון א זשעדנעם „ער", וועלכער איז שוין פון לאנג צו־געוואוינט צו דער שעמעוודיגקייט פון דער פרוי. ער האט געפרובט

צערטליך אויפהויבען איהר קאָפּ, נאָר ער האָט ניט געקענט. ער האָט זי א קוש געטאָן אין אַפּענעם שטאַרקען שטערען אונטער די שמע־קענדע העלע קרויזלעך האָר.

— נו, מען דאַרף ניט! — האָט זי צומישט געמורמעלט און טיפער באַהאַלטען איהר געזיכט אין זיין פּלייצע, און ניט ווילענדיג זיך געדריקט צו איהם.

— פאַרוואָס, דאַרף מען ניט? — האָט אויך מיט א שטילען מורמעל געפרעגט דזשענעיעוו, אַליין דאָס ניט מערקענדיג, און האָט גראָב און דורשטיג גענומען קושען איהר נאַקעטען האַלז, אַז ווי ער וואָלט מיט דער באַריהרונג פון זיינע ליפּען צו דער קאַלטליכע פרישע הויט, אויסגעטרונקען יענע נאַקעטקייט וועלכע איז נאָך דערוייל געווען פאַר איהם אונדערגרייכבאַר.

— אַזוי... מען דאַרף ניט... — האָט געשעפּטשעט ליזא.

דזשענעיעוו'ן איז געוואָרען הייס. ער האָט געפיהלט ווי זיין קערפּער שטרייגט זיך אַז און זיין קאָפּ ברענט פון איהר רוח און נאַהענטקייט. זיין האַנט האָט אונבאַמערקט, אומיסט'ן אונבאַמערקט גענומען בלאָנדזשען איבער איהר פּלייצע, און אַזוי ווי ער וואָלט וועלען בלויז שטאַרקער זי ארומנעמען, האָט ער ניט אומיסט'ן זיך צוגע־ריהרט מיט די פינגער צו דעם אָנפאַנג פון דער ווייכער רונדער ברוסט.

דאָס מיידעל האָט ניט פאַרשטאַנען דעם זין פון אָט דער באַריה־רונג און האָט זיך ניט אָפּגעטרייסעלט פון איהר. נאָר ווען דזשע־נעיעוו האָט מיט אַמאָל אַזוי געוואַגט און גראָב צוגעפּגעדריקט מיט זיינע הענט די גאַנצע ברוסט, האָט זי זיך מיט אַמאָל באַפרייט און געפרעגט טרויעריג און ערענסט:

— נאָך וואָס איז דאָס?...

דזשענעיעוו'ן האָט פאַרדראָסען איהר איינגעשפּאַרטקייט. אַט די פּשוט'ע נאַיווע מיידעל האָט ארויסגעוויזען א לענגערען ווידערשטאַנד ווי ער האָט ערוואַרטעט. ער האָט געוואָוסט, אַז פריהער אדער שפּע־טער וועט זיך מיט איהר ענדיגען פּונקט ווי מיט אַלע אַנדערע, און ער האָט זיך פאַרשעמט פון דעם, וואָס זי ציהט נאָך אַלץ און שטויסט איהם אָפּ.

— איך האָב אייך ליעב! — האָט ער געזאָגט צוגעבענדיג זיין שטים די גאַנצע קראַפט פון צערטליכקייט אויף וועלכער ער איז גע־

ווען פעהיג. ער האט געוואוסט אז די זאך איז ניט אין די ווערטער נאר אין יענער מאכט וועלכע עס האבען ענטהאלטען די קלאנגען פון זיין שטים.

— נאך וואס זאגט איהר דאס? — האט נאך טרויעריגער, אבער שוין מיט א קליינער האפנונג, געזאגט ליזא, ווארפענדיג אויף איהם א שנעלען בליק — דאס איז דאך ניט אמת!

— ניין, דאס איז יא אמת! — האט געענטפערט דזשענעיעוו, ניט שענקענדיג קיין אויפמערקזאמקייט אט דעם שעמעוודיג ריהרענדען אויסדרוק. באהערשט פון איין געדאנק און איין פארלאנג האט ער כמעט ניט באמערקט וואס ער רעדט, און האט זיך בלויז געמיהט אונבאמערקט אונטער דעם ראש פון די ווערטער ווידער באהערשען איהר לייב. זיין האנט האט ווידער פאר'עקשנ'ט אנגערירט איהר ברוסט.

—ס'ארא מין קליינינקע ברוסט ביי איהר איז, האט ער תאוה'דיג געקלערט.

— אייך ווילט זיך פשוט נאך איין איבעריגען פארגעניגען... האט ליזא ארויסגערעדט באהאלטענדיג דעם פנים.

— ווארום נאר דאס... — האט געזאגט דזשענעיעוו אויפהויבענדיג איהר קאפ און זוכענדיג די ליפען. מיט א געהיימער גרויזאמער פרייד, האט ער באמערקט אז זי שרעקט זיך שוין ניט פאר זיין האנט, וועלכע דריקט שטארק איהר קליינינקע צארטע ברוסט. איהם האט זיך איינגעגעבען אויפהויבען איהר געזיכט, און איידער זי האט דערוויזען זיך ארויסצורייסען, האבען זיינע הייסע ליפען זיך צוגעדריקט צו איהר פרישען פייכטען מויל. ליזא האט זיך א ריס געטאן, אבער זיינע ליפען האבען זיך מיט קראפט צוגעדריקט צו איהרע ליפען, שטארקע הענט האבען ארומגעכאפט איהר קערפער, און צוזאמענגעקוועטשט איהר ברוסט מיט א חוצפה'דיגער אונפארשעמטער באוועגונג. דאס מיידעל האט זיך אונטערגעגעבען אט דער איינגעשפאנטער קראפט, זי האט פארמאכט די אויגען און איז פארשטארבען אונטער זיין לאנגען דורשטיגען קוש. מיט די ליפען האט ער אפגעבויגען איהר קאפ אלץ ווייטער און ווייטער אויף צוריק, האט ער איבערגעבויגען איהר גאנצען קערפער און האט זי אונבאמערקט כמעט אומ־

געוואָרפען. דאָס מיידעל האָט מיט אַמאָל דערפיהלט, אז זיין האַרטער שטאַרקער קערפּער ליגט כמעט אויף איהר, און זיין האַנט ריהרט אָן דאָס קלייד ביי איהרע פיס. א מורא׳דיגע שרעק האָט זי אַרומגעכאַפּט. זי ,האָט זיך אויף שנעל אויסגעריסען און איז אויפגעשטאַנען. דזשע־נעיעוו איז אויך אויפגעשטאַנען. ער איז געווען רויט, די האָר האָבען זיך איהם צוגעקלעפּט צום שטערען. איהם האָט געדונקעלט אין די אויגען און וועלכע עס האָט געברענט אזא צורייצטער כעס, ווי ביי א חיה ביי וועלכער מען האָט ארויסגעריסען איהר שוין אויף האַלב דערשטיקטען קרבן.

— מיר איז צייט צו געהן!... — האָט זי מיט אַן אונטערגע־האַקטען קול געזאָגט אין איילעניש, און דערביי געזוכט איהר שאַרף.

דזשענעיעוו האָט פאַרשטאַנען, אז ער האָט זיך אביסעל צופיעל צוגעאיילט, און זי האָט זיך דערשראָקען און קען נאָך אינגאַנצען אַוועקגעהן.

— הייסט דאָס, אז איהר האָט מיך ניט ליעב? — האָט ער טרויעריג געזאָגט.

ליזא האָט א קוק געטאָן אויף איהם, און אין איהרע נאַיווע גרויע אויגען האָט געשיינט אזא מין געהאָרכזאַמע צערטליכע ליעבע. אז ביי דזשענעיעוו׳ן האָט זיך ווידער פאַרדרעהט די קאָפּ.

— איהר ליעבט מיך ניט, געוויס ליעבט איהר מיך ניט! — האָט ער אומיסט׳ן ווידערהאָלט זי אַנכאַפּענדיג פאַר די הענט ביי די רונדע ענטבלויזטע עלענבויגען.

זי האָט שטיל אויסגעריסען די הענט, און א קוק געטאָן אויף איהם מיט פאַרוואורף.

דערנאָך האָט זי לאַנגזאם גענומען אַנטאָן דעם שאַרף.

— איהר האָט זיך אזוי ווי באַליידיגט? — האָט ער געזאָגט.

— וואָלט איך דען געקענט א קוש טאָן א מענשען וועמען איך האָב ניט ליעב! — האָט זי געזאָגט און איז געוואָרען אינגאַנצען אַן אַנדערע; ניט קיין נאַיווע, יונגינקע מיידעלע איז געשטאַנען פאַר איהם, נאָר א גרויסע און שטאַרקע פרוי.

דזשענעיעוו האָט ניט געפונען וואָס צו ענטפערען.

— ווארום האָט איהר דאָס געזאָגט, האָט פאָרטגעזעצט דאָב

מיידעל, ווי זי וואָלט זיך ניט קענען באַרוהיגען און פאַרגעסען די באַליידיגונג. — איהר ווייסט דאָך, אַז דאָס איז ניט אמת! אָבער נאָך וואָס מאַטערט איהר מיך? — האָט דזשענעיעוו געענטפערט.

— מיט וואָס? — האָט ליזאַ אויפגעהויבען אויף איהם אַ פּאָר נאַיווע אויגען.

— שוין־זשע, ווייסט איהר ניט אַז אַ מאַן ליעבט וויל ער באַזיצען די גאַנצע פרוי... איהר קערפּער... אַלץ! — האָט ער פאַרקריצט מיט די ציין פון פאַרלאַנג. ווייסט איהר?

— איך ווייס... האָט אַראָפּלאָזענדיג דעם קאָפּ, שטיל געענטפערט דאָס מיידעל.

— נו, האָט מיט קראַפט געזאָגט דזשענעיעוו.

ליזאַ האָט ניט גלייך געענטפערט. זי האָט געקוקט אַרונטער. קעמפענדיג מיט זיך, און זיך געשעמט פאַר יענע ווערטער, וועלכע האָבען געציטערט אויף איהרע ראָזעווע ליפּען.

— נו? — האָט ווידערהאָלט דזשענעיעוו.

— נו? און דערנאָך האָט קוים הערבאַר געפרעגט דאָס מיידעל.

דזשענעיעוו האָט גרויזאַם און דורשטיג געקוקט אויף איהר. עטוואָס שפּאָטישעס האָט זיך באַוויזען אין זיינע דונקעלע אויגען. וויפיעל מאָל האָט ער שוין געהערט אָט די פראַגע.

— איהר האָט מורא... פאַר די פאָלגען? — האָט ער פאַרזיכטיג געפרעגט.

דאָס מיידעל האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ און האָט נאָך נידעריגער אַראָפּגעלאָזען די קאָפּ.

— אויב איך וועל ניט וועלען וועט דאָס ניט זיין! האָט ער אָפען און אויסדריקפול געזאָגט, ווי ער וואָלט אָנגעטאָפּט די ווערטער וואָס האָבען זי ניט געקענט דערשרעקען מיט זייער גראָבקייט און ציניזם.

דאָס מיידעל האָט זיך געגומען אומוואַרפען און באַוועגען ווי איהר וואָלט זיין אונערטרעגליך היים און שטיקענד.

— איך וועל געהן... איך קען ניט... לאָזט מיך... — האָט זי צורמישט געשעפּטשעט, און האָט זיך געמיהט אַרויסרוקען פאַרביי איהם צום טיר.

— נו, געהט... איינגאַנצען געהט! — האָט גרויזאַם געענט־פערט דזשענעיעוו, וויסענדיג אַז זי געהט אַוועק ניט אויף לאַנג.

צום ווידערזעהן, — האָט געזאָגט ליזאַ, און איז אַרויס פון טיר.

דזשענעיעוו האָט זי באַגלייט מיט אַ ברענענדען בליק, דערנאָך איז ער אַרויס נאָך איהר.

אין גאָרטען האָט זיי אַרומגענומען אַזאַ מיז פרישקייט אין דעם גרינעם שאָטען. איבער׳ן קאָפּ האָט זיך מיט העלער בלויקייט פאַר־שפּרייט דער שעהנער פרייער הימעל. עס האָט זיך זיי אויסגעדוכט אַז זיי זענען אַרויס פון אַ צוגליטען שטיקענדען אויוועז אויף דער פרישער לופט. די אויפרעגונג האָט זיך איינגעשטילט. ליזאַ האָט זיך אומגעקוקט אויף איהם מיט אַ שמייכעל און האָט מיט׳ן בליק געבעט־טען מחילה ביי איהם פאַר איהר איינגעשפּאַרטקייט.

דזשענעיעוו האָט איהר אויך געשענקט אַ שמייכעל.

— נו צום ווידערזעהן, איינגעשפּאַרטע מיידעלע! האָט ער צערט־ליך געזאָגט, און אַ קוש געטאָן איהר די האַנט.

אַלס באַלוינונג פאַר זיין נאַכגיביגקייט האָט זי ניט אַוועקגענו־מען די האַנט ווי געוועהנליך.

— איהר הערט, האָט זי געזאָגט אויפהויבענדיג די קאָפּ.

דזשענעיעוו האָט זיך צוגעהערט.

— מען קלינגט אין קלויסטער! — האָט ער געזאָגט, דערהע־רענדיג דעם רעגעלמעסיגען איבערקלינגען.

— נאָך אַ טויטען... אימעצער איז געשטאָרבען! — האָט גע־זאָגט דאָס מיידעל און אין איהרע אויגען האָט זיך אויף אַן אויגענבליק געוויזען אַזאַ מין ערהאַבענער אויסדרוק.

— נו, און זאָל מען... אָבער מיר ווילען לעבען האָט זאָרגלאָז געענטפערט דזשענעיעוו.

ליזאַ האָט אַ קוק געטאָן אויף איהם פאַרליעבט און צאַרט.

— צום ווידערזעהן... — האָט זי אַרויסגעשעפּטשעט און גאָר שטיל צוגעגעבען: — ליעבער... דערנאָך האָט זי זיך אויסגעדרעהט און צוהאַלטענדיג דים שאַרף אויף די האָר, איז זי געלאָפען צום טיר פון גאָרטען.

25.

עס איז געשטאָרבען דער אַלטער פּראָפעסאָר איוואַן איוואַנאָ־וויטש.

דריי טעג פאַר זיין טויט איז ער אַנטשוויגען געוואָרען און ניט די באַזוכען פון דאָקטאָר אַרנאַלדי, ניט די זאָרגען פון דער איבער־געשראָקענער פּאַלינא גריגאָראָוונא האָבען ניט געקענט איהם צווינ־גען זיך אָפּרופען. עס האָט זיך געדוכט, אַז צווישען איהם און דעם גאַנצען לעבען איז אויפגעשטאַנען א פאַרשטעלטע וואַנט, וועלכע האָט איהם אויף אייביג אָפּגעטיילט פון אַלע לעבעדיגע מענשען. און הינ־טער אָט דער וואַנט איז אָנגעגאַנגען דער לעצטער קאַמף צווישען לע־בען און טויט.

ווען מען האָט איהם עפּעס געפרעגט, האָט דער אַלטיטשקער געענטפערט פאַרנינפטיג, כמעט ניט פּלאָנטערענדיג די ווערטער. מען האָט געקענט דענקען, אַז ער איז געקומען צו זיך און אַם ענדע פאַר־שטאַנען עפּעס, און האָט טיעף פאַרבאָהאַלטען אין זיין נשמה אָט דעם שרעקליכען סוד, מורא האָבענדיג צו רעדען כדי ער זאָל זיך ניט אויסגעבען. שטונדען לאַנג פלעגט ער אָפּזיצען אין פאָטער־שטול און קיינעם ניט באַונרוהיגען. דעם אָפּגעקראַכענעם ציטערענדען קאָפּ, האָט ער אַראָפּגעלאָזען אויף די הענט, וועלכער האָט אויסגעזעהן מאָדנע פאַרשטיינערט און טראַכטען מיט פאַרמאַכטע אויגען.

פּאַלינא גריגאָריעוונא האָט אַרומגעטאַנצט אַרום איהם. ווי אין א פאָרגעפיהל אַז דער סוף איז נאָהענט האָט זי פאַרגעסען, איהר גאַנצע מידקייט, און איז געוועזען אַזוי מילד, פול מיט ליעבע און רחמנות. און ווען איוואַן איוואַנאָוויטש פלעגט אויפשטעהן ביינאַכט און זיך זעצען אויפ'ן בעט, אַזא קליינינקער איינגאַנצען א ווייסער, האָט זי זיך געמאַכט אַז זי שלאָפט און אכטונג געגעבען אויף איהם פון דער ווייטענס. זי פלעגט ניט ריידען צו איהם, איהם ניט איינלייגען צוריק, זיך ניט איינעסען איהם אין די ביינער.

די שטילקייט אין זייער הויז איז אַלץ מוראדיגער און אַלץ גע־דיכטער געוואָרען, אָט ווי עס וואָלטען אַריינגעקומען אַהין די ערשטע כוואַליעס פון דער אייביגער שטילקייט.

פּאַלינאַ גריגאָריעוונאַ האָט זיך בלויז באַדאַרפט אַ ריהר טאָן אום איוואַן איוואַנאָוויטש זאָל זיך ווי בגנבה איילען אַוועקלייגען. אָבער זי האָט בלויז באַדאַרפט פאַרמאַכען די אויגען און זיך מאַכען אַז זי שלאָפט. פלעגט ער זיך ווידער אויפהויבען, זיך געהיימניספול איינקוקען אויף איהר, זיך אַוועקזעצען און אָנהויבען שנעל, שנעל צו ריהרען מיט די איינגעפאַלענע ליפּען ווי ער וואָלט אין גרויס איילעניש עפּעס אונענדליך געקייט.

ערשט דערנאָך האָט פּאַלינאַ גריגאָריעוונאַ פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט ער תּפילה געטאָן.

דאָס איז געווען אַזוי אונערוואַרטעט און שרעקליך אַז איהר האָט זיך געדוכט אַז די גאַנצע וועלט האָט אומגעביטען איהר געזיכט.

פערציג יאָהר האָט זי אָפּגעלעבט מיט איהם און האָט קיינמאָל ניט געזעהן אַז איוואַן איוואַנאָוויטש זאָל תּפילה טאָן. ער איז קיינמאָל ניט געגאַנגען אין קלויסטער. ער האָט אָפּגעלאַכט פון דער רעליגיאָן, אָפּגעשפּעט פון די גלחים און געשריבען וועגען דער קירכע מיט אַ פאַרביטערטען פרעסענדען סאַרקאַזם. אַמאָל פלעגט זי, אַ נאַרישע רעליגיעזע פרוי, זיך אַפילו שרעקען פאַר זיינע אַרויסטרעטונגען געגען גאָט און דער רעליגיאָן, און געדענקט אַז גאָט וועט שטראָפען דערפאַר און פלעגט זיך קריגען מיט איהם. שפּעטער האָט זי זיך צוגעוועהנט, האָט אונטער זיין איינפלוס אַליין אויך פאַרלאָרען דאָס שאַרפקייט פון גלויבען, און די רעליגיאָן מיט איהרע גלחים, קירכעס און תּפילות, זענען ווייט אַוועק פון זייער לעבען, ווי אַ פרעמדע אומגעלומפּערטע שפּיעל, אין וועלכער זיי האָבען ניט קיין שום אינטערעס.

אַז עס פלעגט אַמאָל טרעפען, אַז זי איז אַליין געווען קראַנק, אָדער עס פלעגט שטאַרבען אימיצער פון דעם פּראָפעסאָרס באַריהמטע פריינד, און אַפילו איצט ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען אָט דער שרעקליכער און לאַנגזאַמער אָפּשטאַרבען, איז אַפילו קיינעם ניט איינגעפאַלען צו רופען איוואַן איוואַנאָוויטש'ן, מיט זיין דינעם און קלאָרען שכל, צו דער פראַגע פון גאָט, תּפילותאון אייביגען לעבען נאָכ'ן טויט.

אָבער איצט איז דאָס געווען גאָר אַן אַנדער מענש. עפּעס אַ מין קליינינקער טרוקענער אַלטיטשקער אין איינע אונטערוועש איז איוואַן איוואַנאָוויטש געזעסען אויפ'ן בעט אין דער שטילקייט פון דער נאַכט,

אזוי אז קיין איינציגער לעבעדיגער נפש זאָל איהם ניט זעהן, האָט ער אין דער איינזאַמקייט אַליין מיט זיינע אונפאַרשטענדליכע געדאַנקען, תפילה געטאָן צו גאָט.

פּאַלינא גריגאַריעוונא האָט איינמאָל געזעהן, ווי ער האָט זיך ארומגעקוקט ארום און ארום און האָט זיך שטילינקערהייט אין איי־לעניש, זיך פּלאָנטערענדיג אין די באַוועגונגען, איבערגעצוילעמט, ער האָט זיך איבערגעצוילעמט איין מאָל, און האָט א טראַכט געטאָן און זיך איבערגעצוילעמט נאָך אַמאָל. און דערנאָך ווי איהם וואָלט עפּעס קלאָר געוואָרען, האָט ער זיך אַפּט און אַפּטער גענומען צוילעמען, שטאַרק צודריקענדיג צום שטערען, ברוסט און פּלייצעס די ציטער־רענדעביינדלעך פון די טויטע הענט. זיינע ליפּען האָבען זיך באַוועגט דער קאָפּ האָט זיך געטרייסעלט און פּאַלינא גריגאַריעוונא האָט דער־הערט א איילענדען מורמעל:

...גאָטוניו דערבאַרים זיך איבער מיר, ווייל דו ביזט דאָך א גרוי־סער בעל־רחמים.

עס ווייזט אויס אז ער האָט זיך מעהר קיין ווערטער ניט געקענט דערמאָנען. דער אַפּגעשוואַכטער געדאַנק האָט מיט א הילפלאָזער אנ־שטרענגונג זיך געמיהט ארויסרופען פון חושך פון דער פאַרגאַנגענ־הייט, די אויסגעמעקטע פון זכרון גאַיווע ווערטער, פון די הייסע תפילות פון דער קינדהייט.

— גאָטוניו דערבאַרעם זיך איבער מיר, ווייל דו ביזט א גרויסער בעל־רחמים! גאָטוניו דערבאַרעם דיך איבער מיר!...

אויף מאָרגען האָט זי איהם גאַרניט געזאָגט, דאָס איז געווען עפּעס אזא מאָדנער סוד, וועלכען עס האָט ניט געוואָגט אנצור־רירען א פרעמדע האַנט, האָט זיך געפיהלט אין אָט די ביינאַכטיגע תפילות.

א פּחד האָט זי באַהערשט און זי האָט אזוי אַפּהענדיג געקוקט אויף איהם.

ביינאַכט, צוויי טעג פאַר זיין טויט האָט זיך ווידערהאָלט דאָס זעלביגע, נאָר מיט אזא מין שרעקליכער אונפאַרשטענדליכער און מורא׳דיגער קראַפט.

שטאַר האָט געברענט דער לאָמפּ וועלכער האָט זיך שוין לאַנג ניט אויסגעלאָשען אויף ביינאַכט. פינסטער איז געווען אין די איבע־

ריגע צימערען, און געדוכט האט זיך אז פון דארטען קוקט ארויס דער חושך מיט אזוינע שרעקליכע אויגען וועלכע ווילען פון עפעס פארהי־טען.

פאלינא גריגאריעווגא האט זיך שטיל פארבאהאלטען אונטער דער קאלדרע. א פאר שטונדען איז איוואן איוואנאוויטש געלעגען אבסאלוט רוהיג אונבאוועגלאז מיט'ן פנים ארויף, זיין שווערע קאפ איז טיעף אריין אין קישען, און איבער דער קאלדרע האט ער אויסגעצויגען די ביינער פון די טויטע הענט. מורא'דיג האט זיך געמאלען אונטער'ן קאלדרע זיין לאנגער דינער קערפער, מיט דעם איינגעפאלענעם בויך און אויפגעהויבענע שארפע קני. צו ער שלאפט, צו ער טראכט האט זי ניט געקענט דערגעהן, אבער זי האט געפיהלט אז עפעס דערנע־הענטערט זיך און וואקסט, פילט אן דעם צימער און דריקט די ברוסט. פאלינא גריגאריעווגא איז אויסגעגאנגען פון שרעק, ניט וואגענדיג זיך א ריהר צו טאן. עפעס א מין קעלט איז געקראכען איבער איהרע פיס, אונטערגעגאנגען אונטער'ן הארצען און דאס צוזאמענגעקוועטשט און מיט לאנגע קאלטע פינגער באריהרט דעם מוח. איהר האט זיך גע־וואלט א געשריי געטאן, א רוף טאן איוואן איוואנאוויטש'ן, אבער די ווערטער האבען זיך אויסגעלאשען אין האלז, דאס הארץ בלויז האט זיך געקלאפט מיט א משונהדיגער שנעלקייט.

מיט אמאל האט זיך איוואן איוואנאוויטש א ריהר געטאן, שטיל ווי פון טרונע האט זיך אויפגעהויבען די ציטערענדע גרויע קאפ, און האט זיך אויסגעדרעהט צו פאלינא גריגאריעווגא מיט שטארע טויטע אויגען, די קאפ האט זיך אויסגעדרעהט און איז פארשטארבען. דער לאמפ האט איהם איינגאנצען באלויכטען, און ווילד האט אויסגעזעהן דאס געזיכט פון א מת, וועלכער שטעהט אויף פון קבר מיט שטארע, אבער לעבעדיגע און אזוי ווי כיטרע בייזע אויגען.

פאלינא גריגאריעווגא האט זיך ניט א ריהר געטאן, זי האט בלויז געפילט אז די האר הויבען זיך אויף איהר קאפ און מוראשקעס לוי־פען אום איבער'ן לייב, וועלכעס עס איז מיט אמאל געווארען אזוי שווייסיג און קלעפיג.

לאנג און באוועגלאז האט געקוקט איוואן איוואנאוויטש.

די שטילקייט האט געהיט יעדע מינוט און געדוכט האט זיך, אז אט די מינוטען האבען ניט קיין סוף. דערנאך האט ער זיך

שטיל אפגעקערעוועט. ווי א קאפ פון א וואקסענעם גולם האט זיך לאנגזאם אויסגעדרעהט זיין גרויער קאפ, וואס איז געווען פארוואקסען מיט גרויע שטעכיגע האר, און ער האט זיך אויפגעהויבען אויפ׳ן בעט; זיך אויפגעהויבען און ווידער שטיל געבליבען, און זיך איינגעהערט. ארום איז אלעס געווען שטיל, עס האט בלויז געקלונגען און געזונגען אין זיינע אויערען.

פאלינא גריגאראוונא האט זיך געדוכט, אז זי וועט משוגע ווערען. אבער זי האט ניט געהאט קיין כח זיך א ריהר צו טאן, איהם א רוף טאן אדער א געשרעה צו טאן.

איבערצייגענדיג זיך אז עס איז ווירקליך שטיל ארום, האט איוואן איוואנאוויטש מיט שרעקליכער אנשטרענגונג אויפגעהויבען און אראפגעלאזען פון בעט די דינעביידערדיגע פיס מיט די געלע אפגעשטארבענע פינגער. אויף זיין דינעם אויסגעטריקענטען קערפער ווי א סקעלעט, האט די קאפ אויסגעזעהן אונגעהויער גרויס, און אינגאנצען אין דעם ווייסען אונטערוועש האט ער געמאכט א לעבערליכען און מורא׳דיגען איינדרוק.

ער האט געוואלט עפעס טאן מיט זיינע פיס, נאר ער האט ניט געקענט.

ער האט זיך אנגעשפארט מיט די הענט אין בעט, געשאקעלט מיט׳ן קאפ, געציטערט, און זוכענדיג מיט די פיס דעם דיל, איז ער אלע ווייל געפאלען. אם ענדע האט ער געפונען דעם דיל, זיך באפעסטיגט אויף איהם און גענומען זיך אויפהויבען. דא האט פאלינא גריגאראוונא באמערקט וואהין עס איז געווענדט זיין בליק. אין א ווינקעל איז געהאנגען דאס הייליגע בילד מיט א גרינעם לעמפעל פון געשליפענעם גלאז פאר דעם. ביידע: דאס בילד מיט׳ן לעמפעל, זענען געווען שוין לאנג פארגעסענע, און איבערגעלאזען בלויז אלס זכר פון אמאל. דאס לעמפעל האט מען קיינמאל ניט אנגעצונדען, און פאלינא גריגאריעוונא האט געוואוסט, אז פון אינווייניג איז דאס לעמפעל פול מיט שטויב און געפגערטע פליגען.

איוואן איוואנאוויטש האט זיך אויפגעשטעלט אין זיין פולער גרויס. זיינע פיס האבען געציטערט און זיך אונטערגעבראכען, ער האט זיך נאך אמאל אומגעקוקט אויף דער פרוי׳ס בעט, און זיך געוואלט אראפלאזען אויף די קני, נאר ער האט זיך ניט איינגעהאל־

טען אויף די פּיס, און איז שווער אַנידערגעפאַלען. ער איז אַנידערגע־פאַלען, האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט די ביינערדיגע פינגער פאַר אַ ביינ־קעל און איז שטיל געבליבען.

די זעלבע געהיימניספולע קראַפט האָט אָפּגעהאַלטען דעם געשרעה פון פּאַלינאַ גריגאָראַוונאַ ביי איהר אין האַלז. אַט ווי זי וואָלט דער־פיהלט, אַז אַלעס וואָס וועט דאָ פּאַרקומען איז אַ סוד, וועלכען קיינער טאָר ניט זעהן, האָט זי פאַרמאַכט די אויגען.

איוואַן איוואַנאָוויטש האָט זיך שטיל גערירט. אַ מאָדנער ביינערדיגער קלאַנג האָט זיך דערטראָגען צו איהרע אויערען, אָבער זי האָט איהם ניט פאַרשטאַנען. מיט אַמאָל האָט אָנגעפילט דעם צימער אַ האַלב־וואַנזיניגער ליידענשאַפטליכער געמורמעל:

רבונו של עולם, זאָל געהייליגט זיין דיין נאָמען; זאָל קומען דיין באַפרייאונג; זאָל דיין הייליגער ווילען זיין ווי אויפ׳ן הימעל, אַזוי אויף דער ערד... שענק אונז פּרנסה, און פאַרגיב אונז אונזערע זינד, ווי מיר... אין נאָמען פון הייליגען פאָטער, זוהן און הייליגען גייסט... פאָטער אין הימעל, דערבאַרעם דיך איבער מיר, ווייל גרויס איז דיין גנאַד... פאַרגיב מיר מיינע זינד, דערבאַרעם, גאָטעניו, דערבאַרעם דיך... דערבאַרעם דיך איבער מיר...

ווילד און שרעקליך האָבען געקלונגען די אונזיניגע ווערטער. מיט אַ מורא׳דיגער קראַפט פון אונפאַרגעסליכען אַנגסט, פון אונ־ערטרעגליכע ליידען האָט געקלונגען דער זיך איבעררייסענדער פון שוואַכקייט געמורמעל פון זקן.

ווידער האָט זיך דערטראָגען צו איהר אַ מאָדנער ביינערדיגער קלאַפּ. פּאַלינאַ גריגאָראַוונאַ האָט אויפגעעפענט די אויגען, אָבער צוליעב די טרערען האָט זי גאָרניט געקענט זעהן, אויסער אַ צושוואָ־מענעם ווייסען פלעק אויפ׳ן דיל.

איוואַן איוואַנאָוויטש האָט געשוויגען. דער ווייסער פלעק האָט זיך גערירט, האָט זיך מאָדנע אויסגעבויגען, אַט ווי ער וואָלט זיך פּרואווען קריכען, אָבער אַזוי שטיל אָהן אַיין און איינציגען קלאַנג. פּאַלינאַ גריגאָריעוונאַ האָט אַליין ניט באַמערקט, אַז זי ליגט שוין ניט מעהר, נאָר זיצט אויפ׳ן בעט מיט ברייט צעעפענטע אויגען און ווייט פאַרנאַנדערגעשפּרייטע הענט. עס האָט זיך ווידער דערהערט אַ שוואַכער קלאַפּ פון ביין, וועלכער האָט זיך ווידערהאַלט. עס האָט

ויסגעזעהן. אז איוואן איוואנאוויטש נייגט זיך אפט ביז דרערד. ון קלאפט זיך מיט'ן שטערען אין דיל. עס איז א ווײַלע שטיל געווען ון ווידער האט ער זיך שטארק און הילכיג א קלאפ געטאן מיט'ן שארבען אין דיל און דאן גענומען זיפצען. אין איין אויגענבליק האט אלינא גריגאראוונא, אם ענדע, פארשטאנען, אז ער פרופט זיך ויפהויבען און קען ניט. דערפאר שלאגט ער זיך אלע ווײַלע אן מיט'ן אפ אין די ברעטער פון דיל אין די אומזיסטע אנשטרענגונגען צו וריכען.

מיט א פארצווייפעלטען געשרעה האט זי זיך א ווארף געטאן צו יהם, איהם ארומגעכאפט, איהם אויפגעהויבען און אוועקגעזעצט ויפ'ן בעט מיט אן אונבאוואוסטער קראפט. איוואן איוואנאוויטש אט עפעס געשעפטשעט צומישט, און געקוקט אויף איהר מיט שול־יגע און רחמנות'דיגע אויגען.

— און איך, זעהסטו... האב געוואלט אביסעל תפילה טאן... זוי זיך פאר שפאס... איך האב שוין לאנג ניט געדאווענט... איך אב געוואלט פרואווען... — האט ער געמורמעלט און די קאפ האט יך ביי איהם געטרייסעלט. איהם איז געווען א שמערצליכע שאנדע. בער דער פריהערדיגער שטאלץ פון קלארען און שטארקען שכל איז שוין געפאלען און איהם פארלאזען. קליין און שוואך איז געווען יין גייסט. ער האט זיך צוגעדריקט צו זיין פרוי און געוויינט ווי א ליין קינד, אזוי ווי ער וואלט זוכען שוץ ביי איהר.

— עס איז מיר אזוי שרעקליך... שרעקליך פאלעטשקא... איך שטארב... — האט ער געמורמעלט.

זיי זענען ביידע געזעסען אויפ'ן בעט און געוויינט מיט מאכט־לאזע טרערען... ביידע קליינינקע, גרויע אין ווייסען אונטערוועש... מיט אמאל האט זי ארומגעכאפט א הייסע כוואליע פון האפנונג מיט א פריידיגען געפיהל.

— ווייסט וואס... מיר וועלען מארגען בעטען צו ברייגנען דאס „הייליגע בילד“... מיר וועלען תפילה טאן... און אז גאט וועט עבען וועסטו געזונט ווערען. — האט זי געזאגט און געצערטעלט זיין אפגעשוואכענעם קאפ מיט צארטע ליבענדע פינגער.

אויף מארגען האט זיך זייער הויז אנגעפילט מיט א ליכטיגער ערוואַרטונג. מען האט אויפגעראמט און אויסגעוואשען די צימערען,

מען האָט פאַרפּוצט איוואַן איוואַנאָוויטש'ן אין אַ פרישען סורדוט און געוואַרט מיט ציטער און שוואַכער האָפנונג.

און ווען דאָס היילינגע בילד, דאָס דונקעלע, בייזע בילד פון פאַר־צייטען איז שוין געלעגען אויפ'ן ווייסען טישטאָך און מען האָט אָנ־געצונדען פאַר דעם ציטערענדע ליכט, און דער רויטער גלח, דער זעל־בער וועמען אַרבוזאָוו האָט איבערגעלאָזען אין פעלד, האָט גענומען לעזען און זינגען, איז איוואַן איוואַנאָוויטש אַראָפּגעקראָכען פון שטול אויף דער קני און זיך צעוויינט. עס האָט געוויינט פּאַלינאַ גריגאָראָוו־נאַ, עס האָט געוויינט איוואַן איוואַנאָוויטש און עס האָט געוויינט די טראָגענדיגע לידאַ; און פרייד און האָפנונג איז געווען אין זייערע אויי־גען. אַט ווי אַלע וואַלטען איצט זיך איבערצייגט, אַז עס איז ניטאָ קיין אַנדער האָפנונג, עס איז ניטאָ קיין אַנדער שוץ, ־אויסער יענער אַלמעכ־טיגער ליכטיגער קראַפט, וועלכע איז פון ערגעץ וואו פון שיין פון דער גרויסער זון אָדער פון די בלויע הויכען אַראָפּגענידערט צום געזיכט פון דעם שוואַרצען היילינגען בילד.

איוואַן איוואַנאָוויטש האָט ברייט צועפענט די טרערענדע אויגען און פון אונטען געקוקט אויף דעם דונקעלען געזיכט און די טרערען האָבען טייכענווייז גערונען איבער זיין צוקנייטשטער, מורא*דיג טוי־טער מאַסקע.

די לעצטע כחות פון זיין צאַנקענדען לעבען, דעם גאַנצען שרעק און בייגקשאַפט פון די לעצטע דונקעלע נעכט האָט ער אויסגעגאָסען אַ ין אַט דעם שווייגענדען בעטאַנדען בליק. עס איז ניטאָ אַזאַ קראַפט אין דער וועלט, וועלכע וואָלט איצט געווען אומשטאַנד איהם אַפּצור־רייסען כאָטש אויף איין מינוט, פון אַט דעם מאָדנעם שוואַרצען פלעק אויף דעם שניי ווייסען טישטאָך.

און ווען די שטימען פון די גלחים האָבען זיך פאַלש איבערפלעכ־טענדיג אָנגעפילט דעם צימער מיט אַ ווילדער מעלאָדיע, זענען נאָך שנעלער געלאָפען די טרערען איבער איוואַן איוואַנאָוויטשעס באַקען.

אין אַט דער מינוט האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון זיין גאַנצען לע־בען, פון זיין שטאָלצען געדאַנק, פון דער וויסענשאַפט, ערפאַרונג און חוצפה פון שכל, וועלכער האָט איהם אָפּגענאַרט. אין צער און אין ליכ־טיגער געהאָרכזאַמקייט, אָהן ווערטער, בלויז מיט זיינע טרערען האָט

ער געבעטען אַט די באַהאַלטענע קראַפט זיך מרחם זיין איבער איהם, פאַרגעבען און ראַטעווען.

דאָס הייליגע בילד האָט מען אַוועקגעפיהרט. דער רויטער פאַ־טער ניקאָלאַי האָט גערעדט אַ פּאָר מינוט ווענען פאַרשידענע שטאָד־טישע נאַרישקייטען, האָט געוואונשען דעם קראַנקען געזונט ווערען און איז אַוועק. דער בלויער רויך האָט זיך נאָך געצויגען מיט אַ דינינקע שטראַמעלע צום אָפענעם פענסטער.

איוואַן איוואַנאָוויטש איז געזעסען אויפ'ן סאָפע, אַ רייניקער אַ ווייסינקער, זיינע ליפּען האָבען נאָך געציטערט, אָבער אין די טרע־רענדע אויגען האָט זיך העל געלויכטען אַן אַנגעשטרענגטער קינדיש־ריינער גלויבען. זיין גאַנצעס אַלטינקעס פּנים'ל האָט זיך געלויכטען מיט אַ אינערליכער ליכט. די זון האָט זיך דערקליבען צו זיין קאָפּ מיט איהר בענשענדען ליכט, און האָט איהר געגלעט און געוואַרעמט, פאַרב־לענדענדיג די קאָפּ מיט איהר שיין. ער האָט מיט אַ פריידיגען און זיג־לאָזען שמייכעל געקוקט אויף פּאַלינאַ גריגאָריעוונאַ און זיין טאָכטער לידאַ, אַט ווי ער וואָלט זיי צום ערשטען מאָל דערזעהן.

— נו, און גאָט צו דאַנקען... איצט וועסטו זיך פאַרבעסערען...

— האָט גערעדט צו איהם צערטליך די אַלטיטשקע, ווי מען רעדט צו אַ קינד אין זיין געבורטס־טאָג אַ ליכטיגע פון ליעבע און האָפנונג האָט זי אַלע ווילע פענומען זיינע דאַרע הענט און זיי געגלעט.

איוואַן איוואַנאָוויטש האָט געקוקט אויף איהר מיט ליכטיגע אויגען און געשמייכעלט, אויף זיינע באַקען האָבען נאָך געציטערט די דורכזיכטיגע ריין קינדערשע טרערען. אינגאַנצען איז ער געווען אַזאַ ליכטיגער, ווי ער וואָלט זיך געלויכטען פון אינווייניג.

עס איז געקומען דער דאָקטאָר אַרנאָלדי, אַ שווערער און ריזיג גרויסער מיט אַ פאַראומערט־צופאַרענעם פּנים. און איהם האָט אי־וואַן איוואַנאָוויטש דערצעהלט:

— איך האָב אביסעל תפילה געטאָן... אַזוי צו זאָגען זיך אָפּגע־רייניגט פון די זינד... וואָס זאָגט איהר, דאָקטאָר? עס איז גוט אַזוי, אַ?

— דאָס איז זעהר גוט, — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר, און אין זיינע פאַרלאָפענע קלוגע אויגעלאַך האָט מען ניט געקענט איבערלעזען, צי ער לאַכט, אָדער גלויבט.

אזוי זענען זיי לאַנג געזעסען און געשמועסט. גערעדט האָבען איינענטליך בלויז דער דאָקטאָר, לידא און פאַלינאַ גריגאָראָוונאַ. איוואַן איוואַנאָוויטש אַרומגעלעגט מיט ווייסע קישענס איז געזעסען אויף דעם סאָפּקעלע און פריידיג־ליכטיג געקוקט אויף זיי.

דערנאָך האָט ער זיך איינגעמיהט און געבעטען מען זאָל איהם אוועקלייגען. דער דאָקטאָר האָט אויפמערקזאַם א קוק געטאָן אויף איהם, און אוועקגעהענדיג געזאָגט לידא'ן: איך וועל זיין אין דער היים ביז 4 אזייגער און דערנאָך ביי ראַזדאָלסקי'ן... אויב מען וועט דאַרפען וואָס ניט איז שיקט נאָך מיר אהין...

לידא האָט ניט פאַרשטאַנען דעם שרעקליכען זין פון זיינע ווערטער און פרעהליך געענטפערט:

— גוט, גוט, אָבער איך גלויב ניט מען זאָל דאַרפען... דעם טאַטען איז א סך בעסער.

איוואַן איוואַנאָוויטש איז איינגעשלאָפען. לידא און פאַלינאַ גריגאָראָוונאַ זענען געזעסען אין א דערבייאיגען צימער און שטיל גערעדט צווישען זיך.

איוואַן איוואַנאָוויטש איז געשלאָפען לאַנג, א פּאָר שטונדען. גלייך און שטיל איז ער געלעגען אויפ'ן קאָלדרע. לידא האָט זיך די ערשטע געכאַפּט, אז ער שלאָפט עפּעס צו לאַנג און מען הערט גאָר קיין אָטעם ניט. אַן אומקלאָרע מורא האָט זי באַהערשט.

— אפשר אויפוועקען איהם?... מען דאַרף ניט... זאָל ער שלאָפען...

— און איך דענק אז מיר זאָלען איהם בעסער אויפוועקען...

ביידע פרויען זענען פאַרלאָרענע געשטאַנען איבער איהם און געקוקט. זייער רוהיגע שטילע פרייד איז אינגאַנצען פאַרשוואונדען. ווי גאָר ניט געווען. נאָר דאָס געזיכט פון דעם שלאָפענדען איז געווען רוהיג, און גלייך זענען געלעגען די ניט לאַנג פאַרקעמטע גרויע הערלאָך. דער סורדוט אויפ'ן ברוסט האָט זיך ניט גערירט.

— וואָס איז דאָס... וואָס? — ניט גלויבענדיג זיך אליין האָט געפרעגט פאַלינאַ גריגאָראָוונאַ.

— מען דאַרף איהם אויפוועקען! — האָט אומרוהיג געשעפּשעט לידא — עס איז שרעקליך... מען דאַרף שיקען נאָכ'ן דאָקטאָר.

— וועק איהם אויף, וועק אויף...

— אבער מען דארף ניט? .... זאל ער שלאפען?... וואס איז דאס אזוינס... איך וועל איהם אויפוועקען!

דאס איז געווען א מאדנער געדרעהה ארום דעם באוועגלאזען קערפעריל אין א בכבוד׳יגען פראפעסארישען סורדוט. א שרעק, א פארגעפיהל פון עטוואס מורא׳דיגעס האט ארומגעכאפטביידע פרויען. די דינסט איז אוועק נאכ׳ן דאקטאר.

אם ענדע האט זיך לידא באשלאסען און זיך צוגעריהרט צו דער בלויער טויטער האנט אום צו נעהמען דעם פולס. די האנט איז געווען קאלט און האט זיך נאכגעגעבען ווי א רעזינע. דאן אין א סטיכישען שרעק האט זי גענומען טרייסלען זיין טרוקענעם קליינינקען קערפעריל.

— פאפא, פאפא... — האט זי געשריען, — ערוואכט... פאפא!

א שטיל שוויינען איז געווען דער ענטפער.

—איוואן איוואנאוויטש!

און מיט אמאל האט איוואן איוואנאוויטש אויפגעעפענט די אויגען. זיין גאנצער קערפער און געזיכט זענען געבליבען באוועג־לאז, בלויז די אויגען האבען א ב ליק געטאן ברייט און שרעקליך. דאס זענען שוין ניט געווען מעהר קיין אויגען פון קיין לעבעדיגען מענשען. זיי זענען געווען דורכזיכטיג און געקוקט אינווייניג, אזוי ווי ער וואלט גארניט געזעהן, אזוי ווי מען וואלט איהם מיט גוואלד אומגעקערט פון ערגעץ וואוהין עס איז שוין אוועק זיין נשמה. לידא איז אין גרויס פחד אפגעשפרונגען פון אט דעם שר עקליכען בליק.

— אוי! מאמא! — האט זי גענומען שרייען.

— איוואן איוואנאוויטש, וואס איז מיט דיר! — האט א גע־שריי געטאן פאלינא גריגאראוונא, זידווארפענדיג צו איהם און איהם ארומכאפענדיג מיט די הענט, אזוי ווי זי וואלט וועלען איהם אפהאל־טען פון פאלען אין אן אפגרונד.

די טויטע אויגען האבען זיך שטיל און לאנגזאם אויסגעדרעהט אין איהר זייט און זיך אפגעשטעלט אויף איהר געזיכט מיט יענעם דורכזיכטיגען בליק, וועלכער האט געזעהן עטוואס גרויליכעס.

— איוואן איוואנאוויטש! — האט זיך צוואמערט די אלטיטש־קע, ניט זייענדיג אומשטאנד צו פארטראגען אט דעם שרעק.

זי האָט איהם געטרייסעלט, געצופּט, ארומגענומען און געוויקט מיט טרערען זיין טויטען געזיכט.

מיט אמאָל פּונקט אזוי אונערוואַרטעט האָט ווי א שוואַרצע לאָך זיך אויפגעעפענט זיין מויל. דער אָפּגעשטאַרבענער צונג האָט א ציטער געטאָן און זיך ארויסגעשטעקט אין דער לעצטער נוצלאָזער אנ־שטרענגונג. מיט א גרויל וואָס האָט קיין נאָמען ניט ביי די לעבע־דיגע, האָט זיך אויסגעקרומט זיין פּנים, זיינע אויגען זיינען ארויס פון אונטערען שטערען, און ער האָט זיך צולאַכט...

אַזוי מורא'דיג איז געווען אַט דער געלעכטער, אַזביידע פרויען זענען אָפּגעשפּרונגען אין שרעק.

איינינע רגע'ס האָט איוואַן איוואַנאָוויטש מיט א מורא'דיגער שנעלקייט געפיהרט מיט די אויגען איבער'ן צימער, אָבער זיין בליק האָט זיך אויף קיין זאַך ניט אָפּגעשטעלט. דערנאָך האָט ער אויס־געשטעלט די ברוסט, איינגענומען דעם בויך, פאַרוואַרפען דעם קאָפּ, האָט א כריפּע געטאָן און איז אנטשוויגען געוואָרען.

אין אן אויגענבליק האָט זיך אומגעביטען זיין געזיכט: די טעמפּע גרויסאַרטיגקייט פון א מת האָט אין שטיין אַנגעטאָן זיינע ליפּען, פאַרמאַכט די אויגען, פאַרשפּיצט דעם נאָז. עס איז איינגע־פאַלען די מאָרדע און עס האָט זיך אויפגעעפענט די שוואַרצע שרעק־ליכע לאָך פון מויל.

און עס איז שוין אין ערגעץ ניט, ניט צווישען די גרינע בוימער, ניט אין דעם שיין פון דער לבנה, ניט אין ווינט, ניט אין די בלויע ימים, ניט אין זונענשיין, ניט צווישען די גרויסע מענשליכע שטעדט, איז שוין מעהר ניט געווען דער, וועמען מען האָט גערופען איוואַן איוואַנאָ־וויטש, ווער עס האָט געלעבט און געליטען, געדענקט, געגלויבט און זיך ליעב געהאַט.

עס האָט זיך געשלאָגען און געשריען ארום מת א קלייניגקער גרויער נפש, עס האָבען אומגעטאַנצט מענשען, עס האָט זיך מיט עפּעס גע'עסק'ט דער דאָקטאָר ארנאָלד, וואָס איז געקומען צו לויפען, נאָר דער מת איז געלעגען ערהאָבען און באַוועגלאָז, די קאָפּ האָט זיך געשאָקעלט, ווי זי וואָלט וואָס אויסרעדען די מענשען פאַר זייער זינ־לאָזען און לעבערליכען אומטאַנצען.

שוועער און הילכיג האָט אַ זעץ געטאָן דער גלאָק אוי פֿדעם גלעקער פּלאַץ אין סאָבאָר (הויפּט קלויסטער).

חשד׳דיג און הילכיג האָט זיך צוטראָגען דער קלאַנג און איז פֿארשטאָרבען ווייט אין סטעפּ. אונטער די הייזער און גערטנער וואו לעבעדיגע מענשען האָבען אויף אַן אויגענבליק איבערגעלאָזען זייערע ארבייטען, זארגען, געשפּרעכען, געלעכטער און קריגערייען, האָבען אויפגעהויבען די קעפּ און געזאָגט :

— אימיצער איז געשטאָרבען !

דערנאָך האָבען מעלאָדיש און רחמנות׳דיג גענומען קלינגען די קליינינקע גלעקעלאַך, און סקריפּענדיג האָבען געקלונגען די מיטעלע גלעקער, ווי זיי וואָלטען זיך באַקלאָגען מיט זילבערנע טרערען... און ווידער האָט אַ זעץ געטאָן דער שווערער שווארצער גלאָק.

26

דער לאַנגער קאַרנעט קראַוזע מיט דעם קליינינקען סטודענט טזשיזש זענען געשטאַנען ביים טיר פֿון דזשעניעווס ארבייטס צימער, ווען אין עק פֿון דער גאָרטען סטעזשקע האָט זיך באַוויזען ליזאַ׳ס העלע איילענדיגע פֿיגורקע.

טזשיזש האָט זי דער ערשטער דערזעהן און דערקענט. ער האָט אַ פֿלינקען בליק געוואָרפען אויף דזשעניעוועז, דערנאָך האָט ער אָפּגעפֿיהרט די אויגען און אויף שנעל אָנגעהויבען :

— נו, מיט איין וואָרט, צום ווידערזעהן... און דאָס, וואָס עס רעדט אָט דער משוגע׳נער, איז גאָרניט ווערטה !... ווייסט דאָס דער טייפֿעל וואָס דאָס איז אַזוינס !... צום ווידרעזעהן.

— איהר זאָגט אַזוי דערפֿאַר, — האָט אַזוי געהויבען אויסגעזעצט דער לאַנגער קאַרנעט קראַוזע, וועלכער האָט ניט באַמערקט ניט ליזאַ׳ן, ניט דזשעיעווס אויפגערעגטען צושטאַנד, ניט טזשיזש מאָדנע איילע־

ניש, — ווייל איהר פארשטעהט ניט זיין אידעע... איך געפין איז איהר געוויסע ניט לאגישע זייטען... אבער איך גלויב אז דאס איז א גרויסע און וויכטיגע אידעע... נו גוט, גוט... דערנאך וועלען מיר זיך דורכרעדען... קומט!... — האט איהם פארלעגען איבערגע־שלאגען טזשיזש און זיך ניט ווילענדיג אומגעקוקט אויף צוריק.

— ניין, ערלויבט מיר... דאס איז זעהר אינטערעסאנט — האט פארגנזעצט קראוזע, — אויב מען זאל אראפווארפען דאס, וואס ער אנערקענט ניט קיין זעלבסטמארד, וואס איז נאך מיין מיינונג נאר בלויז קליינמוטיגקייט, איז זיין געדאנק...

— נו, געהט מיר צו אלדע גוטע... קומט שוין, — האט מיט פארדרוס אויסגעשריען טזשיזש און האט זיך איילענדיג געזעגענט מיט זשענעיעווען, וועלכע איז אביסעל רויט געווארען און אפגעקע־רעוועט די אויגען.

אם ענדע האט קראוזע באמערקט, אז דא איז עפעס ניט גלאט, ער האט איבערגעטראגען זיין בליק פון טזשיזש'ס צומישט געזיכט אויף דזשענעיעווס אומלויפענדע אויגען, האט הויך אויפגעהויבען די ברעמען און געזאגט:

— נו קומט.

דזשענעיעוו האט זיך שוין אביסעל צו ליעבליך מיט זיי געזעגענט. אין געדאנק האט ער זיי שיער ניט אראפגעווארפען פון די טרעפ. ער האט זיך אומגעקערט אין זיין ארבייטס צימער און גענומען ווארטען מיט א אינערליכער אויפרעגונג און ציטער. ער האט געהערט ווי קראוזע האט עפעס פאראכטענד און קאלט געפרעגט, און ווי טזשיזש האט עפעס שטיל און מיט עקעל געענטפערט. דאן האט ער א קלאפ געטאן די טיר און אלעס איז שטיל געבליבען. ליזא האט ווי עס ווייזט אוים זיך באהאלטען, אדער זי האט זיך גאר אינגאנצען אומ־געקערט, ווייל איהר שטים האט זיך ניט געהערט.

דזשענעיעוו האט א קוק געטאן אויפ'ן זייגער. עס איז געווען פינף, און זעקס האט באדארפט קומען יעווגעניא סאמאולאווגא. ביים געדאנק אז דא וועלען זיך ביי איהם באגעגענען צוויי פרויען, האט דזשענעיעוון ארומגעכאפט א גרויזאמער פול מיט זיסער תוה ציטער. ער האט אומיסטען אזוי געמאכט, אז זיי זאלען זיך באגעגענען.

אט די צוויי האבען איהם גע'כעס'ט: איינע א נאיווע יונגינקע

מיידעל האט זיך איהם ניט אוועקגעגעבען, ווייל זי האט מורא געהאט פאר'ן לעצטען שריט. פון וועלכען עס האט זי אפגעהיט איהר מיידעלשע ריינקייט, די צווייטע — א ליידענשאפטליכע ערפארענע פרוי האט איהם געמאטערט און געצויגען פון א מאדנער איינגעשפארטקייט. גאט ווייס צוליעב וואס.

אט די אייביגע „מען דאחף דאס ניט“, פון איינער, און דער פארהייטענדיג שפאטישער „אוי־ראַ“ פון דער צווייטער האבען איהם אפגעשטויסען אין די סאמע לעצטע מינוטען. ווען די פרוי איז שוין איינגאנצען געווען זיינע, און דער גאנצער קערפער האט זיך אנגעשטרענגט אין אן אונערטרעגליכען פארלאנג. דזשענעיעוו'ן איז נאך קיינמאל ניט אויסגעקומען צו באגעגענען אזא מין לאנגען ווידערשטאנד, און דאס האט איהם גערייצט און פארדראסען. צייטענווייז פלעגען זיי ביידע איהם ווערען דערווידער און איהם האט זיך פשוט געוואלט א מאך טאן אויף זיי מיט'ן האנט.

נאר די מענליכע זעלבסט־ליעבע פון א מאן וואס איז שטארק צולאזען פון פרויען, האט איהם ניט ערלויבט אוועקצוואווארפען דאס אנגעהויבענע. דאן איז דזשענעיעוו'ן אריינגעקומען אין קאפ א גרויזאמער געדאנק צונויפפיהרען ביידע פרויען פנים־לפנים. ער האט אליין ניט געוואוסט וואס דערפון וועט ארויסקומען, אבער ער האט אינסטינקטיוו געפיהלט אז דאס וועט זיין א שעהנער און גרויזאמער שפיעל.

ליזא איז נאך אלץ ניט געווען. דזשענעיעוו האט שוין געוואלט ארויסגעהן אין גארטען, ווען אויפ'ן גאניק האבען זיך דערהערט לייכטע פרויען טריט און א קלאפ אין טיר.

— קומט אריין, — האט מיט א כריפלער פון אויפרעגונג שטים, אויסגעשריען דזשענעיעוו.

ליזא איז אריינגעקומען.

זי איז געווען בלאס און דערשלאגען. ווען טזשיזש מיט קראוז'ן זענען דורכגעגאנגען האט זי זיך באהאלטען אונטער א קוסט. ווי ווייזט אוים האבען זיי זי געזעהן, ווייל דאס מיידעל האט קלאר געהערט, ווי דער קארנעט האט אזוי ציניש און פאראכטענדיג געזאגט:

— א נייאינקע?... ווי א מענשען געהט דאס.

טזשיזש האט געענטפערט:

יא עס גליקט איהם... קומט, קומט... א סך „זייעריגע“ שלעפּען זיך צו איהם...

אין זיין שטים האָט געקלונגען עטוואָס אַזוינס וואָס האָט דער־שראָקען ליזען. זי האָט ניט געוואוסט צו ער האָט זי דערקענט אָדער ניט. אין דער ערשטער מינוט האָט זי געוואָלט אוועקגעהן און שוין קיינמאָל ניט קומען מעהר, אָבער זי האָט ניט געקענט דאָס טאָן, און א בלאָסע אָהן אַן אָטעם איז זי א פאַרלאָרענע געקומען צולויפען צו דזשענעיעוו'ן.

זי האָט געוואָלט בלויז אַריינגעהן און איהם זאָגען, אַז זי קען ניט פאַרטראָגען דעם שרעק און בזיון, און וועט שוין מעהר קיינמאָל צו איהם ניט קומען. נאָר ווען זי האָט דערזעהן זיינע שעהנע אויגען, ליעבען שטערען און טונקעלע ווייכע האָר, ווען זי האָט דערהערט די באַקאַנטע, רעגענדע שטימע, און זיינע הענט האָבען פון איהר אַראָפּ־גענומען דעם שאַל, איז ליזא איינגאַנצען אָפּגעשוואַכט געוואָרען, זיך צואוויינט און זיך צוגעטוליעט צו איהם מיט איהר גאַנצען קערפּער, ווי זי וואָלט וועלען זאָגען:

איך קען ניט מעהר אַזוי! ליין מיך אויס פון אָט דעם בזיון, פּחד און פאַראַכטונג צו זיך אַליין!... זעה, דו ליעבסט דאָך מיך כאָטש אביסעלע?... האָב רחמנות, מיר טוט דאָך וועה!... אַך ווען דו זאָלסט מיך אַזוי ליעב האָבען, ווי איך דיר!... איז דען ביי מיר דאָ דער מינדסטער צווייפעל, אַז צו פאַרבלייבען מיט דיר אויף אייביג — איז א גליק!...

אָבער זי האָט דאָס ניט געוואָגט צו זאָגען, און בלויז שעמעוודיג געשמייכעלט, ווי זי וואָלט געבעטען ענטשולדיגונג פאַר איהר שוואַכ־קייט, ווען ער האָט געקושט איהרע נאַסע פאַרוויינטע אויגען און ראַ־זעווען פון בזיון געזיכט. און דאָך האָט זי ווי פריהער באַהאַלטען דאָס געזיכט פון זיינע קושען, זיך צודריקענדיג צו זיין פּלייצע.

דזשענעיעוו האָט זי אוועקגעזעצט אויפ'ן סאָפקע, זי געקושט אין די ליפּען, אין די אויגען און געדעדט:

— נו, גענוג... עס איז דאָ גאָר ניטאָ אַזוינס... זיי האָבען אייך ניט דערקענט... מאַלע, וועד עס קומט צו מיר!... ליזאַ האָט זיך צור־ביסלעך באַרוהיגט, זי האָט אויפגעהויבען דעם פאַרוויינטען פּנים, און געזאָגט מיט א שמייכעל פון א שולדיגער.

— איך האָב זיך אַזוי דערשראָקען... אַך, וואָס וואָלט זיין, ווען זיי וואָלטען מיך דערקענט... פון שרעק און גרויל האָט זי ווידער פאַר־שטעלט מיט די הענט דעם פּנים. דערנאָך האָט זי מיט אַמאָל אויפ־געדעקט איהר געזיכט, און ליידענשאַפטליך מיט ענטציקונג אַ קוק געטאָן אויף איהם און געזאָגט, זיך שטיקענדיג פון ליידען:

— גאָט מיינער... ווען־זשע וועל איך שוין אויף אימער און שטענ־דיג זיין מיט אייך צוזאַמען.

עפּעס אַן אומזיכערער גלאַנץ האָט דורכגעשוועבט אין דזשענעיעווע'ס אויגען. ער האָט זיך ניט ווילענדיג איינגעבויגען און גענומען קושען איהרע הענט.

דאָס איז אָפּהענגיג פון אייך, — האָט ער באַמערקט — איך האָב אייך שוין געזאָגט, אַז איך קען זיך ניט פאַרבינדען אויף מיין גאַנצען לעבען מיט אַ פרוי, ביז וואַנען איך קען זי ניט... נאָך מיין מיינונג נאָך, הויפּט זיך אַן די אמת'ע ליעבע בלויז ביי דער פולער געשלעכטליכער נאָהענטקייט... דערפאַר קומען פאַר אַזוי פיעל אומ־גליקליכע הייראַטען, וואָס מענשען קומען זיך צוזאַמען, ווען זיי קענען זיך וועניג.

— איהר האָט מיך ניט ליעב, האָט געזאָגט ליזאַ און פאַרדריקט די פינגער.

— ניין, איך האָב אייך ליעב! נאָר איך אַנערקען ניט קיין האַל־בע, ניט פאַלשטענדיגע ליעבע, איך בין צו אַן ערפאַהרענער מענש, און האָב צופיעל געקענט פרויען אום זיך צו וואַרפען אויף אַלעס, פאַר־לירענדיג דעם קאָפּ.

— וואָרום־זשע קען איך... האָט מיט ערוואַכטען שטאָלץ געזאָגט ליזאַ, און אינסטינקטיוו געפיהלט אַז ער נאַרט זי.

— איהר זענט אַלט ניינצעהן יאָהר! — האָט געזאָגט דזשע־נעיעוו, דאָס איז ניט געווען קיין ענטפער, און דאָס האָט זי ניט איבער־ציינגט.

אין איהר ערשטער ריינער ליעבע האָט זי ניט געקענט דערלאָזען דעם געדאַנק, אַז זי קען ווען ניט איז אויפהערען ליעבען, און אַז וואָסערער ניט איז צווייפעל קען זי אָפּהאַלטען פון דעם גליק אויף אייביג זיך צו פאַראייניגען מיט איהם. אָבער איהר איז געווען אונ־

אנגענעם צו דיסקוטירען אויף דער טעמא. דאס איז געווען צו ערני־דעריגענד.

דזשענעיעוו האט פארטגעזעצט צו ריידען, אז זי איז אזוי איינגעשפּארט בלויז דערפאר וואס זי האט איהם ניט ליעב, און ער איז געוואונט אז זיינע א געליעבטע זאל איינגאנצען באלאנגען צו איהם, און אז זי שטויסט איהם בלויז אפּ מיט איהר ווידערשטאנד.. ער האט גערעדט און געפיהלט גרוים גענוס אין אט דער גרוייזאמער שפּיעל.

— איהר וועט מיך ברייגגען דערצו, אז אומיסטען כדי אייך צו פארגעסען, וועל איך זיך א ווארף טאן צו דער ערשטער פרוי וועלכע וועט מיר קומען צום האנט!

ליזא האט אויפגעהויבען דעם קאפּ מיט פארנעבעלטע באליידיגטע אויגען.

— הייסט דאס, אז אייך איז אל צאיינס איך, אדער אן אנדערע?

— דאס איז גאנץ ריכטיג, האט ניט ווילענדיג א טראכט געטאן דזשענעיעוו, אבער געזאגט האט ער ניט אזוי:

— ווען דאס וואלט מיר געווען אלץ איינס, וואלט איך ניט אזוי באשטאנען אויף דעם מייניגען.

ליזא האט מאכטלאז אראפּגעלאזען דעם קאפּ. זי האט אי געגלויבט, אי ניט געגלויבט און איהר האט זיך אזוי שטארק געוואלט גלויבען.

אין דער זעלבער צייט האט זיך דערהערט א שנעלער און זיכערער קלאפּ אין טיר. ליזא האט געוואלט אויפשפּרינגען, נאר דזשענעיעוו האט שנעל א געשריי געטאן — קומט אריין!

ליזא האט מיט שרעק געקוקט אויף איהם. זי האט געוואלט אויפשטעהן און האט זיך ווידער אוועקגעזעצט, זי האט איהם שיעור ניט געכאפּט פאר די הענט, נאר דזשענעיעוו האט זיך געמאכט אז ער באמערקט ניט איהר אויפרעגונג, און ווידערהאלט:

— קומט אריין, — און האט זיך אויפגעהויבען.

אויפ׳ן שוועל האט זיך באוויזען א הויכע שלאנקע פרוי, אין א העלען הוט און רויטען לאנגען קלייד, פאר אן אויגענבליק האט זי זיך אפּגעשטעלט דערזעהענדיג ליזא׳ן, נאר דזשענעיעוו איז איהר שנעל אוועק אנטקעגען.

— אך, דאס זענט איהר יעווגעניא סאמאילאוונא! האט ער

געזאגט מיט אביסעל שוין צו א פארוואונדערטען טאָן. — וואסערע גוטע ווינטען האבען אייך אהער פארטראגען?

ער האט געמאכט אזא מין באוועגונג מיט די אויגען, וועלכע האט באוויזען אז די באגעגעניש איז פאר איהם אליין אן אונערוואַרטעטע. יעווגעניא סאמאילאָווגא האט קוים־קוים פארריסען איהרע שיינענדע שווארצע אויגען. אין זיי האט דורכגעבליצט א אייפערזוכטיגער גע־פהיל, אבער זי האט געמאכט א פאראכטענדע קאלטע מינע און איז ענטשלאָסען אריין אין צימער.

אין דער מינוט האט זי אויסגעזעהן ווי א קעניגען, וועלכע האט באגליקט איהרען א שקלאַף מיט איהר אריינקומען, פאר וועלכער עס עקזיסטירט ניט קיין גלייכען. ווען דזשענעיעוו האט באקאנט די יונגע פרויען איז ליזא געווען צומישט און פארלאָרען, און יעווגעניא סאמאילאָווגא איז געווען רוהיג און פריינדליך.

דזשענעיעוו האט אנגעשטרענגט זיך צוגעקוקט צו זייערע געזיכ־טער, און איהם האט ארומגעכאפט א באזונדערע גרויזאם־ליידענ־שאפטליכע רעגונג.

עס איז געווען מורא'דיג אינטערעסאנט, און געדוכט האט זיך אז ער ענטבלייזט זיי ביידען פאר זיין פארגעניגען וועגען.

אבער יעווגעניא סאמאילאָווגא האט אויף איהם אפילו קיין קוק ניט געטאָן, און האט זיך פריינדליך ווי אן עלטערע געווענדעט צו ליזא'ן:

— איהר דוכט מיר, וואוינט דאָ?... איז אייך דאָ ניט לאנגוויי־ליג?... דאָ וואוינען אלץ אזוי אונאינטערעסאנטע גרויע מענשען...

— איך בין צוגעוואוינט, — האט אפהענדיג געענטפערט ליזא, ניט וויסענדיג וואס צו טאָן מיט איהרע הענט.

יעווגעניא סאמאילאָווגא האט קריטיש באטראכט איהר פיגור, איהר קלייד, די האר מיט די הענט. אט ווי זי וואלט אפשאצען די געפאר, וואס האט געקענט פארשטעלען מיט זיך אט דאס פשוט'ע פראווינציעלע מיידעל. זי האט פארטגעזעצט צו רעדען אויף פוסטע טעמען, נאר אזוי ליבכט און פריינדליך, פונקט ווי זי וואלט ביי זיך אין דערהיים אויפגענומען א פראווינציעלע מיידעל, וואס נויטיגט זיך אין איהר הילף און שוץ. דזשענעיעוו האט זיך צוגעהערט צום גע־שפרעך און האט זיך געוואונדערט ווי פרויען קענען דאס אט אזוי

שפּיעלען מיט זיך. איהם האָט אָנגעהויבען צו רעגען א געפיהל פון אונאנגענעמער שאנדע און אונצופרידענהייט מיט זיך אליין. ער האָט פאַרגעשלאָגען א קוק טאָן אויף זיין ארבייט.

— אך, יא... ציינט!... — האָט פריינדליך צוגעשטימט זשעניט־שקא.

ליזא, ווי זי וואָלט זיך אנגעשטעקט פון איהר מיט רוהיגקייט און מוט, איז אויך אויפגעשטאַנען און צוגעגאנגען צו די בילדער. זיי האָבעןביידע באַטראַכט די בילדער, דאָס אָנגעפאנגענע גרויסע בילד און האָבען די גאנצע צייט זיך רוהיג און פריינדליך אומגעביטען מיט באַמערקונגען. דזשענעיעוו'ן האָבען זיי ביידע אזוי ווי אינגאנצען ניט באַמערקט. דערנאָך האָבען זיי זיך ווידער געזעצט און א מינוט פינף גערעדט וועגען קונסט. בלויז דאָ האָט דזשענעיעוו טריאומפּי־רענד באַמערקט דאָס וואָס ער האָט געוואָלט: דער געשפּרעך האָט זיך אויסגעשעפּט, נאָר מען האָט איהם געצויגען, ווי די פרויען וואָלטען וואַרטען אויף עפּעס. ער האָט פאַרשטאַנען אז זיי היטען איינע די אנדערע אין דער ערוואַרטונג ווער פון זיי וועט אַוועקגעהן די ערשטע.

עס ווייזט אויס אז ליזא האָט געפיהלט אז מען דאַרף אַוועקגעהן. און אז עס ווערט ניט שעהן און שוין צופיעל פאַרשטענדליך. אָבער עפּעס א מאָדנע קראַפט האָט זי אָפּגעהאַלטען. יעווגעניא סאַמאָילאָוו־נא האָט פון צייט צו צייט געוואָרפען אויף איהר א בליק און פאַרט־געזעצט דעם פּוסטען און לייכטען געשפּרעך. ליזא האָט געפיהלט אָט די בליקען, און איז געזעסען אזוי ווי די פיס וואָלטען זיך אָפּזאָגען זי אויפצוהויבען.

— נו, איך וועל געהן, האָט אם ענדע געזאָגט יעווגעניא סאַמאָי־לאָוונא, און האָט זיך אויפגעהויבען. — צום ווידערזעהן, — האָט זי זיך אויסגעדרעהט צו ליזע'ן מיט אַן איבערטריבענער פאַרניכטענדער העפליכקייט.

ליזא איז אויך אויפגעשטאַנען און האָט צומישט און פאַרלעגען אויסגעצויגען די הענט. איהר איז געווען א שמערצליכער בזיון, וואָס זי בלייבט. איהר האָט זיך געוואָלט זאָגען אז זי געהט אויך, נאָר די ווערטער זענען עפּעס ניט געגאנגען פון האַלז. מיט א מאָדנער דורשט האָט דזשענעיעוו געקוקט פון דער זייט, ווי אָט די צוויי שעהנע פרויען האָבען געדריקט די הענט איינע די אנדערע, זיי וואָס האָבען פאַר־

האָסט איינע די אַנדערע, האָבען זיך געמאַכט אַזוי פריינדליך,ביידע זענען געווען גרייט זיך איהם אָפּצוגעבען כאָטש אויף צו להכעיס איינע דער אַנדערער. אין דער מינוט ווען זייערע שלאַנקע קערפּערס זענען געווען איינגעבויגען אין אַ העפליכער נייגונג, האָט ער זיי געזעהן ענט־בלויזט, און דאָס איז געווען אַזוי שעהן און שאַרף.

איינע אין אַ שמאָלען רויטען קלייד מיט אַ לאַנגען שלייף, אַזאַ מין שטאַרקע און געשיקטע, שעהנע און חוצפּה'דיגע, מיט שוואַרצע האָר און שוואַרצע אויגען, מיט אַ שמאָלער האַנט וואָס איז געווען פאַר־צויגען אין אַ הענטשקע. די צווייטע האָט העלע האָר, העלע אויגען, מיט אַ פאַרלאָרענעם בליק, מיט אַ לייכטער פאַרב פון שאַנדע אין געזיכט, אַזאַ מין שוואַכע און פּשוטע ווי אַ גוטע ליעבע פרוי.

אויף איין אויגענבליק האָט יעווגעניא סאַמאַילאָוונא פאַרהאַל־טען איהרע שוואַרצע אויגען אויף ליזעס פאַרוויטעלטען געזיכט, דאָס געזיכט האָט זיך איינגעבויגען. ליזא האָט צומישט גענומען דרעהען די ברעגען פון איהר שאַרף. יעגעניא סאַמאַילאָוונא האָט זיך אָפּגעקערט און מאָדנע גלייכגילטיג אַ קוק געטאָן אויף דזשענעיעוו'ן.

— באַגלייט מיך, — האָט זי פויל אַ וואָרף געטאָן איבער'ן פּלייצע, און ווי אונטערשטרייכענדיג איהר מאַכט איז זי גלייך אַוועק צום טיר. אין פאַר־הויז האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, און געפרעגט קאַלט מיט שפּאָט:

— נו, דוכט מיר אַז איך בין שוין איין איבעריגע?... איצט קען איך זיין רוהיג! זי איז ווירקליך זעהר אַ ליעבע... בלויז אַביסעל צו פּשוט, און ווי אַ פּראָווינציאַלקע. צום ווידערזעהן.

קיינמאָל איז זי נאָך ניט געווען אַזוי שעהן ווי אין דער מינוט. אַ שטאַרקע באַדערפעניש צו קריגען זי האָט איהם פאַרדרעהט די קאָפּ ער האָט פאַרהאַלטען איהר האַנט.

— איהר רייצט מיך און מאַטערט אַלץ, אַ...

— און זי ניט?... אָבער איצט האָבען זיך שוין אַלע מאַטער־נישען געענדיגט. — האָט זי געזאָגט מיט אַ טאָן פון טיעפען מיטגע־פיהל, — נו באַגלייט מיך.

— איהר וועט מעהר ניט קומען? — האָט געפרעגט דזשענעיעוו, ציטערענדיג פון פאַרלאַנג. אין פאַרבאַהאַלטענער שרעק, אַז זי זאָל זיך, באמת ניט אָויסדרעהען פון איהם אויף אייביג, דערביי האָט ער ניט

ארויסגעלאָזען איהר האַנט, אין דער שוואַרצער שטייף אַנגעצויגענער הענטשקע.

— קומען? נאָך וואָס? — האָט שפּאַטיש געפרעגט יעווגעניא סאַמאַילאָוונא.

— ווי הייסט נאָך וואָס?... איך האָב דאָך אייך ליעב! — האָט געזאָגט דזשענעיעוו און נאָהענט אריינגעקוקט איהר אין פּנים. אזוי ווי ער וואָלט זיך מיהען צו פאַרשטעהן, דעם אויסדרוק פון אָט די שוואַרצע און כלומרשט קאַלטע אויגען.

זי האָט געשוויגען און קוים באַמערקבאַר געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. דזשענעיעוו'ן האָט זיך אויסגעוויזען אז זי שלאָגט זיך מיט דער דעה, און אז מען מעג. ער האָט שטיל און פאַרזיכטיג ווי פרעגענדיג דערנע־הענטערט זיינע ליפּען צו איהרע ראָזעווע פרישע ליפּען.

— אי־רא! — האָט זי וואַרנענדיג געזאָגט, און אָפּגערוקט דעם קאָפּ. — צום ווידערזעהן.

דזשענעיעוו האָט זיך דערפיהלט מאַכטלאָז. א שרעקליכער כעס ביז האַס צו איהר האָט איהם ארומגעכאַפּט. צומישט און פאַרלאָרען האָט ער זי באַגלייט ביז דעם ארויסגאַנג, און דערביי שטאַרק געליטען פון דעם פאַרלאַנג זי א זעץ טאָן, צורייבען אין שטיקער און אוועק־שליידערען אין די גראָז.

זי איז געגאַנגען נעבען איהם, אויפהויבענדיג מיט דער שוואַרצער הענטשקע דאָס רויטע קלייד, און איהם האָט זיך געדוכט אז איצט געהט זי אוועק אויף אייביג.

יעווגעניא סאַמאַילאָוונא האָט זיך אראָפּגעלאָזען פון איין טרע־פּעל, און מיט אַמאָל אויסגעדרעהט צו איהם, א פאַרביסען שפּאַטיש־שמייכלענדיגען פּנים.

— א נאַר זענט איהר, מיין טייערער! האָט זי אונערוואַרטעט געזאָגט, דערביי האָט זי זיך אָפּגעקערעוועט און גענומען אראָפּלאָזען פון גאַניק.

ביי דזשענעיעוו'ן האָט זיך ערוועקט א אונקלאָרע האָפנונג.

— וואָס... פאַרוואָס?... — האָט ער פלינק געפרעגט.

אבער יעווגעניא סאַמאַילאָוונא האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— אי־רא! — האָט זי פול רעטעניש געזאָגט. — א נאַר דער־פאַר, וואָס א נאַר!

זי האט זיך ארויסרופענדיג און קלינגענד צולאכט, און איז פלינק אוועק מיט דער סטעזשקע.

דזשענעיעוו האט איהר נאכגעקוקט, ביז וואנען זי איז פאר־שוואונדען הינטער'ן טויער. דערנאך האט ער זיך אומגעקערט, און זיך געכאפט אויף א געפיהל פון פארדרוס, וואס ליזא זיצט דארטען אוןווארט. אין פארגלייך מיט דער פארביסענער דינער פרוי, וועלכע איז נאר וואס אוועק, האט ליזא אויסגעזעהן איצט אין זיינע אויגען אזוי נאריש און אונאינטערעסאנט.

ליזא איז געשטאנען ביים שפיגעל און אנגעמאן דעם שארף. אין שפיגעל האט ער דערזעהן אז איהרע באקען ברענען און די אויגען זענען רויט, ווי זי וואלט נאר וואס געוויינט.

ביי איהם האט אויגענבליקליך ערוואכט דער פארלאנג, — לי־זאטשקא! — האט ער געזאגט און געוואלט זי ארומנעמען.

— איך געה אוועק, האט שטיל געזאגט ליזא, ניט ענטפערענדיג. נאר דזשענעיעוו האט צוגענומען דעם שארף פון איהרע הענט. זי האט ניט ארויסגעוויזען קיין ווידערשטאנד. ער האט אוועקגעלייגט דעם שארף אויף'ן טישעל און האט זי אנגענומען פארביידע הענט. די הענט האבען געציטערט און זי האט ניט געקוקט אויף איהם.

— ליזאטשקא! — נו, וואס איז מיט אייך? — האט דזשע־נעיעוו געפרעגט, מיט אזא מין טאן, אזוי ווי ער זאל רעדען מיט א קאפריזנע קינד.

— נאך וואס האט איהר מיך צוזאמענגעפירט מיט אט דער פרוי? האט מיט ווייטאג געפרעגט ליזא. — וואס איז דא אזוינס?... שפאס, אדער וואס?...

אין וואס־זשע איז דא דער שפעטען, האט זיך מאכענדיג, גע־וואונדערט דזשענעיעוו: — מען טאר אייך דען ניט באקענען מיט מיינע באקאנטע?... און דערצו האב איך ניט ערווארטעט אז זי וועט קומען...

ליזא האט א פלינקען בליק געווארפען אויף איהם און האט זיך אפגעקערעוועט.

— נאך וואס נארט איהר מיך... דאס איז אייער... געליעבטע... דזשענעיעוו האט זיך צולאכט.

— אויף וואָס קוקענדיג... איננאַנצען קען איך זי אַרום אַ מאָ־נאַט... איהר זענט שוין אַביסעל צו אייפערזיכטיג, פּשוט אַ באַקאַנ־טע... איך האָב אייך ליעב!

ער האָט זי צערטליך אַ ציה געטאָן פאַר די הענט, נאָר ליזאַ האָט זיך געוועהרט. איהר שעהנער, ווייכער קערפּער האָט זיך אויסגעבויגען אין אַ שוואַכער אַנשטרענגונג.

— דאָס איז ניט אמת! — האָט זי געזאָגט, — אָבער אין איהר שטים האָט דורכגעציטערט אַז דאָס איז דער אמת!

זי האָט ווידער אַ פלינקען קוק געטאָן אויף איהם.

— דער אמת?... איבריגענס, מיר איז אַלץ איינס... איהר קענט געהן צו איהר. — איהר זענט אייפערזיכטיג? — האָט מיט אַ לייכטען אַפּלאַכענדען שמייכעל צערטליך געפרעגט דזשענעיעוו, אַריינקוקענדיג איהר אין די אויגען.

— איך האָב אַפילו ניט געטראַכט! וואָס האָט דאָס צו מיר?... איך האָב אַפילו ניט קיין שום רעכט דערצו.

ביי דזשענעיעוו'ן איז דורכגעפלויגען אַ שנעלער און גרויזאַמער געדאַנק.

— איהר האָט זיכער קיין רעכט ניט! — האָט ער האָט גע־זאָגט און אַרויסגעלאָזען איהרע הענט.

ליזאַ האָט דערשראָקען איהם אַריינגעקוקט אין די אויגען.

— יאָ, געוויס... — האָט זי ווידערהאָלט מיט אַן אַראָפּגעפאַ־לענער שטים. — איך וועל געהן מיר איז שוין צייט...

און זי האָט ווידער אויסגעצויגען די האַנט נאָך איהר שאַרף. דזשענעיעוו האָט שנעל אָפּגערוקט דעם שאַרף ווייטער. יאָ, איהר האָט ניט קיינע רעכט! האָט ער האַרט ווידערהאָלט. — איהר ווילט ניט זיין מיינע, און איך קען ניט אַנדערש!... איך האָב אייך ליעב, נאָר איך בין אַ מאַן און איך דאַרף האָבען אַ פרוי איננאַנצען... מיך מאַ־טערט וואָס איהר זענט אַזוי נאָהענט און איך קען... אייך ניט נע־מען... איהר ווייסט גאָר ניט וואָס פאַר אַ ליידען דאָס פאַרשאַפט!

ליזאַ האָט אַ בלאַסע איהם אויסגעהערט. איהרע ליפּען האָבען גענומען ציטערען.

— קען מען ניט... ליעבען... אַהן דעם? האָט זי קוים אַרויס־געערדט.

— איך קען ניט! — האָט שאַרף געזאָגט דזשענעיעוו. — איך זעה אייך אין חלום... אינגאַנצען... איך שטעל זיך פאָר אייער קערפּער א נאַקעטען...

א שטאַרקע פאַרב האָט פאַרגאָסען ליזע׳ס גאַנצען געזיכט. זי האָט געפּרובט פאַרדעקען מיט די הענט דעם פּנים, נאָר זי האָט ניט געקענט אויפהויבען די הענט. די שאַנדע האָט ביז צום ווייטאָג צוזאַמענגעדריקט איהר האַרץ. איהר האָט זיך געדוכט אז זי שטעהט שוין א נאַקעטע פאַר איהם, און קיינמאָל האָט זי איהם נאָך אַזוי שטאַרק ניט ליעב געהאַט ווי איצט.

— מיר דאַרפען ענדיגען! האָט דזשענעיעוו געזאָגט, זיך איינבויגענדיג צו איהר. זיינע דונקעלע אויגען האָבען, דוכט זיך אריינגעקוקט אין די טיפסטע טיפענישען פון איהר נשמה. פון איהם האָט געבלאָזען א היץ, וואָס האָט איהר געדרעהט דעם קאָפּ. צווישען זיי האָט זיך געפלאָכטען און געצויגען עפּעס אַזוינס, וואָס איז ניט צום בייקומען.

— איך קען ניט מעהר אַזוי... אָדער איהר וועט גלייך באַלד זיין מיינע, אָדער איך... האָט געזאָגט דזשענעיעוו מיט אַן אומגעביטענער שטים כמעט צווישען די ציין. זי וועט מיך ניט מאַטערען ווי איהר!...

דער לעצטער אַפּשיין פון שטאָלץ האָט איהר געגעבען כח אויף איין אויגענבליק.

— ווי איהר ווילט, האָט זי שטאָלץ געזאָגט.

זי האָט מיט א שטאַרקער האַנט גענומען דעם שאַרף און אָנגעהויבען פאַרנאַנדערפלאָנטערען. זי האָט ניט געקוקט אויף איהם, און געדוכט האָט זיך אז זי וועט באַלד אָנטאָן דעם שאַרף און וועט אוועקגעהן א ריינע און קאַלטע, ווי א באַליידיגטע פרוי.

דזשענעיעוו האָט זיך געזעצט און גענומען קוקען אויף איהר. איהר ענטשלאָסענהייט, די איינגעבויגענע ווייכע פּלייצע מיט דעם אויסגעבויגענעם האַלז, האָבען ארויסגערופען ביי איהם א גרויזאַמען שאַרפען געפיהל פון גענוס.

ער האָט דורשטיג געקוקט און געשלונגען יעדע דעטאַל פון איהרע ווייכע באַוועגונגען, מיט פיבערישע אויגען, פּונקט ווי די אויגען וואָלטען באַקומען די פעהיגקייט צו זעהן דורכ׳ן קלייד. ער האָט מורא

געהאט אז זי וועט אוועקגעהן און אז ער איז אוועק אביסעל צו ווייט מיט זיין שפּאַס, נאָר עפּעס א מאָדנער כח האָט איהם אָפּגעהאַלטען, ער האָט געקוקט און געשוויגען.

ליזא האָט זעהר לאנג אנגעטאָן דעם שאַרף. איהרע באוועגונגען זענען אַלץ לאנגזאמער געווארען, אזוי ווי זי וואָלט זוכען עפּעס אן אויסרייד אום זיך דאָ צו פאַרהאַלטען, אבער דער שאַרף איז געווען אנגעטאָן, די הענטשקעס אויף די הענט. ליזא האָט צוזאַמענגעדריקט די פינגער און צוגעדריקט זיי צו די ליפּען. איז זי אזוי געשטאַנען פאר'ן שפּיגעל און געטראַכט.

עס איז געווען אזוי פיעל אונבאהאָלפענקייט אין אָט דער פרויען פיגור, וועלכע האָט זיך איינגעבויגען און שמערצליך פארטראַכט, אזוי טרויעריג שעהן איז געווען דער זשעסט פון די צוזאמענגעדריקטע פינגער, וואָס זענען געווען צוגעטוליעט צו די ליפּען, אז ביי דזשענע־יעוו'ן האָט פארקלעמט דאָס האַרץ פון רחמנות. נאָר ער איז אַלץ גע־זעסען און געשוויגען, ניט ארונטערנעמענדיג פון איהר די אויגען. אָט ענדע האָט זי זיך שטיל א זיהר געטאָן. זי האָט געמאַכט צוויי טריט, און האָט ווידער א טראַכט געטאָן און ענטשלאָסען אוועק צו דער טיר.

דזשענעיעוו האָט געשוויגען. ער האָט אינגאַנצען געציטערט, פּונקט ווי פון איהם איז ארויסגעגאַנגען א מין געהיימניספולע קראַפט.

ליזא האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דער טיר, זי האָט זיך פלינק אויסגעדרעהט און א קוק געטאָן אויף איהם. דזשענעיעוו האָט דורכ־דרינגענד געקוקט אויף איהר און געשוויגען. דאָס איז געווען א גרוי־זאמע שפּיעל. איהם איז געווען א רחמנות אויף איהר, אי א שאַנדע, אי אינטערעסאַנט, ווי קיינמאָל אין לעבען.

— זייט געזונט, — האָט שטיל ארויסגערעדט ליזא, ניט אויפ־הויבענדיג דעם קאָפּ.

—צום ווידערזעהן ! — האָט מיט א פרעמדער גרויזאם־רוהיגער שטים געענטפערט דזשענעיעוו.

זי האָט געוואַרט און ווארשיינליך זיך קוים געהאַלטען אויף די פיס, נאָר ער האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט.

— זייט געזונט, האָט זי ווידערהאָלט מיט אזא מין ווייטאָג, אז זיין האַרץ האָט אויפגעציטערט, — און זי האָט זיך אויסגעדרעהט צום טיר. ער האָט אַלץ געשוויגען.

דאַן האָט ליזא אַפּגעלאָזען דאָס הענטעל פון דער טיר, און איהרע איינגעבויגענע פּלייצעס האָבען גענומען ציטערען.

עפּעס א מין טהירישע קראַפט האָט א שטויס געטאָן דזשענעיעוו'ן ער האָט זיך שנעל א וואָרף געטאָן צו איהר, אַראָפּגעריסען און ער־געץ פאַרוואָרפען דעם שאַרף. ער האָט זי אַזוי גראָב און אין דער זעלבער צייט צאַרט אַרומגעכאַפּט און אַוועקגעפיהרט צוריק אין צימער. ליזא האָט זיך א צאַפּעל געטאָן, געפּרובט זיך ווערען, נאָר איהרע הענט האָבען זיך אַרונטערגעלאָזען. ער האָט זי געקושט אין די ליפּען, אין די נאַסע פון טרערען אויגען, אין די פּלייצעס און אין ברוסט. זי האָט ניט געקעמפט און איז געהאָרכזאַם נעגאַנגען, בלויז ווען זי האָט דערזעהן די סאָפקע האָט זי זיך גענומען צאַפּלען, ווי איהר וואָלט בלויז איצט קלאָר געוואָרען אַז זי איז א פאַרלאָרענע, און האָט זיך גענומען רייסען און כאַפּען איהם פאַר די הענט.

— אום גאָטעס ווילען... מען דאַרף ניט... דערנאָך... דערנאָך...

— האָט זי געמורמעלט ווי א וואַהנזיניגע.

מיט גרויל און מורא האָט זי דערזעהן איהרע ענטבלויזטע הענט, ברוסט און די פיס. זי האָט זיך נאָך אַמאָל א ריס געטאָן אין גרוי־ליכען שרעק און איז פאַרשטאַרבען.

ער האָט זי צוזאַמענגעדריקט אין א ווילדען כעס, און געריסען דאָס קלייד, און אַלץ מעהר און מעהר ענטבלויזט דאָס נאַקעטע לייב.

זי האָט זיך בלויז שטאַרק געהאַלטען מיטביידע הענט פאַר זיין האַנט און האָט איהם געשטערט. ער האָט געוואָלט אַרויסרייסען די האַנט, נאָר ער האָט זיך אויסגעגליטשט און געפאַלען מיט'ן פּנים אויף איהר ווייכע נאַקעטע ברוסט, וועלכע האָבען אַרומגענומען מיט צערטליכקייט זיין ברענענדען געזיכט, וואָס איז פאַרטרונקען געוואָרען אין איהר קערפּער. זי האָט אַרויסגעלאָזען די האַנט, האָט זי ווידער געוואָלט אַנכאַפּען, נאָר זי האָט דאָס ניט דערוויזען. מיט א מורא־דיגער קראַפט כמעט מיט רציחה האָט ער זי בייגעקומען.

דאַן פונקט ווי זי וואָלט פאַרשטאַנען אַז עס איז שוין צו אַלעס און ענדע, האָט זי פאַרוואָרפען דעם קאָפּ אַזוי, אַז די האָר זענען אַרי־בערגעפאַלען איבער'ן ווענטעל פון דער סאָפקע, זי האָט אַנגעהויבען קרעכצען, און האָט ציטערענדיג איהם אַרומגעכאַפּט אַרום האַלז מיט די נאַקעטע הענט.

27.

ליזא איז אוועקגעגאַנגען.

דזשענעיעוו איז געבליבען אַליין, אויטאָמאַטיש האָט ער געבראַכט אין אָרדנונג די קישענס, די סאָפּקע און האָט פאַרטראַכט באַקוקט זיין אַרבייטס צימער.

ער איז געווען אויסגעמאַטערט, גליקליך און זאַט פון לעבען. די לעצטע געשעהעניש פון אַט דער באַגעגעניש, אַזא מין ערוואַרטעטע און דאָך אונערוואַרטעטע, האָט איהם געריהרט. ווען ליזא איז אוועק־געגאַנגען האָט ער זי באַגלייט ביז'ן טיר. דזשענעיעוו'ן האָט זיך שוין געוואָלט אַז זי זאָל אוועקגעהן. זיין קערפּער איז מיעד געווען פון ליי־דענשאַפט און צערטליכקייטען, וועלכע זענען ביז צו משוגע'ת געווען צוהיצט פון איהר געהאַרכזאַמקייט, ריינקייט און שעמעוודיגקייט. דער גייסט האָט זיך אייגעמיט פון שטאַרקער אָנשטרענגונג. עס האָט זיך קיין זאַך ניט געוואָלט אויסער רוה. עס איז שווער געווען צו דענקען, אַז זי וועט ווידער קומען און די גאַנצע זאַך וועט זיך ווידערהאָלען. עס האָט זיך בלויז געוואָלט בלייבען אַליין, פאַרויכערען, אַרויסגעהן אין גאָרטען אויף דער פרישער לופט פון דעם אַנגעזאַפּטען מיט פּאַרפיום און פרויען ריח צימער.

נאָר ליזא איז ניט אוועקגעגאַנגען, ווי פריהער, האָט זי זיך אָפּ־געשטעלט ביים טיר, זיך פאַרטראַכט צוטולענדיג צו די ליפּען די גע־קרייצטע פינגער. דזשענעיעוו איז געשטאַנען הינטער איהר און גע־וואַרט. איהרע העלע האָר זענען געווען אין אונאָרדנונג, דער קאָפּ איינ־געבויגען און פאַרטראַכט. ער האָט געקוקט אויף איהר און געוואַרט. ער האָט אפילו געפיהלט יענעם מורא'דיגען שטראָם פון געדאַנקען, גרויל און פאַרצווייפלונג, וואָס האָט זיך געדרעהט אין אַט דער פרויען קעפּעל, געדריקט פון שאַנדע און פחד. ווי עס ווייזט אויס האָט זי זיך אפילו ניט געקענט פאַרשטעלען וואָס וועט זיין ווייטער, און האָט זיך אומזיסט געמיהט צו פאַרשטעהן, אַז עס איז אַ סוף צו אַלעס, און אַז אין איהר לעבען איז פאָרגעקומען אַ אונגעהויערע אונפאַריכטבאַרע ענדע־רונג.

ער האָט געפּיהלט צו איהר רחמנות, אָבער דער מיעדער קערפּער האָט געבעטען רוה, און דזשענעיעוו האָט געוואַרט כמעט מיט אונגע־דולד. אויסער דעם איז איהם אויסגעקומען נאַריש צו שטעהן הינטער איהרע פּלייצעס און קוקען אויף דער פּאָטילניצע אין שטומער ערוואַר־טונג.

ער האָט שוין געוואָלט אָנהויבען רעדען, ווען ליזא האָט מיט אַמאָל זיך אומגעקוקט און איהרע ליפּען האָבען אַ ציטער געטאָן מיט אַ לייכטען בעטענדען שמייכעל.

— וואָס? — האָט דזשענעיעוו געפרעגט, ניט פאַרשטעהענדיג דעם אויסדרוק איהרען.

זי האָט ניט געענטפערט, בלויז אין איהרע אויגען האָט מיט אַמאָל אויפגעשיינט אַזאַ מין איבערגעבענע געהאָרכזאַמע צערטליכ־קייט, וואָס האָט באַלויכטען דעם גאַנצען פּנים איהרען. ליזא האָט זיך שטיל איינגעבויגען, האָט גענומען זיין שטאַרקע מענליכע האַנט, און זי אַ קוש געטאָן. דאָס איז געווען אַ שטילער דאַנקבאַרער קוש, וואָס האָט אויסגעדריקט געהאָרכזאַמקייט צו איהר שיקזאַל און זיין ווילען, און צו דער זעלבער צייט האָט זי מיט'ן קוש, ווי געבעטען פאַרגיבונג, ניט זיין בייז אויף איהר, וואָס זי איז אַזאַ שוואַכע.

און מאָדנע, דזשענעיעוו האָט ניט צוגענומען זיין האַנט, האָט זיך ניט געוואונדערט און האָט גאָר ניט געזאָגט. ער האָט גע־פיהלט אַז זי דאַרף אַזוי טאָן. מען דאַרף אַז זי זאָל גלויבען אַז ער איז שטאַרקער פון איהר, און וועט זי ראַטעווען און באַשיצען פון אַלע צרות.

דערנאָך איז ליזא אוועקגעגאַנגען.

דזשענעיעוו האָט באַטראַכט דעם ארבייטס־צימער.

עס האָט זיך דערנעהענטערט דער אָבענט. דער גרויסער פענסטער פון זיין ארבייטס־צימער איז ארויסגעגאַנגען אין צפון זייט, און כאָטש אין צווייטען עק גאָרטען האָבען זיך נאָך די בוימער געבאָדען אין דעם גאָלד פון דער זון, האָט דאָ אין שאָטען דאָס גרינס אויסגעזעהן בלאָס און קיהל. די שטומען אין ארבייטס־צימער זענען אַלץ געדיכ־טער און געדיכטער געוואָרען. אין דעם בלויען שיין פון די שאָ־טענס האָבען זיך אויסגעווישט די העלע פאַרבען פון די בילדער און די פיעלפאַרביגע פאַסען פון די פאָרהאַנגען. עס איז אויך דונקעלער גע־

וואָרען דער קינסטליכער פויגעל איבער'ן קאַמין. דער פויגעל האָט אַפּילו אויסגעזעהן ווי א לעבעדיגער, און זיינע געלע קינסטליכע אויגען האָבען געקוקט אַראָפּ מיט א מוראדיג באַוועגלאָזען בליק.

ווידער האָט זיך דזשענעיעוו דערמאָנט אין אָט דעם שטומען געהאַרכזאַמען קוש, און ער האָט זיך דערפיהלט אונאַנגענעם.

צום ערשטען מאָל אין זיין לעבען, האָט דזשענעיעוו דערפיהלט נאָך א שטאַרקען קערפּערליכען פאַרגעניגען, וואָס עס האָט איהם פאַרשאַפען די געהאַרכזאַמקייט פון א פרוי, אַן אונקלאָרע אונצופרי־דענהייט. מיט אַמאָל האָט זיך איהם אויסגעדוכט אַז די קורצע פרייד פון באַפרידיגונג, איז ניט ווערט יענע ליידען מיט וועלכע אימיצער וועט דאַרפען באַצאָהלען פאַר זיי. ער האָט געטראַכט אַז דאָס איז דערפאַר, וואָס ער האָט אין גרונט גענומען ניט ליעב ליזע'ן, און האָט זי גענומען פון בלויזער געשלעכטליכער נייגונג, ווייל אויב דאָס זאָל זיין אַנדערש, ווען דאָס זאָל זיין יענער גרויסער ליכטיגער געפיהל, וואָס הייסט ליעבע, וואָלט דאָס געשעהענע, געווען פריידיג, ליכטיג און שעהן. דאַן וואָלט זיך וועלען אָט די ליעבע, עס וואָלט זיך געגלוסט אוועקצוגעבען איין פרוי אויף אייביג, עס וואָלט זיך דאַן וועלען זעהן אין איהר די גאַנצע וועלט און זיך באַרוהיגען אויף איהר ברוסט, זיך באַרוהיגען אויף דער ברוסט פון דער אייביגער געליעבטער און ליע־בענדער פרוי, און ניט אויף דער ברוסט פון א צופעליגער געליעבטער.

— נאַרישקייטען, — האָט אַ טראַכט געטאָן דזשענעיעוו מיט פאַרדרוס. איך וועל דען אויפהערען זעהן ווי שעהן און פאַרפיהרעריש־רייצענד עס זענען אַנדערע פרויען?

ער האָט זיך דערמאָנט אין יעווגעניא סאַמאַילאָוונא, און זיינע אויגען האָבען זיך צוברענט מיט א מיט א דונקעלען פייער. און ווי־פיעל זענען זיי דאָ אָט די יעווגעניעס סאַמאַילאָוונע'ס. שוואַרץ־האָרי־גע, ווייסע, דינע און דיקע, בויגזאַמע, ליידענשאַפטליכע, געהאַרכזאַמע און שטיפעריִשע, ווי קעץ, און שטילע ווי סערנעס. די גאַנצע וועלט איז פול מיט זייערע ליידענשאַפטליכע שעהנע קערפּערס. די גאַנצע ערד איז פאַרפלאָנטערט אין א נעץ פון צערטלענדע, צאַרטע נאַקעטע הענט. ניט זעהן זיי, זיך אָפּזאָגען פון זיי אויף שטענדיג, און דאָס גאַנצע לעבען צוזאַמענגיסען מיט איינער, וואָס איז גאָט ווייסט פאַר־וואָס, אויסגעקליבען געוואָרען פון אַלע, וואָלט געווען נאַריש און

לאנגווייליג. און צו דער זעלבער צייט האט זיך פארבעריייטעט און עס איז געוואקסען די ביינקשאפט, טאקע נאך אט דער איינציגער אייביגער ליעבע. צוויי געפיהלען וואס האבען געגענזייטיג געקעמפט און אויסגעשלאסען איינער דעם אנדערען האבען ארומגערינגעלט דזשענעיעוו'ן מיט א תהו־ובהו, פון וועלכער ער האט ניט געזעהן קיין אויסוועג. אט דער מאדנער געפיהל, אין וועלכען עס איז געווען א דראהענדער פארגעפיהל פון עפעס א שרעקליכען אומגליק איז געקומען אזוי מאדנע אונערוואַרטעט, אז דזשענעיעוו האט ניט געקענט מעהר פארבלייבען אין דעם גרויסען, איינגעהילטען און געהיימניספולען שאטענס ארבייטס־צימער. ער האט גענומען די העט און איז ארויס אין גארטען. ארויסגעהענדיג האט ער זיך אויף א ווײלע אפגעשטעלט פאר זיין בילד און האט זיך שטארק איינגעקוקט אין די דונקעלווערענדע פארבען.

אין ווייכע פארבען האבען זיך אויסגעשפרייט אויפ'ן לייוועגט די אבענט־פעלדער. א לייכטער נעבעל האט זיך ווי א פאס געצויגען איבער די אפגעשניטענע גראזען און צווישען די הויכע פארטראכטע קופעס היי. איבער'ן האריזאנט האט זיך א רויטע און געהיימניספולע אויפגעהויבען די פולע לבנה.

דזשענעיעוו האט געקוקט אויף דעם בילד, און אין זיין נשמה איז געוואקסען א מאדנע פארוואונדערונג כמעט פארגעטערונג. א שטאלצער געפיהל האט איבערפיהלט דאס הארץ מיט עקסטאז.

— און דאס האב איך דאך באשאפען! — האט זיך דורכגעטראגען אין זיין קאפ. — ווי גוט! אט דא איז דאס גליק!... איבעראל איז שמוץ, ביינקשאפט און לאנגווייליגקייט, אבער דא אין אט דער אונגעהויער גרויסער און ליעבער קונסט, איז אלץ אזוי גוט ריין און שעהן!

און ביי איהם האט זיך ווידער ערוועקט א טיעפער רחמנות צו ליזען.

— און נאכוואס האט זי מיר א קוש געטאן אין האנט! — האט מיט אנגסט געטראכט דזשענעיעוו.

ער איז ארויס אין גארטען, האט אראפגענומען די הוט און גענומען אומגעהן אונטער די שטילע פייכטע בוימער. דא איז נאך גע־

ווען גאַר ליכטיג, אבער עס האָט שוין געשמעקט מיט אבענט און נאַסקייט.

ער האָט זיך אָנגעהויבען צוביסלעך בארוהיגען. דער קערפּער האָט גערוהט, אין קאָפּ איז קלאָרער געוואָרען, דער שטילער אומעט איז פאַרפלויגען.

דזשענעיעוו האָט זיך אוועקגעזעצט אויף א באַנק אונטער א בוים און אָנגעהויבען זינגען. דערנאָך איז ער אנטשוויגען געוואָרען, ער האָט דורכגעפיהרט מיט'ן האַנט איבער זיינע געקרויזטע ווייכע האָר און האָט שוין פרייליך געקוקט ארום און ארום מיט זיין וואונדער שעהנע, אבער נאָך אביסעל מיעדע אויגען.

— פונדעסטוועגען איז גוט! — האָט ער געטראַכט. אָט ווי ער וואָלט אימיצען באַדאַנקט פאַר דעם אבענט־הימעל, פאַר'ן גרינעם גאָרטען, פאַר די יונגע פרויען, פאַר זיין יוגענד און טיעפען שעהנעם טאַלאַנט.

עפּעס אן אונבאַקאַנטע מיידעל אין א בלויער קליידעל מיט א טיכעל אויפ'ן קאָפּ איז געגאַנגען צו איהם מיט דער סטעזשקע פון הויז. ווי עס ווייזט אויס איז זי געווען אין הויז און ניט געפינענדיג איהם דאַרטען איז זי ארויס איהם זוכען אין גאָרטען.

וואָס איז דאָס? — האָט אין שפּאַס פּאַרקרימט דזשענע־יעוו ניט פאַרשטעהענדיג, אָבער ער האָט זיך גלייך דערמאָנט אז דאָס איז מאַריא פּאַוולאָוונאַ'ס דינסט, וואו עס וואוינט יעווגעניא סאַמאָילאָוונאַ. א לייכטע נייגעריגע פרייד האָט ערוואַכט אין זיין האַרצען.

— וואָס דאַרפט איהר? — האָט ער געפרעגט ניט אויפשטעה־ענדיג.

— דאָס פריילין האָט באַפוילען אייך איבערגעבען א בריעף, — האָט, מיט א פּשוט'ער פרישער שטימעלע, געענטפערט דאָס מיידעל.

דזשענעיעוו האָט צוריסען דעם קליינינקען האַרטען פּאַקעטיל מיט א געמישטען געפיהל פון אויפרעגונג, נייגעריגקייט און אונקלאָרען טריאומף.

„סערגעי ניקאָלאַיעוויטש, טרייבט ארויס, איך בעט אייך אייער וואָלגאַרע פּראָווינציאַלקע, אויב זי איז נאָך ביי אייך און קומט צו

אינז. שווין־זשע פארשטעהט איהר ניט, אז מיין עסטעטישער געפיהל ליידט, ווען איך זעה אייך מיט אַט דער הינדעלע. מיר איז, פאר־שטעהט זיך אליץ איינס, אָבער דאָס פּאַסט זיך ניט צו אייך, מיין נאַרישער פריינד".

די דינסט איז געשטאַנען און געוואַרט דרעהענדיג די עקען פון איהר טיכעל.

דזשענעיעוו האָט נאָך אמאל איבערגעלייענט זשעניטשקע׳ס בריעף. א ליעבע, קליינע פרויען אייפערזוכט האָט זיך געפיהלט אין יעדען וואָרט. פון אַט די שורות האָבען ארויסגעקוקט איהרע שוואַרצע גלאַנצענדע אויגען און ראָזעווע שפּאַטיש שמייכלענדיגע ליפּען.

דזשענעיעוו האָט פריידיג און טריאומפירענדיג א שמייכעל גע־טאָן. ליזעס געשטאַלט איז מאָמענטאל פאַרדונקעלט געוואָרען און האָט אויסגעזעהן אזוי רחמנות׳דיג בלאַס. אן אנדערע, קאָקעטירענדע, גע־וואַגטע פרוי האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט אין איהר גאַנצער חוצפּה׳דיגער שעהנקייט. די גאַנצע מיעדקייט איז ערגעץ וואו פארשוואונדען און דזשענעיעוו האָט זיך דערפיהלט שטאַרק און פריש ווי נאָך א קאַלטען פרילינגס־באָדען.

— אן ענטפער ווענט זיין? — האָט געפרעגט די דינסט, און זיך פארשעמט און א שמייכעל געטאָן.

דזשענעיעוו האָט א קוק געטאָן אויף אַט דער שעהנינקער גע־זונטער און פשוט׳ער מיידעל. צו איהר האָט זעהר געפּאַסט דאָס גלאַטע ווייסע טיכעל, פון אונטער וועלכער עס האָבען ארויס־געקוקט צוויי שוואַרצע ווי קאַרשען אויגען. ער האָט זי געזעהן א סך מאָל, נאָר ער האָט איהר ניט באַמערקט. איצט האָט ער מיט אמאָל דערפיהלט אז דאָס איז א פרוי. א פרעהליכער פאַרלאַנג פון א לייב־טען פארבייגעהענדען פארגעניגען אַהן טראַכטונגען און אָהן ווערטער איז דורכגעלאָפען אין זיין נשמה. איהם האָט זיך פארגלוסט זי ארומ־נעמען און א שטאַרקען קוש טאָן.

עס זעהט אויס, אז דער פאַרלאַנג האָט זיך העל אויסגעדריקט אין זיין בליק, ווייל דאָס מיידעל האָט זיך מיט אמאָל פארשעמט און א שמייכעל געטאָן. דערביי האָט זיך קלאָר געפיהלט אז זי וועט זיך ניט ווערען.

28.

די נאַכט איז געווען אַ פינסטערע, און אפילו אַפּקערעווענדיג זיך פון דער ליכט האָט מען ניט געקענט זעהן וואו עס ענדיגען זיך די בוימער, און וואו עס הויבט זיך אָן דער פינסטערער ווי אַ אַבגרונט הימעל. עס האָט זיך געדוכט אז די שפּיצען פון די בוימער געהן אוועק אין אַן אונדערגרייכבאַרער הויך און ערגעץ נאָך העכער פינקלען די העלע שטערען. דער לאַמפּ האָט העל געברענט אויפ'ן טיש צווישען די בוימער, און ווי אימער אַ ברענענדער לאַמפּ ביינאַכט אויף דער לופט האָט ער צוגעגעבען דער אומגעבונג אַן אויסערגעוועהנליכען יום־טוב'דיגען אויסזעהן. פון דעם אָרט וואו עס זענען געשטאַנען יעוו־געניא סאַמאָילאָוונא מיט דזשענעיעוו'ן האָט מען געקענט זעהן בלויז די שאָטענס פון יענע, וועלכע זענען געזעסען ארום טיש מיט די פּליי־צעס צו זיי, און די העל באַלויכטענדע פּנים'ער פון דעם בלאַסען קאַרנעט קראַוזע, אַפּאַטישען דאָקטאָר אַרנאַלדי און דעם אויפגערעגטען טאַשיזש, וואס האָט געמאַכט מיט די הענט. עס האָט זיך דערטראָגען הויכע אויפגערעגטע שטימען, זיי האָבען זיך געקריגט וועגען עפּעס.

און דאָ אונטער די בוימער איז געווען פינסטער און שטיל. בלויז די צווייגען האָבען זיך געהוידעט אין דער פינסטער ווי צופאַהרענע פאַרוואַקסענע הענט.

— איך גלויב ניט, איך גלויב ניט! האָט געזאָגט יעווגעניא סאַמאָילאָוונא. זי האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און זיך גערייצט מיט איהם.

איהר געזיכט איז געווען שוואַך באַלויכטען מיט דעם אָפּשיין פון דעם לאַמפּ און העל זיך פול מיט רעטעניש געוויסט אין דער פינס־טער.

— איז דען אייך ניט אַלצאיינס! האָט דריקענדיג מיט די פּליי־צעס געפרעגט דזשענעיעוו. — איהר וואָלט דאָך סיי ווי ניט איינ־געשטימט צו פאַרבלייבען מיט מיר אויפ'ן גאַנצען לעבען. איהר זענט צו קלוג און געוואָגט, אַז איהר זאָלט דאָס ניט פאַרשטעהן אַז מען זאָל דאַרפען אייך נאַרען... מאָדנע, אַלע פרויען, אפילו די אָריגינעלסטע

און געוואגסטע האבען ליעב דעם שאבלאן!... — נו, זאל זיין אז זי איז מיין געליעבטע אין פשוט'סטען זין פון ווארט! איז וואס? נאך מיין מיינונג, דארף דאס בלויז צוגעבען א געוויסע שארפקייט דעם געפיהל!...

— איך בין ניט קיין פארעהרעריך פון קיין שטארקע געפיהלען, אין דעם געשמאק פון די מורמאנען! — האט שפאטיש אריינגעשטעלט איהר ווארט יעווגעניא סאמאילאוונא.

— איהר וועט אליין שולדיג... זיין, אויב איך וועל זיך צוזאמענ־קומען מיט איהר.. — האט מיט אן אפגארענדען רייצענדען טאן פארטגעזעצט דזשענעיעוו.

איהר זענט ניט קיין מיידעלע, און ווייסט אז אין אונזער געביל־דעטען יאהר־הונדערט וועט קיין מאן ניט אויסגעהן פון פלאטאנישער ליעבע ביי די פים פון א פרוי. א שאד אבער יענע צייטען זענען שוין אויף אייביג פארשוואונדען.

ניט פאר אונז איז צו מחיהמתים זיין די זיסע אלטע צייר־טען פון די פאסטוכער. איהר אליין, פארשטעהט זיך ווילט בלויז פארגעניגען, און וועט זיך אליין ניט אפשטעלען אויף איינעם א גליקליכען. טא לאמיר ניט נארען איינער דעם אנדערען און גיבען זיך דאס וואס מיר דארפען... איהר זענט א געוואגטע פרוי!...

זיין הייסע אויפגערעגטע שטים האט זי געצערטעלט, גערופען און זיך געשלענגעלט ארום איהר קערפער מיט אן אפענעם פארלאנג. נאר יעווגעניא סאמאילאוונא האט געשאקעלט מיט'ן קאפ און געלאכט.

— ווייסט איהר, איהר זענט אן ערפאהרענער דאן־זשואן, האט זי געזאגט מיט א טאן פון אפענעם שפאט. באווייזענדיג אז זי פאר־שטעהט איהם אויסגעצייכענט.

— פארוואס? — קלוינפערשט ניט פארשטעהענדיג, האט זיך פארוואונדערט דזשענעיעוו און איז אביסעל רויט געווארען אין דער פינסטער.

אי־רא, אי־רא! — האט רייצענד מיט פארוואורף, דורכגעזונגען יעווגעניא סאמאילאוונא. — איהר האט אליין געזאגט, אז איך בין ניט קיין מיידעלע... דאס איז נאיוו, סערגעי ניקאלאיעוויטש!

אין איהר טאן איז געווען עטוואס אזוינס, אז דזשענעיעוו'ן איז מיט אמאל איינגעפאלען אן אונערטרעגליכער געדאנק, אז אפשר איז

ער ווירקליך לעכערליך, ווען ער פארשטעלט זיך אין מיהט זיך אפצור־נארען א פרוי, וועלכע קען בעסער פון איהם דערצעהלען וועגען פאר־שידענע דריידלעך.

— וויפיעל מאָל קען זיין האָט זי שוין געהערט דאס אלעס... — איז דורכגעפלויגען אין זיי־ קאָפּ.

— וואָס ווילט איהר זאָגען דערמיט? — האָט ער פונדעסט־וועגען געפרעגט מיט'ן זעלבען טאָן אום איננאנצען ניט ארייננפאלען אין א נארישער לאַגע, און כדי זי איבערצושפּאָרען.

— יא... האָ געהיימניספּול ארויסגערעדט זשעניטשקא, — אבי־סעל פריהער וואלט דער רוף צום פרייעם פארגעניגען געקענט ווירקען אויף מיר... אָבער איצט איז צו שפּעט סערגעי ניקאָלאיעוויטש!... קלייבט איצט אויס אַן אנדער מיטעל, א מעהר קאָמפּליצירטען.

דזשענעיעוו האָט פארקוועטשט מיט די ציין. זי האָט אויסגעזעהן אזוי וואונדערליך שעהן. אין איהר בויגזאמער פיגור מיט אָט דעם שפּאָטישען „אוידא!“ אין וועלכען עס איז געווען אזוי פיעל פארבי־סענקייט און שלויקייט. ער איז געווען גרייט זיך ארויפצואוואר־פען אויף איהר. זי אומוואַרפען צורייבען און פארניכטען מיט ווילדע צערטליכקייטען. אין דער מינוט האָט זיך פאַר איהם די גאַנצע וועלט קאָנצערטרירט אין איהר קערפּער, וועלכער איז געווען אזוי נאָהענט און צו דערזעלבער צייט אזוי ווייט.

— און אפשר פּראָסטער, האָט ער פארלירענדיג דעם קאָפּ, גע־זאָגט גראָב צווויידייטיג און כמעט באַליידיגענד.

— אפשר! — האָט איהם געהיימניספול געענטפערט יעווגעניא סאַמאָילאָווגא.

איהם האָט זיך אויסגעדוכט אז איהרע אויגען האָבען א בליסטשע געטאַן אין אַן אונפארשעהמטער ערוואַרטונג, און פּארצופּענדיג די ציין האָט דזשענעיעוו ארומגעכאַפּט די פרוי גראָב אהן ווערטער, ווי חיות כאַפּען זייערע פּאַלשע נקבות.

זי האָט זיך מאָמענטאַל אויסגעבויגען אויף צוריק, זיך אנשפּאַ־רענדיג מיט די הענט אין זיין ברוסט, זי האָט זיי־ ניט אייסגעריסטי נאר גלייך געקוקט איהם אין פּנים אריין מיט א שטראַהלענדען בליק פון די שווארצע אויגען.

— אזוי?... אזוי? — האָט זיך שטיקענדיג געמורמעלט דזשע־

נעיעוו, אויסבויגענדיג איהר בויגזאמע זיך נאכגיבענדע טאליע. ער האט זיך געצויגען צו איהר מיט פארברענטע ליפען, און זיין אטעם האט זיך ארויסגעריסען כמעט מיט א זיפץ. נאר ווען זיינע ליפען האבען באריהרט איהר ברוסט, האט זיך זשעניטשקא, לייכט כמעט אהן אנשטרענגונג ארויסגעריסען.

— גענוג! — האט זי קאלט געזאגט.

ער האט ניט פארשטאנען, כמעט ניט געהערט און געמאכט א באוועגונג זי ווידער ארומכאפען, אבער זי האט אפגעשפרונגען אויף א צוויי טריט און פארהיטענדיג געזאגט:

אי־רא!

דאס האט איהם אראפגעפיהרט פון זינען. די ערד איז אנטרור־נען אונטער זיינע פיס, און אט די נוצלאזע אפגענארטע אנשטרענגונג האט קרענקליך געווירקט אויף איהם. ער האט זיך געהוידעט און געצויגען צו איהר מיט דורשטיגע הענט, אויף וועלכע עס איז נאך פארבליבען דער איינדרוק פון איהר ווארעם־בויגזאמען קערפער, וועמעס נאקעטקייט האט געצערטעלט אפילו דורך דעם זיידענס פון קלייד, אויף די ליפען איז נאך געווען די שכר'ע באריהרונג פון איהר ווייכער ברוסט, וועלכע האט זיך אונטערגעגעבען אפילו אונטער דער הארטער קאלטער צייג.

דזשענעיעוו האט גענומען קרעכצען ווי א חיה, ביי וועלכער מען האט ארויסגעריסען איהר געפאנג.

אבער יעווגעניא סאמאילאוונא איז שוין געשטאנען אין עטליכע טריט פון איהם און האט כמעט ווי רוהיג פאריכט די צוקאשמעטע האר.

— אבער, — איהר ווערט דאך געפערליך — האט זי געזאגט מיט א לייכט ציטערענדע שטים... כאטש מיר געפעלט דאס!

זי האט זיך הילכיג צולאכט און איהם א בליץ געטאן אין פנים אריין מיט איהרע שיינענדע שווארצע אויגען און איז אנטלאפען צום טיש.

דזשענעיעוו איז לאנגזאם אוועק נאך איהר. זיין קערפער האט געברענט און געציטערט. די דונקעלע בוימער האבען אין א לאנג־זאמען קרייז געשוואומען פאר די אויגען.

— פאַרפלוכטע, — האָט ער אַ טראַכט געטאָן מיט אַ גראַ־בען גאַסען־וואָרט.

נאָך פון ווייטען האָט זיך געהערט נאַומאַוום שאַרפע באַגייסטער־טע שטימע און טזשיזש׳ס צורייצטער קול. זיי האָבען זיך געקריגט ווי אימער און דזשענעיעוו קומענדיג צו זיך האָט ניט ווילענדיג גע־טראַכט, ווי דערעסט זיי ניט!...

צו דערזעלבער צייט האָט ער זיך שוין איינגעהערט אין נאַומאַוו׳ס רייד. אַט דער מאָדנער מענש איז באַזעסען עטוואָס אַזוינס, וואָס האָט געצוואונגען אַלעמען איהם אויסצוהערען, ווען ער האָט גערעדט. אין זיינע האַלב וואַהנזיניגע דרשות האָט זיך געפיהלט עטוואָס מעהר, ווי אַ פשוט׳ער חכמ׳ענען זיך פון אַ חקרן אַ מענשען.

אין דער צייט האָט זיך דזשענעיעוו ניט אָפּגעגעבען קיין דין וחשב׳ן, וואָס צווינגט זיין נשמה זיך צו פאַרטיפען אין דער בייז־אַנזאַגענדער אויפמערקזאַמקייט, נאָר יעדעס מאָל ווען נאַומאַוו האָט גערעדט, האָט ער געהערט, ניט אַראָפּלאָזענדיג דערביי די אויגען פון זיין ווילדען פּנים, מיט די ברענענדע אויגען.

—ווען וויקטאָר הוגאָ, — איז גלאַר געוואָרען דזשענעיעוו׳ן טזשיזש׳ס שטים, איז געווען אויף די באַריקאַדען, האָט איהם אימי־צער דערלאַנגט אַ ביקס... — איהר האָט ניט קיין געוועהר, בירגער, — האָט געזאָגט יענער. דערויף האָט הוגאָ געענטפערט: בירגער הוגאָ קען שטאַרבען פאַר דער פרייהייט, אָבער ניט הרג׳ענען.

— אַ נאַרישער ניט דורכגעטראַכטער ענטפער, האָט שאַרף אָפּ־געענטפערט נאַומאַוו.

עס קען זיין! — האָט געענטפערט טזשיזש מיט אַ בייזער איראָ־ניע, און זיך אומיסטען הילכיג צולאַכט.

— געוויס, — האָט פאַרטגעזעצט נאַומאַוו, — איך פאַרשטעה צו קעמפען פאַר פרייהייט ביז׳ן לעצטען טראָפּען בלוט, אָבער שטאַר־בען פאַר דער פרייהייט — דאָס איז נאַריש.

— נו, דאָס איז שוין אַ צופעליגקייט!

—יאָ, אויב דאָס איז אַ צופאַל!... צו דער׳הרג׳עט ווערען פאַר דער פרייהייט איז ניט דאָס, וואָס צו שטאַרבען פאַר איהר. מאַסען מענשען זענען געגאַנגען אויף אַ זיכערען טויט צוליעב אַט דער באַ־ריהמטער פרייהייט, וועלכע האָט ניט געקענט געבען קיין שום גליק,

און האָט נאָך קיין איינציגען מאָל ניט געגעבען קיין גליק, זינט עס עקזיסטירען רעוואָלוציעס און מלחמות. מיר איז שווער צו הערען אַזוינע נאַרישקייטען פון אַזוינע גרויסע מענשען, ווי וויקטאָר הוגאָ — האָט געזאָגט נאַומאָוו.

איך פאַרשטעה ווען דאָס רעדט דער המון, אַ טשערעדע שאָף, ווען אַזוינע ווערטער זאָגט אַרויס אַ וואַסערער ניט איז סטודענט קלינגט דאָס אפילו שעהן... געהן מיט אַלעמען, דאָס איז גוט פאַר אַ טשערעדע. אויב איין שאָף וועט אַריינשפּרינגען אין ים, וועט די גאַנצע טשערעדע איהר נאָכשפּרינגען, דאָס פאַרשטעה איך. אָבער אויב אַ טשערעדע שאָף וועט אַריינשפּרינגען אין וואַסער, און נאָך איהר וועט נאָך אַריינשפּרינגען דער פּאַסטוך, איז דאָס שוין אַ ניט שעהן אי ניט קלוג, נאָר פּשוט נאַריש!...

אויף דעם סמך וועט איהר אויף קיין באַריקאַדעס ניט קריכען! — האָט גיפטיג באַמערקט טושיזש, ציטערענדיג פון כעס.

— ניין, וואָרום־זשע!... — האָט גלייכגילטיג אָפּגעענטפערט נאַומאָוו, — מען קען אַרויפקריכען אויף אַ באַריקאַדע, מען קען אפילו אויסשיסען, מען דאַרף בלויז ניט טראַכטען, אַז מיט אַט דעם שאָס, וועסטו אַראָפּשיסען די לבנה פון הימעל!

— און איהר ערלויבט זיך אַלץ צו שפּאַסען? — האָט מיט עקעל באַמערקט טושיזש.

נאַומאָוו האָט דורכדרינגענד אַ קוק געטאָן אויף איהם.

— איך שפּאַס קיינמאָל ניט און קען ניט שפּאַסען. איך רעד אימער דאָס וואָס איך דענק. און זאָג שטענדיג איינס און דאָס זעלבע.

— וואָס? אַז אַלעם איז גאָרניט מיט גאָרניט?

דאָס לוינט זיך ניט צו ווידערהאָלען; דאָס איז שוין געזאָגט געוואָרען, און אין די טיפענישען פון אייער נשמה אנערקענט איהר אַט דעם אמת, ניט אומזיסט איז ביי אייך אַזאַ נערוועזער אויסגעמאַטערטער געזיכט. איך רעד דערפון וואָס מען מוז איינמאָל פאַר אַלע מאָל פאַרשטעהן, אַז ניט קיין רעוואָלוציעס, ניט קיינע רעגירונגס פאָרמען, ניט דער קאַפּיטאַליזם, ניט דער סאָציאַליזם, קיין זאַך וועט ניט געבען קיין גליק דער מענשהייט, וועלכע איז פאַראורטיילט אויף אייביג צו ליידען.

וואָס טויג אונז אייער סאָציאַלע אָרדנונג, ווען דער טויט שטעהט ביי יעדען איינעם הינטער די פּלייצעס, אויב מיר געהען אוועק אין חושך, אויב אונזערע טייערסטע שטאַרבען, און אויב אַלעס, וואָס מיר זאָלען ניט מאַן טראָגען אין זיך די אייביגע קערענדלעך פון ליידען און אונצופרידענהייט. לאָמיר ניט רעדען וועגען טויט, אם ענדע קען מען קוקען דעם טויט גלייך אין די אויגען; לאָמיר נעמען דאָס לעבען גופא: איהר קענט ברייגגען צו א געוויסען געוויכט דעם מאַטעריעלען וואוילזיין פון דער מענשהייט, אבער איהר וועט דאָך קיינמאָל ניט ברענגען צו קיין איינהייט די אונענדליכע פאַרשי־דענהייטען פון כאַראַקטער, שטרעבונגען און צופעליגקייטען. דער עלעקסיר פון אונשטערבליכקייט וועט פאַרניכטעט ווערען פון א שטיין, וועלכער וועט אייך צופּלעטען דעם קאָפּ. די גלייכהייט וועט פאַרלאָרען געהן אין דעם אַנגסט פון די אונדערגרייכבאַרע פאַרלאַנ־גען. ווען איהר וועט אויסגלייכען אַלע מענשען אין רייכטהום, רעכט און אין פאַרגעניגענס, וועט איהר אבער קיינמאָל ניט אויסגלייכען קיין חכמים מיט נאַראַנים, קיין שעהנע מיט מיאוסע, קיין קראַנקע מיט שטאַרקע. ווער עס האָט ניט קיין ליעבע, דער ליידט דערפון, און טרוימט אז אין איהם זאָל זיך איינליעבען כאָטש איין פרוי; ווער עס האָט א ווייב, דער קומט אום פון איינאַרטיגקייט, און ווער עס וועט האָבען הונדערטער פרויען, דער וועט בענקען נאָך איין און איינ־ציגער ליידענשאַפט. אזוי איז אין אַלעס. דער מענש וועט זיך ניט צופריעדענשטעלען מיט קיין איינציגער לאַגע און די אונשטערב־ליכקייט אַליין וועט זיך איהם פאָרשטעלען אונערטרעגליך, לאַנגוויי־ליג... היינט אונשטערבליך און מאָרגען אונשטערבליך, און ער וועט נעמען בעטען אויף זיך דעם טויט!...

— טאַ וואָס־זשע זאָל מען טאָן? — האָט מיט ווילדען כעס גע־פערגעט טזשיזש.

— בעסער פון אַלעס איז געוועהנליך שטאַרבען... סיי ווי סיי וועט זיך דערמיט ענדיגען. איז שוין בעסער וואָס גיכער.

— יאָ, איהר זענט איצט איינשטימיג דערמיט? — האָט זיך מיט אמאָל אָפּגערופען דער לאַנגער קראַוזע, הויך אויפהויבענדיג זיינע קרומע מעפיסטאָפעלישע ברעמען.

נאָומאָוו האָט א קוק געטאָן אויף איהם.

— יא... אבער דאָס איז ניט וויכטיג. מען דאַרף צושטערען אין דעם מענשען דעם אָבערגלויבען אין לעבען. מען מוז די מענשען צווינגען צו פאַרשטעהן, אז זיי האָבען קיין רעכט ניט צו ציהען אַט די אונזיניגע קאָמעדיע... ווען איך זעה א שוואַנגערדיגע פרוי, ווילט זיך מיר זי הרג'ענען... איהר פאַרבינדונג וועט איבערלעבען אַלע צרות און דער וואוקס פון איהר צוקינפטיגע דורות וועט זיך אוועקגעהן מיט זיין נאַטירליכען סדר, טאַ שטעלט זיך בלויז פאַר, וואָס פאַר א מין שרעקליכער טייך פון ליידען עס וועט ארויסרינען פון איהר קערפער. צווישען איהרע אייניקלעך, וועלען זיין מיליאָנען קאַליקעס, מיליאָנען מערדער און זעלבסטמערדער, מיליאָנען וועלען דער'הרג'ט ווערען אויף מלחמות, מיליאָנען וועלען צודריקט ווערען פון צוגען און מיליאָנען וועלען אראָפּ פון זינען. ס'אַרא מין גרויליכען פאַרברעכען זי טוט געגען מיליאַרדען פון צוקונפטיגע אומגליקליכע, ווען זי געבירט... אין אנגסט און אין ליידען געבירט זי איינעם א ברעקעלע מענשעלע, אין צער און אין צווייפעל ערציהט זי איהם, זי ציטערט איבער יעדען אָטעם זיינעם און וועט אליין שטאַרבען מיט דעם שמערצליכען געדאַנק וועגען זיין צוקונפט... אַט אזוי וועט זי דערטראָגען אַט דעם שוואכען פייערל ביז'ן קבר, און וועט איהם איבערלאָזען אין דער וועלט... נאָך וואָס? כדי די אונצעהליגע צוקונפטיגע צרות זאָלען פאַרשטעלען איהר אנדענקען, מאַטערענדיג זיך אין אונערטרעגליכע ליידען; זיי וועלען קלאָגען: זאָל זיין פאַרשאָלטען דער טאָג וואָס די מוטער האָט זיך פאַרבונדען; די ברוסטען וואָס האָבען מיך גענערט און די הענט וואָס האָבען מיך געטראָגען... בעסער וואָלט איך ניט געבוירען געוואָרען!...

— נו, דאָס איז שוין פון דער ביבעל גענומען! האָט באַמערקט טזשיזש.

— ניין, דאָס איז ניט פון דער ביבעל! האָט א געשריי געטאָן נאָומאָוו אין דער גרעסטער אויפרעגונג, — דאָס איז דער אמת פון דעם לעבען, און איהר אומגליקליכע, וואָס שטאַרבט יעדען טאָג, טרוימט אַלע ווײלע וועגען אן אונמעגליכען אומבייט אין לעבען, באַהאַלט מיט דעם אויבען דערמאָנטען אמת פון מענשען, און מיהט זיך ארייצוקלאַפּען אין זייערע נאַרישע קעפּ טרוימען וועגען דער צוקונפטיגער מענשהייט... וועגען גאָלדענע צייטען פון גערעכטיגקייט!...

עס איז ניטאָ קיין גערעכטיגקייט! און עס קען ניט זיין, ווייל ניט אין אונזערע אינטערעסען האָט אונז ארויסגעלאָזען די וועלט. די וועלט דאַרף האָבען אונזערע ליידען!... ווען ניט איז וועט איהר אַלע פאַר־שטעהן אז מיינע ווערטער זענען געווען דער אמת און פריהער אדער שפּעטער וועט איהר ענדיגען אייער לעבען זיך קאַרטשענדיג אין ליי־דען!...

נאָומאָוו איז אנטשוויגען געוואָרען. אַלע האָבען געשוויגען און אזוי געוואַרט אויף עפּעס. טזשיזש האָט בייז באַטראַכט אַלעמען און האָט זיך צולאַכט מיט א קוויטש.

— ווי איהר, האָט דאָס דאַ אנגעשראָקען אַלעמען!... צום טיי־פעל, אַט פּונקט ווי מען קלייבט זיך אייך אַלעמען אויפהענגען מאָר־גען!... ווייסט דאָס דער רוח, ס'אַרא מין קליינמוטהיגקייט!... איהר אליין, מיין גוטער הער, באַגעהט א שרעקליכען פאַרברעכען: אויב דער שיקזאַל האָט אייך געגעבען שכל און פעהיגקייטען צו ווירקען אויף מענשען מיט דער קראַפט פון וואָרט, וואָלט איהר באַדאַרפט זיי פיה־רען פאָראויס, געבען זיי האָפנונג אויף א בעסערער צוקונפט, ערמוט־היגען זיי אין קאַמף, ווען זיי וועלען פאַרלירען דעם מוטה... און איהר... צום טייפעל, האַנדעלט אזוי, פּונקט ווי איהר וואָלט זיך קלייבען צו גרינדען א קלוב פון זעלבסטמערדער!... איך קען דאָס ניט הערען... דער רוח ווייסט וואָס!

עס האָט געפּאַלגט א לאַנגער שווייגען. עס האָט זיך גענומען הערען ווי דער ווינט רוישט אין גאָרטען. עפּעס א מין אונקלאָרע אונרוהיגקייט האָט באַהערשט אַלעמען. יעדערער האָט זיך גענומען צוהערען צו די שטימען פון זיין נשמה, און האָט דאָרטען געהערט דעם זעלבען פינסטערען, ווילדען קול. דאָס לעבען האָט זיך פאַרגע־שטעלט שטאָר און דונקעל.

שווער און אומעטיג האָט געבענקט דער דאָקטאָר אַרנאָלדי

דער לאַנגער קאָרנעט קראָוזע האָט זיך געלאַנגווײַליגט אהן א ברעקעל גלויבען אין א **טרוים**, וועלכער זאָל כאַטש אויף וויפיעל ניט איז איהם, צובינדען צום לעבען; צורייצט האָט זיך וועגען עטוואָס געפרעגט טזשיזש, און האָט ניט געקענט געפינען קיין ענט־פער. מיט א מאָדנעם שרעק האָט דזשענעיעוו אריינגעקוקט אין יענער פוסטקייט, וועלכע האָט זיך צוביסלעך פאַרנאַנדערגעשפּרייט אין זיין

נשמה. דארטען הינטער'ן וואנט פון דער הויז האט געהאלטען אין שטארבען א טרויעריגע בלאסע פרוי, און ערגעץ וואו האט זיך באַ־הלאַטען די צודריקטע פון לעבען נעלי. בלויז יעווגעניא סאמאילאַוונא האט געקוקט אויף נאומאוו'ן מיט ספקות. אין איהרע שיינענדע אויגען האט געפינקעלט דאס ניט טראכטענדע סטיכישע לעבען. וואס האט זיך נאך ניט אנגעשטויסען אויף דעם אייגענעם שרעק און גרויל.

— א זעלבסט־מארד קלוב! — האט געמורמעלט טושיזש.

יעווגעניא סאמאילאוונא האט זיך אויפגעטרייסעלט, אט ווי זי וואלט ערוואכען פון א שווערען חלם.

— אוואר־זשע איז ארבוזאוו? — האט זי געפרעגט.

דער דאקטאר ארנאלדי און קארנעט קראוזע האבען זיך איבער־געקוקט.

— וואס איז? — האט באמערקענדיג זייער אויסדרוק, געפרעגט יעווגעניא סאמאילאוונא. — דא איז באהאלטען א סוד?...

דער לאנגער קארנעט קראוזע האט א ווײַלע געשוויגען.

— איצט איז דאס ניט קיין סוד און קען ניט זיין קיין סוד, האט געזאגט דער קארנעט קראוזע, אזוי לאנג ווי דער געריכט פון אפיצערען האט זיך פארנאנדערגעקליבען אין דער זאך.

— הייסט דאס אז דער דועל וועט פארקומען? האט נייגעריג געפרעגט יעווגעניא סאמאילאוונא.

— יא, האט געענטפערט קראוזע און האט זיך אויפגעהויבען, אזא גלייכער ווי א שטעקעל. יעווגעניא סאמאילאוונא האט איהם אריינגעקוקט אין פנים מיט ברייט צועפענטע, דורשטיגע אויגען.

— און דאס קען זיך נאך זעהר טרויעריג ענדיגען! — האט באַ־מערקט טושיזש מיט א מין עקעל און פארדרוס ווי עס וואלטען איהם געווען דערווידער, סיי דער דועל, סיי די דועליאנטען.

— יא, יא! — האט קראוזע צוגעשטימט,ווירקליך אווגוסטאוו איז דער בעסטער שיסער אין פאלק, און עס איז א גרויסער צווייפעל אויב ארבוזאוו האט אמאל געהאלטען א ביקס אין האנט. ער וועט איהם דער'הרג'ענען... יא ער וועט איהם דער'הרג'ענען. דערצו איז ער נאך א קאלטער און גרויזאמער מענש.

קארנעט קראוזע האט געשוויגען אווײַלע אט ווי ער וואלט באַ־טראכטען צו ביים אדיוטאנט אווגוסטאוו וועט סטייען גרויזאמקייט

צו דער'הרג'ענען ארבוזאוו'ן. אַלע האָבען געקוקט אויף איהם מיט ערוואַרטונג און עס איז געווען אַזוי שטיל, ווי אַלע וואָלטען נאָכפאָל־גען דעם גאַנג פון זיין געדאַנק.

— יאָ, דאָס איז אַהן צווייפעל, האָט ווידער אנגעהויבען דער קאַרנעט קראַווזע, אָט ווי ער וואָלט נאָך אַ לאַנגען איבערטראַכטען פּאָר און דאַנגענען, געקומען צו דער פעסטער איבערציינונג, אַז אַזוי וועט דאָס זיין. ער וועט איהם דער'הרג'ענען.

ער האָט אַרויסגערעדט די ווערטער מיט אַזאַ ערהאַבענער גרויס־קייט, מיט אַזאַ טיעפער איבערציינונג אַז אַלע האָבען אויפגעציטערט, און מיט אַ מורא'דיגער קעלט האָט געגומען בלאָזען אַרום. ביי די ווערטער האָט זיך יעווגעניא סאַמאַילאָוונא אומגעקוקט אויף דזשע־נעיעוו'ן. דאָס איז געווען ווי אַ שטוים. — אויטאָמאַטיש האָבען אַלע אַ קוק געטאָן אין אַ זייט.

ווען אַלע זענען שוין אויפגעשטאַנען, איז דזשענעיעוו איינער אַליין געבליבען זיצען ביים טיש, מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. ער איז געווען בלאַס, און דערפון האָבען זיינע טונקעלע אויגען אויסגעזעהן כמעט שוואַרץ, אָבער ער האָט פאַר'עקשנ'ט געקוקט אויפ'ן טישטוך, און מען האָט ניט געקענט זעהן דעם אויסדרוק פון זיין געזיכט.

אין דער זעלבער צייט איז אימיצער פון דער זייט צוגעגאַנגען צום טיש, און האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין איהם. ווי לייכט עס זענען ניט געווען די טריט און די באַריהרונג, דאָך האָבען זיי אַלע דער־פיהלט און מיט שרעק זיך אומגעקוקט.

ביים טיש, אָנגעשפּאַרט מיט ביידע הענט אין זיין ברעג, איז געשטאַנען נעלי. די ליפּען האָט העל באַלויכטען איהר בלאַס ביין געזיכט מיט די צוזאַמענגעצויגענע ברעמען, זי האָט געקוקט דורכ־דרינגענד אויף קראַוזע'ן אַזוי ווי זי וואָלט וועלען זאָגען:

— איך האָב אַלעס געהערט... איז דאָס אמת?

עס איז געווען אַ מאָמענט פון שרעקליכער אָנשטרענגונג. דזשע־נעיעוו איז אויפגעשפּרונגען כמעט מיט גרויל. ער האָט ניט געוואוסט אַז נעלי איז דאָ. זי האָט זיך קיינמאָל ניט באַוויזען ווען מען פלעגט זיך צוזאַמענקומען ביי יעווגעניא סאַמאַילאָוונא.

זשעניטשקאַ האָט געמאַכט אַ פלינקע באַוועגונג זיך אַ וואַרף געטאָן צו נעלי'ן. אָבער נעלי האָט קוים, קוים אַ מאַך געטאָן מיט די

ברעמען אין איהר זייט, און יעווגעניא סאמאילאווגא איז פארגלי־
ווערט געווארען אין איהר האסטיגער באוועגונג.

נעלי׳ס דינע ליפּען האבען זיך געריהרט.

— ווען איז דער דועל? האט זי אנגעשטרענגט, אבער רוהיג
געפרעגט.

און טאקע דאס האט קראוזע נאך ניט געזאגט, און אלעמען האט
אויסגעזעהן מאדנע וואס מען האט זיך פארגעסען פרעגען וועגען
דעם. קארנעט קראוזע, האט פון דער גאנצער הויך פון זיין לאנגען
וואוקס, קאלט א קוק געטאן אויף איהם. עס האט געמאכט דעם
איינדרוק ווי ער וואלט געוואויגען די פאלגען פון זיין ענטפער. נעלי
האט געווארט ניט ארונטערנעמענדיג פון זיין געזיכט איהרע פיבערי־
שע באוועגלאזע אויגען.

איבערמארגען! — האט מיט אמאל קורץ און שארף ארויסגע־
רעדט דער קארנעט קראוזע. ער האט זיך פארנייגט פאר נעלי און
איז אוועק פון טיש, און איז גלייך פארפאלען געווארען אין דער
פינסטער.

נעלי איז געבליבען שטעהן אין דער זעלבער פאוזע, אנגעשפארט
מיט די הענט אין דעם עק טיש און געקוקט אין יענער זייט וואו עס
איז פארשוואונדען דער קארנעט קראוזע.

דזשענעיעוו, בלאס ווי דער טויט, האט געמאכט א שפאן צו
איהר. ער האט אליין ניט געוואוסט וואס ער וויל זאגען אדער טאן.
נאר נעלי האט א קוק געטאן אויף איהם מיט א גרויזאמען בליק און
ער האט זיך אפּגעשטעלט א צומישטער און פארניכטעטער. מיט
אמאל האבען אלע גענומען ריידען מיט אונרוהיגע שטימען, זיך מיה־
ענדיג ניט צו קוקען אויף דזשענעיעוו׳ן, וועלכער איז אזוי אומגעלומ־
פערט נאריש פארבליבען אויף דעם האלבען וועג.

— אייגענטליך האט געזאגט דאווידענקא, — אויף א דועל,
הרג׳עט ניט שטענדיג דער גוטער שיסער... עס זענען געווען פעלע,
ווען יענע וואס קענען אינגאנצען ניט שיסען האבען דער׳הרג׳עט די
בעסטע שיסער.

— ווירקליך! — האט אונטערגעכאפּט יעווגעניא סאמאילאווגא,
און ניט ווילענדיג, אנגעכאפּט נעלי׳ן פאר׳ן האנט ווי זי וואלט פאר־
ענדיגען די אנגעהויבענע באוועגונג.

נעלי האָט זיך ניט א ריהר געטאָן פון פּלאַץ, ניט ארויסגעריסען די האַנט, נאר ווי פריער געשטאַנען אָנגעשפּאַרט מיט דער האַנט אין טיש.

— א, יא!... — האָט אונטערגעהאלטען טרענעיעוו. עס איז א חילק פון צו שיסען אין א ציעל־ברעט, אדער אין א מענשען ווען ער האַלט אויף דיר אָנגעשטעלט דעם ביקס... דאָס איז א גרויסער אונטערשיעד. עס האָט זיך אויפגעהויבען אַן אומגעלומפּערטער מיש־מאַש. אלע האָבען גערעדט מיט איין מאָל, אזוי ווי זיי וואָלטען ווע־לען פארזיכערען נעלי'ן אין עפּעס אזוינס, אין וואָס זיי אליין האָבען ניט געגלויבט. מיט אמאָל האָט זיך נעלי קורץ צולאַכט, זי איז אָפּגעטראָ־טען פון טיש און איז אוועק צום הויז.

עס איז געוואָרען שטיל און אלע האָבען צומישטע זיך גענומען זעגענען.

— סערגעי ניקאָלאַיעוויטש, — האָט איהם א רוף געטאָן יעווגעניא סאַמאָילאָוונא, — איך דאַרף אייך זאָגען צוויי ווערטער...

דזשענעיעוו האָט זיך אָפּגעשטעלט, מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, ער האָט געוואוסט ווענען וואָס זי וועט ריידען. די איבעריגע זענען אין איילעניש אוועק. עס איז געווען צו שווער און אונאיינ־גענעם.

יעווגעניא סאַמאָילאָוונא איז געשטאַנען פאר דזשענעיעוו'ן און זיך געדרעהט אויף די קאַרקעס. איהר געזיכט איז געווען שפּאַטיש גרויזאַם.

דזשענעיעוו האָט געשוויגען. איהם האָט עפּעס פארדריקט דעם האַלז און ער האָט זיך געפיהלט אזוי קליין און נישטיג, אז אין דער מינוט וואָלט ער ניט געקענט באווייזען קיין ווידערשטאַנד דער גראָב־סטער באליידיגונג, דעם חוצפה'דיגסטען אריינרייסען זיך אין דער נשמה.

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, — האָט מיט אויבערמאַכט און מיט חוצפה אָנגעהויבען יעווגעניא סאַמאָילאָוונא. פארשטעהענדיג זיין צושטאַנד און פיהלענדיג זיין הילפלאָזיגקייט, — דוכט זיך אייך ניט, אז אייער ראָל אין אָט דער געשיכטע איז ניט פון די שעהנע.

דזשענעיעוו האָט זיך א ריס געטאָן מיט זיין גאנצען קערפּער, אזוי ווי די כוחות וואָלטען זיך אומגעקערט צו איהם אין איין אויגענ־

בליק. דאָס בלוט האָט זיך איהם אריינגעוואָרפען אין פּנים און עס איז איהם פינסטער געוואָרען אין די אויגען.

— איך גיב קיינעם דאָס רעכט... האָט ער קוים ארויסגערעדט. יעווגעניא סאמאילאָוונא האָט זיך חוצפּה'דיג צולאַכט.

— איך בעט דאָס ביי אייך אפילו ניט!... איהר קענט זיך אויס־גלייכען ווי איהר ווילט, איך וועל זיך ניט דערשרעקען!... איך האָב אייך געוואָלט זאָגען, אז...

דזשענעיעוו האָט געמאַכט א באַוועגונג צו איהר. ער האָט אויס־געזעהן ווי א וואהנזיניגער, און מעגליך, ווען זי פארלירט נאָך איין וואָרט, וואָלט ער איהר אראָפּגעלאָזען א פּאַטש אין איהר שעהנעם חוצפּה'דיגען געזיכט. אבער יעווגעניא סאמאילאָוונא האָט זיך מיט אמאָל פארנומען אויף צוריק, האָט זיך קלינגענד־שפּאָטיש צולאַכט איהם אין פּנים, זי האָט זיך פלינק אויסגעדרעהט און איז אנטלאָפען צום הויז.

דזשענעיעוו איז געבליבען אויפ'ן פּלאַץ, איהם האָט זיך געדוכט אז ער טונקט זיך איין מיט'ן קאָפּ אין א קלעפּיגער שטינקענדיגער בלאָטע.

דער דיקער, שווערער דאָקטאָר אַרנאַלדי האָט איהם אומעטיג גענומען פאר'ן האַנט און אוועקגעפיהרט.

29.

טרענעיעוו מיט'ן פּאָרוטשיק טאַצקי זענען געשטאַנען אין פאָר־דער־צימער און זיך געזעגענט מיט'ן אדיוטאַנט. טרענעיעוו איז גע־ווען בלאַס און פאַרצאַרענט, דער פּאָרוטשיק אָנגעבלאָזען און געהוי־בען. זיי האָבען שוין איבערגערעדט וועגען אַלעס און דער אדיוטאַנט האָט געוואָרט אז זיי זאָלען אַוועקגעהן. טרענעיעוו האָט דאָס גע־פיהלט. ווי אימער האָט ער געהאַסט אָט דעם שעהנעם אָפיצער מיט

זיין קאַלטען עזות'דיגען געזיכט, ער האָט פאַרהאַסט זיין הויכען טאָן, זיינע מעטאַלענע אויגען צוזאַמען מיט זיין שטאַרקער ברייטער מאָרדע. און פונדעסטוועגען איז שווער געווען אוועקצוגעהן.

— יא, הייסט דאָס, מאָרגען וועלען מיר פאַרפאָהרען נאָך אייך האַלב נאָך פינף אין דער פריה. האָט ער געזאָגט דרעהענדיג די וואָנצען.

— דאָס וויכטיגסטע פאַלט ביי זיך ניט אַרונטער, שלאָפט זיך גוט אויס, כדי די האַנט זאָל ניט ציטערען, האָט באַמערקט דער פּאַרוטשיק טאַצקי, דערביי האָט זיין רויט דיק־אָנגעבלאָזען געזיכט אָנגעהויבען ציטערען. ער האָט זיך אַפילו אומגעקוקט אויף טרענעיעוו'ן, צו יענער הערט, ווי רוהיג און מוטהיג ער האָט אַרויסגערעדט אָט די שרעקליכע ווערטער.

— יא, אויסשלאָפען זיך איז דאָס וויכטיגסטע, — האָט אויטאָמאַטיש אַרויסגעמורמעלט טרענעיעוו זיך כעס'ענדיג אויף יענעם מאָדנעם אונפאַרשטענדליכען געפיהל, וועלכער האָט איהם געשטערט אוועקגעהן.

דער ברייט באַרדיגער אַדיוטאַנט האָט זיך שווייגענדיג געהוידעט אויף די פיס. זיין שעהנער עזות'דיגער פנים האָט געקוקט מיט אַזא קאַלטער פאַראַכטונג אַז אַלע ווערטער זענען פאַרשטיקט געוואָרען אין האַלז.

— צום ווידערזעהן! — האָט אַם ענדע געזאָגט טרענעיעוו און האָט אויסגעצויגען די האַנט צום צווייטען מאָל.

— צום ווידערזעהן, האָט רוהיג געענטפערט דער אַדיוטאַנט.

טרענעיעוו מיט טאַצקין האָבען זיך שוין גענומען אוועקגעהן. דער אַדיוטאַנט איז געבליבען אויפ'ן אָרט. אין דעמערונג האָט זיין געזיכט אויסגעזעהן בלאַס. אין די צימערען איז שוין געווען דונקעל ער איז געשטאַנען אַליין טרענעיעוו'ן האָט מיט אַמאָל אַ שניט געטאָן איבער'ן האַרצען. איהם איז מיט אַמאָל קלאָר געוואָרען אַז אָט דער נידערטרעכטיגער מענש וועט מאָרגען שטאַרבען. און אין דעם זעלבען אָבענט פון זיין לעבען בלייבט ער אַבסאָלוט אַליין אין די פוסטע דונקעלע צימערען. טרענעיעוו האָט זיך דערמאָנט אַז אין דער??? איז ניט געווען אַפילו קיין איין און איינציגער מענש ווער עס זאָל איהם ליעב האָבען. ער האָט אַפילו ניט געהאַט **קיין**

חברים. זיינע באקאנטע: דאס איז בלויז געוועזן מיט־טרינקערס, וועל־כע האבען איהם פארהאסט אין דער שטיל.

עפעס א מאדנע קראפט האט פארהאלטען טרענעיעוו׳ן אויפ׳ן שוועל. ער האט זיך אויף שנעל אומגעקערט, צוגעגאנגען צום אדיוטאנט און האט איהם געזאגט קורץ מיט א ציטער פון אויפרעגונג.

— צום ווידערזעהן מיין טייערער!

איהם האט זיך געוואלט פשוט איהם ארומנעמען און א קוש טאן.

— צום ווידערזעהן, האט ווידערהאלט דער אדיוטאנט און זיך ניט געריהרט פון ארט, אין דער פינסטער האט זיך טרענעיעוו׳ן אויס־געזעהן אז ער האט שפאטיש א שמייכעל געטאן.

אין איין אויגענבליק איז אויסגעלאשען געווארען אין איהם יענער ציטערענדער ווארימער געפיהל, וועלכער האט ערוואכט אין זיין האר־צען. א דינער געפיהל פון באליידיגונג האט ארומגענומען טרענעיעוו׳ן, איהם איז קלאר געווארען אז ער זעהט אויס מיט זיין געפיהל אין דעם אדיוטאנטס אויגען נאריש און לעכערליך סענטימענטאל. און ארויס־געהענדיג האט ער אומיסטען אזוי גראב א טראכט געטאן: פאר א הונט איז גוט א הינטישער טויט.

דעם גאנצען וועג אהיים ווי ער איז נאר פטור געווארען פון דעם נארישען אנגעבלאזענעם טאצקין, האט ער געטראכט וועגען צוויי זאכען:

ערשטענס פארוואס, האט ער מיט אזא זיכערהייט א טראכט געטאן, אז דער׳הרג׳עט ווערען וועט דער אדיוטאנט און ניט ארבוזאוו. ווען ער איז דער בעסטער שיסער אין פאלק און דערצו אזא גרויזא־מער קאלטער מענש?... און צווייטענס, ווארום ניט קוקענדיג דערויף וואס ער איז אזא מיאוס׳ער מענש, איז זיך דאך אזוי שווער און וועהטאגהאפט צו דערמאנען ווי ער איז געשטאנען איינער אליין אין דעם האלב־דונקעלען פוסטען צימער און האט זיי נאכגעקוקט?...

אפשר האט זיך איהם זעהר געוואלט, אז איך זאל פשוט ווי א חבר איהם דריקען די האנט, און זיצען מיט איהם אביסעל און זיך דורכרעדען... אפשר האט ער בלויז פון וואוילזונגערישער געוואוהנהייט זיך געמיהט צו זיין אזוי קאלט און עזות׳דיג... און אפשר איז זיין גאנצע עזות, בלויז א מאסקע אונטער וועלכער ער מיהט זיך דעם

גאנצען לעבען צו באהאלטען זיין אמת'ן פנים פון מענשען, ווייל ער האט זיך אנגעשטויסען אויף עטוואס שרעקליכעס אין לעבען...

גערעכט איז נאומאוו... מענשען זענען אומגליקליך! אומגליקליך איז אי ער, אי ארבוזאוו, אי איך. פון וועהטאג ווארפען מיר זיך אלע איינע אויף די אנדערע ווי בייזע הינט!... נו, און צו וועמען וועל איך קומען דערצעהלען וועגען מיינע ליידען?... דער סאמע נאהענסטער מענש קאטיא וואלט זיך באליידיגט, און מיר אפגעשפיעלט א חתונה פון אייפערזוכט... אנדערע וועלען קוקען דערויף ווי אויף א תאלק פון אן אויסגעלאסענעם מאן, וועלכער האט מורא פאר זיין פרוי... און איך... אך, ווי שווער עס איז צו לעבען אויף דער וועלט!

טרענעיעוו איז א פאר'חשב'טער געגאנגען איבער'ן גאס און ער האט זיך געפיהלט שווער און איינזאם. ער איז נימ אריין צו זיך אין הויז און פון סאמע טויער האט ער זיך פארקערעוועט און איז אוועק אין קלוב. דארטען האט ער געשפיעלט אין קארטען ביז אין דער פריה, האט א סך געטרונקען און איז אינגאנצען ניט געשלאפען. פינף אזייגער איז ער אוועקגעפאהרען נאך דעם פארוטשיק טאצקי.

ווען דער אדיוטאנט איז געבליבען אליין, האט ער זיך אומגע־קערט צו זיך אין קאבינעט. ער האט זיך אוועקגעזעצט ביים טיש, און אוועקלייגענדיג זיין קאפ אויף דער שעהנער, ווייסער האנט, גע־נומען קוקען אין פענסטער. ער האט זיך אבסאלוט ניט געשראקען פאר מארגענדיגען טאג, פאר איהם איז געווען קלאר, אז ער קען ניט דער'הרג'עט ווערען. רוהיג און רעגעלמעסיג האט זיך געקלאפט זיין הארץ, בלויז אין די סאמע טיפענישען פון דער נשמה איז געלעגען עטוואס שווערעס און האט איהם גערייצט מיט א גרויזאמען רייץ פון נקמה.

איהם איז געקומען אין זינען א בייזער און קאלטער געדאנק:

ווען איך וועל דערשיסען אט דעם טיפוש, וועט מען דארפען „חתונה האבען" פאר דעם מיידעל...

ער האט זיך פארגעשטעלט א דינע פרויען פיגור. איהר שוואכען קערפער, דינע ברעמען, טונקעלע אויגען. עס איז געווען עטוואס קאלט בריענדעס אין דעם. וואס אהן אויפרעגונג, אהן א פארלאנג האט ער זיך פארגעשטעלט אט די פרוי אין אן ערנידעריגמער פאזע, א געהארכזאמע צו זיין גראבער תאוה, און איהם האט זיך פארגלוסט

אז זי זאָל זיך איהם אוועקגעבען אויף מאָרגען נאָך דעם דועל. דאָס איז ניט געווען קיין ליידענשאַפט, נאָר אַ מאָדנער, אַבסאָלוט קאַלטער פאַרלאַנג, צו שפּאַטען און שענדען. אָבער אָט דער פאַרלאַנג איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז זיין ברייטע מאָרדע האָט כמעט מיט ווילדבעם פאַרצופט די שטאַרקע ווייסע ציין. אין אָט דער באַוועגונג זיינען איז געווען עטוואָס חיה׳שעס.

אימיצער איז אריין אין צימער.

ווער איז דאָרט? האָט רוהיג געפרעגט דער אָפיצער, און ערשט איצט באַמערקט אַז ער זיצט אין אַ טונקעלען צימער.

דער שוואַרצער געשטאַלט פון׳ם דינער האָט זיך באַוועגט אויפ׳ן שוועל.

אייער עדעלקייט אַ פרוילין איז געקומען... און פרעגט זיך אויף אייך. פון הינטער דער פּלייצע האָט זיך אַרויסגערוקט אַ צווייטע געשטאַלט אַ דינע, וואָס האָט זיך געהוידעט אין דער פינסטער.

דער אַדיוטאַנט האָט זיך מיט פאַרוואונדערונג אויפגעהויבען.

— מיט וואָס קען איך אייך דיענען? — האָט ער געפרעגט.

— איך דאַרף זיך דורכריידען מיט אייך — האָט געענטפערט אַ שטילע פרויען שטים.

דער דינער האָט שטיל פאַרמאַכט די טיר.

דער אַדיוטאַנט איז געשטאַנען ביים טיש, די פרוי ביים טיר. ער האָט זיך איינגעקוקט און ניט געקענט דערקענען.

— וואָס איז אייער באַגער? האָט ער נאָך אַמאָל קאַלט געפרעגט.

די דינינקע געשטאַלט האָט זיך שטיל געריהרט, נאָר זי איז געבליבען ביים טיר. דאַן איז דער אַדיוטאַנט צוגעגאַנגען צו איהר. ער האָט זיך איינגעבויגען און איהר אריינגעקוקט אין אַ בלאַסען געזיכט מיט די בייז־צוזאַמענגענומענע דינע ברעמען.

— אַ! — איהר! — האָט ער פאַרוואונדערט אויסגעשריען.

— איך — האָט שטיל געענטפערט נעלי.

אַן אויסדרוק פון בייזער פרייד האָט זיך באַוויזען אויפ׳ן קאַלטען עזות׳דיגען פּנים מיט דער שטאַרקער שטיינערנער מאָרדע. ער האָט זיך אַ ווײַלע געוואַקעלט, דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו איהר

און גענומען איהר קאַלטע שוואַכע האַנט וואָס איז מאַכטלאָז געהאַנגען איבער׳ן קערפּער.

— איהר... — האָט ער ווידערהאָלט און איז אנטשוויגען געוואָרען.

דאָס, וועגען וואָס ער האָט געטראַכט זיצענדיג אַליין ביים טיש, האָט זיך צוגערוקט מיט א מורא׳דיגער און אונערוואַרטעטער נאָהענטקייט. איהם איז אפילו ניט איינגעפאַלען א טראַכט צו טאָן פאַרוואָס און נאָך וואָס איז זי געקומען, בלויז א גרויזאַם קאַלטער חיוה׳שער געפיהל האָט מיט א שרעקליכער קראַפט ארומגעכאַפּט זיין שטאַרקען קערפּער. אין דער זעלבער מינוט האָט נעלי דערפיהלט אז זי וועט ניט אוועקגעהן פון איהם אזוי ווי זי איז געקומען.

אָבער זי האָט זיך ניט דערשראָקען, איהר איז געוועזן אַלץ איינס. איין געדאַנק האָט געדריקט איהר מוח און דאָס איבעריגע האָט אויסגעזעהן נישטיג.

— איך בין געקומען — איך בין געקומען... איך בעטען — האָט זי ארויסגערעדט.

— וועגען וואָס? — האָט ער געפרעגט איבערטירטשענדיג ווייסע, ווי ביי א וואָלף ברייטע ציין, וועלכע האָבען געבלאַנקט אין דער פינסטער. ער האָט זי אנגענומען ביי דער צווייטער האַנט.

נעלי האָט געמאַכט א שוואַכען פאַרזוך צו באַפרייען זיך.

— דערנאָך... האָט זי געענטפערט אויף זיין באַוועגונג ווי אין חלום. — איך וויל רעדען.

— נו, רעדט! — האָט געזאָגט דער אדיוטאַנט ניט ארויסלאָזענדיג איהר האַנט און בלאַנקענדיג מיט די ציין.

— איהר שלאָגט זיך מאַרגען... מיט ארבוזאָוו׳ן?

— מעגליך.

— איך וויים... דאָס איז איבער מיר... — האָט לאַנגזאַם ווי פון שלאָף גערעדט נעלי. — מען דאַרף דאָס ניט... דער אדיוטאַנט האָט ארויסגעלאָזט איהרע הענט און האָט זיך צולאַכט.

— קענט איהר, מיר אפשר זאָגען פאַרוואָס?

— ווייל איך בין די אורזאַכע...

א שעהנע פרוי, קען זיין א אורזאַכע צו פיעלע זאַכען!

נעלי האָט בייז פאַרקוועטשט די ברעמען, און געקוקט אויף איהם.

זי האָט דוכט זיך ניט פֿאַרשטאַנען אָדער איינגאַנצען ניט געהערט. זיינע ווערטער. אַן אַנגעשטרענגטער געדאַנק האָט אַרויסגעקוקט פֿון איהרע דונקעלע אויגען.

— שולדיג בין איך... און הרג'ענען... ווער איהר איהם — האָט זי ווידערהאָלט.

זעהר מעגליך, האָט שפּאַטיש צוגעשטימט דער אַפּיצער האַרט און קאַלט, זענען געווען זיינע אויגען מיט אַזאַ זיכערען און עזות'דיגען אויסדרוק אין זיי.

— איך וויל דאָס ניט!... — האָט מיט קראַמפּ פֿון פאַרצווייפ־לונג אויסגעשריען נעלי, און איהר שטים האָט זיך מיט אַ הויכען קלאַנג צוטראָגען איבער דער גאַנצער דירה. זי האָט אַפילו אַ טאָפּע געטאָן מיט'ן פוס.

— האַ־האַ! — האָט פאַרוואונדערט און שפּאַטיש אויסגעצויגען דער אַדיוטאַנט.

זי איז געשטאַנען פאַר איהם. איהרע האָר זיינען זיך צופאַלען פאַרדעקט איהר באַק און צוגעגעבען אַ ווילדע שעהנקייט איהר דינעם בלאַסען געזיכט.

דעם אַפּיצער'ס מעטאַלישע אויגען האָבען אַ בליץ געטאָן מיט גרויע זילבערנע פונקען, נאָר געשמייכעלט האָט ער אַלץ אַזוי רוהיג און שפּאַטיש.

— איך ווייס, — האָט מיט שווערקייטען אַנגעהויבען נעלי, — איהר האָט גערעדט וועגען מיר מיאוס, נידערטרעכטיג, אפשר האָב איך דאָס פאַרדינט... איך... אָבער איהם דאַרפט איהר ניט... שווין־זשע פאַרשטעהט איהר ניט אַז דאָס וועט זיין שרעקליך... דאָס איז אַ פאַרברעכען! דאָס דאַרף ניט זיין!

דער אַדיוטאַנט האָט אויסגעהערט, זיך הוידענדיג פון די שפּיץ נעזער פון די שיך ביז די קאַרקעס און צוריק. עס האָט אויסגעזעהן אַזוי ווי די גאַנצע מעשה וואָלט איהם פאַרשאַפען אַ סך שפּאַס.

נעלי האָט אין אַנגסט פאַרבראָכען די הענט.

— הערט זיך איין, איהר זענט דאָך אַ מענש! — האָט זי מיעד ווידערהאָלט. — איהר מוזט דאָס פאַרשטעהן אַז אויב עס וועט עפּעס פּאַסירען... וועט דאָס זיין אַ שרעק!...

דער אַדיוטאַנט האָט געשוויגען און זיך געהוידעט. אַט דער

שווייגען, אזא קאַלטער און פאַרשטעלטער האָט געדריקט נעלי ווי א שטיינערנע וואַנט. זי האָט זיך געפלאָנטערט אין ווערטער און גע־פיהלט אז זי רעדט ניט דאָס, וואָס מען דאַרף. ווען זי איז געלאָפען אהער האָט זיך איהר געדוכט אז זי דאַרף בלויז זאָגען איין וואָרט און קיין זאַך וועט ניט פּאַסירען. זי האָט געהאַסט דעם מענשען. און געדענקט אז זי וועט רעדען צו איהם מיט ווערטער פול מיט האַס, וועלכע וועלען שלאָגען אין פּנים ווי א צוגליטער אייזען. און ער וועט ניט וואַגען ניט אויסצוהערען, וועט ניט וואַגען אפּצוענטפערען אפילו איין און איינציגען וואָרט.

מיט אַמאָל זענען ערגעץ וואו פאַרשוואונדעי אַט די אַלע ווער־טער. זי האָט געפיהלט אז זי האָט ניט וואָס צו זאָגען, מיט וואָס צו־צודריקען אַט דעם מענשען, אז זי קען זיך בלויז צואוויינען און בע־טען.

— דאָס איז גאָרניט אזוי שרעקליך ווי אייך דוכט זיך. — האָט לאַנגזאַם, און אביסעל אונטער'ן נאָז, ארויסגערעדט דער אדיוטאַנט.

א קאַלטער שפּאָטישער שמייכעל האָט געלויכטען אין זיינע גרויע אויגען. ווי עס זעהט אויס האָט ער זיך געשפּיעלט מיט איהר. מיט אַמאָל האָט נעלי דערפיהלט אז ער באַטראַכט זי פון קאָפּ ביז די פיס, אז זיינע אויגען שוועבען מיט אן ענטבלויזענדען בליק איבער איהר ברוסט, הענט און פיס.

עס האָט זי ארומגעכאַפּט א שרעק. זי האָט פאַרשטאַנען וועגען וואָס ער טראַכט, און פאַרשטאַנען אז זי איז אין געפאַר. די פאַר־געסענע מיידעלשע שאַנדע האָט זי ארומגעכאַפּט. נעלי האָט זיך שיעור ניט א וואָרף געטאָן צו דער טיר. אָבער דער געדאַנק, אז אויב זי וועט אוועקגעהן וועט דער דיעל פאַרקומען האָט זי אפּגעהאַלטען. דעם קאַרנעט'ס ווערטער, „ער איז דער בעסטער שיסער אין פּאָלק“, איז העל און דייטליך אויפגעשטאַנען פאַר איהרע אויגען. אליין ניט ווי־סענדיג וואָס זי טוט, אינסטינקטיוו זיך באַנוצענדיג מיט'ן לעצטען מיטעל, האָט נעלי אינערוואַרטעט ווי אן אונטערגעשאָסענע זיך אראָפּ־געלאָזען אויף די קני.

— איך בעט אייך! — האָט זי געמורמעלט ניט וויסענדיג אליין וואָס זי רעדט, דערביי האָט זי איהם אַנגעכאַפּט ביים האַנט מיט די

הייסע פינגער. אויפ'ן אַפּיצער'ס דינע ליפּען האָט זיך באַוויזען אַ מאָדנער און שרעקליכער שמייכעל.

— איהר בעט?... דאָס איז אַנאַנדער זאַך!... אַבער פאַר אַ טובה דאַרף מען צאָהלען, — האָט ער געזאָגט מיט אַ ציטערדיגע שטים.

נעלי האָט בלומרשט ניט פאַרשטאַנען.

— וואָס?... ווי?...

דער אדיוטאַנט האָט קאַלט געשמייכעלט.

— איהר זענט אַ שעהנינקע פרוי... — האָט ער געזאָגט מיט אַ מורא'דיגען אויסדרוק.

נעלי איז לאַנגזאַם אויפגעשטאַנען, איהרע אויגען האָבען געקוקט דראָהענד, דאָס געזיכט איז געווען בלאַס און די ליפּען האָבען גע־ציטערט.

— דאָס איז נידערטרעכטיג, האָט זי געזאָגט פאַרשטיקט, און גע־מאַכט מיט'ן האַנט אַזאַ מין באַוועגונג ווי זי וואָלט זוכען דאָס הענ־טעל פון טיר און ניט קענען געפינען.

— מעגליך.

נעלי האָט אַ ווײַלע געשוויגען, ניט אַראָפּנעמענדיג די אויגען פון זײַן שעהנעם און קאַלטען געזיכט.

דער אדיוטאַנט האָט געוואַרט און געשמייכעלט מיט אַ זיכער־הייט.

— איהר זענט אַ נידעריגער מענש! אַ אויסוואורף — האָט פאַרשטיקט געזאָגט נעלי און געמאַכט אַ שפּאַן נעהענטער צום טיר.

אַ קוים באַמערקבאַרער ציטער איז דורכגעלאָפען איבער דער ברייטער מאָרדע, און די קאַלטע האַרטע אויגען האָבען ניט ווילענדיג אַ פינטעל געטאָן.

אַבער ער האָט ניט געענטפערט, ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט דער פלייצע אין טיש און האָט אַריינגעלייגט די הענט אין די הויזען קעשענעס.

נעלי האָט זיך אויסגעדרעהט און איז פלינק אַוועק צום טיר. דער אדיוטאַנט האָט איהר נאָכגעקוקט. און אונטער אָט דעם בליק פון די גרויע אויגען איז נעלי אַזוי ווי שוואַכער געוואָרען. איהרע באַוועגונגען זענען געוואָרען אונזיכערער און שוואַך, די פיס האָבען

זיך אונטערגעהאקט. זי האָט זיך גענומען פאַר'ן הענטעל פון דער טיר, אָבער זי האָט זי ניט געעפענט. איהר האָט זיך געדוכט אַז די טיר איז מורא'דיג שווער, אַז זי איז אינגאַנצען פון אייזען. זי האָט זיך אומגעקוקט מיט אַן אונבאַשרייבליכען אויסדרוק פון אַנגסט און געבעט.

א האַרטער, גרויזאַמער, קאַלטער פּנים האָט געקוקט אויף איהר. דער אָפיצער האָט ווי אין גרוים אונגעדולד אונטערגעקלאַפּט מיט די פיס אין דיל.

אונערוואַרטעט האָט נעלי ווי אין אַ נעבעל, קיין זאַך ניט געדענקענדיג און ניט פיהלענדיג וואָס זי טוט, האָט זי געמאַכט צו איהם אַ פּאָר אונזיכערע וואַקלענדיגע טריט. זי האָט זיך אַ טרייסעל געטאָן, און ווי פאַלענדיג האָט זי זיך ווידער אַראָפּגעלאָזען אויף די קני.

— אום גאָטעס ווילען! — האָט זי אַרויסגעשעפּטשעט מיט איבערגעטריקענטע ליפּען, אויסציהענדיג צו איהם די הענט.

דער אַדיוטאַנט האָט קאַלט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

נעלי איז לאַנגזאַם אויפגעשטאַנען. די האָר זענען פּאַסמעסווייז געלעגען אויף איהרע פּלייצעס, די פּלייצעס האָבען געציטערט און די און די אויגען זענען געוועזען צושראָקען ווי ביי אַ וואַהנזיניגער.

זי איז ווידער אַוועק צום טיר.

דער אַדיוטאַנט האָט געקוקט אויף די שפּיץ פון זיינע נעגעל. נעלי האָט עפּעס געזאָגט מיט אַ פאַרשטיקטער אונפאַרשטענדליכער שטים.

— וואָס? — האָט ער געפרעגט.

נעלי איז צוגעגאַנגען נאָהענט צו איהם, אַראָפּלאָזענדיג די דינע בלאַסע הענט. איהר גאַנצער פּנים איז געוועזען באַדעקט מיט פלעקען. זי האָט איהם געקוקט גלייך אין פּנים אַריין מיט אַ מורא'דיגען האַס.

— גוט... — האָט זי אַרויסגערעדט, אַזוי ווי זי וואָלט דאַרפען אויפהויבען אַ גרויסע משא.

מיט אַמאָל האָבען זי אַרומגעכאַפּט צוויי שטאַרקע הענט.

מיט'ן לעצטען דורכשיין פון בריהענדען האַס האָט זיך נעלי אַ ריס געטאָן, נאָר צוויי שטאַרקע הענט האָבען נאָך שטאַרקער זי צוגעדריקט און, ווי אַריינפאַלענדיג אין אַ אָפּגרונט, האָט זי זיך אונטערגעגעבען. ווי אין חלום האָט זי געזעהן זיין קאַלטען, נאָר מורא'דיג

פארענדערטען געזיכט, געפיהלט, ווי עס ציטערען זיינע הענט, און דערזעהן פאר זיך די בעט. זי האט זיך נאך אמאל א ריס געטאן מיט א קלאנגלאזען געשריי פון עקעל און גרויל און איז ארייגעפאלען אין בעט, וואוהין עס האט זי אריינגעווארפען א גראבע הארטע קראפט.

— טא לאז־זשע זיך! — האט ער הויך פארשטיקט, ווי מיט א מורא'דיגען האס אויסגעשריען.

נעלי האט פארמאכט די אויגען און פארצופט מיט די ציין.

זי האט געפיהלט ווי אימיצענס הענט האבען זי איבערגעדרעהט אויפ'ן רוקען, ווי זייי בלאנדזשען אום איבער די פיס, גראב ענט־בלויזענדיג דאס לייב ביז'ן גארטעל.

— גיכער... גיכער... בלויז גיכער, האט אט געטראכט, אט גע־שעפטשעט נעלי.

און מיט אמאל האט זי זיך דערפיהלט פריי.

א צו'הרג'עטע און פארטויבטע, ניט פארשטעהענדיג וואס דאס מיינט, האט נעלי געעפענט די אויגען און דערזעהן איהרע נאקעטע פיס און בויך, האט זי אויפגעציטערט אראפגעווארפען פון די קני דאס קליידעל און זיך געזעצט.

דער אדיוטאנט איז געשטאנען נעבען איהר און זיין געזיכט האט אויסגעזעהן אזוי מיעד און דערשלאגען.

— איהר... איהר טראגט?... — האט ער געפרעגט מיט אן אויפגעציטערטער שטים.

א שרעקליכער בזיון האט ארומגעכאפט נעלי'ן, דאס איז געווען עפעס אנאנדער בזיון, אזא מין ווארימער פול מיט הייסע טרערען. זי האט פארדעקט מיט די הענט דעם פנים, און האט זיך איינגעבויגען ביז די סאמע קני, אזוי אז די צולאזענע האר האבען זי כמעט אינגאנצען פארדעקט.

— איך... איך האב ניט געוואוסט!... — האט פארשטיקט ארויס גערעדט דער אדיוטאנט.

זי האט געוויינט מיט הייסע הילפלאזע טרערען, ווי א באלייי־דיגט אומגליקליך קינד. די גאנצע פארביטערטקייט פון דעם דורכ־געלעבטען, איהר גאנצע פארווארפענקייט, איינזאמקייט און שוואכ־קייט, די אונבאוואוסטקייט פון דער שרעקליכער צוקונפט זענען געווען אין אט דעם שטילען פארצווייפעלטען געוויין. דער אדיוטאנט איז א

צומישטער געשטאַנען נעגען איהר און זיין ברייטע מאָרדע האָט גע־ציטערט. דערנאָך האָט ער זיך א וואַרף געטאָן צום טיש, געכאַפּט דעם גראַפין, אנגעגאָסען א גלאָז וואסער און צוגעטראָגען צו נעלי'ן.

— בארוהיגט אייך... טרינקט אוים... טרינקט... — האָט ער געמורמעלט. זיין שטים איז געווען א נייע, א וואַרימע, פול מיט רחמנות, א שרעק פאַר איהר, און שאַנדע פאַר זיך.

מיט אַמאָל האָט נעלי אויפגעהויבען דאָס קעפּעל, און האָט אַזוי צוטרויליך איהם אריינגעקוקט אין פּנים אריין, און איהר פּנימ'ל האָט זיך אזוי פארשעמט קינדעריש, הילפלאָז צושמייכעלט, אזוי ווי זי וואָלט ביי איהר בעסטען פריינד געבעטען ענטשולדיגונג פאַר איהר שוואַכ־קייט.

דער אדיוטאַנט האָט זיך אָפּגעקערט. א פרוי'ס הייסע פינ־גערלעך האָבען איהם אנגענומען ביים האַנט. ער האָט אויסגעריסען די האַנט און איז אָפּגעגאַנגען א פאַר טריט, און שטעהענדיג צו איהר מיט די פּלייצעס האָט ער געזאָגט:

— איך זאָג אייך צו... איך וועל ניט שיסען... ענטשולדיגט, וואס איך...

נעלי האָט געהערט מיט ברייט פארנאנדערגעעפענטע אויגען און מורא געהאַט צו גלויבען. אן אונגעהויער גרויסער און ליכטיגער גע־פיהל איז אַלץ ברייטער געוואַקסען אין איהר אויסגעמאַטערטען האַר־צען.

— געהט! — האָט פארשטיקט ווידערהאָלט דער אָפיצער. — איך זאָג אייך צו...

נעלי איז אויפגעשטאַנען.

— איהר... האָט זי אנגעהויבען מיט א דורכגעלייטערטער פריי־דיגער שטימע, און האָט אויסגעצויגען צו איהם די הענט.

— געהט, אום גאָטעס ווילען, געהט! — האָט ליידענד ווידער־האָלט דער אדיוטאַנט, און האָט זיך אוועקגעזעצט ביים טיש, אנ־שפּארענדיג די קאָפּ אויף די הענט.

עס איז לאַנג געווען שטיל. נעלי איז געשטאַנען ביים בעט און האָט געקוקט אויף איהם. איהר ברענענדיג פּנימ'ל, נאָס פון טרערען האָט געציטערט. דערנאָך איז זי שטיל צוגעגאַנגען און האָט אנגע־ריהרט דעם אדיוטאַנט פאַר דער פּלייצע.

ער האָט זיך ניט אויסגעקערט.

נעלי איז געשטאַנען א ווײַלע, דאַן האָט זי זיך איינגעבויגען און שטיל און צאַרט איהם א קוש געטאָן אין קאָפּ. דערנאָך האָט זי גע־טראַכט א ווײַלע, זיך אויסגעקערט און איז לאַנגזאַם אַוועקגע־גאַנגען. אין טיר האָט זי זיך ווידער אמאָל אָפּגעשטעלט און דער־נאָך געעפענט די טיר.

דער אדיוטאַנט האָט געהערט ווי דיר טיר האָט זיך פאַרמאַכט און האָט זיך ניט א ריהר געטאָן.

דער דינער איז אריין אין צימער, האָט עפּעס גענומען און איז אַוועקגעגאַנגען.

דער אדיוטאַנט איז אַלץ געזעסען, און אין זיין נשמה, וואָס איז געווען מורא'דיג אנגעשטרענגט, און האָט זיך ווי באהאלטען אין א נייעם אונגעהויער גרויסען געפיהל, האָט עפּעס געציטערט און געזונ־גען.

ביינאַכט ווען אַלעם ארום איז געשלאָפען האָט ער אנגעהויבען שרייבען א בריעף צו זיין שוועסטער אין מאָסקווער גובערניע, ער האָט ניט געענדיגט און האָט זיך אין דעם אַנטאָי אַוועקגעלייגט אויפ'ן דיוואַן מיט'ן פּנים אראָפּ.

30.

די זון איז נאָך ניט אויפגעגאַנגען, אבער עס איז שוין געווען ליכטיג, און דער הימעל הינטער'ן וועלדעל איז שוין געווען באַגאָסען מיט גאָלד. ווייט אין די פעלדער איז זיך צוגאַנגען דער נעבעל אין שטאָדט, האָט געבלאַנקט אויף דער זון דער צלם פון קלויסטער, און פון דאָרטען האָט זיך דערטראָגען א ריינער, ווי פון מארגען־טוי גע־וואַשענער קלאַנג. אין וועלדעל האָבען טומעלדיג געשריען די פויג־לען, די בערעזקעס זענען געשטאַנען אזוינע גוטע און שטילע, ווי

בלות וואס זענען אַרויסגעגאַנגען באַגעגענען זייער ליכטיגען חתן. בלויז דער שוואַרצער דאָב האָט גרויסאַרטיג געהאַלטען זיין אייביגע רוהיגקייט, און געקוקט הויך איבער'ן גאַנצען וועלדעל מיט זיין אונ־געהויערער גרינער קאָפּ.

אויף דער קליינינקער גרינער לאַנקע האָט זיך אונרוהיג באַוועגט א קליין הייפעלע מענשען.

אַרבוזאָוו איז אומגעגאַנגען הין און צוריק, טיעף אַריינדריקענדיג די קאַרקעס פון די לאַקירטע שטיוועל אין דער ווייכער ערד. געשפּאַנט האָט ער גלייך און ברייט, בלויז זיין געזיכט איז געווען בלאַסער ווי אימער, און די בייזע פיבערישע אויגען האָבען געקוקט ווי ביי ניט קיין אויסגעשלאָפענעם מענשען. יעדען מאָל ווען ער פלעגט צוקומען צום עק פון וועלדעל, דאָרטען וואו דורך די דינינקע שטאַכעטען פון די בערעזעס שטעהען האָט זיך פריי און ברייט פאַרנאַנדערגעשפּרייט די גאַנצע ווייטקייט פון די ווייטע פעלדער און הויכען הימעל, פלעגט זיך אָפּשטעלען און לאַנג און בייז געקוקט אויף גאָט'ס וועלט. אָבער געקוקט האָט ער ניט אויף די פעלדער, וועלכע זענען שוין געווען באַריהרט פון ראָזעווע מאָרגען־פאַרבען ניט אין העלען הימעל אַרייז, נאָר אַרונטער אין דער ערד. געדוכט האָט זיך, אַז עפּעס אַ מין אונ־ערטרעגליכע שווערינקייט דריקט זיין גרויסע קאָפּ, און לאָזט איהם זי ניט אויפהויבען אום צו זעהען אַט די גאַנצע און פריידיגע וועלט.

דער לאַנגער קאַרנעט קראָוזע, האָט ווי אַ בושעל הויך געהויבען די פּיס און איז אומגעגאַנגען. אויף דער צווייטער זייט פון אַרבו־זאָוו'ן, זיינע קרומע מעפיסטאָפעלשע ברעמען זענען געווען אויפ־געהויבען ווי אין אַ שמערצליכען געדאַנק, אָבער דאָס געזיכט איז ווי אימער געווען פול מיט ווירדע.

דער צווייטער סעקונדאַנט אַ יונגינקער אָפיצערעל איז געזעסען אויף אַ וואָרצעל פון אַ בוים און געראויכערט. דערראויכערענדיג אַ סי־גאַרעטעל האָט ער איהם אַוועקגעוואָרפען ווייט אין אַ זייט, און דערביי זיך געמיהט צו טרעפען אין אַ שטאַם פון אַ בערעזע. און גלייך האָט ער גענומען אַן אַנדערען פון אַ נייענקען לעדערנעם פּאַרטסיגאַר. איהם איז עפּעס געווען אַזוי שווער און באַנג. איהם האָט באַנג געטאָן ניט אַרבוזאָוו, וועלכען ער האָט כמעט ניט געקענט, ניט דער אַדיוטאַנט

וועלכען ער האט ניט ליעב געהאט, נאר עפעס אנדערש אפשר יענעם מענשליך לעבען וועלכעס ברעכט זיך אזוי לייכט ווי גלאז.

אין אנפאנג ווען זיי זענען געפאהרען פון שטאדט, האט דער יונגער אפיצער אנגעצויגען אויף זיך א וועלט מיט העלדישקייט, אין וואס ער האט געפיהלט א נויטווענדיגקייט פאר א דועל. ער האט זיך געפרובט רעדען נאר מען האט איהם כמעט ניט געענטפערט, און די ווערטער זענען ארויסגעקומען פוסט און אונגויטיג. איצט האבען אלע דריי געשוויגען, און יעדערער פון זיי האט געטראכט פאר זיך פון דעם זייניגען, אונפארשטענדליכען פאר דעם צווייטען, און אזוי לאנגזאם שווער האט א מינוט נאך א מינוט זיך געצויגען די צייט.

דער יונגער אפיצער'ל, כאטש זיין הארץ האט א ציטער געטאן, האט זיך אפילו דערפרייט, ווען צווישען די בוימער האבען זיך באוויזען די געשטאלטען פון די צוקומענדיגע אפיצערען. ער איז גלייך אויפגעשטאנען און איז זיי אוועק אנטקעגען מיט אזא מין פארזארגטען פנים, דערביי האט ער זיך מיט אלע כוחות געמיהט צו באהאלטען דעם ציטער וואס האט אנגעכאפט זיינע קני. דער דיקער פארוטשיק טאצקין, מיט ווייסע וואנצען אויף דעם אנגעבלאזענעם געזיכט האט זיך געגריסט, מיט אן אונגעהויער בייזען און וויכטיגען אויסזעהן. איהם איז ווי עס ווייזט אוים געווען אונאנגענעם וואס ניט נאר ער אליין נעהמט אן אנטייל אין אזא וויכטיגען עניז. ער האט זיך ממש פארבלינעט מיט דעם באוואוסטזיין פון זיין ווערטה און האט געוואלט מאכען אזוי, אז די צערעמאניע זאל דורכגעהן לויט אלע רעגעלען פון קונסט. טרענעיעוו האט זיך בייז געגריסט און איז גלייך אוועק אין א זייט, בייסענדיג די לאנגע וואנצען, אזוי ווי ער וואלט וועלען זאגען:

כאפט אייך דער טייפעל... און טוט אייך וואס איהר ווילט!....

דער יונגער אפיצער האט דערשראקען געקוקט אויף'ן אדיוטאנט. יענער איז געווען אנגעטאן אין א ווייסען, שוין אביסעל צו ווייסען קיטעל און א לאנגען גרויען אויבער מאנטעל, וועלכער איז געווען אין גאנצען אפען. זיין קאלטער עזות'דיגער געזיכט איז געווען גלאט אפגעגאלען און פריש, אט ווי ער וואלט זיך אקארשט אפגעוואשען מיט קאלטע וואסער. די גרויע מעטאלישע אויגען האבען געקוקט דורכזיכטיג און ליכטיג. ער ווי אלע אין פאלק האט ניט

ליעב געהאט און מורא געהאט פאר'ן אדיוטאנט. אָבער אַט די אויגען זענען געווען אויגען פון אַן אַנדער מענשען: עס האָט זיך געדוכט אַז עס לייכט אין זיי אַן אינערליכער עקסטאַז. דער יונגינקער אַפּיצער איז געווען ערשטוינט פון אַט דעם אויסדרוק.

אָדער ער וועט דער'הרג'עט ווערען, אָדער... ניט, ער פּיהלט, ווייזט אויס, אַז ער וועט דער'הרג'ענען! — האָט אַ טראַכט געטאָן דער יונגינקער אַפּיצער.

די זון האָט זיך לאַנגזאַם און פריידיג אויפגעהויבען אויף אַ ברעג פון דער ערד. די ווייסע שטאַמען פון די בערעזעס האָבען זיך אַנגעצונדען מיט ראָזעווע און רויטע פלעקען. די לופט איז געוואָרען נאָך ריינער און פון גאַנצען וועלדעל האָט אַ ציה געטאָן מיט אַ שע־מעוודיגער יונגער פרייד.

אַלע האָבען זיך געקוויינקעלט, ניט וויסענדיג ווי אַנצוהויבען, און יעדער איינער האָט זיך געשעמט דער ערשטער אַרויסצושפּרינגען מיט דבורים, און ווי אימער האָט דער נאַרישער און פּוסטער מענש געפונען גיכער פאַר אַלעמען. דער פּאַרוטשיק טאָצקי איז רויט גע־וואָרען זיך אַנגעבלאָזען פון קוראַזש און געזאָגט מיט אַ הויכער ער־האַבענער שטימע:

— נו, עס איז שוין צייט, דענק איך!

דער לאַנגער קאַרנעט קראַוזע, האָט זיך שעמעוודיג אַרויסגערוקט אויפצופריער. ער איז אַרויס אויף דער מיטען פון דעם קליינעם שטיקעל פעלד, און זיך אויסדרעהענדיג מיט דער זייט צו דער אויפ־געהענדער זון, האָט ער גענומען מיט זיינע לאַנגע בושעל פיס, מעסטען די ערד. אויף דעם פּלאַץ, פון וועלכען ער האָט אַנגע־הויבען, לייכט זיך הוידענדיג אין גראָז, ווי אַ שלאַנג וואָס האָט אויפ־געהויבען איהר קאָפּ האָט געשטעקט זיין בוויגזאַמע דינע שפּיז. עס איז עפּעס געווען מאָדנע צו זעהן, ווי די שפּיז האָט זיך שאַרף און דורשטיג איינגעגעסען אין דער גרינער נאַסער ערד. צוקומענדיג צום סוף, האָט זיך קראַוזע אומגעקוקט. קיינער האָט איהם ניט פאַרשטאַ־נען, דאָן ניט פאַרשטעהענדיג האָט ער אויפגעהויבען זיינע קרומע ברעמען און געזאָגט:

— גיט מיר אימיצער...

נאָך איידער ער האָט דערערדט האָט דער פּאַרוטשיק טאָצקי

ארויסגעכאפּט זיין שפּיז און דערלאַנגט. דער קאַרנעט קראַוזע האָט אויפמערקזאַם באַטראַכט די שפּיז, דאַן האָט ער מיט׳ן שטיוועל צו־שאַרט דאָס גראָז און זי אַריינגעשטעקט מיט דעם שפּיז אין דער ערד. די צווייטע שפּיז אין צוואַנציג שפּאַן פון דער האָט זיך גענומען וואַק־לען. איצט האָט דאָס געמאַכט דעם איינדרוק, ווי צוויי שלאַנגען האָבען זיך אויף די עקען אויפגעהויבען הויך איבער דעם גראָז און האָבען כיטרע און בייז געקוקט איינע אויף די אַנדערע. און אַלע־מען האָט אַרומגענומען אַזאַ מורא, וואָס פּופּצעהן שפּאַן זעהען אויס אַזוי קליין.

— נאַריש, נאַריש, נאַריש... — האָט פאַר זיך געמורמעלט טרע־נעיעוו און האָט זיך אָפּגעקערט.

דער פּאַרוטשיק טאַצקי איז אומגעלאָפען און אויף זיין ווייסען שטערען האָבען זיך באַוויזען טראָפּענס שוויים.

— איך בעט זיך שטעלען אויף די ערטער! —האָט ער באַפוילענד, ווי מיט כעס א געשריי געטאָן, דערפאַר וואָס זיי פאַרשטעהן דאָס אַליין ניט, און ער מוז וועגען אַלעם זאָרגען.

— אַרבוזאָוו האָט זיך אויסגעקערט און איז אוועק צום פלאַץ, נאָר דער אַדיוטאַנט האָט דער ערשטער גענומען זיין ביקס און זיך אוועקגעשטעלט אויף זיין אָרט. אַרבוזאָוו האָט קרום און פינסטער א קוק געטאָן אין יענער זייט, און האָט דערזעהן ליכטיגע אויגען, וועלכע האָבען אַזוי ווי וועגען עפּעס גערעדט. ער האָט ארויסגעכאַפּט די ביקס פון די הענט פון יונגינקען אָפיצער און האָט זיך געשטעלט אויף זיין פלאַץ.

קיינער האָט ניט אָנפאַרטרויט דעם פּאַרוטשיק טאַצקי די אָנ־פיהרענדע ראָלע, אָבער ער איז אַזוי געטריי אומגעלאָפען און צוגע־לעגט אַזוי פיעל מיה, אַלעס זאָל געטאָן ווערען לויט אַלע געזעצען, אַז עס האָט איהם אויך קיינער ניט געשטערט. ווען ער האָט אוועקגע־שטעלט די געגנער האָט ער זיך אוועקגעשטעלט אין מיטען, ווי ער וואָלט זיי פאַרשטעלען איינעם פון דעם אַנדערען און אַזוי ערהאָבען מיט ווירדע געזאָגט:

מיר דוכט זיך אַז מיר סעקונדאַנטען דאַרפען אַנווענדען אַלע מיטלען...

דער אַדיוטאַנט האָט ליכטיג געקוקט אויף איהם און האָט גע־

שמייכעלט מיט די איינע אויגען. ארבוזאָוו האָט בייז אַ ציה געטאָן מיט'ן קאָפּ.

אין אָט דער באַוועגונג איז געווען אזוי פיעל אויסדרוק און ענטשלאָסענהייט, אַז דעם פּאַרוטשיק האָט זיך אויסגעוויזען אַז ער האָט פּשוט געזאָגט:

אַ, געה, שוין צו אַלדע שווארצע יאָהר... מיר ווייסען... ציה ניט! פונדעסטוועגען האָט ער ניט פארגעסען אַ קרעבץ צו טאָן, און קוים־קוים הילפלאָז צופּיהרען מיט די הענט, ווי עס פאָדערט זיך אין אזוינע פעלע, און איז אַפּגעשפּרונגען אויף עטליכע טריט, פּונקט אויף דער־מיט צווישען ביידע געגנער און האָט אויפגעהויבען די דאָלאָניעס.

פון יענעם פּלאַץ, וואו אלס אַז אויפגערודערטע הייפּעלע, האָבען זיך צוזאמען געשפּארט די אנדערע סעקונדאַנטען מיט'ן מיליטערישען דאקטאר, האָט מען געקענט זעהען טאַצקי'ס רויטען אַנגעבלאָזענעם פּנים, און די צוויי באַוועגלאָזע געשטאַלטען מיט די אומגעלומפּערטע לאַנגע ביקסען אין די הענט. עס ווייזט אויס אַז די זון איז ארויסגעגאַנגען פון דעם פריהמאָרגען נעבעל, ווייל דער טומעל פון די פויגלען ארום איז געוואָרען שטאַרקער, און מיט אמאָל איז געווארען מורא'דיג ליכטיג, אזוי אַז מען האָט געקענט זעהן דעם אונפארשטענדליך ליכטיגען אויסדרוק פון דעם אדיוטאַנטס אויגען, און ארבוזאָוו'ס בייז צוזאמענגעצויגענע ברעמען פון דער איינגעבויגענער קאָפּ.

איינס!... — האָט דער פּאָרוטשיק אַפּגעריסען אַ געשריי געשאָן. ארבוזאָוו האָט פלינק אויפגעהויבען דעם קאָפּ און אַ קוק געטאָן פאַראויס גלייך אנטקעגען איהם. שוין אביסעל צו נאָהענט, טיעף ארייננדרינגענדיג אין דער נשמה, האָבען געקוקט צוויי ליכטיגע אויגען. און ווי איהם האָט זיך אויסגעדוכט, אין דעם קורצען אייגענבליק, צווישען די אויסגעשרייען איינס צוויי דריי, האָבען אָט די אויגען געקוקט אזוי צערטליך און אפילו מיט ליעבע. די אויגען האָבען גערעדט וועגען עטוואָס, און האָבען זיך געצויגען צו איהם מיט צוויי ליכטיגע שטראַלען. אָבער ארבוזאָוו האָט זיי ניט פארשטאַנען, ער האָט זיך נאָך מעהר אָנגעכמורעט און איז מיט אמאָל בלאַס געוואָרען ווי דער טויט.

— דריי! — האָט פארצווייפעלט אויסגעשריען דער פּאָרוטשיק,

און ניטוווילענדיג אפגעשפרונגען אויף א שפאן.

דער אדיוטאנט האט אויסגעשאסען. דער שאס האט זיך צופלויגען מיט א שארפען קלאנג, און האט זיך צושאטען צווישען די בערעזען שטימען, די דינינקע צווייגעלעך האבען זיך פארנאנדערגעהוידעט און געבליבען שטיל, די פויגלען זענען געווארען אונרוהיג, און האבען זיך אויפגעהויבען אויפ'ן גרינעם שפיץ פון דעמב.

אין איין רגע האבען זיך אין ארבוזאוו'ס קאפ דורכגעטראגען טויזענדער געדאנקען. ער האט כמעט ניט פארהאלטען דאס אויסשיסען.

— פארביי... ער האט אומיסטען אויסגעשאסען פארביי... דאס שפאט ער איבער מיר, צו וואס?... אויף אזא אופן דארף איך אויך אויסשיסען אין א זייט?

דער גאנצער האס, וועלכען ער האט אזוי לאנג געטראגען צום אפיצער, די גאנצע שווערינקייט פון זיינע ליידען, אייפערזוכט, ליעבע און כעס, האבען זיך מאמענטאל אויסגעגאסען אין אן אויסברוך פון ווילדען חיה'שען כעס.

דער אדיוטאנט האט שוין לאנגזאם אראפגעלאזען דעם ביקס, נים אראפנעמענדיג פון איהם די ליכטיגע נים פינטעלדיגע אויגען.

— א... האט זיך ניט באוויזען א טראכט צו טאן ארבוזאוו: — שפעטסט?... דו... דער בעסטער שיסער... נא־זשע דיר...

ער האט אויסגעשאסען, זיך צילענדיג גלייך אין ברוסט פון ווייסען קיטעל. איבער דעם דונערען פון שאס האט ער נים געהערט דעם דערשראקענעם געשריי פון אונטער די בוימער, וואו עס זענען געשטאנען די סעקונדאנטען, און האט ניט געזעהן וואס עס האט זיך געטאן מיט זיין געגנער. ער האט בלויז דערזעהן אז אלע לויפען צו יענעם ארט און ביי אלעמען די אויגען זענען אזוי קיילעכדיגע פון שרעק און די געזיכטער בלאס.

—א, געטראפען! — האט זיך מאמענטאל דורכגעטראגען אין זיין מוח מיט דער קעלט פון גרויל און בייזער פרייד.

דער אדיוטאנט מיט א בלאס געזיכט און מאדנעם שמייכעל האט געמאכט א פאר שפאן צו איהם, דערנאך האט ער זיך איינגעבויגען, ווי ער וואלט צושווימען, און זיך ארונטערזעצענדיג מיט'ן גאנצען קערפער, האט ער זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן גרינעם גראז. איהם האט־

בען ארומגערינגעלט די פּלייצעס פון די סעקונדאַנטען, און ארבוזאַוו האָט ווייטער גאַרניט געזעהן. ער האָט אריינגעלייגט דעם לאַנגען ביקס אין קעשענע, דערנאָך האָט ער איהם ארויסגענומען צוריק און פאַר־וואָרפען איהם אין א זייט, און איז אוועק צוריק צו די פערד, ווי איהם האָט זיך געדוכט, אָבער אין דער אמת'ן גאָר אין אן אנדער זייט.

אימיצער האָט איהם דערזאָגט און אָנגערירט ביים פּלייצע. ארבוזאַוו האָט זיך אויסגעקערט.

געהט... ער רופט אייך!... — האָט עפּעס אַזוי מאָדנע גרויס־ארטיג ארויסגערעדט טרענעיעוו. זיין געזיכט איז געווען בלאַס און געציטערט ווי פון קעלט.

— געהט... איהר האָט איהם דער'הרג'עט!

— א הונט, קומט א הינטישער טויט! — האָט הארט און פינס־טער געענטפערט ארבוזאַוו.

טרענעיעוו האָט זיך דערמאָנט אין זיינע אייגענע ווערטער און האָט אראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ.

— אָבער וואָס איז שוין איצט צו רעדען... — געהט־זשע שוין, נו! — האָט ער געזאָגט.

ארבוזאַוו האָט ניט פארשטעהענדיג א קוק געטאָן אויף זיינע פארלאָרענע בעטענדע אויגען, האָט א דריק געטאָן מיט די פּלייצעס און איז אויף שנעל אוועק צוריק.

דער אדויטאַנט איז געזעסען אויף דער ערד מיט אויסגעצויגענע פיס. דער דאָרער מיליטערישער דאָקטאָר, פאררוקט די היטעל אויף דער פּאַטילניצע איז געזעסען נעבען איהם און זיך גע'עסק'ט מיט זיין בויך. אָבער דעם דאָקטאָר'ס הענט, האָט ארבוזאַוו פריהער פון אַלעס דערזעהן, די נאַסע, שמוציג־רויטע העמד.

— אין בויך! — האָט ער אויטאָמאַטיש א טראַכט געטאָן און א ציטער איז אריבער זיין פּלייצע, און די פיס האָבען מיט אַמאָל אַזוי שמערצליך זיס גענומען נוגען.

דערנאָך האָט ער דערזעהן דעם פּנים.

דעם אדיוטאנט'ס געזיכט איז געווען בלאַס מיט א בלויען אָפּ־שיין, און מאָדנע קרענקליך האָבען געבלאַנקט די ברייטע ווייסע ציין פון אונטער די העלע וואָנצען. זיינע דורכזיכטיגע פרעהליכע אויגען האָבען גלייך געקוקט אויף דעם אנקומענדען ארבוזאַוו'ן. דער פּאַ־

רוטשיק טאַצקי מיט'ן קאַרנעט קראַוזע האָבן איהם געהאַלטען אונ־טער די הענט, דערפאַר זענען זיי געווען אויסגעצויגען אַרויף און אין אַ זייט ווי ביי אַ געקרייצטען.

דערזעהענדיג אַרבוזאָוו'ן, האָט זיך דער אַדיוטאַנט נאָך מעהר צושמייכעלט, און נאָך קרענקליכער האָבען אַ בלאַנק געטאָן די ווייסע ציין. נאָר זיין ברייטע מאָרדע האָט געשפּרונגען און געציטערט.

— איך שטאַרב!... — האָט ער פאַרשטיקט אַרויסגערעדט, באַ־געגענדיג אַרבוזאָוו'ן. — גיט מיר אייער האַנט, איצט איז אַלץ איינס!

אַרבוזאָוו איז געשטאַנען, ווי אַ צוגעשמידעטער.

— ער בעט די האַנט... דריקען די האַנט... — האָט געשעפּטשעט אימיצער פון דער זייט.

אַרבוזאָוו האָט זיך מיט פאַרוואונדערונג אומגעקוקט און דער־זעהן דעם יונגינקען, נאָך כמעט וואַנצענלאָזען אָפיצער מיט אויגען פול מיט טרערען און רחמנות.

דער אַדיוטאַנט האָט זיך געצויגען צו איהם, און זיינע ליכטיגע אויגען זענען נאָך ליכטיגער געוואָרען, פּונקט ווי אין זיי וואָלט שוין אַריינגעדרונגען די טיפעניש פון טויט.

איהר ווייסט, אַז די... נעלי אייערע... איז נעכטען געווען ביי מיר... אין אַבענט — האָט ער געזאָגט מיט אַ מאָדנעם אונפאַרשטענד־ליכען טאָן, אַלץ שמייכלענדיג מיט די ציין.

אַרבוזאָוו'ן האָט זיך דאָס גאַנצע בלוט אַריינגעגאָסען אין קאָפּ אַריין.

אַ ווילדער באַגער זיך אַרויפצוואַרפען אויף איהם און איהם דערשטיקען ווי אַ הונט צוזאַמען מיט אַ רייהע שרעקליכע קאָשמאַרנע בילדער האָבען זיך דורכגעטראָגען אין זיין מוח.

— איך האָב איהר צוגעזאָגט ניט צו שיסען אין אייך!... האָט נאָך שטילער אַרויסגערעדט דער אַדיוטאַנט אין זיין געזיכט האָט זיך באַלויכטען מיט אַזאַ מין באַגייסטערונג, מיט אַזאַ מין אונפאַרשטענד־ליכען פאַר אַלעמען אויסדרוק, אַזוי ווי עס וואָלט זיך אינגאַנצען באַלויכטען פון אינוויינינג.

— איך האָב רחמנות געקראָגען אויף איהר... זי איז אַזוי אומ־גליקליכע!... — האָט פאַרענדיגט דער אַדיוטאַנט. ער איז איינגאַנ־

צען בלוי געוואָרען און האָט זיך גענומען וואַרפען, קרעכצען, און זיך רייסען, ווי א האָז.

פאַרזונקען אין א רויטען אונדורכזיכטיגען נעבעל, האָט ארבוזאָיו געפיהלט אז מען פיהרט איהם ערגעץ. דעם קאָרנעט׳ס קאַלטע שטים האָט צו איהם עפּעס גערעדט, אָבער וואָס האָט ער ניט געקענט פאַר־שטעהן. און דורך זיינע ווערטער האָט זיך בלויז געהערט דער שרעק־ליכער געשריי:

— עס טוט וועה... עס טוט וועה... אוי!

ביים ארויסגאַנג פון וועלדעל האָט די זון שמרעצליך א זעץ גע־טאָן אין די אויגען פאַרבלענדענדיג מיט איהר מעכטיגען העלען ליכט. ווי אונגעהויער ברייט עס איז די וועלט און ווי שעהן עס זענען אויף דער וועלט דער העל־בלויער הימעל, ווייסע וואָלקענס און די באַגאַ־סענע מיט ליכט גרינע פעלדער!

31.

נאָהענט צו דער ערד איז צוגעקומען דער בלאַס געוואָרענער, רויטער פּאַס אין הימעל. און אין די שוואַרצע שאָטענס פון די הייזער, צווישען בוימער, וועלכע האָבען זיך צוזאַמענגעגאָסען אין איין שוואַר־צער מאַסע, האָבען ווי אונרוהיגע שטערען זיך אָנגעצונדען די פייערען. עס האָט געבלאָזען אַן אונרוהיגער אָבענט ווינט, ווי פאַר א שטורעם און אין גאָרטען האָבען טויב גערוישט די בוימער.

דער זומער האָט זיך דערנעהענט צו זיין סוף, און אין דעם גע־רויש פון גאָרטען האָבען זיך שוין מעהר ניט געהערט די פריידיגע, ווייכע, רוהיגע קלאַנגען. האַרט, פול מיט פּחד האָבען גערוישט די בלעטער, מיט קעלט און פוסטקייט האָט געבלאָזען פון דאָרטען.

נעלי איז ארויסגעגאַנגען אויפ׳ן באַלקאָן מיט א לאָמפּ. זי האָט דעם לאָמפּ אוועקגעשטעלט אויפ׳ן טיש און האָט זיך געזעצט אונ־

טערשפארענדיג מיט די הענט דעם קאפ. פאר איהר איז געלעגען א בוך, נאר די שטרענגע אויגען האבען געקוקט איבער'ן בוך אין דעם חושך פון גארטען פונקט ווי זיי וואלטען דארטען זעהן עפעס אזוינס וואס מען דארף פארזיכטיג באטראכטען און איבערדענקען.

פון דער העלער שיין פון לאמפ, האט זיך געדוכט אז ארום און ארום איז אבסאלוט שווארץ און פינסטער. בלויז זיך אפווארפענדיג פון דער ליכט האט מען געקענט זעהן אז דער הימעל איז העלער פון דער ערד, און ווי פון אויבען געהען אום די וואלקענס פלינק און רויכיג, געטריבען פון ווינט און ווי עס ווארפען זיך אין שרעק די שפיצען פון די ביימער. פון צייט צו צייט איז דער ווינט אנגעפאלען אויף דעם לאמפ. דער לאמפ פלעגט זיך א צאפעל טאן, אפשיטען נעלי'ן מיט סאזשע און זי פארזינקען אין דער פינסטער. דערנאך האט דער לאמפ ווידער געברענט העל און ליכטיג.

נעלי האט שטרענג און ערענסט צוזאמענגעצויגען די דונקעלע ברעמען, און צודריקענדיג מיט די הענט די שלייפען געקוקט אין דער פינסטער. אזוי פלינק רויכיג און צוריסען ווי די וואלקענס אין הימעל האבען זיך געטראגען די געדאנקען אין איהר באוועגלאזען קאפ, אין בלאסען פארשטיינערט אנגעשטרענגטען געזיכט.

יעווגעניא סאמאילאווא איז ניט געווען אין דער היים. נעלי האט געוואוסט וואו זי איז, און האט פארדעכטיגט פיעל מעהר, ווי עס איז געווען אין דער ווירקליכקייט, אבער דאס האט שוין ניט געוועקט ביי איהר, די פריהערדיגע שמערצליכע, אייפערזוכטיגע פארשטעלונגען. איהר איז געווען אלץ איינס. ווען נאך דעם דועל און דעם אדיו־טאנט'ס טויט, אט דעם מאדנעם מיט דעם עזות'דיגען קאלטען געזיכט, וועגען וועלכען עס איז ביי איהר פארבליבען א הייליגע און ליכטיגע ערינערונג, איז ארבוזאוו ערגעץ פארשוואונדען און עס האבען זיך גענומען טראגען קלאנגען אז ער שכור'ט אהן אן אויפהער, ווילדעוועט, און פארמאטערט די פראסטיטוטקעס צום טויט און געהט ווירקליך צו גרונד איז אין נעלי'ס נשמה פארגעקומען עפעס א מין קריזיס. זי האט פארשלאסען אין זיך, ווי אפגעשטארבען, און האט שוין מעהר ניט אזוי שטארק געליטען, זי האט שוין ניט געטראכט אזוי פיעל וועגען דער צוקונפט, א פאלשטענדיגער חושך און פוסטקייט האבען באהערשט איהר נשמה. ווי עס זעהט אויס, האט זי

געוואָרט אויף עפּעס א מין סוף אין דער פולער גלייכגילטיגקייט און טעמפּטקייט. זי האָט ערלויבט דעם לעבען צו טאָן מיט איהר וואָס עס וויל, אפילו דאָס סאַמע שענדליכסטע, שרעקליכסטע, און דאָס סאַמע שמוציגסטע.

אימיצער האָט זיך מיט שווערע טריט איבער די שטיגען אויפ־געהויבען אויפ'ן גאַניק. נעלי האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ, אבער צוליעב דער שיין פון לאָמפּ האָט זי גאָרניט געזעהן.

— דאָס בין איך — האָט אין דער פינסטער געזאָגט דער דאָק־טאָר אַרנאַלדי, און האָט זיך אויפגעהייבען אויפ'ן באַלקאָן.

נעלי האָט איהם שוויגענדיג אויסגעצויגען איהר דינע בלאַסע האַנט.

דער גרויסער און שווערער דאָקטאָר אַרנאַלדי האָט אויפמערקזאַם א קוק געטאָן אויף איהר אנגעשטרענגטען געזיכט, אויף די צוזאַמענ־געצויגענע ברעמען און שטרענגע באַוועגלאָזע אויגען, און האָט גאָר־ניט געזאָגט.

נעלי האָט אויך געשוויגען, עס האָט זיך בלויז געהערט, ווי עס האָט גערוישט דער ווינט. און עס האָט זיך געדוכט אז מיט'ן רוישען לויפען די וואָלקענס אין דער הויך. דער דאָקטאָר אַרנאַלדי האָט זיך אוועקגעזעצט ביים טיש, האָט אוועקגעשטעלט פאר זיך דאָס שטעקעל און ארויפגעלעגט דערויף די דיקע הענט.

— דאָקטאָר, — האָט מיט אמאָל איהם א רוף געטאָן נעלי.

דער דאָקטאָר אַרנאַלדי האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ.

— וואָס ?

— זאָגט... אויב דאָס לעבען פארפּלאָנטערט זיך אזוי, אז פאר־נאַנדערפּלאָנטערען איז אונמעגליך און לעבען טאָר מען ניט, וואָס דאַרף מען טאָן.

— מיט א מאָדנער און טויטער שטים האָט נעלי פארגעבען איהר פראַגע, אזוי אויטאָמאַטיש ווי דאָס וואָלט ניט געווען קיין פראַגע, נאָר א טייל פון איהר געדאַנק, וועלכען זי האָט ארויסגעזאָגט און האָט ניט געוואַרט, אויף קיין ענטפער.

— איך ווייס ניט !... — האָט געענטפערט דער דאָקטאָר אַר־נאַלדי, און האָט אראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ.

נעלי האָט נאָך שטאַרקער פארדריקט מיט די הענט די שלייפען

און האָט ווידער אנגעשטעלט די אויגען אין דער פינסטערניש. דער דאָקטאָר האָט געשוויגען. עס האָט געררוישט דער ווינט און אַלץ אונ־רוהיגער איז געוואָרען אַרום, אין דעם חושך וואו אַלעס איז געווען אין דער פולער באַוועגונג און אויפרעגונג. פונקט ווי די ערד וואָלט זיך געגרייט צו עטוואָס שרעקליכעס און דערפאַר זענען אין פּאַנישען שרעק געלאָפען די רויִיגע וואָלקענס. די בוימער האָבען זיך געוואָר־פען און געקלאַגט, און דער ווינט האָט זיך איילענדיג אומגעטראָגען ווי ער וואָלט זיך ניט געפונען קיין אָרט.

עפּעס א שוואַכער קלאַנג האָט זיך דערטראָגען פון די צימערען. אָבער איבער'ן רעש האָט מען ניט געקענט הערען וואָס דאָס איז אַזוינס.

דער דאָקטאָר מיט נעלי'ן האָבען אויפגעהויבען די קעפּ, און זיך צוגעהערט. דער קלאַנג האָט זיך ווידערהאָלט.

— נעלי! — האָבען זיי דערהערט.

— מאַריאַ פּאַוולאָוונאַ רופט אייך! — האָט געזאָגט דער דאָק־טאָר אַרנאַלדי און זיין שטים האָט עפּעס א מאָדנעם ציטער געטאָן.

נעלי האָט זיך פלינק אויפגעהויבען און איז אוועק צום טיר. מיט אַמאָל האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, זיך נאָהענט איינגעבויגען איבער'ן דאָקטאָר אַרנאַלדי און געפרעגט האַרט און האַסטיג:

— זי שטאַרבט?

א שמערצליכער ציטער איז דורכגעגאַנגען דורך דעם דאָקטאָר'ס דיקען געזיכט, און פאַר א מינוט האָט ער גאָרניט געענטפערט. דער־נאָך האָט ער געריהרט מיט די ליפּען נאָר ער האָט ניט געקענט אַרויס־ברייגען קיין איין און איינציגען וואָרט, און האָט בלויז א שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ.

נעלי האָט לאַנג און שווייגענדיג איהם געקוקט אין פּנים אַריין, דערנאָך האָט זי אונערוואַרטעט אויסגעשריען:

— א דאָס פאַרשאָלטענע לעבען! — און איז האַסטיג אוועק אויפ'ן רוף איבערלאָזענדיג אין דעם דאָקטאָר'ס אויער'ן אָט די קללה, וועלכע איז געווען פול מיט אזא כעס און פאַרצווייפלונג, אז ער האָט אויפגעציטערט.

די קראַנקע איז געלעגען אויפ'ן בעט און האָט אויסגעצויגען אנטקעגען נעלי'ן איהרע שוואַכע הענט.

— נעליטשקאַ, איך האָב עפּעס אַזוי מורא... דער ווינט רוישט!...
זיצט אַביסעל מיט מיר!... מיט וועמען האָט איהר דאָרטען גערעדט?

דאָרטען איז דער דאָקטאָר, האָט נעלי געענטפערט פּשוט און ערענסט, אַזוי ניט זי וואָלט איצט פאַרשאַלטען דאָס לעבען מיט אַזאַ פאַרצווייפעלטען געשריי.

די קראַנקע האָט אויפגעעפענט די אויגען. אַ שוואַכע גוסס׳ע פרייד האָט באַלויכטען איהר געזיכט. דער פּנים איהרער איז מיט אַמאָל געוואָרען אַזוי שעהן און ליעב, אַז נעלי האָט זיך אָפּגעקערעוועט אין אַנגסט.

— אויב איהר ווילט וועל איך איהם רופען אַהער? — האָט זי טויב געפרעגט.

— רופט איהם, געוויס... דאָקטאָר! — האָט איהם די קראַנקע אַליין אַ רוף געטאָן.

עס האָבען זיך דערהערט שווערע טריט. נעלי איז געשטאַנען אין מיטען צימער און געקוקט אַט אויף דער טיר און אַט אויף דער קראַנקער. מאַריא פּאַוולאָוונא ניט אַרונטערנעמענדיג די הענט, האָט ניט אַרונטערגענומען די אויגען פון דעם אַריינגאַנג און האָט דערביי שטיל און פריידיג געשמייכעלט. און, מיט אַמאָל, ווען דעם דאָק־טאָר׳ס טריט האָבען זיך דערהערט גאָר נאָהענט הינטער׳ן טיר, האָט זי אויפגעהויבען ביידע הענט און מיט די דינע שוואַכע פינגער פאַ־ריכט די האָר.

נעלי האָט דאָס געזעהן.

דער דאָקטאָר אַרנאַלדי איז אַריינגעקומען.

— זייט געגריסט, מיין טייערער! — איך האָב זיך שוין אַזוי פאַרבייגקט נאָך אייך. — האָט געזאָגט די קראַנקע און האָט זיך צו־לאַכט.

אפילו דאָ, ווען עס בלייבט אַ מענשען בלויז דריי טעג צו לעבען, געפינט ער אויך פאַר זיך אַ מעגליכקייט צו בייגקען!... זעצט זיך זיצט אַ ווייליע מיט מיר.

דאָקטאָר אַרנאַלדי האָט אוועקגעשטעלט דאָס שטעקעל מיט דעם הוט, ער האָט צוגערוקט אַ בייגקעל צום בעט און זיך געזעצט.

די קראַנקע האָט מיט גליקליכע און ליכטיגע אויגען איהם נאָכ־געפאָלגט, און ווען דער דאָקטאָר אַרנאַלדי האָט זיך אָפּגעקערט אום

אוועקצולייגן דעם הוט. האט זי ווידער אויפגעהויבן די הענט און פארריכט די האר.

נעלי איז שטיל ארום אויף'ן באלקאן.

דארטען האט זי ווידער צונויפגעדריקט מיט די הענט די שלייפען, און האט זיך פארטראכט קוקענדיג באוועגלאז אין דעם רוהיגען חושך פון גארטען.

זי האט געטראכט דערפון וואס מאריא פאוולאוונא האט ליעב דעם דאקטאר ארנאלדי, און וועט גאר אין גיכען שטארבען. מיט א מין פארצווייפלונג זי מוז דאס שטארבען, און ווי שטארק זי מוז דאס קעמפען פאר'ן לעבען, זיך קלעפען אין לעבען מיט נוצלאזע און הילפלאזע אנשטרענגונגען! און קיינער וועט זיך קיינמאל ניט דערוויסען און ניט פארשטעהן אט די אנגסט. זי וועט אוועק אין קבר, אזוי ווי זי וואלט גאר קיינמאל אויף דער וועלט ניט געווען, און אויף דער ערד וועט איבערבלייבען דער אלטער אומעטיגער דאקטאר מיט א צובראכענע הארץ און ערליידיגטער נשמה. ווי אונבאשרייבליך שעהן און ליכטיג וועט זיך איהם פארשטעלען יענעם גליק, וואס איז פארבייגעגאנגען אזוי נאהענט און איז פארשוואונדען אויף אייביג, אט פונקט ווי אימיצער וואלט מיט א מורא'דיגער גרויזאמקייט א שפאס געטאן איבער זיין קלעגליכען און אומעטיגען לעבען. און אויב זי וואלט ניט שטארבען וואלטען אוועקגעגאנגען טעג פון געוועהנליכען מענשליכען לעבען: אין א האלב יאהר ארום, וואלטען זיי זיך אנגעהויבען קריגען, צוביסלעך וואלט זיך די ליידענשאפט אויסגעלאשען. און אפשר וואלטען זיי געווארען דערווידער איינער דעם אנדערען... אפשר וואלט זי איהם אוועקגעווארפען... קיין גליק איז ניטא, בלויז א שאטען פון גליק איז דא!... ווי יענע ים פרינצעסין, וואס האט געזונגען אויף די כוואליעס, זי האט אויסגעצויגען וואונדער שעהנע הענט, און באצויבערט — גערופען מיט איהר זיסער ברוסט און געהיימניספולע צויבער אויגען, אויפ'ן ברעג האט זיך אט די וואונדערליכע פרינצעסין פארוואנדעלט אין אן אפגעשטויסענער משונענער בריאה מיט אן עק פון א פיש און א בויך פון א זשאבע...

אין מאריא פאוולאוונא'ס צימער האט געברענט דער לאמפ אונטער א גרינלעכען אבאזשור. אויף איהרע שוואכע הענט, און שנייווייסע לייכער אונטער וועלכע עס האט זיך ווייך געמאלען איהר

דאַרינקער שוואַכינקער קערפּער, איז געפאַלען אַ העלע ליכט, וועז איהר העלע, ווייכע האָר, ווייס פּנים'ל מיט די גרויסע אויגען זענען פאַר־בליבען אין שאָטען. אין אָט דער דורכזיכטיגער גרינליכער דונקעל־הייט האָבען זיך ניט אָנגעזעהן ניט די אויסגעדאַרטע באַקען, ניט די בלויע רינגען אונטער די אויגען און די קראַנקע האָט אויסגעזעהן ווי אַ יונגינקע פאַרליעבטע מיידעל.

זי האָט געקוקט אויפ'ן דאָקטאָר מיט ליכטיגע שיינענדע אויגען און גערעדט:

— מיר איז איצט פיעל בעסער, דאָקטאָר! ווייסט איהר, אַז אַמאָל ווייזט זיך מיר אויס אַז איך קען נאָך געזונט ווערען!... מאָרגנס, פריהער ווען עס פלעגט מיר אַמאָל בעסער ווערען, בין איך דאָך געווען איבערצייגט, אַז איך וועל אינגיכען שטאַרבען... און איצט כאָטש איך בין שוואַך ווי אַ קינד, און אָהן נעלי'ן און זשעניטשקע'ן קען איך זיך ניט אויפהויבען פון בעט, דוכט זיך מיר אַלץ אַז איך וועל גע־זונט ווערען. עס איז אַ שאַנדע זיך מודה צו זיין, דאָקטאָר, — האָט זי געזאָגט מיט אַ שעמעוודיגען שמייכעל, און טרערעלעך האָבען אַ בלאַנק געטאָן אין איהרע אויגען. — אָבער איך האָב געזעהן אַ חלום. און פון דאָן אָן האָב איך אָנגעהויבען האָפען...

דער דאָקטאָר האָט בּרייט פאַרנאַנדערגעעפענט זיינע קליינינקע קלוגע אויגען, און האָט דורכדרינגענד געקוקט אויף איהר. ער האָט שוין פון לאַנג געוואוסט אַז זי וועט שטאַרבען, און עס איז ניטאָ קיין שום האָפנונג. ער האָט זיך שוין אפילו צוגעוואוינט צו דעם געדאַנק, אָבער איצט האָט איהם אַזוי שטאַרק פאַרקלעמט ביים האַרצען, אַז ער האָט שיער ניט אַ געשריי געטאָן. ער האָט געקוקט אויף איהר, אַזאַ רייניקער און ליכטיגער אויף דער ווייסער בעט. ער האָט גע־זעהן איהרע גליקליכע אויגען; ער האָט זיך איינגעהערט אין איהר שעמעוודיג־פריידיגען געמורמעל, פון אַ מענשען וועלכער האָט זיך איינגעגלויבט אין אַ נס, און האָט מיט גרויל באַנומען אַז אין אָט דעם שיינענדען און שטראַהלענדען ליכט פון די אויגען, אין אָט דעם גליק־ליכען שמייכעל קומט דער טויט.

— געוויס! — האָט ער אַ טראַכט געטאָן.

זיין אַלט האַרץ האָט אַזוי שמערצליך גענומען קלאַפען אין אַ נייעם כמעט אונערטרעגליכען געפיהל פון פאַרצווייפלונג. בלויז אין

דער מינוט האָט ער פאַרשטאַנען ווי נאָהענט זי איז צום טויט, ווי שנעל זי וועט ניט ווערן, און ווי שטאַרק ער ליעבט איהר. אויף זיין אָפּגעפּאַרענעם און בלאַס געוואָרענעם פּנים האָט זיך געלייגט דער גרינגער שאָטען פון אבאַזשור. אין אָט דעם געזיכט האָבען זיך שוין ניט געמערקט יענע קנייטשען פון פּיין און ליעבע, וועלכע האָבען פאַרוואַנדעלט אָט דעם מענשליכען פּנים אין א שרעקליכער מאַסקע.

מיט אן איבערמענשליכער אנשטרענגונג האָט דער דאָקטאָר אָר־נאַלדי פאַרשטיקט דעם שרעקליכען ווייטאָג פון הארצען. ער האָט איינ־געהאלטען דעם געשריי און רוהיג געפרעגט:

וואָס פאַר א חלום?

די קראַנקע האָט א שטילען שמייכעל געטאָן.

— מיר האָט זיך געחלומ'ט, אז ביינאַכט בין איך שטילינקער־הייט אנטלאָפען פון דער היים. אזוי אז איהר מיט זשעניטשקען זאָלט ניט זעהן... ווארום עפּעס, איהר, — האָט זי זיך צולאַכט מיט טרערען אין די אויגען. עס איז געווען שרעקליך, אזוי פינסטער און איינזאַם אזוי פּוסט — פּוסט... דערצו האָב איך זיך נאָך געשראָקען, אז מען זאָל מיך ניט דערקענען... און דערנאָך... איהר, ווייסט דאָך ווי דאָס טרעפט אין חלום, עס איז גלייך געוואָרען אזוי לייכט, אַלץ ארום האָט זיך באַלויכטען, די נאַכט איז פאַרשוואונדען און עס קוועלט שוין א לייכטער און פריידיגער פריהמאָרגען... דער גאַנצער הימעל איז אין ליכט, און ארום און זענען פעלדער מיט בלומען! ארום־ארום זענען אזוינע פּשוט'ע, אבער ליעבע פעלד־בלומען, רויטינקע, געלינקע און בלויאינקע... איך געה און טראַכט... איבריגענס, ווייס איך ניט, וואָס איך טראַכט... — די קראַנקע האָט זיך פאַרשעמט, זי איז רויט געוואָרען, האָט אין איילעניש א קוק געטאָן אויפ'ן דאָקטאָר און אראָפּ־געלאָזען די אויגען. — וועגען עטוואס גוטעס, זעהר גוטעס האָב איך געטראַכט!... און איך האָב נאָך געטראַכט: גאָט מיינער. איך בין דאָך גאָרניט קראַנק... ווייל מיר איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אזוי לייכט און גוט, ווי דאָן!... און ווירקליך, איך בין געוואָרען אזוי לייכט ווי א נעבעל... איך האָב א קוק געטאָן אויף מיין קלייד און זעה אז איך בין אינגאַנצען א דורכזיכטיגע און דורך מיר קען מען זעהן די בלו־מען... דערנאָך איז עפּעס געוואָרען אזוי מאָדנע... מיך האָט ארומגע־כאַפּט אזא מין באַגייסטערונג, אז מיר האָט זיך געדוכט, אז מיין

האַרץ וועט דאָס ניט אויסהאַלטען! איך האָב זיך צוואָוויינט, און גע־כאַפּט אַ גאַנצען בינטעל בלומען דאָס צוגעדריקט צום האַרצען און בין אינגאַנצען פאַרשוואונדען... אַרום איז דאָס זעלבע פעלד, די זעלבע בלומען, און מאָרגען־ליכט, די זון געהט אויף און איך בין אינגאַנצען ניטאָ...

— ווי? — האָט מיט אַן אויפגעציטערטער שטים איבערגע־פרעגט דער דאָקטאָר אַרנאַלדי.

— נו, ווי אַזוי?... איך ווייס ניט... נו, פּשוט ניטאָ... און דאָס איז אַזאַ מין גליק, אַזאַ מין גליק!... און דאַ האָט מיר אימיצער גע־זאָגט: נו זעה, אָט ביזטו געזונט געוואָרען... זעה ווי פּראָסט און גוט... דאַ האָב איך זיך אויפגעכאַפּט. מיר איז אַזוי גוט געווען, אַז איך האָב אָנגעהויבען וויינען פון פרייד... איך האָב אויפגעוועקט זשענקען, זי איבערגעשראָקען... און פון יענעם טאָג האָב איך אָנגע־הויבען האָפען. איז דאָס ניט לעכערליך דאָקטאָר?

— פון וואָס איז דאָ צו לאַכען? — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר אַרנאַלדי פאַרצופענדיג די ציין ביז צום ווייטאָג. דאָס איז אַ מעגליכע זאַך... אייך איז ווירקליך געוואָרען בעסער... דער זומער איז אַ שעה־נער און טרוקענער... די לופט איז דאָ אַן אויסגעצייכענטע... דערצו אַ רוהיגער לעבען...

די קראַנקע האָט געקוקט אויף איהם מיט באַגייסטערטע אויגען און איהר האָט זיך געדוכט אַז ער זאָגט אַרויס אויסערגעוועהנליך קלוגע ווערטער.

— אַך ווי גוט עס וועט זיין, דאָקטאָר, אַז איך וועל געזונט ווע־רען, — האָט זי געזאָגט מיט אַ ליכטיגען אומעט, אַ פּאַטש טוענדיג מיט די דורכזיכטיגע הענט. — איך האָב אַזוי פיעל איבערגעלעבט פאַר דער צייט... אַז אין מיר איז איצט שוין גאָר ניט פאַרבליבען פון דעם פריהערדיגען... איך בין שוין ניט מעהר יענע לייכטזיניגע פאַר־דאָרבענע פרוי, וועלכע האָט זיך געוואָרפען אין אַלע זייטען און האָט פאַר׳סמ׳ט דאָס לעבען אי זיך אי אַנדערע. איך ווייס איצט אַלעס. דאָקטאָר... אַ, איך בין געוואָרען אַזאַ קלוגע—חכמה. זי האָט זיך צולאַכט.

דער דאָקטאָר אַרנאַלדי האָט געהערט אין אַנגסט. די דורכזיכ־

טיגע נאַיוו־פרײדיגע, כמעט קינדערשע טענער אין איהר שטים האָ־
בען געשניטען די נשמה.

— און איהר וועט זיך שוין ניט אומקערען צו דער ביהנע? —
האָט ער געפרעגט, און זיין שטים האָט זיך אויך פאַרענדערט: ניט
קיין דערצאָרענטער, ווי אימער נאָר נאַיוו האָט געקלונגען זיין שטים,
אַט ווי גאָר ניט דער דאָקטאָר אַרנאַלדי, אַז אַלטער אומעטיגער מענש
וואָלט גערעדט, נאָר אַ לייכטזיניג קינד וואָס עס וויל זיך מאַכען
פרעהליך.

די קראַנקע האָט אין פרעהליכען שרעק פאַרוואָרפען מיט די הענט
און פיס.

— פאַר קיין געלט ניט! — האָט זי אויסגעשריען מיט קינדער־
שער פרייד. — איצט ווייס איך שוין, וואָס איך האָב צו טאָן!...
ליעבער דאָקטאָר!... איהר זענט אַזאַ גוטער, ליעבער, ווייסט איהר...
איהר ווייסט דאָס? יאָ?

זי האָט מיטביידע הענט ארומגעכאַפּט זיין גרויסע דיקע האַנט.
און מיט אַמאָל האָט צוגעצויגען די האַנט צו זיך, און זי צוגעדריקט
צו איהר ברוסט, אַזאַ קלײנינקער און דאַרינקער, ווי ביי אַ דערוואַק־
סענער, וועלכע איז געווען באַהאַלטען אונטער איהר דינינקער ווייסער
בלוזקע.

דער דאָקטאָר האָט אויפגעציטערט פון אַט דער באַריהרונג. ער
האָט צום ערשטען מאָל דערפיהלט אַז דאָס איז אַ יונגע און דאָך זעהר
שעהנע פרוי. אַט דער געפיהל איז געקומען אַזוי אונערוואַרטעט און
מיט אַזאַ קראַפט, און האָט זיך אַזוי וועניג געבונדען מיט דעם קלאָרען
און דייטליכען געדאַנק וועגען איהר טויט, אַז דער דאָקטאָר האָט
שיעור ניט ארויסגעריסען זיין האַנט. אַ בזיון צוזאַמען מיט פרייד
און אַנדערע אונערקלערטע אָדער שוין לאַנג פאַרגעסענע געפיהלען
האָבען איהם ארומגעכאַפּט.

זי האָט איהם נאָהענט, נאָהענט אריינגעקוקט אין די אויגען
מיט איהרע אָפענע, ליכטיגע אויגען, אין וועלכע עס איז ניט געווען
קיין שאָטען פון צומישטקייט, פּחד אָדער שעמעוודיגקייט. זי האָט
איהם ריין און אָפען דערצעהלט וועגען איהר ליעבע.

דאָס איז געווען אַזוי וואונדערליך שעהן און צו דער זעלבער
צייט אַזוי שרעקליך, אַז דער דאָקטאָר אַרנאַלדי האָט זיך איבערגע־

בויגען איבער איהר און איז צוגעפאלען צו איהרע דינע און שוואכע הענט.

— דאָקטאָר! — האָט זי שטיל און גליקליך, אויסגעשריען ניט פאַרשטעהענדיג, וואָס דאָ טוט זיך, — וואָס איז מיט אייך?... האָב איך אייך פאַרשאַפען עגמת נפש?... האָט... איהר, מיך דען ניט...

א גרויל האָט ארומגעכאַפט דעם דאָקטאָר אַרנאַלדי. ער האָט דערפיהלט אז זי וועט ארויסזאָגען אַט דאָס לעצטע וואָרט, און וועט גלייך אַנרופען דאָס גליק, וועלכעס איז קיינמאָל ניט געווען אין זיין לעבען, וועלכעס איז איצט אזוי נאָהענט און וועט דאָך קיינמאָל ניט זיין. און דאַן וועט ער דאָס ניט איבערטראָגען.

— איך בין אזוי... וואָרט האָט ער אין איילעניש טויב איבער־געשלאָגען, — איך בין היינט אזוי מיעד... און נערוועז... איך האָב געמאַכט אַן ערענסטע אָפּעראַציע... און מיך פרייט אזוי וואָס איהר פיהלט זיך בעסער... איך בין אַלט געוואָרען, בין איך שוואַך געוואָ־רען! — האָט ער שפּאַסהאַפט — קרום ארויסגערעדט און איז אויפ־געשטאַנען.

זי האָט אַלץ געהאַלטען דעם דאָקטאָר ביים האַנט און האָט איהם קוים־קוים געצויגען צו זיך. איהרע אויגען האָבען געקוקט אויף איהם פון אויבען. א פייערל האָט געברענט אויף איהרע באַקען, די ליפּען האָבען זיך צועפענט ווי פאַר א קוש און פון אונטער'ן דינעם ליילעך האָט זיך ארויסגעזעהן איהר בויגזאַמער, און אפילו איצט שלאַנקער פרויען קערפּער, וועלכער האָט זיך אויסגעבויגען אין דעם אונמעגלי־כען פאַרלאַנג פון צערטליכקייט.

— נו צום ווידערזעהן... פאַרבעסערט זיך! — האָט איילענדיג געזאָגט דער דאָקטאָר אַרנאַלדי, ער האָט זי א קוש געטאָן אין האַנט און איז פלינק ארויס פון צימער, פיהלענדיג אויף זיך איהר גליקלי־כען פול מיט ליעבע און צערטליכקייט בליק.

אויפ'ן גאַניק האָט ער זיך אַנגעטראָפען מיט יעווגעניא סאַמאָי־לאָוונא, א שלאַנקע און העלע איז זי געווען אָנגעטאָן אין א ברייטען רויטען מאַנטעל און הוט. מיט דער פרישקייט פון ווינט אין דער נאַכט האָט א בלאָז געטאָן פון איהר אויפ'ן דאָקטאָר וועלכער איז ארויס פון א פאַרשטיקטען צימער. זי האָט א שמייכעל געטאָן צו איהם מיט איהר געוואָגטען שמייכעל.

— א, דאס זענט איהר דאקטאר?... וואוהין־זשע געהט איהר אוועק?... — וואס מאכט מיין מאשא? — האט זי פרעהליך און קלינגענד געפרעגט, איינגאנצען איז זי געווען אונטער א שארפען און שטארקען איינדרוק, פון וועלכען עס האבען געבליצט איהרע שווארצע אויגען.

דער דאקטאר האט זיך אפגעשטעלט, ער האט זי אנגעכאפט פארביידע הענט. ער האט צוגעדריקט צום וואנט, אזוי ווי ער וואלט גע־וואלט אפהאלטען איהר לעבעדיגע ראשיגע פרייד און האט געזאגט, כמעט אויסגעשריען:

— זי שטארבט.

יעווגעניא סאמאילאוונא האט זיך ווילד אפגעטרייסעלט פון איהם, זי האט געעפענט דאס מויל, אבער זי האט גארניט געקענט זאגען. איהר שעהנער העלער פנים מיט די שווארצע אויגען און ברע־מען איז בלאס געווארען ווי די וואנט.

— וואס רעדט איהר דאקטאר?

— זי שטארבט... דאס איז דער סוף! — האט ווילד ווידער־האלט דער דאקטאר.

—א...

ער האט ניט דערענדיגט, ער האט אפגעווארפען איהרע הענט, האט זיך שווער אנגעשטויסען אויף דער פארענטשע און איז פאר־שוואונדען אין דער פינסטער צווישען די אויסברוכען פון ווינט.

יעווגעניא סאמאילאוונא האט איהם ווילד נאכגעקוקט. דערנאך האט מיט אמאל האסטיג אונטערגעכאפט דאס קלייד און האט זיך אווארף געטאן צו דער קראנקער. איהר האט זיך פארגעשטעלט אז זי איז שוין געשטארבען און דארטען אין צימער איז בלויז דער טויטער קערפער.

מאריא פאוולאוונא האט זי באגעגענט מיט א פריידיגען אויס־געשריי.

32.

עס זענען געקומען די לעצטע זומערדיגע לבנה נעכט אין דער העלער ליכט פון וועלכע האָט זיך שוין געפיהלט די קעלט פון נאָ־הענטען הערבסט.

די גרויסע ווייסע לבנה איז געשטאַנען אונטער די שוואַרצע בוימער און געבלאַנקט צווישען די צווייגען, אויסציהענדיג אין דער פינסטער לאַנגע פּאַסען פון געהיימניספולען קאַלטען ליכט. ליכט און שאָטען האָבען זיך אויסגעמישט אין א כשוף שפּיעל. ווען דזשענעיעוו איז געגאַנגען מיט יעווגעניא סאַמאַילאָוונא איבער דער ברייטער גליי־כער אַלעע, אַט האָט זיך דאָס געזיכט פון דער יונגער פרוי באַהאַל־טען אין דער פינסטער און בלויז נאָך די קלאַנגען פון איהר פאַר־שייטער יימים האָט מען געקענט פאַרשטעהן אז זי לאַכט, און אַט איז איהר געזיכט אינגאַנצען אַפּגעגאָסען געוואָרען מיט א קאַלטער בלויער שיין, און דאַן האָט פּול־רעטעניש געבלאַנקט איהרע שוואַרצע אויגען, און עס האָבען שאַרף געשוואַרצט די ברעמען אויף'ן ווייסען פּנים. עטוואָס ווילדעס און באַצויבערענד פאַרפיהרעריש איז געווען אין אַט דעם געזיכט. עס האָט געצויגען און גערייצט און דזשענעיעוו האָט געפיהלט אז ער האָסט זי כמעט.

ער איז געגאַנגען נעבען איהר און נערוועז געשלאָגען מיט'ן בייטש איבער די פיס.

צום ערשטען מאָל אין לעבען האָט ער זיך דערפיהלט הילפלאָז. אַט א די געוואָגטע ביז חוצפה, העלע און פאַרשייטע פרוי, האָט איהם געמאַטערט ווי א אינגעל, אַט לאַכנעדיג, אַט כמעט זיך אַפּגעבענדיג, אַט אַפּשטויסענדיג, אַט זיך אַנריהרענדיג אין איהם מיט איהר גאַנצען בויגזאַמען און שלאַנקען קערפּער.

עס זענען געווען מאָמענטען ווען איהם האָט זיך געדוכט אז ער האָט דערגרייכט זיין ציעל, אבער אין דער לעצטער מינוט פלעגט זי זיך אַזוי לייכט און געשיקט אַרויסגליטשען פון זיינע הענט, מיט דעם רייצענדען און אייביג פאַרהיטענדען געלעכטער: אוי־ראַ!

ציטענוויז פלעגט דזשענעיעוו'ן אנכאפּען אזא כעס, אז ער איז גרייט געווען זי גראָב צו באַליידיגען און אוועקגעהן.

אפשר פאַרשאַפט אייך פאַרגעניגען אַט די שפּיעל, — האָט ער געזאָגט מיט א נאַטירליך ניט גלייכער שטים און וועלכער עס האָבען געציטערט אי כעס אי באַגעהר, אָבער איך בין ניט קיין בעלן אויף אַזוינע שפּילערייען... דאָס פּאַסט מיר ניט צום פּנים און עס איז אויך ניט לויט מיינע יאָהרען!... איך בין ניט געוואָהנט...

— מען דאַרף זיך צו אַלעם צוגעוואוינען סערגעי ניקאַלאַיעוויטש!

— האָט צערטליך געענטפערט יעווגעניא סאַמאַילאָוונא פון דער פינס-טער.

דזשענעיעוו האָט פלינק א קוק געטאָן אויף איהר, אָבער א געדיכטער שווארצער שאָטען האָט פאַרבאַהאַלטען איהר פּנים, און ער האָט בלויז געטראָפען אז זי שמייכעלט.

— איך זעה ניט קיין שום נויטווענדיגקייט דערין! האָט צווישען די ציין אָפּגעענטפערט דזשענעיעוו, בלאָס ווערענדיג, און זיך פּיה-לענדיג לעכערליך.

דאָס מאַכט אייך אביסעל ווייניגער צו גלויבען אין זיך!

— און מיר געפעלט דאָס ניט! — האָט ער זיך איבער די כוחות געמיהט אריינצופאַלען אין דעם זעלבען טאָן פון לייכטען שפּיעל און שפּאַט.

— פאַרוואָס? — האָט מיט א נאַיוו פאַרוואונדערטען טאָן אויס-געשריען זשעניטשקא, און איז מיט אַמאָל באַוויזען אין דער ליכט פון דער לבנה, אינגאַנצען פון קאָפּ ביז די פיס, א הויכע א שלאַנקע, מיט א הויכער ברוסט און דינער טאַליע. די לבנה האָט זי דייטליך ביז צו די שפּיץ שיך וואָס האָבען לייכט געטראָטען איבער דער גלאַ-טער זאַמד פון דער סטעזשקע אויף וועלכער ס'האָבען ווי זילבערנע פונקען געבלאַנקט די זעמדעלעך. — און מיר געפעלט דאָס זעהר!... איהר זענט געוואוינט אז אלעם זאָל זיך טאָן ווי אייך געפעלט, טאָ פּרובט אַמאָל טאָן אַזוי ווי מיר געפעלט!... אין דעם איז אויך דאָ פאַרגעניגען! עס געפעלט אייך טאַקע זעהר ניט?... אַרימינקער, איך האָב רחמנות אויף אייך!

דזשענעיעוו האָט פלינק א קוק געטאָן אויף איהר ווייסען העלזן

געזיכט, און דערזעהן אז איהרע ראָזעווע ליפּען ציטערען פון געלעכ־טער.

— און ווייסט איהר, — האָט זי מיט אמאָל אנגעהויבען אזוי ערהאבען און ערענסט , ווי זי וואָלט אויפגעהערט צו שפּאַסען. — אמאָל ווערט איהר מורא'דיג לעבערליך... באַמערקט איהר ניט? דזשע־נעיעוו'ן האָט ווי אָפּגעגאָסען מיט קעלט, זיינע ציין האָבען גע־נומען סקריפּען פון כעס. דאָס איז שוין געווען אַן אָפּענער שפּאָט.

— איהר, דוכט מיר, דענקט אז איהר לאַכט פון מיר! — האָט ער איינגעהאלטען, אָבער מיט אַ בייז אָנזאָגענדער שטים באַמערקט.

— איך? — האָט פאַרוואונדערט אויסגעשריען יעווגעניא סאַ־מאַילאָוונא און האָט זיך באַהאַלטען אין דעם חושך פון דער נאַכט, ווי אַ ים פּרינצעסען. שוין־זשע, וועל איך וואַגען צו לאַכען איבער אַ דאָן־זשואַן, איבער אַ הערצער באַזיגער... איך אַ שוואַכע פרוי, וועלכע איז אליין אויך בארייט אריינצופאַלען אין זיינע אָרמעס!... שוין־זשע, זענט איהר אזוי באַשיידען... איך האָב בעסער געדענקט וועגען אייך, סערגעי ניקאָלאַיעוויטש!

אין איהר פאַרשייטער שטים האָבען זיך אונבאַמערקבאַר צוזאַ־מענגעפלאָכטען שפּאָט און נאָך עפּעס, אזוינס, וואָס עס האָבען ניט ארויסגערעדט די ווערטער. זי האָט אליין אויך ניט געוואוסט וואָס מיט איהר איז אזוינס. צייטענווייז, ווען דזשענעיעוו פלעגט ווערען זעהר חוצפּה'דיג פלעגט זיך ביי זשעניטשקע'ן אנהויבען דרעהען און ברענען די קאָפּ. די ערד פלעגט אנהויבען שווימען אונטער איהרע פיס, און דעם גאַנצען קערפּער פלעגט ארומנעמען אַ ברענענדער באַ־געהר און שוואַכקייט. אָבער די שטים האָט געגען איהר ווילען, גע־קלונגען פּונקט אזוי קלינגענד און פאַרשייט ארויסרעדענדיג רייצענדע באַליידיגענדע ווערטער. אַמאָל פלעגט די נייגעריגקייט און פאַרלאַנג ארומכאַפּען מיט אזאַ מין קראַמפּ, און זי פלעגט אזוי אַבגעשוואַכט ווערען, אז איהר פלעגט זיך שטאַרק ווילען, אז ער זאָל זיך באַנוצען מיט אָט דער שוואַכקייט. זי האָט געפיהלט אז זי איז שוין מעהר ניט אימשטאַנד זיך צו ווערען. אָבער דזשענעיעוו האָט זיך בלויז באַ־דאַרפט אָנריהרען אָן איהר קערפּער. אזאַ מאָדנער געפיהל, אזאַ קאַל־טער און שטאָלצער, וואָס איז געווען עהנליך צו האַס, זאָל זי אָפּשטויסען.

די ווייסע לבנה האט קאלט אראפגעקוקט אין דונקעלען גארטען. ערגעץ אוואו איז געווען די שטאדט, מענשען און דאס גאנצע איבעריגע לעבען. דא זענען בלויז געווען צוויי יונגע מענשען, וואס באגעהרען איינער דעם אנדערען. מצטערען און גליטשען זיך ארום איינער פון אנדערען אין א פרעהליכער און נעפערליכער שפיעל. און ער איינהאלטענדיג אין זיך דעם פארלאנג, זי אומוואַרפען און איבערגעוואלד בייקומען. פיהלענדיג אין צוויי טריט פון זיך אזא נאהענטען און אונדערגרייכבארען פרויען-קערפער, האט זיך געמיהט צו באהאלטען זיינע געפיהלען. האט גערעדט מיט א בייזער ציטערענדער טרוקענער שטים, אזוי עס וואלט זיין טרוקען אין האלז. און זי מיט צושורפעטע שווארצע האר מיט פארנעבעלטע פון באגעהר אויגען, אינגאנצען אנגעשטרענגט ווי א סטרונע האט פאר'עקשנ'ט געקעמפט אי מיט איהם, אי מיט זיך, פארטיידיגענדיג איהר שעהנעם קערפער. זי האט אי געוואלט אי ניט געוואלט און האט געלאכט פון איהם מיט א הויכען רופענדען געלעכטער.

זיי זענען צוגעקומען צום עק פון גארטען און האבען זיך אפגעשטעלט. דא זענען די בוימער געווען שיטערער און קלענער, ווייסע פון דער לבנה זענען באוועגלאז געשטאנען די שטאמען, און ארום זענען געלעגען שווארצע שאטענס. דער ברייטער הימעל האט אלעם פארגאסען: דעם ווייטען שפיץ פון גלעקער-הויז מיט דעם שימערירענדען קלויסטער, דאס ווייס-געווארענע גראז, די דונקעלע בוימער, דעם אויסגעשטערנטען הימעל און זייערע צוויי דונקעלע געשטאלטען, וואס האבען זיך געשווארצט אויף דער קליינער לאנקע.

— נו, עס איז שוין צייט צו געהן אהיים, מאשא ווארט! — האט געזאגט יעווגעניא סאמאילאוונא, און איז ניט אוועקגעגאנגען. דזשענעיעוו איז געשטאנען פאר איהר און האט גלייך געקוקט אין איהר ווייסען, העלען פון דער לבנה געזיכט מיט די שווארצע אויגען און אויסגעטאקטע ברעמען. און ווידער איז זי אינגאנצען פון דער לייכטער העלער הוט ביז די שפיץ פון די שיך געווען פאר זיינע אויגען. איהר בויגזאמע טאליע האט זיך געהוידעט אזוי ווי זי וואלט בעטען אומארמונג, די ברוסט האט זיך געבויגען, און רופענדיג האבען געלאכט די העלע רויטע ליפען.

דזשענעיעוו'ן האט זיך געדוכט אז ער איז אינערטערגליך לעבער-

ליך אין זיין פאַרלאַנג, וועלכע ווערט ניט געטיילט פון דעם צווייטען, און פאַרשאַפט איהר בּלויז שפּאַס. אין דער מינוט האָט איהם פאַר־לאָזען דער געוועהנליכער באוואוסטזיין פון זיין מאַכט איבער דער פרוי. ער האָט ניט געפיהלט, ווי אימער זיין שטאַרקען שלאַנקען קער־פּער און זיין בלאַסען געזיכט מיט די ברענענדע אויגען.

— נו, וואָס... צום ווידערזעהן... — האָט ער אַרויסגערעדט הייר־זעריג, אפשר פאַרשאַף איך אייך אַ סך שפּאַסהאַפטען פאַרגעניגען. אָבער דאָס איז ניט לויט מיינע כוחות... געווגג. איהר דאַרפט זיך אָפּזוכען אימיצען אנדערש, ווייל איך בין ניט פון די וועלכע קענען דינען אַלס פאַרוויילונג, פאַר אַרטיסטקעס וואָס לאַנגווייליגען זיך.

יעווגעניא סאַמאַילאָוונאַ האָט געקוקט אויף איהם מיט אַ בליק פול סודות, אַזוי ווי איהר וואָלט, זיין ברוגז'ער בזיון פאַרשאַפען גרויס פאַרגעניגען. עטוואָס מאָדנע אַנגעשטרענגטעס איז געווען אין איהר דינער געשטאַלט, וועלכע איז געווען באַגאָסען מיט לבנה־שיין.

— זייט געזונט! — האָט ווידערהאָלט דזשענעיעוו און האָט זיך אויסגעקערט.

— וואוהין־זשע געהט איהר?... באַגלייט מיך אַהיים! שעהן!

— האָט זי שטיל, אַזוי ווי מיט פאַרוואונדערונג געזאָגט.

— איהר זענט אין אייער אייגענעם גאָרטען, האָט גראָב און חוצפה'דיג געענטפערט דזשענעיעוו, — איהר וועט שוין אליין געפי־נען די וועג אַהיים... איהם האָט זיך געוואָלט זי באַליידיגען, אויס־גיסען יענעם ברענענדען פיזישען כעס, פון וועלכען עס האָט געציטערט זיין גאַנצער קערפּער. ער איז געווען בלאַס און אַזוי ווי רוהיג.

יעווגעניא סאַמאַילאָוונאַ האָט געשוויגען.

דזשענעיעוו האָט אויפגעהויבען דעם הוט און איז אוועקגעגאַנגען.

זי איז געשטאַנען אויפ'ן גראָז אינגאַנצען אָפּגעגאָסען מיט דער קאַלטער לבנה־ליכט, אַט ווי זי וואָלט געווען געשמידט פון דער ליכט און האָט געשוויגען, זי האָט ניט געמאַכט די קלענסטע באוועגונג איהם אָפּצוהאַלטען. דזשענעיעוו איז שוין אריין אין שאָטען פון די בוימער.

— שטעהט אַ ווייל! — האָט מיט אַמאָל מאָדנע, און כמעט שטרענג אַ געשריי געטאָן די יונגע פרוי.

דזשענעיעוו האָט זיך אָפּגעשטעלט.

פון דאנעז האט מען שוין ניט געקענט זעהן דעם אויסדרוק פון איהרע אויגעז, און זי אינגאנצעז האט אויסגעזעהן פון דער לבנה־שיין, אזוי לייכט, ווי זי וואלט זיין פון לופט געמאכט, ווי א וואלד גייסט, וואס איז ארויסגעקומען צו באצויבערען ביי דער פולער לבנה שיין אויף דעם קליינעם וואלד פעלדעל.

— קומט אהער! — האט זי איהם א רוף געטאן.

דזשענעיעוו האט ניט געפאלגט.

— איהר הערט? קומט אהער... נו... איך וויל!... איהר הערט?

אין איהר ניט הויכען אבער מעכטיגען רופען האבען געקלונגען ליידענשאפטליכע רופענדע טענער. זי האט נאך אליין ניט געוואוסט נאך וואס זי רופט איהם, נאר אלעם איז פאר איהר געשוואומען. עס האט געשטיקט, און איהר האט זיך געדוכט אז די לבנה איז צוגעקומען נאהענט צו דעם פעלדעל און בריהט זי מיט איהר ווייסען כישוף־שיין.

ניט זי, און ניט דזשענעיעוו האבען געוואוסט, ווי אזוי ער איז אויסגעוואקסען ארום איהר, ווי אזוי זיינע הענט האבען ארומגעכאפט איהר טאליע און איבערגעבויגען אויף צוריק איהר גאנצען קערפער און זי צוגעדריקט צו זיין שטארקער שטייפער ברוסט. אזוי נאהענט. נאהענט האבען זיי געזעהן איינער דעם אנדערענס אויגען. אט די אויגען האבען געקוקט און געהיט יעדער באוועגונג, אזוי ווי זיי וואלטען געווען שונאים, וועלכע זענען ארוים אין קאמף אויף לעבען און טויט. אבער זי האט זיך ניט געגעבען. זי האט זיך איבערגעבויגען אויף צוריק. א בלאסע מיט א פארנעבעלטען בליק, האט זי זיך אנגעשפארט מיט די הענט אין זיין ברוסט און געשוויגען.

דזשענעיעוו'ן האט זיך אויסגעוויזען אז דער אויסדרוק פון איהר געזיכט איז א דראהענדער, כמעט א בייזער.

— נו, — האט הייזעריג ארויסגערעדט דזשענעיעוו, כמעט א ווארף טוענדיג זי אויף דער ערד. נאר זי האט זיך אויסגעדרעהט און איז שוין ווי א קאץ געשטאנען אויף די פיס, ווי פריער אנגעשפארט מיט די הענט אין זיין ברוסט מיט עקשנות, ניט צולאזענדיג איהם צו זיך, כמעט מיט האס.

— איך וויל דיך... איך וויל! — האט פארשטיקט ארויסגערעט דזשענעיעוו ניט הערענדיג די ווערטער. — נו?...

— און איך וויל ניט! — האָט זי ארויסגערעדט בייז און גרויז־זאם. — לאָזט מיך צו רוה! ווי וואַגט איהר!

ער האָט כמעט ניט געהערט איהרע ווערטער. ער האָט שוין קיין זאך ניט געוואוסט. ער האָט בלויז געפיהלט אין זיינע הענט איהר קערפּער, האָט איהם געבויגען און גראָב געשלעפּט אין גראָז. עפּעס א מין קרעכץ האָט זיך ארויסגעריסען פון זיינע פארצופּטע ציין.

זי האָט זיך אויסגעדרעהט.

— אוי־ראַ! — האָט זיך דערהערט איהר טריאומפירענדע פאר־היטענדע שטים, און די פרוי איז שוין געשטאַנען אין צוויי טריט פון איהם, ווידער א פרייע און אָפּשפּעטענדע, און זיינע הענט זענען גע־בליבען הענגען אין דער לופטען, און די ליפּען אויסגעצויגענע פאר א קוש. וועלכער האָט באַדארפט פארברענען, האָבען א קוש געטאָן א ליידיגען פּלאַץ. אלעס איז דונקעלער געווארען אין דזשענעיעוו'ס אויגען. איהם האָט ארומגעכאפּט א ווילדער כעס, ניט ווילענדיג, ניט וויסענדיג וואו ער איז האָט ער אויפגעהויבען דעם בייטשעל און האָט א קוק געטאָן אויף איהרע קיילעכדיגע שלאַנקע פּלייצעס. די פרוי האָט איבערגעכאפּט אַט דעם בליק און האָט פאר פארטיידיגונג אויפ־געהויבען די האַנט מיט א רחמנות'דיגען דערשראָקענעם אויסגעשריי. אונטערגעכאַפּט פון א מאָדנער קראַפט, האָט ער שאַרף דערפיהלט אז זי וואַרט אויף א פּאַטש און אז א פּאַטש טאָן דאַרף מען, האָט דזשע־נעיעוו א מאַך געטאָן מיט'ן בייטשעל און האָט מיט א ברענענדען ווייטאָג ארומגעגארטעלט איהרע צאַרטע פּלייצעס. פייערען האָבען אויפגעפּלאַקערט פאר זיינע אויגען.

— אַי! — האָט רחמנות'דיג און קרענקליך אויסגעשריען די פרוי, זי האָט זיך א טרייסעל געטאָן און האָט זיך אנגעכאַפּט פאר'ן בייטשעל. — עס טוט וועה! מען דאַרף ניט!...

אין דער זעלבער רגע האָט ער ערגעץ פארוואַרפען דאָס בייטשעל און ארומגענומען איהר אָפּגעשוואכטען פאַלענדען קערפּער, צוריבען און א וואַרף געטאָן אויף דעם גראָז. א געהאַרכזאַמע ווי א שקלאַפין האָט ער זי גענומען. מיט מאַכט און גראָב, האָט ער מיט דער קני צונומען איהרע ענטבלויזטע פיס וואָס האָבען זיך געוועהרט.

זי האָט א געשריי געטאָן ווען זי האָט דערפיהלט א פייערדיגע

באריהרונג, א וויטאג, אזן א בריהענדען פארגעניגען, וואס האט אלץ ארום פארדרעהט.

זי האט איהם ארומגעכאפט מיט די הענט און פיס, זיך צוגע־דריקט כמעט ארומגעוויקעלט ארום איהם א האלב־נאקעטע, אונפאר־שעמטע און דורשטיגע.

— איך וויל... איך וויל... — האט זי ארויסגערעדט צווישען די ציין, און איז פארשטארבען אונטער זיינע מעכטיגע באוועגונגען, וואס האבען זי געדריקט, געשטויסען און געריבען.

די לבנה האט ווייס און קיילעכדיג געקוקט אויפ'ן פעלדעל, באַ־לייכטענדיג די נאקעטע וואונדער שעהנע פיס פון א פרוי, איהר בלאס געזיכט מיט די פארמאכטע אויגען און צוזאמענגעצופטע ציין.

38.

אין דעם טאג האט זיך יעווגעניא סאמאילאוונא אויפגעכאפט שפעט און איז לאנג געלעגען אויפ'ן בעט, פויל און ברייט צוואוואר־פען איהר רייכען קערפער. איהרע שווארצע האר האבען זיך צולאזען און האבען פארגאסען די גאנצע קישען צוזאמען מיט די רונדע נאקעטע פלייצעס. דער צוקנייטשטער ליילעך האט זיך אראפגעגליטשט אויפ'ן דיל און אויף דער ווייסער בעט האבען זיך דונקעל געדרויטעלט די שלאנקע קליינע פיס. זשעניטשקא האט פארוואָרפען די הענט און האט זיי פארפלאנטערט אין די האר. א מאדנע זיסער געפיהל האט גענאגט איהר קערפער, אין די הענט און פיס האט זיך געפיהלט א ליעבע מיעדקייט. עס האט זיך געוואלט אויסציהען, צוואווארפען די פיס, ארונטערוואַרפען דעם ליילעך און ליגען איינגאנצען באוועגלאָז, נאקעט און אונפארשעמט, מיט פארמאכטע אויגען.

זי האט ניט געטראכט דערפון, וואס עס האט פאסירט נעכטען.

זי האט ניט מורא געהאט און ניט געטרויערט, אזוי ווי זי וואלט גע־

נומען עטוואס איהר אייגענס, אזוינס וואס קיינער אין דער וועלט קען דאס ביי איהר ניט אוועקנעמען, און קען איהר ניט שטערען הנאה צו האבען פון דעם איבערגעלעבטען געפיהל.

מאדנע איז דאס, וואס דזשענעיעוו האט זיך איהר אפילו ניט פארגעשטעלט פונקט ווי ניט וועגען איהם וואלט זיך דאס געהאנדעלט. פונקט ווי אַט דער פארגעניגען וואלט געווען בלויז איהרער, און אפילו אַט דער פאטש מיט'ן בייטשעל וואלט אויך געווען איהרער. יעווגע־ניא סאמאילאַוונא האט זיך ניט געגלוסט אז דער געליעבטער זאל ווידער קומען. איהר האט זיך ניט געגלוסט דענקען אז דאס קען זיך ווידערהאלען, און אז פון נעכטיגען טאג — איז זי א געליעבטע אויף וועלכער ער האט געוויסע רעכט. עס האט זיך בלויז געוואלט ליגען און ווי נאר מעגליך ברייטער און פרייער צו צוואווארפען איהר רייכען יונגען קערפער אויף דעם ווייכען און ווייסען געלעגער.

אך, ווי גוט! — האט זי אהן ווערטער, עפּעס אין א מין פארגעסענהייט, געטראכט. אבער אַט דער געדאנק איז געווען זאכלאז און האט זיך אינגאנצען ארויסגעשפּראצט אין איהר אייגענעם רייכען קערפער.

זי האט געפיהלט איהר גאנצע שעהנקייט, סיי אין דעם שפּירען פון אַט די רונדע דונקעלע הענט און פיס, שטייפער אנגעשטרענגטער ברוסט, סיי אין דער בויגזאמקייט פון איהר ווייכען, הויכען געשטאלט, סיי אין דער אונפארשעמטקייט פון דעם ענטבלויזטען ראזעווען בויך; זי האט געפיהלט די גאנצע וואונדערליכע שעהנקייט פון איהר קער־פער, וועלכער האט אין דער אונפארשעמטער זינדיגער נאקעטקייט גע־לעבט מיט זיין פולען פארכאפּענדען לעבען.

ווען זי איז אם ענדע אויפגעשטאנען, און האט זיך ארומגעוואשען מיט קאלטע וואסער, פון וועלכע עס איז אזוי פארשטארקט און שטייף געווארען איהר גאנצער קערפער, פון די שפּיץ פינגער פון די פיס, ביז די בלאנקענדע רונדע פּלייצעס, און האט זיך שטייף ארומגענומען מיט איהר באליעבטען און געשיקטען רויטען קלייד, און איז ארויס פון צימער, איז יעווגעניא סאמאילאוונא געווען פונקט אזוי פרעהליך, לייכט און זארגלאז, אזוי ווי עס האט גאר — ניט פּאסירט.

די זון האט העל געלויכטען, אלץ איז געווען באגאסען מיט ליכט

פון די אָפּענע פענסטער האָט אַריינגעקוקט, אַ פרייִדיגער און ניט היי־סער טאָג.

אין עס־צימער האָט זי פאַרזאָרגט באַגעגענט די בייזע נעלי.

— גייט אַריין צו מאַריאַ פּאַוולאָוונאַ. עס איז איהר שלעכט! האָט זי געזאָגט, און האָט דורכדרינגענד מיט אויגען וואָס ווייסען עט־וואָס באַקוקט איהר ראָזעווען און שמייכלענדען געזיכט.

— שוין־זשע? — האָט דערשראָקען געפרעגט יעווגעניאַ סאַ־מאָילאָוונאַ, און זי האָט זיך פאַרשעמט, צי פאַר נעלי'ס דורכדרינ־גענדען בליק, צי פאַר דעם וואָס זי האָט אינגאַנצען פאַרגעסען די קראַנקע.

מאַריאַ פּאַוולאָוונאַ איז געזעסען אויפ'ן בעט און האָט זי באַגעג־נעט מיט גלאַנצענדע טונקעלע אויגען. עס האָט זיך געדוכט אַז זי איז אַזאַ ווי אימער, אָבער אין שרעקליכען דונקעלען בליק האָט יעווגע־ניאַ סאַמאָילאָוונאַ דערפיהלט עטוואָס מורא'דיגעס.

— וואָס איז מיט דיר? — האָט זי מיט שרעק געפרעגט.

מאַריאַ פּאַוולאָוונאַ האָט אַ קרומען שמייכעל געטאָן, און דער בלאַסער שמייכעל איז מאָמענטאַל צוגאַנגען אין דעם ליידענדען גרויל פון די אויגען.

— עס איז דיר ערגער? עס טוט דיר עפּעס וועה? — האָט צומישט געפרעגט זשעניטשקאַ.

מאַריאַ פּאַוולאָוונאַ האָט קלאַנגלאָז געמאַכט מיט די ליפּען.

וואָס? — האָט ניט דערהערענדיג איבערגעפרעגט יעווגעניאַ סאַמאָילאָוונאַ.

— גיב אַ קוק... וואָס איז דאָס? — האָט געזאָגט די קראַנקע.

יעווגעניאַ סאַמאָילאָוונאַ האָט אַראָפּגעלאָזען די אויגען און האָט דערזעהן די ענטבלויזטע בלאַסע פיס פון דער קראַנקער. זיי זענען גע־ווען ווייס מיט אַ מאָדנער, געלבליך וואַקסענער בלאַסקייט. די הויט האָט געגלאַנצט קרענקליך און אונאַנגענעם, און אַלע שטריכען פון אָט די פיס האָבען זיך צושוואָומען אין רונדע אָנגעגאָסענע פאָרמען, אַזוי ווי זיי וואָלטען געווען אַרומגעצויגען מיט אַ בייז אונזעהענדער בולי־בעלע.

— וואָס איז דאָס? — האָט יעווגעניאַ סאַמאָילאָוונאַ ניט פאַר־שטאַנען — מיט פרייד קוקענדיג אויף די שרעקליכע פיס.

— איך ווייס ניט... — האָט קוים הערבאַר, ווי זי וואָלט זיך בעטען רחמים, געמורמעלט די קראַנקע, און דערביי זינלאָז גע־פיהרט מיט די ציטערענדע דינע פינגער איבער דער גלאַט, ווי אויף א בולבע אנגעצויגענער הויט. — דאס איז!... דוכט זיך די וואסער קראַנקהייט... דער סוף!...

— נאַרישקייטען! — האָט אויסגעשריען זשעניטשקא, און א קעלט איז אריבער געגאַנגען איבער איהרע פּלייצעס. עפּעס, איז איהר, אין דער מינוט קלאָר געוואָרען, ניט מיט'ן שכל האָט זי פאַרשטאַנען, נאָר מיט דעם גאַנצען וועזען איהרען האָט זי דערפיהלט, אז דאָס איז, ווירקליך דער סוף.

— ניין... דאָס איז שוין צו אלעס אַן ענדע... איך שטאַרב... — האָט שטיל געזאָגט מאַריא פּאַוולאָוונא, זי האָט זיך מיט אמאל אני־דערגעלייגט מיט'ן פּנים אַרויף און האָט זיך צואַוויינט.

— אפשר שיקען נאָכ'ן דאָקטאָר? — האָט צומישט געפרעגט זשעניטשקא, פיהלענדיג א שרעק און הילפלאָזיגקייט. — רופען?.. איך וועל באלד!

— איך האָב שוין געשיקט נאָכ'ן דאָקטאָר, האָט זיך רוהיג אָפּ־גערופען נעלי, וועלכע איז איצט אריין אין צימער. — דער דאָקטאָר אַרנאָלדי איז ניטאָ אין שטאָדט, ער וועט זיך אומקערען ערשט אין אבענט... איך האָב געשיקט נאָך אן אנדער דאָקטאָר.

זי איז צוגעגאַנגען צום בעט, האָט א שטרענגען קוק געטאָן אויף מאַריא פּאַוולאָוונא און זי גענומען גלעטען איבער'ן קאָפּ. די קראַנקע האָט אויפגעציטערט, א קוק געטאָן אויף איהר און האָט זיך קונוואַל־סיוו אנגעטשעפּעט מיט ביידע הענט אין איהר האַנט און האָט זיך יאָ־מערליך צואַוויינט.

— נעליטשקא... נעליטשקא! — האָט זי געמורמעלט, צווישען די ביטערע הילפלאָזע טרערען, — לאָזט מיך ניט שטאַרבען... איך וויל לעבען... איך האָב מורא, מורא!... נעליטשקא!...

— נו, גאָט זאָל זיין מיט דיר — האָט פאַרלאָרען געזאָגט זשע־ניטשקא, מעג מען דען אזוי... מאַשאַ, ליעבע... וויין ניט!...

די קראַנקע האָט אויסציהענדיג צו איהר די הענט געוויינט. — וואָס־זשע איז דאָס אזוינס! איך וויל ניט שטאַרבען... ראַטעוועט מיך...

העלפט!... איך בין דאך נאך אזוי יונג, לעבן ווילט זיך מיר... פאר־וואס!...

זי האט געוויינט אלץ שטארקער, אלץ העכער געכאפט נע־לי'ס און זשעניטשקע'ס הענט, זיי ארומגענומען און געקושט, און עס האט אויסגעזעהן אז ווען זי זאל נאר קענען וואלט זי אראפגעקראכען אויף דער ערד, און זיך געשלאגען מיט'ן קאפ אין דער ערד, געכאפט זייערע פיס און געקושט. אז אונגלויבליכע מורא, א שרעקליכער טויט אומעט און אנגסט האבען זי געשלאגען. זי האט שוין ניט פארשטאנען מעהר, אז אלץ איז נוצלאז, זי האט זיך גע־כאפט פאר אלץ און געררופען אלעמען, געוואר־ט אויף רעטונג פון מענ־שען און ווידער געפאלען מיט'ן פנים אין דער נאסער פון טרערען קישען, אט ווי זי וואלט זיך באהאלטען פון טויט, וועלכער האט זיך שנעל דערנעהענטערט צו איהר.

— אויב זי וועט אזוי וויינען, וועט זי באלד שטארבען! — האט נעלי שטיל אריינגערוימט יעווגעניא סאמאילאוונא. — וואלט כאטש דער דאקטאר געקומען שנעלער, איך האב שוין לאנג געשיקט נאך איהם!...

א שטונדע איז פאריבער אין אט דעם שרעקליכען קאשמאר.

נעלי מיט זשעניטשקען האבען זיך אהן א טאלק ארומגעדרעהט ארום דער שטארבענדער. איהר געוויין איז אריבערגעגאנגען אין א שרעקליכען, הארץ רייסענדען געלעכטער. זי האט מיט אפענע גלענ־צענדע אויגען געקוקט אין די געזיכטער פון זשעניטשקע'ן און נעלי'ן, אט ווי זי וואלט וועלע זעפעם דערזעהן אין זייערע רחמנות'דיגע און איבערגעשראקענע פנימ'ער. זי איז זיך פארגאנגען אין געלעכטער אלץ העכער און העכער, פונקט ווי זי וואלט לאכען דערפון וואס דער טויט איז אזוי שרעקליך, אזוי אונבאשרייבליך אומגעלומפערט. זשע־ניטשקא האט ניט געקענט הערען אט דעם געלעכטער, זי האט פאר־שטעלט מיט די הענט די אויערען און איז ארויסגעלאפען אין דעם דערבייאיגען צימער, דארטען האט זי זיך צוגעדריקט צו דער וואנט, פארמאכט די אויגען און איז פארשטארבען.

— דאס איז שרעקליך... דאס איז גרויליך... דאס איז מורא'דיג...

— האט זיך זינלאז געדרעהט ביי איהר אין מוח, זי איז שיער ניט משוגע געווארען פון רחמנות און שרעק.

דער געלעכטער האָט זיך פאַרוואַנדעלט אין איין קוויטש, וועל־כער איז אויסגעוואַקסען אין איין ווילדער הילכיגער נאָטע און איז אנשוויינען געוואָרען.

זשעניטשקא איז פאַרשטיינערט געוואָרען, זי האָט אַראָפּגעלאָזען די הענט זיך איינגעהערט און האַסטיג א וואָרף געטאָן אהין.

די קראַנקע איז געלעגען שטיל־שטיל, זי האָט אונטערגעלייגט די דאָלאָניעס פון ביידע הענט אונטער׳ן באַק און געקוקט פאַר זיך מיט א בליק, וואָס זעהט נים. עס האָט אויסגעזעהן, אַז זי האָט פאַר־שטאַנען אַז אַלץ איז אומזיסט און, איהר, וועט שוין קיינער ניט העלפען, דערפאַר האָט זי זיך פאַרשלאָסען און זיך כאָטש ניט דורכ־לאָזען דעם מאָמענט ווען דאָס לעבען וועט זיך ענדיגען.

— מאַשאַ! — האָט זי א רוף געטאָן זשענעטישקא. — מאַשאַ!

די קראַנקע האָט ניט געענטפערט און פאַרטגעזעצט צו קוקען אויף איהר מיט א שרעקליכען אונפאַרשטענדליכען בליק.

זשעניטשקא האָט דערפיהלט אַז זי געהט פון זינען אַראָפּ. אין דער זעלבער צייט האָבען זיך דערהערט מעסיגע און רוהיגע טריט, און אין טיר האָט זיך באַוויזען א רונדע און דיקע פיגורקע, אין א שוואַר־צען פראַק.

— דאָקטאָר! — האָט מיט באַגייסטערונג פון פאַרצווייפלונג א געשריי געטאָן זשעניטשקא. — מאַשאַ, דער דאָקטאָר איז געקומען.

די קראַנקע האָט אויפגעציטערט, זיך אויפגעהויבען, און אנגע־שטעלט אויפ׳ן דאָקטאָר א בליק, פול מיט אנשטרענגונג און וואַנזי־ניגער האָפנונג.

— נו, וואָס האָט געטראָפען? — האָט טרוקען און געשעפטליך ווי א מענש וואָס האַלט טייער יעדע מינוט, געפרעגט דער דאָקטאָר. ווען ער איז צוגעקומען צום בעט און האָט געדריקט די קראַנקער׳ס שוואַכע האַנט, וואָס איז גלייך אַראָפּגעפאַלען.

ער האָט אביסעלע צוגומען די פאָלדען פון זיין פראַק און זיך געזעצט אויפ׳ן ביינקעל, וועלכען זשעניטשקא האָט זיך געאיילט אונ־טערצושטעלען.

ער האָט באַטראַכט דעם צימער מיט א ניט געאיילטען בליק פון זיינע גרויע קאַלטע אויגען, וועלכע האָבען געגלאַנצט פון אונטער די ברילען. זשעניטשקא האָט מיט שרעק און האָפנונג געקוקט אַט אויף

איהם און אַט אויף דער קראַנקער. שטעהענדיג צופוסענס אין בעט. נעלי איז צוגעגאַנגען צום פענסטער.

— קען מען, אפשר צוואַוואַשען די הענט, האָט זיך דער דאָקטאָר באַפּוילענד געווענדעט צו זשעניטשקע'ן.

ער האָט לאַנג געוואַשען זיינע האַרטע הענט מיט די קורצע פינ־גער, דערנאָך האָט ער זיי לאַנגזאַם אויסגעווישט מיט'ן האַנטוך, און אַזוי פּינקטליך איהם אויפגעהאַנגען, און האָט די גאַנצע צייט געקוקט. אַט זיך אונטער די נעגעל, אַט אויף'ן וואַנט פון צימער, דאָס האָט געדויערט אַזוי לאַנג, און איז געווען אַזוי מאָדנע גלייכגילטיג, אַז זשעניטשקא האָט זיך אנגעהויבען בונטעווען.

ביי איהר, דאָקטאָר, איז עפּעס מיט די פּיס ניט גלאַט... האָט זי געזאָגט, כדי איהם צוצואייַלען.

— ווער היילט זי? — האָט אַנשטאַט צו ענטפערען, געפרעגט דער דאָקטאָר, קוקענדיג אויף איהר.

— דער דאָקטאָר אַרנאָלדי.

— אַ... — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר און אַ קוק געטאָן אויף דער וואַנט. זיין געזיכט האָט גאַרניט אויסגעדריקט, און זשעניט־שקע'ן האָט זיך אם ענדע געמומען אויסדרוקטען אַז דאָס איז ניט קיין לעבעדיגער דאָקטאָר, נאָר עפּעס אַ מין מאָדנער, טויטער, קאַלטער, אין וועלכען עס איז דאָ עטוואָס ביין אַנגעזאָדענעס ווען ער האָט צו־וואַשען די הענט, איז ער צוגעגאַנגען צום בעט און געזאָגט:

הויבט זיך אויף... אַזוי, נעהמט אַראָפּ די העמד... זשעניטשקא האָט געהאָלפען דער קראַנקער. די אַראָפּגעפאַלענע העמד האָט ענט־בלויזט בלאַסע ביינערדיגע פּלייצעס און קליינינקע לויזע בריסטעל, מיט בלויליכע צוקנייטשטע נופּלען. דער קראַנקער איז געווען קאַלט און זי האָט זיך געשעמט. זי האָט געציטערט און זיך געקנייטשט פון דער באַריהרונג פון זיינע קאַלטע, טרוקענע פינגער, און אינסטינקטיוו פאַרשטעלט מיט די הענט איהרע קליינינקע אָרימע ברוסטען אין וועל־כע עס איז שוין גאָר גיט געווען קיין זאַך מיט וואָס זיך צו שעמען.

— אַזוי... אָטעמט... נאָך... נאָך... האָט אין אַפּגעריסענע קלאַנ־גען קאַלט ארויסגערעדט דער דאָקטאָר. איהר קענט זיך לייגען... טוט זיך אָן...

דערנאָך האָט ער אויפגעהויבען דעם ליילעך, און האָט ענטבלויזט

די שרעקליך אַנגעשוואָלענע פּיס, און האָט לאַנג און גלייכגילטיג, אַזוי ווי ער וואָלט זיי ניט זעהן, געקוקט אויף זיי. אַם ענדע האָט ער אַראָפּ־געלאָזען דעם ליילעך.

די קראַנקע האָט איהם נאָכגעפאָלגט מיט גרויסע בליסטשענדע אויגען, אויף איהרע באַקען האָט געברענט א בייז־אָנזאָגענדע פאַרב— און איהרע הענט האָבען געציטערט.

דער דאָקטאָר האָט אַריינגעלייגט די טרובקע אין קעשענע, האָט איהר געדריקט די האַנט און האָט זיך אויסגעקערט.

די קראַנקע איז בלאַס געוואָרען.

— וואָס־זשע... דאָקטאָר? האָט זי אַזוי שטיל, אַז מען האָט קוים געקענט הערען, מיט א מורא'דיגער אָנשטרענגונג אַרויסגערעדט.

דער דאָקטאָר האָט אויסגעקערט צו איהר זיין קאַלטען פּנים און א בליק געטאָן מיט די ברילען.

דאַ דאַרף מען ניט קיין דאָקטאָר רופען, נאָר א גלח! — האָט ער גלייכגילטיג געזאָגט.

זשעניטשקאַ און נעלי, דענקענדיג אַז זיי האָבען ניט איינגע־הערט, האָבען זיך א וואָרף געטאָן צו איהם. אָבער די קראַנקע האָט ניט אויפגעשווידערט, ניט געשריען, און אפילו זיך קיין ריהר ניט גע־טאָן. אייניגע רגעים איז זי געלעגען שווייגענדיג און האָט אָנגע־שטרענגט געקוקט אין זיין קאַלטען גלייכגילטיגען פּנים, דאָן א קרומען שמייכעל געטאָן.

— נו, ווייסט איהר דאָקטאָר... דאָס איי שוין אביסעל צו גרויז־זאַם! — האָט זי געזאָגט מיט אַן אונפאַרשטענדליכען אויסדרוק.

דער דאָקטאָר האָט קוים באַמערקבאַר געדריקט מיט די פּלייצעס.

— ווי איהר ווילט... איך זאָג דעם אמת, — האָט פינסטער גע־ענטפערט דער דאָקטאָר און א שאָקעלטוענדיג מיט'ן קאָפּ, איז ער אַרויס פון צימער.

לאַנג האָבען אַלע געשוויגען. די קראַנקע איז געלעגען מיט פאַר־מאַכטע אויגען. נעלי מיט זשעניטשקע'ן צובראָכענע און פאַרטויבטע. האָבען ניט פאַרשטאַנען וואָס האָט דאָ געטראָפען, זיי זענען ניט גע־ווען אימשטאַנד צו באַנעמען, אַט די גרויליכע אומגעלומפּערטקייט אין איהר גאַנצער גרויס. בלאַס זענען זיי געזעסען ביים בעט. זיי

האט זיך געדאכט, אז עס איז פאריבער איינציגע שטונדען אין אט דעם שרעקליכען שווייגען.

זשעניטשקא האט געוואלט וויינען, און האט ניט געקענט. זי האט געוואלט אויסדריקען ענטריסטונג מיט'ן דאקטאר'ס האנדלונג און האט אויך ניט געקענט; דאס איז געווען איבער איהרע כוחות. נעלי האט פארצארענט געקוקט אויף דער קראנקער'ס צולאזענע האר, אויף איהרע פארמאכטע אויגען, אויף וועלכע די לעדלאך וואס האבען קוים באמערקבאר אויפגעציטערט פון צייט צו צייט. זי האט זיך שטארק באמיהט נאכצופאלגען יענע געדאנקען, וועלכע האבען געמוזט מיט א שרעקליכער אונפארשטענדליכער צו א לעבעדיגען מענשען קראפט, זיך דרעהען אין דער קאלטער קאפ פון דער גוסס'ער.

— ווענען וואס טראכט זי איצט... — האט זיך געדרעהט אין איהר מוח און הילפלאז פארשטארבען.

מיט אמאל האט זיך די קראנקע גענומען ריהרען.

— וואס ווילסטו מאשא? — האט זיך א ווארף געטאן צו איהר זשעניטשקא. די קראנקע האט א קוק געטאן אויף איהר מיט דורכ־זיכטיגע ניט פינטלענדיגע אויגען.

גיב מיר א שפיגעל... — האט זי געזאגט שטיל און רוהיג.

זשעניטשקא האט ניט פארשטאנען. נעלי האט זיך פלינק אויפ־געהויבען און דערלאנגט דעם שפיגעל.

די קראנקע האט זיך אויפגעהויבען און געזעצט. איהרע באווע־גונגען זענען געווען פרייע און מאדנע לייכטע. בלויז נאכ'ן אנגע־שטרענגטען אונמענשליכען בליק פון די גרויסע אויגען, האט נעלי פארשטאנען, אז דאס איז שוין געווען די קראפט פון טויט, און ניט פון לעבען.

די קראנקע האט גענומען דעם שפיגעל, און האט לאנג און שוויי־גענדיג אויף איהר שרעקליכען, בלוטלאזען און האלב־טויטען געזיכט געקוקט. עס האט געמאכט דעם איינדרוק, אז זי זוכט עפעס צו פאר־שטעהן, עטוואס פארנאנדער קוקען און אוועקטראגען מיט זיך אין ערינערונג, ווענען איהר אייגענעם געזיכט, וועלכער מוז פארשווינדען.

נעלי האט פארצארענט איהר נאכגעפאלגט. זשעניטשקא האט געווארט אויסגעהעגדיג פון שרעק און רחמנות, און געפיהלט אז אט באלד וועט זי זיך צוויינען.

אַם ענדע האָט די קראַנקע אַ זיפץ געטאָן, זי האָט אַראָפּגעלאָזען די הענט און שטיל אָפּגעגעבען דעם שפּיגעל. דערנאָך האָט זי געבעטען מען זאָל איהר געבען וואַסער אויף אַרומוואַשען זיך. זי האָט זיך אַליין אַרומגעוואַשען און צום לעצטען מאָל צוקעמט איהרע צופּלאָנטערטע שוואַכע האָר, דאַן האָט זי זיך געלייגט מיט'ן פּנים צום וואַנט. אַזוי איז זי אָפּגעלעבען עטליכע שעה און עס איז געווען שווער צו פאַרשטעהן צו איז זי געשלאָפען אָדער זי מאַכט זיך, אום קיינער זאָל איהר ניט שטערען צו באַטראַכטען דאָס לעבען, וואָס קיינער קען שוין ניט באַנעמען, וואָס קיינער איז שוין ניט אימשטאַנד צו פאַרשטעהן.

אַ שרעקליכער שטיל־שווייגען האָט געהערשט אין גאַנצען הויז. זשעניטשקאַ מיט נעלי'ן זענען באַוועגלאָז געזעסען ביים בעט. די דינסטען אין קיך זענען אויך שטיל געוואָרען. ער האָבען זיך בלויז דערטראָגען די קלאַנגען פון גאַס, שטילע און פרעמדע, ווי פון אַן אַנדער וועלט, וואָס האָט גאָרניט צו טאָן מיט אַט דעם לעצטען גרויל פון לעבען, וועלכער איז אָנגעגאַנגען דאָ.

אין אָבענט האָט די קראַנקע זיך אַ ריהר געטאָן, האָט געבעטען טרינקען. זי האָט זיך אָנגעטרונקען, און זיך לייגענדיג, ווידער קלאַנגלאָז און ווי ניט פאַראינטערעסירט געפרעגט:

— דער דאָקטאָר אַרנאַלדי איז נאָך ניט געקומען?

— ער וועט באַלד קומען... מען האָט איהם שוין געשיקט זאָגען אַהיים... — האָט אין איילעניש געענטפערט זשעניטשקאַ און זיך דערשראָקען פאַר איהר הויכער שטים, וועלכע האָט זיך מאָדנע הילכיג צוטראָגען אין דער שווייגענדער דעמערונג, וואָס איז אַלץ געדיכטער געוואָרען אין הויז.

— גוט, האָט שטיל געענטפערט די גוסס'ע, און האָט זיך אויסגעקערט צום וואַנט.

ווען עס איז שוין אינגאַנצען פינסטער געוואָרען, האָט זי זיך גענומען וואָרפען, קערעווען און קוקען מיט שרעקליכע שיינענדע אויגען אויפ'ן טיר.

— ער וועט באַלד קומען... באַלד... — האָט אין איילעניש גערעדט זשעניטשקאַ.

דער שרעק פון סוף האָט זיך דערנעהענטערט. ער איז געהאַנגען

אין דער לופטען. דער טויט איז שטיל אריינגעקומען מיט די שאָטענס פון אבענט. עס איז געוואָרען שווער צו אטעמען, עס האָט זיך געג־לוסט שרייען און לויפען, וואוהין די אויגען וועלען טראָגען.

אָם ענדע, ווען עס איז שוין אינגאנצען נאכט געוואָרען האָט זיך ערגעץ ווייט אין הויף דערהערט שווערע און איילענדע טריט. די קראַנ־קע האָט זיך מאָמענטאַל אויפגעהייבען און געזעצט. איהרע אויגען האָבען זיך נאָך ברייטער פארנאַנדערגעעפענט אזוי, ווי זיי האָבען פארגאָסען דעם גאַנצען פנים. דאָס גאַנצע לעבען, יענעם ביסעלע וואָס איז נאָך פארבליבען אין איהר, האָט זיך אנגעשטרענגט אין אָט דעם לעצטען בליק.

די טריט האָבען זיך שנעל דערנעהענט. דאָקטאָר אַרנאַלדי'ס שטים האָט זיך שוין געהערט אויפ'ן גאַניק. מען האָט געהערט ווי ער האָט זיך לויפענדיג אויפגעהויבען אויף די שטיגען, און דערנאָך געלאָפען איבער אַלע צימערען...

מיט אַמאָל האָט די קראַנקע אויפגעהויבען די הענט מיט א זשעסט פון אונפארשטענדליכער פארצווייפלונג. איהרע דינע ליפען האָבען זיך מורא'דיג צופענט, די אויגען פארברייטערט, און א מורא'־דיגער ציטער איז אריבער איהר קערפער.

— זייט געזונט דאָקטאָר! — האָט זי ווילד איבער דעם גאַנצען הויז אויסגעשריען, מיט א שרעקליכער ביינקשאַפט, ליעבען און הילפ־לאָזען טרויער.

34.

די ליכט האָבען געברענט הויך און העל. שטיל איז צוגאַנגען זייער געלער וואַקס, און שאָטענס זענען אומגעגאַנגען איבער די ווינק־לען. הויך און באַוועגלאָז האָבען זיך דורך דעם ווייסען טאָל, דורכ־געזעהן די צוזאַמענגעלייגטע אויפ'ן טיש טויטע הענט, וועלכע האָבען מיט א ציטער, ווי עס האָט אויסגעזעהן צוגעפגעדריקט דאָס לעצטע,

דעם צולם. דארטען וואו עס זענען געווען אין א פראכטפולער קופע אנגעווארפען רויטע, בלויע און ווייסע בלומען האט זיך קוים ארויסגעזעהן פון אונטער זיי דער פארשארפטער טויטער געזיכט מיט די אויף אייביג פארמאכטע אויגען, וואס האט אונפארשטענדליך שווייגענדיג געקוקט ארויף.

דער דאקטאר ארנאלדי איז באוועגלאז געזעסען אין א ווינקעל און געקוקט פאר זיך. זיינע דיקע הענט זענען ווי אימער געווען צונויפגעלייגט אויפ'ן שטעקעל. די הוט אויף די קני, אט ווי ער וואלט זיך צוזעצען אפרוהען אויף א מינוט. אבער עס זענען פאריבער שטונדען, עס איז שוין געווען שפעט ביי נאכט און דער אלטער דאקטאר איז נאך אלץ איינער אליין געזעסען אין זיין ווינקעל, בלויז דער קאפ זיינער האט זיך נידעריגער און נידעריגער אראפגעלאזען.

אין דעם שכנ'ישען צימער איז געזעסען נעלי. יעווגעניא סאמאילאוונא א מיעדע פון טרערען איז געשלאפען ביי זיך אין צימער. און אין דעם גאנצען הויז איז געווען שטיל און טויב. פון צייט צו צייט פלעגט נעלי שטיל אריינקומען אין צימער. מיט אן ערענסט פארצארענטען געזיכט פלעגט זי צוגעהן צום טיש, לאנג און שווייגענדיג אריינקוקען דער פארשטארבענער אין פנים אריין, אט ווי זי וואלט וועלען פרעגען ביי איהר וועגען עפעס. דערנאך פלעגט זי שטיל פאריכטען דעם טיול איבערלייגען די בלומען און אוועקגעהן. זי האט געקוקט אויפ'ן דאקטאר, און האט איהם אזוי ווי ניט געזעהן. און ער האט זיך ניט געריהרט, ווען זי פלעגט אריינגעהן.

אלעם ארום איז געשלאפען. שטיל און פינסטער איז געווען איבעראל, און צייטענווייז פלעגט זיך דעם דאקטאר ארנאלדי אויסוויזען, אז ער איז פארבליבען דער איינציגער לעבעדיגער מענש אויף דער גאנצער וועלט, וועלכער איז פול מיט טויטער שטילקייט און באוועגלאזיגקייט. זעלטען האבען אונטערגעקנאקט די ליכט. דער קנאק פלעגט זיך פארטויבענדיג שארף צוטראגען איבער'ן גאנצען הויז אין אט דער שטילקייט. פון צייט צו צייט האט זיך ניט גלייך געהוידעט דאס פייער, און דאן האט זיך געדוכט, אז דער טויטער פנים ריהרט זיך, עפענט די אויגען און שמייכעלט. א פריידיגער האלב וואהנזיניגער געפיהל פלעגט ארומכאפען דעם אלטען דאקטאר; איהם פלעגט זיך נעמען דוכטען אז זי איז לעבעדיג, אז זי זעהט איהם,

הערט זיין שרעקליכען נוצלאזען קומער אין פיין און וויל איהם ער־מונטערען און בארוהיגען... אבער די צייט איז געגאנגען, און ווי פריער האט זיך געהויבען דער דונקעלער פראפיל אונטער דעם ווייסען דינעם, ווי רויך טיול. און די הענט וואס האבען פעסט געהאלטען דעם צלם האבען זיך ניט גערוהרט.

דער דאקטאר ארנאלדי האט געקוקט.

דאס איז געוועזען זי. יענע פרוי וועלכע איז אריינגעקומען אין לעבען דאן, ווען ער האט געדענקט אז דאס איז שוין איינגאנצען געענ־דיגט און אויסער טויטע באוועגונגען, נוצלאזע און לאנגווייליגע טעג שטעהט שוין איהם מעהר גארניט פאר אין דער צוקונפט. זי האט זיך באוויזען אזא בלאסע, אזא שעהנע, און גוט הארציגע. זי האט איהם דערוואַרעמט מיט איהר צערטליכקייט, מיט דער ריינער ליעבליכקייט פון א שטארבענדער, אין וועמענס ליעבע עס איז שוין מעהר גאר ניטא אויסער טרויעריגער צערטליכקייט.

דער דאקטאר ארנאלדי האט זיך ערינערט אין אלע קליינינקיי־טען. ער האט זיך דערמאנט אין אלע איהרע ווערטער, בליקען און באוועגונגען פון די שוואכע דורכזיכטיגע הענט. צייטענווייז פלעגט זיך איהם אויסדוכטען אז ער הערט איהר שטילע צערטליכע שטים. און איינהערענדיג זיך מיט אלע כוחות, האט ער פארנאנדערגעקליבען זיך אין דעם וואס זי רעדט צו איהם:

נאך וואס בין איך געשטארבען?... איך בין דאך נאך געוועזען אזוי יונג, מיר האט זיך אזוי שטארק געוואלט לעבען און ליעבען. איך האב דאך נאך געקענט געבען אזוי פיעל גליק... די הויכע לעבעדיגע זון שיינט אלץ, און ווארעמט אלע לעבעדיגע און פרעהליכע מענשען. און פאר מיר איז שוין געקומען די אייביגע פינסטערע נאכט. טאַ געדענק־זשע מיך אימער, פארגעס מיך ניט!... ווי שרעקליך עס איז צו וויסען אז עס וועלען פאריבער יאהרען און אפילו דער אנדענקען וועגען מיר וועט פארשוואונדען ווערען פון דער וועלט. און אין ערגעץ ניט, ניט אין דער ליכט פון דער זון, ניט אין די גרינע וועלדער, ניט אין די בלויע ימים; אין ערגעץ וועט קיין זאך ניט דערמאנען דערפון אז איך האב געלעבט, געליטען און געליעבט, און אז איך האב געהאט מיינע פריידען און ליידען... נאך וואס בין איך געשטארבען? נאָט מיינער, איך בין געשטארבען דאן, ווען איך האב באנומען דאס גאנצע

שעהנקייט פון לעבען, ווען איך האָב פאַרשטאַנען אז מיין גאַנצע פּאָרגאַנגענהייט איז געווען א טעות און האָב געשטרעבט צו א ווידערגעבורט פון לעבען. אָנהויבען איינגאַנצען אויף דאָס ניי, א שעהנעם און ליכטיגען לעבען אַהן שמוץ, אַהן ביטערניש און ענטוישונגען, אין שטילער ליידענשאַפטליכער און ריינער ליעבע...

דער דאָקטאָר אַרנאָלדי האָט זיך איינגעהערט אין אַט דער שטילער שטים און געטראַכט דערפון ווי וואונדערליך שעהן עס וואָלט געקענט זיין אַט די ליעבע, און וואָס פאַר א גרויסען גליק דאָס לעבען האָט איהם געוויזען. דאָס לעבען וואָס האָט איהם אימער געגעבען בלויז צרות און ליידען האָט איהם ווי אין שפּאָס באַוויזען א גרויס גליק אום דאָס גלייך אוועקנעמען כדי נאָך שווערער, טרויעריגער און פוסטער ארויפוואַרפען אויף איהם לאַנגע יאָהרען פון זינלאָזער עקזיסטענץ. ער האָט שוין ניט געהאַט קיין כוח צו פּראָטעסטירען, פליכטען און וויינען. דער רוקען האָט זיך בלויז געבויגען און די קאָפּ איז געזונקען אַלץ נידעריגער און נידעריגער אונטער דער קעלט פון אייביגער איינזאַמקייט, פון דעם שאָטען פון לאַנגע יאָהרען אָהן א זין, און אָהן פרייד.

די נאַכט איז געגאַנגען און ערגעץ ווייט האָבען שוין העהנער געקרעהט. אונטער די טיולינע פאָרהאַנגעלעך האָט גענומען גרויען דער פרימאָרגען. פון טויטען געזיכט זענען אראָפּגעקראָכען די געלע אָפּשיינען פון די ליכט און דער קאַלטער בלויער שיין האָט אוועקגעלייגט אויף איהם א באַוועגלאָזען גראָבליכען פלעק. עס האָט זיך מורא׳דיג אויסגעצויגען דער קאַלטער מת, די פייערען פון די ליכט האָבען זיך אויסגעלאָשען.

אימיצער האָט זיך א ריר געטאָן אין הויז, ערגעץ האָט א סקריפּע געטאָן א טיר, אימיצער האָט געזאָגט א וואָרט און א לעבעדיגע שטים האָט זיך מאָדנע צושאָטען איבער די צימערען.

א בלאָס־גרויע איז נעלי אריין אין צימער, זי האָט שווייגענדיג א קוק געטאָן אויפ׳ן דאָקטאָר, זי האָט פאַרריכט די ליכט און איז אוועקגעגאַנגען.

עס האָט זיך דערהערט א שטילער גערודער אויפ׳ן הויף, עס האָט זיך געלאָזט הערען דאָס סקריפּען פון רעדער. עס האָט זיך אָנגעהויבען א נייער טאָג, דער לעצטער טאָג פאַר איהר אויף דער ערד.

דאן איז דער דאקטאר ארנאלדי שטיל אויפגעשטאנען, ער איז צוגעגאנגען צום טיש און האט זיך אפגעשטעלט ביים צוקאפענס. אזוי נאהענט, נאהענט האט צום לעצטען מאל א קוק געמאן אויף איהם מיט פארמאכטע אויגען דער ליעבער פנים, וועלכער האט איהם גאר ניט געשראקען. מיט אמאל האט געגומען דרעהען דאס בלאס־געלע פייער פון די ליכט האט זיך צושוואומען אין איין געלען פלעק; עס האבען זיך פארנאנדערגערוקט די ווענט, די פענסטער זענען פארשוואונדען און פאר'ן דאקטאר איז געבליבען בלויז איהר געזיכט. שטיל קרעכצענדיג האט דער אלטער דאקטאר זיך אנגעבויגען מיט זיין גאנצען קערפער און צום לעצטען מאל שטיל געקושט די בלאסע, קאלטע טויטע פינגערלעך פון די צונויפגעלייגטע הענט. דערנאך האט ער זיך פלינק אויסגעדרייט, ער האט זיך איינגעבויגען און איז ארויס פון צימער מיט א שווערען טראט.

אין דרויסען איז שוין געווען ווייסער טאג.

35.

עס האבען אפגעלעבט די רעדער פון די לעצטע פוהרלעך, מען האט געהערט ווי דער היטער האט פארמאכט דעם שווערען טויער און אויפ'ן בית־עולם איז שטיל געווארען מיט יעדער דורכזיכטיגער און טרויעריגער שטילקייט, וועלכעס טרעפט בלויז, אין די לעצטע זומער אבענטען, ווען אין דער ריינער לופט, וועלכע איז שוין אנגעריהרט פון קעלט פיהלט זיך שוין דער אטעם פון נאהענטען הערבסט.

באוועגלאז זענען געשטאנען די מצבות און עס האבען זיך געגרינט די רייהען אנגעשאטענע ברעגלעך ערד אונטער וועלכע עס האט זיך אויף אייביג באהאלטען אזוי פיעל פריידען און ליידען פון פארגעסענע מענשען. ווי א דינע געוועב, וואס איז איבערגעצויגען מיט גרינע אוזארען, האבען זיך דורכגעזעהן די אייזערנע שטאכעטלעך.

ערטערווייז האָבען די לעצטע שטראַהלען פון דער זון געליינגט געלע פלעקען און אין שאָטען פון די בוימער האָט מיט אַמאָל אַ בלאַנק געטאָן די גאָלדענע בוכשטאַבען פון אימיצענס אַ נאָמען, וועלכען קיי־נער דאַרף ניט.

דער דאָקטאָר אַרנאָלדי, אַ שווערער און גרויסער האָט ווי אַ שוואַרצער פלעק אומגעבלאָנדזשעט איבער די פוסטע בית־עולם סטעז־שקעס. צווישען אַלען פון מצבות און שטיינערנע דענקמאָהלען. אַמאָל האָבען זיינע טריט הילכיג אָפּגעקלונגען איבער די שטיינערנע פּליטעס און דער שווערער שטעקען האָט געקוויטשעט זיך אָנשלאָגענ־דיג אין די חרבות פון אימיצענס אַ צובראָכענעם און פאַרוואַקסענעם דענקמאָהל.

ווילד און גרין זענען געוואַקסען אין די שפּאַלטען פון די חורבות פאַרשידענע ווילדע גראָזען. די וואָרצלען פון די יונגע שווייגענדיגע סכך בוימלעך האָבען מעכטיג ציריקט די קברים חורבות און האָבען זיעגרייך אויפגעהויבען זייערע שאַרפע שפּיצען איבער דער צופוילט־קייט פון דער פאַרגאַנגענהייט.

און די שטילקייט די אייביגע שטילקייט פון טויט איז שטיל נאָכגעגאַנגען דעם דאָקטאָר אַרנאָלדי.

אויף אַ ווייסען צולם פון אַ פרישען קבר, וועלכער איז געווען אַרומגעלייגט מיט פאַרוועלקטע צווייגען, האָבען זיך געלויכטען גאָל־דענע בוכשטאַבען. מיט אַ שווערען געמיט האָט זיך דאָקטאָר אַרנאָלדי אָפּגעשטעלט פאַר זיי.

דאָ רוהט אין זיין אייביגער רוה דער פאַרשטאָרבענער אָרדי־נאַרנען פּראָפעסאָר פון כאַרקאָווער אוניווערסיטעט איוואַן איוואַנאָ־וויטש ראַזומאָווסקי.

נאַטוניו דערבאַרעם דיך איבער מיר ווען איך וועל קומען אין דיין קעניגרייך! ווי אַ נאַיווע קלאַגע פון פאַרבאַהאַלטענער האָפנונג האָבען אין דעם אַלטען דאָקטאָר'ס אויערען געקלונגען אָט די קלאַנג־לאָזע בוכשטאַבען, און איהם האָט זיך געדוכט, אַז ער הערט די שטילע שטימע וואָס באַקלאַגט זיך פאַר'ן שיקזאַל:

— ליעבער גאָט, איך שטעה פאַר דיר! דאָ האָט זיך געענדיגט מיין לעבען פול מיט ליידען און האָפנונגען. שווער, אונגעהויער שווער איז מיר געווען צו געהן אין דעם וועג, וואָס „דו" האָסט אָנגעצייכענט

פאר מיר און אט בין איך שוין געקומען צום ציעל... טא זאל ניט אויספאלען אויף מיין גורל די אייביגע שטילקייט פון קבר...

די פרייד פון אפרוה בעט איך ביי „דיר"!... די פרייד פון רוה האב איך פארדיענט מיט יענע אונגעהויערע שמערצען און פיין, פאר וועלכע די לעבעדיגע האבען ניט און ווייסען ניט קיין נאמען. „דו" אליין ווייסט. „דו" אליין זעהסט! גאטוניו, שוין־זשע ווען מיין שטימע אנטשוויגען ווערען, און מיינע געדאנקען וועלען פארשווינדען פון דער וועלט, וועלכע איך האב אזוי ליעב געהאט, און איך וועל שוין מעהר קיינמאל ניט זעהן „דיין" ליכטיגע זון, אין חשד פון טרויער וועל איך פארשווינדען, אזוי ווי איך וואלט גארניט געווען אויף דער וועלט, זאל דאס ניט זיין אזוי, א גאטוניו!

א קופקעלע געלע ליים איז שטיל אהן ווערטער געלעגען פאר'ן דאקטאר ארנאלדי, און פון אונטער איהר האט אזוי אפען געקלונגען די שטילקייט פון נוצלאזע קלאנגען, תפילות און קללות. די מורא'־דיגע ליידען, וועלכע האבען אנגעפיהלט די וועלט, האבען ווי א דונ־קעלער וואלקען זיך אויפגעהויבען פון אט דער ערד, וואס איז געווען אנגעטרונקען מיט הייטער און טרערען. אט די ליידען האבען באהאל־טען אונטער זיך די זון, און ווי א שווארצער נעבעל פארצויגען דעם בלויען הימעל, זיי האבען געשטיקט די פרייד פון לעבען, און אומ־געלומפערט מיאוס געמאכט די שעהנע, העלע ערד, אזוי אז עס איז שווער געווארען צו אטעמען אויף איהר דעם לעבעדיגען.

העל לויכט די זון, צערטליך און דורכזיכטיג שיינט די שעהנע לבנה און גרין זענען די בוימער, בלוי דער ים, די בערג זענען וואונ־דערליך, פריידיג איז די ליעבע און פרעהליך א לעבעדיגער אטעם. אין זיי, אין אט די ליכטיגע פריידען פון לעבען, צוקריכט זיך גע־היימניספול און אונבאמערקט, דער שווארצער נעבעל פון טויט. יעדער רגע שטארבט אימיצער. ווען דו קוקסט אויף דער העלער זון, אויף די גרינע פעלדער איז אט די פשוט'ע און איינציג ריכטיגע פון אלע מענשליכע אמת'ן — אמת שטעלט זיך ניט פאר דעם מענשען, און זעהט אוים אין זיינע אויגען ליגנעריש־שאטענדיג, ווי א פאלשע שייַ־נונג אין די סטעפעס אין א הייסען טאג.

דער טויט איז אונבאגרייפליך, און דער געדאנק נעהמט זי ניט אויף אפליו דאן, ווען די הארבאטע טרונע לאזט זיך שוין לאנגזאם

אַראָפּ אין דער שוואַרצער גרוס אַריין. אויב אומיצער זאָל פאַרמאָגען אַזאַ מין אונמענשליך שאַרפען געהער, אַז ער זאָל מיט אַמאָל קענען הערען אַלע קלאַנגען פון דער ערד — וואָלט ער דורך דעם קלאַפּען פון די בויענדע מאַשינען, דורך דעם רעש פון מיליאַרדען טריט, דורך דעם גערויש פון די וועלדער און צופּלוס פון ימים, דורך דעם געמור־מעל פון פאַרליעבטע און געשרייען פון געווינערינס, דורך די שיסע־רייען, מוזיק, גוואַלדען, סוויסטשערייען און געלעכטערען, געקענט הערען די אונאויפהערליכע מאָדנע שטים פון טויט, וועלכע ווערט ניט אנטשווינען ניט בייטאָג, ניט ביינאַכט. עס קרעכצען און כריפּען די וואָס האַלטען ביי דערשטיקט צו ווערען, עס שרייען די היציגע קראַנקע אין שרעקליכען פייער, ווילדע אויסגעשרייען טראָגען זיך פון די דער־הרג׳עטע, עס וואָיען די וועלכע ווערען אויפגעריסען פון בייזע וואונ־דען — דאָס אַלעס, גיסט זיך צונויף אין איינע קרעכצען געשרייען, יאָמער און אין ביינער קלאַפּעריי, — וועלכער פאַרוואַנדעלט זיך אין איין ציהענדער אונאויפהערליכער נאָטע, די גרונט נאָטע פון לעבען.

דער דאָקטאָר אַרנאַלדי איז געשטאַנען איבער׳ן קבר און גע־טראַכט, זיין זכרון האָט ווי אין נעבעל אויפגעלעבט דעם אַלטען פּראָ־פעסאָר׳ס געזיכט, זיין שטים און שוואַרצען פראַק. אָט אַזוי ליגט ער דאָ, מיט צוזאַמענגעלייגטע הענט אויפ׳ן ברוסט, אַזאַ לאַנגער און גרויסאַרטיגער אין זיין פּראָפעסאָר פראַק. דער דאָקטאָר אַרנאַלדי האָט זיך דערמאָנט אין זיין לעצטען באַזוך צו איהם: דעם אַלטען פּראָפעסאָר איז אַזוי ווי בעסער געוועזן, זיין זכרון האָט קלאָר געאַרבייט. ליכטיג איז געוועזן זיין מח, ווי יעדער מענש וואָס איז אביסעל שוואַך איז ער געזעסען אויפ׳ן סאָפע געשמייכעלט און געקוקט אויפ׳ן דאָק־טאָר; דערביי זענען געזעסען זיין פרוי מיט דער טאָכטער און האָבען גערעדט און געלאַכט. ווי לייכט מענשען פאַרגעסען אין זייערע ליידען און אין דעם אונפאַרמיידליכען סוף!... און קיינער: ניט דער דאָק־טאָר, ניט די פרוי, ניט דער אַלטער פּראָפעסאָר אַליין האָט געוואוסט אַז נאָך היינט אין דריי שטונדען אַרום, וועט אַם ענדע קומען די צייט. און אויף דעם פּלאַץ וואו עס איז געוועזן אַ לעבעדיגער שמייכלענדער אַלטיטשקער, וועט בלייבען בלויז אַ שרעקליכער און אומגעלומפּערטער מת.

וועגען וואָס האָט ער געטראַכט אין די לעצטע מינוטען? וואָס

האט ער געלאכט ווען מען האט איהם אויפגעוועקט? — האט געטראכט דער דאקטאר ארנאלדי.

אט ליגט ער דא, מיט פיין צונויפגעלייגטע הענט, אין אן אלטען פראק.

דער אלטער פראפעסאר, איוואן איוואנאוויטש האט אפגעלעבט אויף דער ערד אכציג יאהר. ער האט געשריבען ביכער, געלייענט לעקציעס, איבערגעלעבט א רעוואלוציע און מלחמות. ער האט געדענקט אז זיין לעבען איז פונקט אזוי וויכטיג און גרויס ווי די זון. א נאסער איז צוגעוואקסען דער אלטער פראק צו די ביינער; פון איינער זענען דורכגענעצט געווארען די קאלנערלעך און מאנזשעטען פון די געפרעסטע העמדער. עס האבען זיך ענטבלויזט די דורכגעפוילטע קינבאקען. אין דעם חושך פון דעם איינגען און שמאלען הילצערנעם שטייגעל, וואס איז טיעף באגראבען אונטער דער שווארצער פעטער ערד, וואו דאס מענשליכע אויג קען ניט זעהן די מינדסטע שיין, דארטען קריכען שטום און שטיל אום ווייסע ווערים. דיקע און פעטע ווערעם ריהרען זיך לאנגזאם אין דער לאך פון בויך, וועלכע איז פול מיט אייטער. די ברוסטען, וואו עס איז נאך געבליבען פעטס, פרעסען די דינע הונגעריגע קברים ווערעם, וועלכע האבען זיך ווי היישעריגען צוגעכאפט צו זייער קרבן. דאס איז דער שווארצער נידעריגער מאסשטאב פון דעם שרעקליכען קבר לעבען. א טאג נאך א טאג ענטבלויזען זיך די ווייסע ארומגעגריזעטע ביינער, דער שארבען שמייכעלט אין דעם חושך. אלץ ווייניגער און ווייניגער ווערען די ווערעם. שוין בלויז ערטערווייז ריהרען זיך פויל די לעצטע איינוואוינער פון קבר; און אט ליגט שוין א נאקעטער און טרוקענער סקעלעט. דער לעצטער אייטער עסט זיך לאנגזאם איין אין דער ערד און ציהט זיך ארויף צו דער זון מיט זאפטיגע שטארקע נאדלען פון גרינעם גראז. דאן וועט זיך שטיל א ריהר געבען א ביין, און עס וועט אראפפאלען אט די צוגעדריקטע צום ברוסט האנט, אט ווי עס וואלט אויפלעבען דאס לעבען אין באוועגונג. עס וועט זיך נאך א ריהר געבען דער ברוסט קאסטען, עס וועט זיך א שאקעל טאן דער שארבען א באפרייטער פון די רוקען ביינדלעך, אט וועט זיך אראפגליטשען פון דעם קופקעלע אש, וואס איז געווען אמאל א ווייסע קישעלע, וואס א ליעבענדע האנט האט ארייגעלייגט פאר די בעקוועמליכקייטען פון

מת; די צופוילטע ברעטער פון דער טרונע וועלען זיך צופאלען מיט א קראך, און לאנגזאם וועט זיך אראפזעצען די נאסע ערד, וועלכע באגראבט אונטער זיך אלעס... און איבער איהר וועלען דורכגעהן נייע ווענען, עס וועלען זיך אויפהויבען אונבאוואוסטע געביידעס...

דער דאקטאר ארנאלדי איז מיט א שווערען געמיהט אוועק פון דעם אלטען פראפעסאר'ס קבר.

נאומאוו איז גערעכט! — האט ער, מיט אז אויסערגעוועהנליכער קראפט געטראכט. אלע געדאנקען און טהאטען פון מענשען דארפען אנגעווענדעט ווערען אין איינעם און דעם זעלביגען... אבער די מענשליכע נארישקייט איז אונשטערבליך... און איבריגענס...

די זון האט זיך שוין געזעצט. די ווייטע מצבות זענען שוין פארטרונקען געווארען אין דער פינסטערניש פון דעם אנקומענדען אבענט. די סכך בוימער זענען דונקעלער געווארען, עס זענען צושוואומען די אוזארען פון די שטאכעטען און האבען זיך צוזאמענגעגאסען מיט די דונקעלע ווינקלען, פון די שטיינער. דער דאקטאר ארנאלדי שלעפענדיג דאס שטעקעל איז ווידער אריבער אהין וואו מען האט ערשט היינט אפגעזונגען און אויף אייביג באהאלטען פון איהם, דאס טייערסטע אין זיין לעבען. וועגען וואס דער אלטער דאקטאר האט זיך צו שפעט דערוואוסט.

מאריא פאוולאווונא'ס קבר איז געווען אין א ווייטען ווינקעל פון בית־עולם וואו עס זענען ניט געווען קיין שרייענדע סחר'שע דענקמאהלען מיט פרעטענזיעס אויף אונשטערבליכקייט. דארטען זענען בלויז געווען דינינקע בערעזקעס, דער שטיינערנער פארקאן האט זיך אפגעשאטען, און צווישען די פארגעסענע מצבות האבען שטיל דערטליעט די אויף האלב צופוילטע ברעקלעך. גרינע שטומע פויגלעך זענען געשפרונגען פון פארקען אויף די צווייגען, און פארשוואונדען ערגעץ אונטער'ן פארקאן.

עס איז שוין פינסטער געווארען. דער הימעל הינטער'ן פארקאן איז דונקעלער געווארען, און האט זיך אזוי נידעריגער אראפגעלאזען. איינע נאך איינער זענען פארשוואונדען די שטומע פויגלעך, און די שטילקייט פון בית־עולם האט זיך געגומען אנרוקען מיט א געהיימניס פון ניט דער וועלט. די מצבות, די דענקמעלער און בוימער האבען זיך צוזאמען געגאסען אין איין שווערער און שרעקלי־

כער מאַסע און בלויז ערגעץ ווייט האָט ווי אַ געהיימניספול רויטע פינטעל געשימערט אַ פייער׳ל פון אימיצענס אַ לעמפעל וואָס איך קיינמאָל ניט אויסגעלאָשען געוואָרען.

דער שווערער דאָקטאָר אַרנאַלדי איז געזעסען אויף אַ ווייכען פון פייכטקייט אַלטער באַנק, ער האָט אוועקגעלייגט די מאָרדע אויף די פאַרלייגטע אויף דעם שטעקעל הענט, און האָט ביטער און דורכ־דרינגענד געקוקט אויפ׳ן קבר.

דאָס גרויע בערגעל, וואָס איז געווען פאַרפּוצט מיט אַ גרינעב סכך בוימעל האָט זיך שוין אונבאַמערקט צוזאַמענגעגאָסען מיט דער בלויקייט פון קאַלטען אָבענט, און צוזאַמען מיט איהם האָט זיך צו־שוואומען און פאַרפלויגען פון דעם אַלטען דאָקטאָר דער ליעבער און טרויעריגער געשטאַלט.

— ווען איך וועל שטאַרבען און אַלע וועלען זיך צוגעהן... זיצט מיט מיר אַביסעל !...

— האָט אַזוי ווי געקלונגען אַט די שטים ערגעץ אַזוי נאָהענט איבער׳ן אויער.

— איך וועל זיצען... — האָט געענטפערט דער דאָקטאָר אַר־נאַלדי אַהן ווערטער.

ווייט צווישען די צווייגעלעך פון בערעזקעס האָט זיך קאַלט אויסגעלאָשען די לעצטע רויטע שיין פון דער פאַרגאַנגענער זון.

פון אַלע זייטען האָט זיך אָנגערוקט די פינסטערניש, און ווען עס איז שוין אינגאַנצען פינסטער געוואָרען, און די שאָטענס זענען געדיכטער געוואָרען, האָבען צווישען די אַלטע מצבות גענומען בלאָנד־זשען שוואַרצע גייסטער. עס האָט זיך אויפגעהויבען אַ קאַלטער ווינט, וועלכער האָט טויב גערוישט צווישען די בוימער.

ענדע פון דעם ערשטען בוך.